STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03340

# MIT AVRAHAM SUTSKEVER IBER ZAYN LIDERVELT

David E. Wolpe

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]
[illegible]
דוד א וואָלפע
[illegible] 1986

## דוד א וואָלפע

# מיט אַבֿרהם סוצקעווער איבער זײַן לידערוועלט

DAVID E WOLPE

# MIT AVROHOM SUTZKEVER IBER ZEIN LIDERVELT

מיט דאַנקשאַפט צו די פּאַטראָנען
פון דעם בוך:
דער דרום־אַפריקאַנער יידישער טרעסט
בעני קאַפּלאַן
סידניי זיוו

WITH THANKS TO THE SPONSORS:
THE SOUTH AFRICAN JEWISH TRUST
BENI KAPLAN
SYDNEY SEEFF

דוד א וואָלפּע

# מיט אַבֿרהם סוצקעווער איבער זײַן לידערוועלט

## מאָנאָגראַפֿיע

פֿאַרלאַג קאַיאָר
תשמ״ה

יאָהאַנעסבורג
1985

# DAVID E WOLPE
# WITH ABRAHAM SUTZKEVER
# ACROSS HIS POETIC LANDSCAPE

**M O N O G R A P H**

PUBLISHED BY KAYOR, JOHANNESBURG
SOUTH AFRICA — 1985

פּאָרטרעט פֿון אַברהם סוצקעווער — האָלצשניט פֿון אַרטור קאָלניק
Portrait of Abraham Sutzkever
Woodcut by Arthur Kolnick

© COPYRIGHT — D. WOLPE
14 Grace Road, Observatory, Johannesburg 2198, South Africa

Printed in South Africa by Pacific Press (Pty) Ltd.
302 Fox Street, Johannesburg


K

# א י נ ה א ַ ל ט

7 אַ נייטיקע הסברה

## אַלגעמיין־שעפערישע אַספּעקטן

9 אָפּשטאַם און קינדשאַפט
10 אין יענע יאָרן
11 גאַנצקייט
12 לידער־אוניווערס
13 וואָרט־באַשעפער
14 מוזיק און ניגון
15 חלום און וויזיע
16 אידעע און אינהאַלט
17 סטיל און פאָרעם

## ערשטער טייל: 1934־1964

18 בלאָנדער באַגינען
32 סיביר
40 סיביר־עכאָ
43 וואַלדיקס
53 פאַרמירמלטער אָטעם
56 פון אַנהייב צו אָנהייב
61 די צווייטע היים
64 עקסטאַזן
65 עפּילאָג צו וואַלדיקס
72 די פעסטונג
98 געהיימשטאָט
104 יידישע גאַס
107 אין סדום
109 צו פוילן
115 אין פײַער־וואָגן
122 אָדע צו דער טויב
127 העלפאַנדן בײַ נאַכט
130 גרינער אַקוואַריום
135 אין מידבר סיני
137 געדאַנקען פון אַ הירש
138 דער קרײַז פון די נאַענטע
139 פון זיך צו זיך
141 אָאַזיס
142 באַלאָדעס וועגן אין קינדהייט
144 גײַסטיקע ערד
152 צום 50סטן געבוירן טאָג: ו־וו

## צווייטער טייל: 1964־1984

155 לידער פון ים־המוות
156 פירקאַנטיקע אותיות און מופתים
160 צײַטיקע פּנימער
167 משיחס טאָגבוך
177 דורך וואַלדיקס צו די פידלרויז
192 לידער פון טאָגבוך
200 דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן
206 פון אַלטע און יונגע כּתבֿ־ידן
218 לידער פון טאָגבוך 1980־1981
223 דאָם
231 די גאָלדענע קייט
234 יונגשאַפט־פּרק — צו די 70
238 וועלט־פּאָעזיע אויף יידיש
243 פּאָעטישע עקסיסטענץ

# אַ נײַטיקע הסברה

## א

אַבֿרהם סוצקעווער איז אַ באַזונדערש פּאַרזיכיקע דערשײַנונג אין דער ייִדישער פּאָעזיע. ווי אַזאַ, האָב איך געפֿילט, דאַרף דער קריטיש־אַנאַליטישער צוגאַנג צו זײַן פּאָעטישער פּערזענלעכקייט זיך אויסטיילן אַנדערשדיק פֿון דעם אָנגענומענעם דרך. במשך אַ דעקאַדע, צי מער, האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק פֿון אַ גרעסערע אַרבעט וועגן דעם פּאָעט און זײַן געזאַנג, אָבער ווי נאָר איך האָב זיך געזעצט שרײַבן די אַרבעט, וואָס כ׳האָב זי תּמיד קלאַסיפֿיצירט ווי אַ מאָנאָגראַפֿיע, האָב איך זיך געכאַפּט אַז אין די אַלע יאָרן האָב איך פֿאַרגעסן דעם עיקר: אויפֿשטעלן די קאָנצעפּציע פֿון אַזאַ בוך און אָנצייכענען די ליניעס פֿון זײַן אַנדערשקייט.

נאָר סײַ ווי האָב איך אָנגעהויבן שרײַבן איידער נאָך ס׳איז געקומען דער באַשייד. די זיכערקייט איז געלעגן אין וויסן וואָ ס סוצקעווער איז פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, אָבער שווערער איז געווען מיטן ווי עס אַרויסצוברענגען. און ווײַל כ׳האָב געפֿילט אַז עס מוז געטאָן ווערן אַנדערש, האָב איך געזוכט דעם אַנדערשדיקן נוסח. די נײַקייט פֿון סוצקעווערס פּאָעזיע האָט געמאָנט אַ ראַפֿינירטן סטיל. על־כּן האָב איך געפֿונען פֿאַר פּאַסיק די פֿאָרעם פֿון עסייִסטיש־בילדערישן לשון, ווײַל עס איז צום נאָענטסטן צו דער פּאָעטישער שפּראַך. איך האָב דערפֿילט די גײַסט־ און וואָרט־קרובֿישאַפֿט, ווי זיי וואָלטן זיך געוואַרעמט און געשליפֿן איינס בײַ אַנאַנדער. אין דעם האָט זיך מיר אויך אַנטפּלעקט דער ווי: גיין מיטן סדר פֿון סוצקעווערס לידער, ביז אויף צום הײַנטיקן טאָג.

דער אַנדערשדיקער און נײַער אויפֿטו פֿון אַזאַ בוך איז, וואָס עס דאַרף זײַן אַ סאָרט ליטעראַרישע ביאָגראַפֿיע: אַבֿרהם סוצקעווער אין בילד פֿון זײַנע לידער. דאָס מיינט: גיין מיט אים פֿון ליד צו ליד און מיט זייער הילף אויסבויען די ראַם אַרום זײַן פּאָעטישער געשטאַלט. דורך דעם וועלן מיר שטאַרקער פֿילן און בעסער פֿאַרשטיין דעם מענטש און פּאָעט, אין זייער קאָעקסיסטענציאַלער פֿונקציע.

אין סוצקעווערס פּאָעזיע־לאַנד זענען נאָך פֿאַראַן גענוג ניט אויסגעטראָטענע סטעזש־קעס און אַ סך פּלאַנצן, וואָס מ׳דאַרף אויפֿדעקן זייערע וואָרצלען און אויפֿזוכן זייערע צייכנס, כּדי ניט צו פֿאַרבלאָנדזשענען אויף זײַנע לידער־וועגן. ניט איין מאָל האָב איך זיך אַליין דערשראָקן פֿאַר דעם נסיון — פֿאַרלוירן ווערן אין דער ברייטקייט און טיפֿקייט פֿון דער לידערוועלט, וואָס שפּרייט זיך אויף אַ גוואַלדיקן שטח. אָבער די ריכטונג האָט תּמיד אויפֿגעשײַנט פֿון ליד אַרויס, ווי אַן אויפֿגעזוניקטער האָריזאָנט. די לידער, וואָס זענען כראָנאָלאָגיש פֿאַרפֿלאָכטן אינעם שאַפֿן פֿון יאָרן, זענען ווי אַ דאַטן־קאַלענדאַר פֿון סוצקעווערס לעבן און שאַפֿן, „אַ שפּיגל אין אַ שפּיגל", לויט זײַן אייגענעם געראָטענעם אויסדרוק.

פֿון דעם לידערישן פֿאָקוס פּרוּוו איך אַרויסשפּיגלען דעם סוצקעווער־מהות. אַ באַגריפֿיקע דעפֿיניציע פֿאַר דעם אָ מהות, וואָס זאָל רעפֿלעקטירן די פּאָעטישע פּערזענלעכקייט, איז ס ו צ ק ע וו ע ר י ז ם. אין דאָזיקן באַגריף איז שוין אײַנגעגײַסטיקט דער

גאַנצער קאָמפּלעקס פון סוצקעווערס וואָרטאַל. איך זאָג בכיוון וואָרטאַל — אויפן מישקל פון וועלטאַל — כדי צו אונטערשרײַבן דעם אוניווערסאַלן זין און כאַראַקטער פון סוצקעווערס וואָרט־קאָמפּאָזיציע.
אויף דעם לידערוועג פון סוצקעווערן האָבן מיר אײַנגעפּלאָסטערט, ווי מײַלשטיינער, זײַנע גרויסע פּאָעמעס, אויף צו באַצייכענען גרעזאַנג־תקופות און צו וואַרפן וואָס ברייטערע און העלערע ליכט־ און קלאַנג־רעפלעקסיעס אויף דער פּאַרגאַנצונג פון דער טעמע. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אין פּריזמע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ווו סוצקעווערס פּאָעזיע לויכט אין אַ פּאַליטרע פון אייגענע קאָלירן, און אויך מיט ליבשאַפט צו דער ייִדישער פּאָעזיע בכלל, און צו סוצקעווערס בפרט.

## ב

דער טיטל פון בוך איז ניט סתם אַזוי זיך אַ קלישע, וואָס זאָל "אַנטשפּרעכן דעם אינהאַלט", נאָר עס האָט אַ מער גרונטיקן און סוביעקטיוון באַטײַט — און אויך דאָס נייטיקט זיך אין אַ פּירוש. ווען איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן די קאַפּיטלען, איז מיר איין זאַך געווען אויסער יעדן ספק: דער רעזולטאַט דאַרף זײַן אַ מאָנאָגראַפיע, וואָס זאָל דײַטלעך און קלאָר אַרויסברענגען דעם פּאָעטישן אימאַזש פון אַבֿרהם סוצקעווער. כ׳האָב געפּילט די אַנדערשקייט — אין זײַן לעבן און פּאָעזיע — וואָס פּאָדערט אַ טיפערע אינטערפּרעטאַציע און ברייטערן אַרײַנבליק אין די לידערישע סודות.
וואָס מער כ׳בין פּאַרקראָכן אין סוצקעווערס זוניקן וואַלדיקס, אַלץ טיפער בין איך אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין זײַן שמעקעדיקן לידערוואַלד. כ׳האָב געוווּסט אַז ס׳איז אַ לאַנגער מאַרשרוט, און זיך געפרעגט די פּשוטע שאלה: ווי ווײַט? כ׳האָב זיך געשראָקן פּאַר אַזאַ לידער־מהלך. די יצירה־פרייד האָט זיך צו מיר אַנטפּלעקט, ווען כ׳האָב אָנגעהויבן שפּרײַזן איבער סוצקעווערס לידערוועלט און געטאָן אַרײַנבליקן אין פּרדס. כ׳האָב עס געפּילט ווי אַ גאַנג איבער אַ צעזונגענער צעזוניקטער מאַפּע.
אין יעדן קאַפּיטל האָב איך געוואָלט זען פּשוטן לייען־מאַטעריאַל, וואָס פּאַרטײַטשט דעם תּוך פון די לידער אויף אַ פּאָפּולערן שטייגער. וואָס ווייניקער פּאַרשערישע חקירות און לומדות, האָב איך געפּילט, וועט זײַן לטובֿת אַ לײַכטערן אויפנעם פון אינטעגראַלן **סוצקעווער**.

## ג

פון פונקט, ווו עס שטייט סוצקעווערס לידער־וויגעלע, 1934, ביז הײַנט — אין זײַנע 70קער — איז אַבֿרהם סוצקעווער געווען דער נאַוויגאַטאָר פון ליד צו ליד. אין פּראָצעס פון גאַנג האָב איך גרונטיקער דערקענט די פּאָעזיע־לאַנדשאַפט און דעם גײַסטיקן אוניווערס פון משורר, און ער איז מיר געוואָרן אייגן און נאָענט.
מיט אַ ריינער כוונה, מיט מײַן בעסטן וויסן און שענסטן וואָרט, וואָס סוצקעווערס פּאָעזיע האָט אַרויסגערופן, ברענג איך די אַרבעט אַ מתּנה צום דיכטער — אַ רעגנבויגן איבער זײַן לידער־אוניווערס.

# אַלגעמיין־שעפֿערישע אַספּעקטן

## אָפּשטאַם און קינדשאַפֿט

אַבֿרהם סוצקעווער איז געבוירן געוואָרן אין סמאָרגאָן (ווײַסרוסלאַנד), דעם 15טן יולי 1913. דער שלשלת־היוחסין וואַרפֿט אַ שײַן אויף אַ גײַסטיקן ירושה־קוואַל פֿון וועלכן, מיר מעגן אָננעמען, ער איז ניט ווייניק באַאײַנפֿלוסט געוואָרן. זײַן זיידע, פֿון דער מוטערס צד, איז געווען דער מיכאַלישאָקער רבֿ און אַ מחבר פֿון אַ ספֿר. אויך די עלטער־זיידעס און עלטער־פּעטערס זענען געווען רבנים און מחברים פֿון ספֿרים. דער דאָזיקער יִחוס־אָבֿות האָט זיך אַ פּנים אַקומולירט אין פּאָעטישן טאַלאַנט פֿון אייניקל.

ווי אַ פּועל־יוצא פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זײַן שטעטל אַוועק מיטן פֿײַער, און אַבֿרהם, אין אָנהייב פֿון זײַן צווייטן לעבנסיאָר, איז פֿאַרטראָגן געוואָרן מיטן פּליטים־שטראָם — צוזאַמען מיט דער משפּחה — צו דעם ווײַטן צפֿון פֿון רוסלאַנד. אין דער שטאָט אָמסק, וואָס בײַ דעם טײַך אירטיש, האָט סוצקעווער פֿאַרבראַכט די ערשטע זעקס יאָר פֿון זײַן קינדשאַפֿט. די שניי־ווײַסקייטן פֿון די סיבירער סטעפּעס האָבן געלאָזן טיפֿע שפּורן אין זכּרון פֿון קליינעם אַבֿרהם. די לאַנדשאַפֿט און שפּאָרע ביאָגראַפֿישע מאָמענטן האָבן זיך אײַנגעקריצט מיט מערקווערדיקער געדענק־זעעוודיקייט, און דרײַ צענדליגג יאָרן שפּעטער זענען זיי געוואָרן די אימאַזשן און סימבאָלן פֿון זײַן ערשטער גרויסער פּאָעמע „סיביר". די פּאָעמע וויקלט זיך אָפּ אויף דער קאַנווע פֿון „אַ קינד פֿון זיבן יאָר" — אין רעטראָספּעקטיוו.

צו זײַנע זיבן יאָר שטאַרבט דער טאַטע, אין עלטער פֿון דרײַסיק יאָר, פֿון אַ האַרץ־פֿעלער. אין זעלבן יאָר — 1920 — קומט זײַן מוטער, ריינע, צוריק קיין סמאָרגאָן, און פֿון דאָרטן, בײַם אָנבליק פֿון דער חרובֿער שטאָט, גלײַך קיין ווילנע. אַבֿרהם לערנט אין תּלמוד־תּורה; אין אַ ייִדיש־פּוילישער גימנאַזיע; גייט אויף קורסן; איז אַ פֿרײַער צוהערער אין אוניווערסיטעט. אין 1927 הייבט ער אָן שרײַבן שירים, אויף העברעיִש. געהערט צו דער ייִדישער סקויטן־אָרגאַניזאַציע „בין" — 1930. אין דער אָ צײַט קומט ער זיך צונויף מיט חבֿרים, וואָס העלפֿן אים פֿאַרשטיין די וועלט־ליטעראַטור, אירע וועגן, און זיך באַקענען מיט אירע גרויסע פּאָעטן. ער לייענט פֿאָר פֿאַר חבֿרים זײַנע ערשטע לידער. זײַן דעביוט מאַכט ער אָנהייב 1933, מיט אַ ליד א"נ „מאַסקנבאַל", וואָס איז געווען געדרוקט אין וואָכנשריפֿט פֿאַר ליטעראַטור, אין וואַרשע. פֿיר יאָר שפּעטער — 1937 — גייט אַרויס אין וואַרשע זײַן ערשט בוך אונטער דעם אומפּרעטענציעזן נאָמען לידער. די פּאָזיטיווע קריטיק האָט אונטערגעשטראָכן דעם נײַעם וווּנדער. אין 1935 איז דער יונגער סוצקעווער געקומען קיין וואַרשע, צום צווייטן מאָל (דעם ערשטן מאָל — 1932). ער האָט זיך געטראָפֿן מיט ייִדישע דיכטער, שרײַבער און קינסטלער. די וועלט האָט סוצקעווערן געצויגן, און ער האָט, אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אַ סך געררײַזט איבער לענדער און קאָנטינענטן.

# אין יענע יאָרן

דער פֿרילינג פֿון סוצקעווערס וואָרט איז אויסגעפֿאַלן אין אַ גורל־עפּאָכע, וואָס אין איר איז שוין געווען באַהאַלטן דער זוימען פֿון ייִדישן אומקום. סוצקעווערס יונגע לונגען האָבן אײַנגעאָטעמט די שרעקלופֿט פֿון דער אַ נײַער וואָר, ווען זײַנע פּאָעטישע לונגען האָבן נאָך געשמעקט צו די זיסע שיכּורע ריחות פֿון דער נאַטור, פֿון זוניקע פּאַנאָראַמעס. האָט ער צו ערשט געמוזט אַרויסאָטעמען וואַלדיקס, אין לידער, כּדי זיך צו באַפֿרײַען פֿון דער פּאָעזיע־שיינקייט וואָס ער האָט זי געטראָגן אין זיך.

איך יענע יאָרן האָט נאַצי־דײַטשלאַנד אַלץ ענגער פֿאַרקלעמט די גרענעץ־לענדער אין איר מיליטעריש־שטאָלענעם רייף. זי האָט געריטשעט מיט דער לאָזונג פֿון אַ נײַער אייראָפּע און געוואָרן דער פֿינצטערער שליח פֿון קאָנטינענט וואָס האָט געשונדן פֿאַסן פֿון אירע שכנים. פּוילן איז געלעגן פֿאַרוואָרגן מיט דאַנציג און ייִדן האָבן געציטערט. איבער שטעט און שטעטלעך האָט דער האַקנקרייץ געטשאַטעוועט איבער אייראָפּע איז דער מלחמה־פּסיכאָז געהאַנגען ווי די דאַמאָקלעס שווערד. נירענבערגער געזעצן קעגן ייִדן זענען אַרײַן אין קראַפֿט. דער ברוינער מטורף האָט צוגעשטעלט אַ מעסער צום האַלדז פֿון דער וועלט.

גראָד דעמאָלט איז סוצקעווערס געזאַנג אויפֿגעגאַנגען ווי אַ שטילער ליכטיקער דיסאָנאַנס צום צעדולטן און פֿינצטערן אַרום. זײַן לידערוועלט האָט אויפֿגעפֿינקלט מיט אַ נײַעם כּישוף און פֿאַרשטעלט אויף אַ ווײַל דאָס וועלט־רישעות. מיט שטוינענדיקער פֿרייד האָט מען אָנגעקוקט דעם וווּנדער. מ׳האָט אַקצעפּטירט דעם יונגן פּאָעט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ צולהכעיס קעגן כאַאָס און חורבן, קעגן ברענען ביכער אין בערליך, קעגן רויב און מאָרד. וואָלט זיך סוצקעווער דעמאָלט צוגעכאַפּט צו די ברויזיקע צײַטטעמעס, מיט וועלכע די פּאָליטישע גאַס האָט שרײַיק געגרילצט, איז פֿאַראַן אַ גרונט צו גלייבן אַז ער וואָלט אויסגעבערנט זײַנע יונגע פּאָעטישע לונגען, ווי בײַ אַנדערע האָט עס פּאַסירט. אַוודאי וואָלט אויסגעקוקט נ אַ ט י ר ל ע ך אין ייִדישע אויגן, ווען זײַנע לידער וואָלטן מיט פּאַטעטישע פֿראַזעס זיך אַראָפּגערעדט דעם ווייטיק פֿון הארצן. אָבער די אידילישע שטילקייט און דער אינדיווידועלער קלאַנג פֿון זײַן ליד איז געווען אָריגינעל און האָט אָנגעשלאָגן אַ נײַעם טאָן, וואָס די קריטיק האָט אויפֿגענומען מיט פּאָזיטיוון אָפּשאַץ. זי האָט דערזען אַ דיכטער מיט אַן אייגן פּנים.

זײַנע לידער, ליכטיק־פֿאַרביקע לײַוונטן, געמאָלן מיט הויך־קינסטלערישער געניטשאַפֿט, האָבן אַנשטאָט מיט קאָלירן גערעדט מיט ייִדישע ווערטער. אָבער די ווערטער פֿון נײַ־געקומענעם פּאָעט, האָבן גלײַך בײַם אָנהייב פֿאַרמאָגט אַלע קוואַליטעטן פֿון פּלאַסטישער קונסט. ער האָט די נאַטור־סצענעס פּיקסירט אין צאַפּלדיק־ייִדישע אידיאָמען, זיי נײַ און פֿריש פֿאַראייביקט.

פֿאַר זײַן אויג האָט זיך צעבלויט גאָר די שיינקייט, וואָס ער האָט ייִנגלווײַז פֿאַרשלונגען און עס איצט צוריק אַרויסגעזונגען אין סטראָפֿעס. ס׳איז געווען די ליריק פֿון יונגע טעג, פֿון נאַטור־לידער, פֿון אַ פֿאַרכּישופֿט לאַנד פֿון חלום. מיט אויפֿגעוועקטער עקזאַלטאַציע האָט ער ליד אויף ליד געלייגט, כּדי אויפֿצובויען דעם סוצקעווער־פֿליגל אין היכל פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע.

אַז מיר וואַרפן אַ בליק פון הײַנט אויף צוריק, אויף דעם שפּעטערישן לאַנגן וועג פון פּאָעט, זעען מיר ווי פון דער ברייטקייט פון שפּעטערע יצירה־יאָרן לויפט צו דער דינקייט פון אָנהייב איין גלײַכער לידערשנור. די דאָזיקע ניט איבערגעהאַקטע גראָד־ליניקייט כאַראַקטעריזירט די גאַנצקייט פון סוצקעווערס שאַפן. די אָ גאַנצקייט באַ־צייכנט די פּערמאַנענץ פון זײַן גאַנג, ווי אויך דאָס שלמות פון אַ ליניע אין זינען פון אײנהײַטלעכן עמפּירישן שאַפן, וואָס איז אַ ריכטשנור אין סוצקעווערס פּאָעזיע. אַז מיר וועלן נעמען יעטווידער ליד באַזונדער (ווי מיר וועלן עס שפּעטער טאָן), וועט עס אָפּ־הילכן אויפן קריטישן קאָמערטאָן מיט אַן עכטן סוצקעווער־קלאַנג, אַ סימן: די שע־פערישע האַנט וואָס האָט זיי געמײַסטערט האָט זיי אײַנגעשלאָסן אין דער גאַנצקייט פון דיכטערס קרײַז. יעדער ליד אַ קרײַז פון זײַן דיכטערישן פּ ל י, און אַלע לידער — קרײַזן אין קרײַזן, קרײַזן איבער קרײַזן.

די ברייטערע קרײַזן האָבן זיך שאַרפער אַרויסגעליכטיקט און זענען געוואָרן אַ מין צענטראַלע טעמע, אַן אַטראַקציע. דאָס האָט זיך אפשר ניט אויסגעווירקט קריטיש־גינציק פאַר דעם כּלל־שאַפן פון סוצקעווערן. אָפט זענען ניט ווייניק פון זײַנע פיל קלענערע לידער, וואָס פאַרמאָגן די גלײַכע קוואַליטעטן פון זײַנע לאַנג־אָטעמדיקע פּאָעמעס, אין גאַנצן ניט באַמערקט געוואָרן. זייער קרײַז איז געווען צו קורץ, אַז זייער בליציקייט זאָל אַרײַנפאַלן אין אויג. אפשר איז עס אויך צוליב דעם, וואָס דער גאַנ־צער סכום יצירה פון אַבֿרהם סוצקעווער איז צעשפּרייט אויף אַ ריזיקער טעריטאָריע און צוליבן וואַלד האָט מען ניט דערזען די ביימער. אַז מ׳לייענט אָבער מיט אינטערעס און זאָרגעוודיק ליד נאָך ליד, באַמערקט מען ערשט ווי אָרגאַניש די דאָזיקע גאַנצקייט איז אויסגעוואַקסן. דאָס איז אויך דער ציל פון דער אָ אַרבעט: צו גיין אויס לענג דעם גאַנצן וועג, כּדי צוזאַמענצוגלידערן די לידער אין איין לעבעדיקער גאַנצקייט. ס׳איז שוין אַן אַלטע מאָדע בײַ שרײַבערס און קריטיקערס, אַרויסצופאַנגען פון אַ ציקל איינס פון די לידער, צי צוויי פון אַ בוך — אַזוי צו זאָגן, אַ מוסטערליד — און אויף דעם דינעם פאָדעם אָנהענגען מאַסיווע פודן קריטיק. סוצקעווער, ווי אַ דיכטער, פאַר־זאָניפיצירט אין פּאָעטישע גאַנצקייט, וואָס לאָזט זיך ניט צעשפּאַלטן אויף גרויס און קליין — עס איז דער עלעמענטאַרער יסוד פון גאַנצן אַריטמעטישן איינס.

די אָ האַרמאָנישע גאַנצקייט איז איינע פון די גרעסטע מעלות, וואָס אַ דאַנק איר קריגט דער לייענער אַ פאַרטיק פּאָעטישן פּראָדוקט, באַאַרבעט און אויסגעשליפן פון מײַסטער אַליין. סוצקעווערס הייך־גראַדיקע לידער מיניען מיט די שענסטע ליכטפאַרבן פון ספּעקטער, און וויברירן מיט די שפּילעוודיקסטע קלאַנגטענער פון דער מוזיקאַלישער סקאַלע. לייענענדיק זיי מיט כּוונה, איבערלעבט מען אַ גײַסטיק־עסטעטישע הנאה. דער מוזיק־קאָליר סינטעז אין די לידער, שטימט אָן דעם לייענער מיט נשמהדיקער דערהייבונג. ס׳איז ווי סוצקעווערס כּישופדיק ראָד פון ר ע ג ן ־ ב ו י ג ן — זײַן באַ־ליבטער סימבאָל — וואָלט די לידער צוזאַמענגעהאַלטן אין קאָסמישן אַרומנעם פון זײַן יצירה. דאָך פאַרחידושט איטלעך ליד מיט זײַן אויסנעמיקייט, און אַלע צוזאַמען אין אַ געשלאָסענער אַ ח ד ו ת, וואָס די ברכה פון די געטער שוועבט איבער זיי.

# לידער־אוניווערס

סוצקעווערס לידער זענען אַ קאָנסטעלאַציע, באַזונדערע קערפּערס, וואָס האַלטן זיך צוזאַמען אין חסד פֿון זייער גײַסטיקער גראַוויטאַציע, און אַלע צוזאַמען זענען איין דינאַמישער כּוח פֿון יצירה. דער בילדערישער באַגריף לידער־אוניווערס איז דער סאַמע פּאַסיקסטער, ווײַל דער פענאָמען פֿון געזעצמעסיקייט ווירקט אין די לידער ווי אין דער נאַטור. צווישן איין ליד און אַנדערן לויפֿן ליכטוועגן, וואָס באַשטראַלן זיך איינס מיטן צווייטן, און מיטן דריטן, און ביזן לעצטן ליד. אין אונדזער שטודיע פּרוּוון מיר זיי באַליכטיקן מיט אַ געדאַנקלעך־אַנאַליטישן און פּסיכאָלאָגישן מעטאָד. זייער צוזאַמענהאַלטעוודיקייט איז אין דער סובטילער אינטויִציע פֿון דיכטערישן רוח־החיים פּלוס דעם צונויפשמעלץ מיטן אידעיִש־קינסטלערישן חומר. על־פּי דער פאָרמל זענען עס לעבעדיקע לידער, און אין דעם זין וועלן מיר פּרובירן אויסמעסטן די רעפלעקסיעס און ליכט־אויסשטראַלונגען פֿון די אָ לידער־גאַלאַקסיעס. מיט אונדזער אָרעמען שׂכל־אינסטרומענט קענען מיר אפשר ניט אויסמעסטן פּרעציז די אייביקייט פֿון לידער, וואָס זענען צוזאַמענגעהאַנגען „דין־דין־דין” אויף אומזעעוודיקע גײַסטיקע מאַגנעטן. זייער הייך און טיף קען נאָר אויפגעפּאַסט ווערן אין דערגרונטעווען די קוואַלן פֿון שעפערישן אולטימאַטיוון וואָרט פֿון דיכטער.

איך האָב שוין אויבן אָפּגעשטעמפּלט אַ טערמין פֿאַר סוצקעווערס פּערפעקציאָנירטן וואָרט — וואָרטאַל, (אויפֿן מישקל ווערטאַל). קען זײַן אַז אין עמעצנס אויערן וועט עס קלינגען ווי אַ סמיכה אויף נצח. אָבער דאָ גייט ניט אין אַ שפּיל פֿון צוטיילן אַן אייביקייט־לעגיטימאַציע, איבער הויפּט ווען סײַ ווי איז שווער צו מאַכן פֿון אַ לעבעדיקן אַן אומשטאַרביקן. און ער איז שוין במילא אומשטאַרביק אין יעדער צום לעבן אַרויסגערופֿענער קרעאַציע. סוצקעווער אַליין, שוין בײַם סאַמע אָנהייב, האָט געהאַט דאָס געפֿיל, די זיכערקייט און דעם מוט צו זינגען וועגן זיך אין אייביקייט־סופּערלאַטיוון. איז עס צום שבֿח פֿון אַ שטאַרקן כאַראַקטער צו אָנערקענען דעם אייגענעם נצחון. ווײַל ס׳איז ניט קיין קונץ צו זײַן באַשיידן, אָבער אומגעוויינלעך איז — צו זײַן אומגעוויינלעך. אָריגינעלע קינסטלערס זענען עס תּמיד געווען.

די אָריגינעלקייט פֿון אַבֿרהם סוצקעווער וואָרצלט אין זײַן עצם נאַטור צו זײַן אַנדערש — הן אין לעבן והן אין ליד. פֿון זײַן סאַמע שעפערישן אָנהייב האָט ער שוין געבראָכן גדרים פֿון ביז אים קאָנווענציאָנעלע דרכים, אָבער דערבײַ שטרענג אָפּגעהיט אַ דיסציפּלין וואָס איז אים אייגן. אויב ער האָט געשאַפֿן אַ ש ו ל אין דער ייִדישער פּאָעזיע, איז עס זײַן איין־מאַן־שול — די סוצקעווער־שול — וואָס ער האָט געבויט פֿאַר צענדליגער יאָרן. און הגם סוצקעווער פֿאַרנעמט אַ באַזונדערן פּליגל אין היכל פֿון דער ייִדיש־שירה, איז ער אָבער צוזאַמענגעשותּפֿישט מיט איר גרויסער פּאָעזיע, ווו זײַנע ייִדישע אותיות ומופֿתים פֿינקלען ווי שטערן און שטערנדלעך. ס׳איז דער לידער־אוניווערס, וואָס איז אין פּערמאַנענטער באַוועגונג, מיט זײַנע לידער־סודות און לידער־עקספּלאָזיעס. ס׳איז דער סוצקעווער־שפּיגל פֿון זײַנע אייגענע נאַטור־וווּנדערס, איבערגעשפּיגלט אין לידער. אין דעם שפּיגל ווערן הימל און ערד צונויפֿגעליכטיקט אין קאָליריקן ראָד פֿון רעגן־בויגן און אַלע ווערטער לעבן בזכות זייער ליכט.

# וואָרט־באַשעפער

עס איז שווער צו זאָגן ווי אַזוי אַ פּאָעט קלײַבט אויס ווערטער און העפט זיי צוזאַמען. ס'איז אַ סך מער ווי דער טאַלאַנט פון צירוף־אותיות און צוזאַמענשטעלן פון זיי חרוזים. דאָ ווירקט אפשר אַ פאַרבאָרגענער וואָרט־אינסטינקט, ווי דער שאַרפער חוש פון חיות בײַם דערשפּירן דעם ריח פון זאַכן. דעם אַ נאַטירלעכן חוש פאַר ווערטער פאַר־מאָגט סוצקעווער. ער דערשמעקט זייער ריח און עכטן קלאַנג, ווי עס "שמעקט (זײַן סיבירער) וואָלף צום פליש פון דער מוזיק". ער האָט אַרויסגענומען ווערטער פון זייער רויער שאָל און איבערגעשליפן אין ראַפינירטע מאָדערניזמען. פּלוצלינג טוט בײַ אים אַ בליץ אַ וואָרט, וואָס ווערט פון זיך אַליין באַשאַפן, אַ מין יש־מאַין, מיט נײַעם תמצית און אינהאַלט. ער האָט אַרויסגעשפּאָלטן פון וואָרטאַטאָם (סוצקעווערס פאַרגלײַך) זײַן אינעווייניקסטן וועזן, זײַן דינאַמיק, זײַן אומרו. אין זײַן לאַבאָראַטאָריע האָט סוצקעווער דערפירט דעם וואָרט־באַשאַף צו אַ הויכן גראַד פון פּערפעקציע. וועגן זײַנע ערשטע און שפּעטערע ווערטער איז שוין אַ סך, און מיט גענוג מוסטערן, געשריבן געוואָרן. ניט נאָר לויכטן די ווערטער פון זײַן יעדער ליד־קאָמפּאָזיציע, נאָר זיי שמעקן מיט אַלע בשׂמים פון דורותדיקער האַרבקייט, אויסגעמישט מיט דער פרישקייט פון אַ צעיונגטן יידיש. ער פאַרמאָגט אַ געזונטן גײַסטיקן חוש צו דערשמעקן די יידיש־ריחות פון ווערטער, און מער נאָך — אַ שאַרפע סענסיביליטעט פאַר זייער נוץ. דאָס וואָרט בײַ אים איז צו באַפליגלען די וויזיע און צו פאַרטיפן דעם זינען פון וועלטבילד, וואָס דער פּאָעט "זעט מיט אויגן פון גײַסט". דעריבער איז ניט תמיד לײַכט זיך אײַנצו־בײַסן מיט אַ קלוגן צאָן אין סוצקעווערס אַ ליד. מע מוז פריִער אַראָפּשיילן די זיבן הויטן פון סימבאָל און מעטאַפאָר, כדי צו דערגרונטעווען דעם קערן פון געדאַנק.

דער פשט איז באַהאַלטן אין וואָרט גופא, אין זײַן מוזיק, אין זײַן ריטעם, אין זײַן אויס־בייג און אויסלייג. ס'וואָלט זײַן אַ פריידיקע עקספּיריענץ פאַר יידיש־ענטוזיאַסטן און וואָרטפאָרשער אַרונטערצושטעלן אונטער זייער מיקראָסקאָפּ די יידישע אותיות ומופ־תים פון סוצקעווערן — דאָס כּישוף־לאַנד ווו ווערטער און קלאַנגען ליגן ווי פאַרהוי־לענע אוצרות. סוצקעווער האָט פון די אָ אוצרות געשעפּט גאַנצע זשמעניעס. לפני היות סוצקעווער וואָלט קיינעם אפשר גאָר ניט אײַנגעפאַלן, אַז יידישע ווערטער פאַר־מאָגן דעם אור הגנוז זיך אָנצוצינדן מיט די ליכטיקסטע שאַטירונגען און שימערירונ־גען. אַבֿרהם סוצקעווער האָט די מוזיקאַלישע קלאַנגיקע ניואַנסן פון די יידיש־וואָקאַלן צוזאַמענגעריטעמט אין געזאַנגיקער האַרמאָניע.

געזאַנגיקע האַרמאָניע, אין לידער, איז דער ספּיריטועלער תּוך פון ווערטער, וואָס גרויסע קינסטלער אָטעמען אַרײַן אין זייערע ווערק. מיט דעם ווערן די ווערק ניט נאָר אַ פאָלקישע מאַניפעסטאַציע, נײַערט אַ צוגאָביקער שעפערישער דיאַלעקט אין אינטערפאָלקישן לידערכאָר. סוצקעווער האָט די יידיש־ווערטער אויסגעטאָן פון אוניפאָר־מירטער לעקסיק און זיי געגעבן אַן אוניווערסאַלן באַטײַט און זינען: ווערטער וואָס זענען געפאָרבן מיטן ליכטיקן פּיגמענט פון אַלע שפּראַכן — די הומאַנע שפּראַך פון דער יידיש־ציוויליזאַציע. אַנדערש געזאָגט: אַבֿרהם סוצקעווער האָט באַ־שאַפן ווערטער מיט לעבעדיקע נשמות אין זיי.

# מוזיק און ניגון

מוזיק איז אַלגעמיין, פֿאַר אַלעמען, ניגון — אינטים, פֿאַרזיך. מוזיק פֿאַר דער וועלט, ניגון פֿאַרן פֿאָלק. אַבֿרהם סוצקעווער האָט דעם ריטעם פֿון זײַן שורה אויסגעמאָסטן לויט אַלע מוזיקאַלישע כּללים, אָבער דעם ניגון האָט ער אָנגעשטימט פֿון האַרץ אַרויס. לפּנים קען זיך דאַכטן אַז די צוויי עלעמענטן אין זײַן געזאַנג קאָנפֿראָנטירן זיך, אָבער אַ ייִדיש אויער וועט באַלד אויפֿכאַפּן דעם באַגלייטקלאַנג פֿון ניגון הינטער דעם קלאַסישן ריטעם. קלאַסיש איז דאָ ניט געמיינט אין זינען פֿון פֿאָרמולירטע כּללים, נאָר איך דעם סטיל ווי גרויסע פּאָעזיע רעפּרעזענטירט זיך. די פֿאַרבענקטע לירישע טענער, הינטערן פֿאַסאַד פֿון לידמוזיק, שאַפֿן די אַטמאָספֿער פֿאַר דעם פּלי פֿון ניגון, פֿאַר זײַן ייִדיש ספּעציפֿישן אויפֿקלאַנג.

וועט זײַן ניט ריכטיק צו זאָגן, אַז סוצקעווערס ליד איז פֿאָלקסטימלעך, צי מיט מינאָרע טענער פֿון פֿאָלקישער בענקשאַפֿט. פּונקט פֿאַרקערט: ז ײַ ן ליד איז נ ײַ, מיטן אימפּעט פֿון דער צ ײַ ט. אָבער אין ז ײַ ן מאָדערנעם ייִדישן וואָרט איז פֿאַרניגונט אַ באַזונדערער מוזיק־קנייטש פֿון פֿאָלקס־חן, אַ מין אַלטנײַ־שפּיל אויף אַן אינסטרומענט, וואָס נאָר סוצקעווער איז זײַן מײַסטער.

יעדע טעמע צו וועלכער ער רירט זיך צו, פֿאַרוואַנדלט ער אין מעלאָדיש געזאַנג. די קאָמפּאָזיציע פֿון פֿריידיקער נאַטור וועט טאַנצן אין ליכטיקע ווערטער, דער חורבן איז עלול צו ווערן אַ טרויער־סימפֿאָניע פֿון קלאַנג־בילדער. אַזוי איז זײַן פּאָעמע געהיימשטאָט, ווו די קלאַנגען שוועבן איבער די פֿלאַמען, איבער די קאַנאַלן. עס איז דער קינסטלערישער דערגרייך פֿון סוצקעווערן, וואָס אים איז געראָטן צוזאַמענצושמעלצן די דינסטע ניואַנסן פֿון זילב מיט דעם פֿײַנסטן אויפֿציטער פֿון קלאַנג. מיר דאַכט אַז ער פּרוּווט אויס די צוויי אויף אַזאַ אופֿן: דעם ניגון פֿון וואָרט — מיט דערפֿילן, דעם קלאַנג — מיט דערהערן, און פֿון דעם קינסטלערישן מיזוג בויט ער זײַן פּערז. די שורה ווערט שירה, שירת־סוצקעווער — דאָס געזאַנג פֿון ייִדישע ווערטער. ניט איין מאָל בלײַבן מיר פֿאַרגאַפֿט פֿון זײַן עקזאַלטירט ליד, ווי ער וואָלט אויסגעקלאַפּט אויף קלאַווישן פֿון געמיט די ווערטער און זיי פֿאַרכּישופֿט אין קלאַנגען: זוניקבלענדיקע, טרויעריק־פֿאַרבענקטע, פֿריידיקע און ווייטיקדיקע, פֿאַרגיביקע און צאָרנדיקע. די סקאַלע פֿון מוזיקטענער, פֿון האַרצן און מוח אַרויס.

אַבֿרהם סוצקעווער איז מוזיק־לידיש מיט זײַן גאַנצן וועזן. ער איז דער צוזאַמענזינג פֿון ווערטער, ווו מען רירט אָן אַ שורה, טוט זי אַ קלונג מיט צאַפּלדיקע טענער. אויב מוזיק איז די שפּראַך פֿון דער נשמה, איז סוצקעווערס נשמה כּולה מוזיק. פֿאַר וועמען די מוזיק־שפּראַך איז פֿאַרשטענדיק, איז עס אַן איבערלעבונג פֿון גײַסטיקער דערהייבונג צו ווערן ליד־שיכּור מיט זײַנע שורות, צו שטײַגן אויף זײַן פּאָעטישן לייטער פֿון קלאַנגען. וואָרעם ער האָט די קלאַנגען געגעבן עכטקייט, ווי עכט ס׳קען זײַן סײַ אמתער טרויער, סײַ הערלעכע פֿרייד, ווי גרויס ס׳קען זײַן דאָס לעבן, און ווי מיסטיש דער טויט. די אַלע ליריש־צאַרטע פּילונגען און חושיקע שפּירונגען האָט ער אין סטראָפֿעס פֿאַרמוזיקט און פֿאַרניגונט. עס איז דער ברכה־קוואַל, וואָס נערט די וויזיע און דעם חלום און די האָפֿענונג פֿון אַ פּאָעטיש־שענערן מאָרגן פֿאַר אַלע מענטשן.

די ערשטע יאָרן פון זײַן שאַפן האָט סוצקעווער געחלומט מיט נאַטור־פאַרבן: וואַלד און בוים, באַרג און פעלדז, זון און ליכט, במילא איז די דיכטעריש־וויזיאָנערישע קראַפט געווען קאָאָרדינירט מיט די־אַ נאַטור־דערשײַנונגען און סובאָרדינירט צו דעם עלעמענט פון מאַטעריע. דאָס האָט באַשטימט זײַן טעמאַטיק־אויסקלײַב: ערדישע שיינקייט און אירע ליכט־קאָלירן. אויף דעם אופן מאַניפעסטירן זיך די וויזיעס און די חלום־זעונגען אין יסודות פון באַשאַף. ס'איז דער פּאָעטישער נשמה־באַריר מיטן לעבעדיקן חומר: גײַסטיקע ערד ווי סע וואַקסט לויטערע פרייד און געלײַטערטער טרויער, ווי סע שפּראָצט דער אייביק־מענטשלעכער חלום פון גאולה.

אַ טאָטאַלע איבערקערעניש קומט פאָר אין יונגן סוצקעווער, ווען ער ווערט אַרײַנגעשלײַדערט פון דער פאַרביקייט פון דער נאַטור אין דער שטאַרביקייט פון מענטש, פון דער צעזוניקטער סטראָפע אין דער קאָשמאַרישער קאַטאַסטראָפע, פון היים אין געטאָ. דאָ דערפילט ער מיט אַ מאָל די ווייען פון אַן אַנדערשדיקער נאַטור, דערזעט דעם מעטאַמאָרפאָז: מאַסקעס פון לעבן און טויט. דער מאָרגן איז דאָ פאַרשטעלט מיט אַ וואַנט פון אומקום, מיט קבֿרים, פּאָנאַר. דער חלום צינדט אָן פונקען פון ווידערשטאַנד, פון קאַמף קעגן שונא.

סוצקעווערס ליד טוט זיך פלוצלינג אַ קער צו אַ נײַעם ווענדפּונקט. ער ווערט דער שעפער פון אַן איינציקאַרטיקן און איינמאָליקן ליד, וואָס זײַן שרעק־חלום איז די דעמאָנישע וואָר. נאָר מער נאָך, ווי דאָס אַרײַנקוקן דעם טויט אין די אויגן, פיזיש, איז סוצקעווער, גײַסטיק, געשטעלט געוואָרן פאַרן נסיון, אַז דער חלום זאָל ניט געניזוקט ווערן אין פּראָצעס פון שאַפן — און ער איז אַרויס בשלום.

פון דעמאָלט ביז הײַנט איז זיך סוצקעווערס חלום צעוואַקסן אין אומגעהײַערע דימענסיעס — ער איז פאַרוועבט מיט וועלט, מיט מענטש, מיט ייִד, מיט מדינת־ישׂראל. זײַן ליד איז צעשטראַלט מיט סודותדיקע סימבאָלן, מיט גלײַיקע אימאַזשן, מיט פלײַיקע וויזיעס. וואָס טיפער די זעונג אַלץ העכער איר פלי, און וואָס מער קראַפט אין פלי אַלץ נענטער צום אמת. די אָ פונקען פון וויזיע זענען עלול זיך צו צעפלאַקערן אין לידערפלאַמען וואָס זייער ליכט גרייכט די ווײַטסטע מרחקים.

אַבֿרהם סוצקעווער האָט אויסגעליכטיקט דעם ברייטסטן ראַדיוס פון העלזעערײַ אין זײַן ליד און געלאָזט די וויזיע דערפליִען צום קלימאַקס. אפשר הויערט דאָרטן דער אמת, דער באַשייד פון אונדזערע חלומות. אין דעם זינען זענען סוצקעווערס לידער איבער דער צײַט. די שטרעבונג צום אוניווערסאַלן מענטשלעכן חלום ליכטיקט מיטן אַלטן ייִדישן אידעאַליזם. קעגן אַ וועלט פון נעכטיקן מערדערישן באַרבאַריזם און הײַנטיקן פאַרפוצטן רויען עקסיסטענציאַליזם, זענען סוצקעווערס לידער אויס ווי שײַנע שמעקעדיקע בלומען פאַר דעם מאָרגן. און הגם סוצקעווער האָט נאָך אַלץ ליב זיך צו שפּילן מיט ליכט און קאָלירן, מיט וואַלדיקס און רעגן־בויגנס, טראָגט ער אָבער, ווי דער זייער, אַ פולן זאַק מיט גײַסטיקע קערנער — גאָט־ און מענטש־זוכעניש, גלויבן און סקעפּטיציזם און נאָך מחשבֿה־גוטיקייטן, וואָס ער שפּרייט אין די לידער און מאַכט זיי פול מיט אידעע און אינהאַלט.

סוצקעווערס לידער וואָלטן געבליבן דימענט־שיינע שורות, ווען זיי וואָלטן ניט געווען באַלעבט מיטן אָטעם פון אַן אידעע. אין בראשית־פעריאָד האָט דער דיכטער אַריינגעבלאָזן די לעבעדיקע אידעע אין די אַנטפּלעקונגען פון דער נאַטור, אין אירע פאַרשיידענע וואַריאַנטן. בעת דעם געטאָ־פעריאָד, האָט געטליעט די אידעע פון ליידן, באַפרייונג און קאַמף. דער דריטער פעריאָד, ישראל, וואָס ציט זיך נאָך און וועט בלייבן דער לענגסטער, האָט אויסגעברייטערט און פאַרטיפט די נאַציאָנאַלע אידעע. די ישראל־ספערע איז אָבער צו באַגרענעצט, ווערט סוצקעווערס ליד אויך אויסגעפילט מיט אוניווערסאַלע אידעען, מיט זיין דיכטערישן וועלטבאַנעם, ווו די אידעע איז אַריינגעבויט אין תוכן פון ליד, ווי אין אַ פורעם. סוצקעווערס אידעע זינגט אַרויס פון ליד אין יחידישע קאַטעגאָריעס, מיט לירישע טענער. ס׳איז אויך פאַראַן די אינדיווידועלע בענקשאַפט, וואָס טראָגט דעם פערזענלעכן חותם.

אַבֿרהם סוצקעווער זעט זיינע אידעען פון פאַרשיידענע ליכטווינקלען, ווי פּראַזשעקטאָרישע מחשבֿות וואָס בליצן אויף אין פּראַצעס פון שאַפן. דאָס זענען סובלימאַטן פון בילד, סופּערלאַטיוו, אַפאָריזם, עמאָציע, וואָס באַווירקן דעם גייסטיקן פעלד, הגם די גרונטאידעע בלייבט תּמיד גאַנץ. דורך דעם געוועב ד ע ר פ י ל ן מיר דעם אינהאַלט פון ליד, בעסער ווי מיר קענען אים פ אַ ר ש ט י י ן. דאָס לעבן און, במילא, לאַנגער קיום פון סוצקעווערס לידער איז זייער נשמה, וואָס איז באַשאַפן פון סינטעז: אידעע און תּוכן. ס׳וועט נאָך קומען דער פאָרשער, וואָס וועט קלאַסיפיצירן סוצקעווערס אינטענסיוו שעפערישן פאַרמעג און אַנאַליזירן די אידעען פון אַזעלכע דויערדיקע ווערק, די סימבאָלישע, ווי אין פּייער־וואָגן, אָדע צו דער טויב און די אינהאַלטלעך־קאָנקרעטע, ווי געהיימשטאָט, אין מידבר סיני א״אַ, ווייל הן די ערשטע והן די צווייטע און אַפילו די סתּם אַבסטראַקטע זענען דער סובלימירטער גייסט פון זייער ייִדישן אינהאַלט. אָבער ניט געקוקט וואָס אַ צאָל פון סוצקעווערס לידער האָבן אַבסאָלוט ניט קיין ייִדישן אינהאַלט האָבן זיי ייִדישן גייסט־און־געמיט־און־פאַרב. ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אייגענע אידעען, אין אַ וועלט וואָס איז אַלט ווי די וועלט, האָט סוצקעווער די אידעען פון זיינע לידער געגעבן אין אַ נייעם אינהאַלט, אויף זיין אָריגינעלן אופן און זיין אייגענעם אויסטייטש. מ׳דאַרף פאַרמאָגן דעם קינסטלערישן כּוח כּדי צו איבערשאַפן אידעען, זיי באַנייען, זיי פאַרפלאַנצן אין ייִדישן באָדן — דאָס איז דער זכות פון סוצקעווערס פּאָעזיע.

זיינע גרויסע לידער זענען אָבער די, ווו די נאַציאָנאַלע אידעע איז די לעבעדיקע נשמה זייערע. זיי צאַפּלען מיט אַ כּישופדיק פאָלקישן ציטער פון היינטצייטיקע הימענס פאַרן לאַנד ישראל, און אין זייער הינטערגרונט ניגונט, אַלט־און־ווייט, די ווילנע־בענקשאַפט. סוצקעווער האָט צוריק אויפגעבויט, מיט די איידלסטע טענער און אין די פּראַקטיקסטע פאַרבן, די געוועזענע היים פון זיין יונגשאַפט. די ווילנע־לידער וועלן בלייבן אַ קליינער באַזונדערער אוצר אין דער ייִדישער פּאָעזיע. די ישראל־לידער, וואָס זענען שוין געשריבן און וועלן נאָך געשריבן ווערן, וועלן זיין די מאַסיווע ישראל־אַנטאָלאָגיע. זייער קינסטלערישער ווערט וועט געזען ווערן פון אַ ווייטערער פּערספּעקטיוו.

# סטיל און פאָרעם

סטיל איז די ברכה פון שעפער. ער טוט אים אַרײַן אין אַ קינסטלערישן פורעם, אויף צו מאַכן דעם מאָדעל פאַר זײַן ווערק. אָבער דאָס אַליין איז ניט גענוג. כּדי צו קאָנסטרויִרן אַ גוט ליד, למשל, מוז מען אַרבעטן מיט אייגנס, דאָס מיינט, האָבן אַן אייגענעם סטיל, סוצקעווער האָט עס. און נאָך עפּעס, וואָס גייט צוזאַמען מיט סטיל, דעם חוש פאַר פאָרעם. מיר דאַכט, אַז ווי נאָר סוצקעווער זינגט־צוזאַמען די ווערטער, גיסן זיי זיך אַרײַן אין אַ פורעם וואָס איז תּמיד גרייט אויפצונעמען דעם חומר. אַ מײַסטער פון ווערטער קען באָרגן ווערטער און אַפילו צוזאַמענקלעפּן פון האַלב־הלוואה־האַלב־השפעה אַ סטיל אויף קרעדיט, אָבער דער וואָרטמײַסטער טראָגט זײַנע אוצרות מיט זיך און גראָבט זיי אַרויס פון אייגענע טיפן. מיט דעם איז סוצקעווער דער וואָרטמײַסטער פון יידישן ליד. ער האָט אַרײַנגעבראַכט אין זײַנע לידער נעאָלאָגיזמען, גראַמען און אַסאָנאַנסן, וואָס די קריטיק האָט אויפגעכאַפּט ווי בליציקע נײַקייטן, אוניקומס, אויסנעמיקע ווערטער. בלײַבן זיי ניט בלויז ווערטער, נאָר קייטלען זיך צוזאַמען אין באַוועגלעכן צונויפבינד פון שורה, אין איר ריטמישן צונויפקלאַנג, אין פאָרעם און פאַרב פון בילד — און אַלץ צוזאַמען ווערט דער קנין פון פאָעט, דער סוצקעווער־סטיל.

סוצקעווער האָט געשאַפן אַ סטיל פון אַ וואָרטמײַסטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעקענטיקט מיט זײַן באַזונדערקייט און דינאַמישקייט. באַזונדערקייט, אין אַלע אַספּעקטן פון שאַפן, מיט דער קינסטלערישער עקשנות צו זײַן אַנדערש, אָריגינעל. די דינאַמישקייט מערקט מען אין דער אַנואַקסנדיקער קראַפט, אין פּראָצעס פון שאַפן, הן סטיליסטיש והן שפּראַכלעך. פאַרפײַנערן און אויסשלײַפן אַ סטיל, ביז צו אַ געוויסער מדרגה פון שלמות, קען ניט געטאָן ווערן מיט פאַרלייגטע הענט: מ'דאַרף זוכן, פאָרשן, פאַרבעסערן — און סוצקעווער האָט עס אומדערמידלעך געטאָן אַלע יאָרן. ווען מיר גייען פון ליד צו ליד, זעען מיר מיט וואָס פאַר אַ זאָרגעוודיקייט און איידלקייט וואָרט צו וואָרט איז צונויפגעבויט. אַזוי פאַסט ער אַרײַן ווערטער, ווי דיבינקע בריליאַנטעלעך אין ליד, און דער סטיל בליצט פון אַלע ווינקלען. און ווי סטיל, דער ברייטער שטראָם אין סוצקעווערס ווערק, אַזוי אויך דער בײַשטראָם פון יידישן נוסח, ווי ניגון אין מוזיק. ס'איז אַ גרויסער סטיל, ווו יידיש ליכטיקט אַרויס מיט באַזונדערע חנען און פאַרבן בנוסח סוצקעווער — נוסח ווי אַן אָרגאַנישער קאָמפּאָנענט פון אַלגעמיינעם סטיל. אַזוי איז סוצקעווער אויפגעשטיגן ווי דער מײַסטער פון יידישן ליד. אַז מיר שטודירן זײַנע ווערק, ליד נאָך ליד, דאַכט זיך אַז סוצקעווער לויפט אין אַ געוועט מיט זיך אַליין, צום אַרויף, אויף די אייגענע לידער־שטאַפּלען. ער יאָגט זיך פון סטיל־ראַפינירטקייט צו פערפעקציע, פון שפּראַך־המצאה צו לשון של וווּנדער, פון קלוגן אויפבליץ צו געלײַטערטער חכמה. ס'איז אינטערעסאַנט נאָכצוקוקן מיט וואָס פאַר אַ פלינקייט סוצקעווער כּישופט אַרויס נײַקייטן — אין סטיל און פאָרעם, צו זען ווי ער פאַרמעסט זיך קעגן נעכטן, אַרײַנצושפּרינגען אין מאָרגן. ס'איז לידווונדער וואָס איז געוואַקסן פאַר אונדזערע אויגן, ווי די מאַגישע פלאַנץ אין דער באַקאַנטער קינדער־מעשׂהלע. אַבֿרהם סוצקעווער און זײַן ליד זעענען נאָך אַלץ — קורץ נאָך זײַנע 70קער — אין פערמאַנענטן קינסטלערישן אויפשטײַג, און די ברכה פון יידיש.

## ערשטער טייל: 1934־1964

# בלאָנדער באַגינען *

אַבֿרהם סוצקעווער האָט אַרײַנגעפּלאַטערט אין דער ייִדישער פּאָעזיע ווי אַ זוניקער יונגער זינגפֿויגל. זײַן בלאָנדער באַגינען האָט אַ כוואַליע געטאָן מיט געזאַנג, זיך אַ צינד געטאָן מיט אַן אייגן ליכטפּלעמל — אַ באַגינען פֿאַר זיך. און ס׳איז באַלד קענטיק געווען אַז ער איז בלאָנד־זוניקער פֿון אַלע אַנדערע דיכטערישע באַגינענס אין יענער צײַט. די בלאָנדע „פֿאַרב״ איז דעמאָלט געווען אין מאָדע, ווי אַ חן־פּינטל אויף דער יונגשאַפֿט פֿון די דיכטערס וואָס האָבן זיך געיאָוועט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אין צוויי פּאַראַלעלע קלאַנגעס האָבן זיי מאַרשירט, די יונגע פּאָעטן: איינע — אויף די באַריקאַדעס, אַנצוצינדן די וועלט מיטן פֿרײַהײַטפּלאַם; די צווייטע — אַן אינדיווידואַליסטישע, וואָס האָט אירע בלאָנדע טעג פֿאַרברענט אויף אַש, און אַוועקגעלאָזן מיט חלום־רויך אירע בענקשאַפֿטן.

אין דער אַ בלאָנדקייט האָט זיך סוצקעווער באַלד אויסגעטיילט — נײַ און אַנדערש. מהאי טעמא האָט אים די אָקערשט אויפֿגעקומענע שרײַבער־גרופּע, ״יונג־ווילנע״, — לויטן עדות־זאָגן פֿון זײַנע יענצײַטיקע חבֿרים — ניט געוואָלט אַקצעפּטירן ווי אַ מיטגליד. אָבער ס׳איז געווען די טראַגקראַפֿט פֿון גלייבן אין די אייגענע כּוחות, וואָס קיין באַשלוס האָט ניט געקאָנט אָפּשוואַכן. מיט עקשנותדיקן דראַנג האָט ער זיך געריסן צו דער וועלט, וואָס איז פֿאַר אים אויפֿגעגאַנגען פֿריש און נײַ. ״קוק זיך אײַן אין דעם געבורט פֿון וועלטן!״ האָט ער זיך אַליין אויפֿגעפֿאָדערט. פֿאַרכאַפּט נאָך פֿון יוגנטלעכער דערוואַכונג, האָט ער ניט געהערט ווי די זײַלן פֿון דער וועלט הייבן אָן זיך טרייסלען (ס׳איז געווען 1935), נאָר ער האָט גאָר דערזען און דערהערט אַ נײַעם ווונדער, ווי ״גראָזן פֿלאַפּלען. וואָרצלען לאַכן. הימלען העלן״. (פֿ״וו, ב׳ 1, ז׳ 28).

זײַן ריטמישע שורה האָט גערעדט מיט אַ צעיונגטער שפּראַך, באַשאַפֿן נײַע אימאַזשן, פֿײַן געפּרעסטע בילדער — צוויי ווערטער אַ בילד. ער האָט באַרירט די ווערטער, ווי מיט די שפּיץ פֿינגער, אײדל, באַזאָכט. דעמאָלט, אין בראשית פֿון שאַפֿן, ווען די ערשטע שפּירונג פֿון ״בלאָנדן יום־טובֿ״ האָט געוועקט סוצקעווערן, ״ווי אַ גילדן גלעקעלע״, איז געשלאָסן געוואָרן דער בונד פֿון שפּראַך און נאַטור:

> און די טויזנט שטילקייטן באַזונדער
> ריידן אויף דער בלאָנדער שפּראַך
> פֿון זאַנגען.
> (דאָרטן, ז׳ 28)

---

* פּאָעטישע ווערק, באַנד איינס, זז׳ 23—90.

זאַנגען און ייִדיש לשון — בײדע זענען געוואַקסן אין גאָלדיקן טאָל פון סוצקעווערס לידערהײם, ווו "אַ פאַסטעך זינגט אַ פויגלשע מעלאָדיע / דורכן טאָל / און זײַן ליד האָט אַלע זיבן חנען". (דאָרטן, ז' 28).

סוצקעווערס ליד האָט זיך געהנדלט צו דער נאַטור, ווי אַ פאַרליבט ייִנגל צו זײַן מײדל. דאָס ליד האָט געריַיפט, ווי "די זאַנגען (וואָס) זענען נאָך מיט ערד פאַר־דעקט". (דאָרטן, ז' 28). די יוגנט־טעגער האָבן מיט ליכטיקן גלויבן געקלונגען. און סוצ־קעווער האָט דערפילט, אַז אין אַזאַ יונגער וועלט לאָזט זיך צעבײַטן ברויט אויף גלויבן — וואָס קאָמפּענסירט פאַר אַלע מאַטעריעלע עשירותן:

מיט מאָרגנטריט אַ וואַנדערער קומט אָן.
איך גיב אים אָפּ מײַן לעצטן שטיקל ברויט
און פון זײַן וואַנדער־טאָרבע נעם איך — גלויבן.
(דאָרטן, ז' 29)

מיט אָט דעם ערשטיקן יוגנטלעך־אויפגעוועקטן גלויבן האָט זיך סוצקעווער געגרייט צום יום־טובֿ פון זײַן ליד, וואָס האָט זיך אין דער נאַטור און מיט דער נאַטור צעבליט:

איך וואַש אַראָפּ אין סאַזשלקע
פון זיך די בלאָע נאַכט
און גרייט זיך צו דעם יום־טובֿ
פון באַגינען.
(דאָרטן, ז' 29)

אַבֿרהם סוצקעווער האָט ניט אָנגעצייכנט אַ קרײַז אַרום זיך, ווי זײַן שפּעטערישע טעריטאָריע. די גאַנצע וועלט איז געשטאַנען פאַר אים אָפן און ער האָט זיך געריסן ־ווײַטער פון די דלד אָמות־ (דאָרטן, ז' 23) פון דיכטערישער ענגשאַפט. ער האָט געפילט אַז ער טאָר זיך ניט פאַרגראָבן אין זיך, ניט אויף איין אָרט בלײַבן. ס'איז אויפגעקומען די אַמביציע פון ווײַטער, ווו עס "שפּרייטן זיך פונאַנדער פּאַנאָראַמעס פון גראַניט". ס'האָט געצויגן דאָס "קלעטערן אַרויף", ס'האָבן געלאָקט די נאָך־אומבאַקאַנטע געטער פון פּאָעזיע:

נעם איך קלעטערן אַרויף. איך קלעטער
איבער פעלדזנשטיגן ביז איך גרייך
צו די בלאָע בראשיתדיקע געטער
איך דער הייך.
(דאָרטן, ז' 23)

און די געטער האָבן אים אויפגענומען אין זייער אָלימפּישער "הייך". ס'איז געקומען דער "עקסטאַז פון מײַן באַריר", און "פול מיט גליק" פון דער דערגרייכונג, ווערט ער "באַוועלטיקט" פון דער אייגענער גבֿורה, וואָס "כ'האָב אַרײַנגעבלאָזן הײַנט מײַן ווילן

אין גראַניט..." (דאָרטן, ז' 23). אַז ער האָט שוין באַהערשט די מאַטעריע, גייט ער אַראָפּ צו דער רעאַליטעט — "נידער איך פון פעלדז אויף דר'ערד אַרונטער / פול מיט גליק" (דאָרטן, ז' 23). און ווידער שפּאַנט ער "מונטער".

דאָס איז סוצקעווערס מונטער געזאַנג, וואָס האָט ניט געשמאַכט און ניט געוויאַנעט מיט די באַקאַנטע בענקשאַפטן פון ייִדישער יוגנט, מיט וועלטשמערץ און אומגעהיילטע ווונדן. פון זײַנע סאַמע ערשטע לידער אַנטפּלעקט זיך דער עלעמענט ליכט בײַ אים. ער איז באַוווּסט פון אייגענעם כּוח, וואָס שפּרודלט אין אים: ווי

> אַ קוואַל, פונעם ערדישן האַרץ אַרויס —
> רײַסט זיך מײַן לעבן צו ליכטיקייט.
> (דאָרטן, ז' 24)

נאָך מער האָט די ליכטיקייט מיטגעריסן סוצקעווערן. ס'איז געוואָרן דער שעפערישער פּיגמענט, אין אַלע פאַרבענקטע קאָלירן, אין זײַן בלוט. אַפילו דאָס עצבֿות בײַ אים האָט פאַרמאָגט מער ליכט ווי שאָטן. אַזוי ווערן סוצקעווערס לידער געבוירן במזל אור, ווי דער יסוד־היסודות פון זײַן געדאַנקען־וועלט ווו לעבן איז ליכט. און ליכט מיינט זײַן, זען, העלזען. דאָס ליכטיקע לעבן איז דער סאַמע פּאָזיטיווסטער באַגריף אין זײַן פּאָעטיש־אידעיִשער וועלט. אַפילו די לידער פון אומקום, אין זײַן געטאָ־תּקופה, האָט ער באַשטראַלט מיט ליכטיקייט, ווי אַ באַיאָונג פון לעבן און האָפן. און נאָך מער — פון זײַן ערשטן ליד ביז אויף הײַנט אַרבעט ער מיט אומדערמידיקן אָנשטרענג אויף דעם פּערפעקציאָניסטישן צוזאַמענשמעלץ פון ליכט־און־וואָרט, וואָס דאַרפן מיט זיך פאַרשטעלן דעם חיוניקסטן עקוויוואַלענט פון לעבן — גײַסט און קיום; ביידע צוזאַמען שטעלן פּאָר, אוניווערסאַל, דעם קרעדאָ פון מענטשנס אַלע שטרעבונגען — דערגיין צום אמת. אַוודאי האָט דער אָ ליכט־פענאָמען אָנגעפילט סוצקעווערן מיט דעם ספּיריטועלן כּוח צו "מאַכן" זינגעוודיק די אונטערערדישע קאַנאַלן, זיי צעבראָיזן מיט לעבן, אין פּנים פון טויט, און אַרויסקומען פון דאָרטן געשטאַרקט און זיכער אין נצחון.

ער האָט זיך שפּעטער אַפילו דערטראַכט צו אַזאַ טויט, וואָס וועט בײַ אים לעבן. ער פאַרניינט די מעלאַנכאָלישע פילאָסאָפיע פון טרויער און פאַרגיי, אויף איר אָרט קומט אויפלויכט און אויפגיי, ווי די קערנער אין פעלד וואָס גייען צוריק אויף אין זון נאָכן צעפאַל און צעפויל. על־כּן קאָן בײַ אים אַפילו אַ קבֿר זײַן ליכטיק־פאַרביק און אויסגעבעט מיט פלושענער צאַרטקייט. טויט איז די פאַרשטילטע שטומע רו, וואָס געבוירט לעבן אין אַלע זײַנע פאָרמען. מיטן ליכט־עלעמענט אין סוצקעווערס פּאָעזיע, באַשטעטיקט זיך דער באַווײַז, אַז אין זײַן אימפּערע לידיש פאַרגייט קיין מאָל ניט די זון. אַפילו די בענקשאַפט צו "באַשאַפונג" מוז זײַן ליכטיק. סוצקעווער האָט זיך ניט געצערטלט, ווען ער איז איבערגעגאַנגען צום געזונטן אַקטיוויזם פון "פאַרקאַשערטע אַרבל", בײַם שאַפן זײַן "זינגעוודיק ווערק". פון אָנהייב די 30קער יאָרן עד־היום איז ער כּולו וגופו אַרײַנגעטאָן אין דער ליטעראַרישער האַרעוואַניע, וואָס האָט אים אָוועקגעשטעלט ווי איינעם פון די אינטענסיוו שעפערישסטע פּערזענלעכקייטן אין דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע — אויב ניט דער שעפערישסטער, אין אַלע זינען.

אַבֿרהם סוצקעווערס ערשטער שאַפונג־פּעריאָד איז געווען אַ דירעקטער רעאַקטיווער אָפּקלאַנג אויף אומגעריכטע נאַטור־בײַטעניש. ווען ס'טוט אים ״פּלוצלונג באַפאַלן דער ווונדער פון העלן געשען״, שטעלט זיך צוזאַמען די פּראָגראַם

> פון שטראַלכעלעך, קלאַנגען, סיגנאַלן,
> פון זעונגען, זוניק געזונג
> (דאָרטן, ז׳ 25)

די נאַטור־דערשײַנונג ווערט דער בולטסטער סימן־היכּר פון זײַן פּאָעזיע. ער גרונט־טעוועט זיך צו דער טאָפּעלער ״באַשאַפונג״, פון קרעאַטיוון איך־און־נאַטור, וואָס ער זאָגט עס דורך אַ סימבאָליש־אימאַזשינירטן פאַרגלײַך: ״כ׳וואָרצל זיך אײַן אין דער שיינקייט / אַזוי ווי אַ בוים אין געבליי״. (דאָרטן, ז׳ 25). דער אמת אָבער איז, אַז ער האָט דעמאָלט מער געפּלאָנטערט פון איין ליד צום אַנדערן, ווי געוואָרצלט אין זיי.
און אָט דאַכט זיך אים גאָר, אַז ער איז שוין ״אַן אויפגעבליטער אין מײַן גאַנצער גרייס״ און „פאַרשטאַכן מיט געזאַנגען ווי מיט פּײַערדיקע בינען״ (דאָרטן, ז׳ 27). די יוגנט האָט געשפּראַצט און טריומפירט: ״ס'אָטעמען היימישע פעלדער מיט האָניק פון יוגנט״, (דאָרטן, ז׳ 30). אויף דער דלאָניע זענען געלעגן אַלע סימנים פון בענקשאַפט, ווי געזען אין קרישטאָלענעם צויבער־קײַלעך פון אַ טרעפּערקע: ״אַ וועג. / אַ פעלד. / אַ צאַפּלדיקע לאַנקע. / געהיימע טריט פון הונגעריקע וואָלקנס״. און ס'קומט די פראַ־גע: ״ווו זענען די הענט, וואָס שאַפן ווונדער?״ פאַלט כּמו גורלדיק דער ענטפער:

> אַ לעבעדיקע פידל איז אויף פאַראַן.
> (דאָרטן, ז׳ 31)

אַז ס'איז שוין פאַראַן אַזאַ ווונדערלעכע פידל, ״איז וואָס זשע בלײַבט צו טאָן אין אָט דער שעה״, אין אַ ״וועלט״ פון ״טויזנט פאַרבן? / סײַדן צונויפקלײַבן אין טאָרבע פונעם ווינט / די רויטע שיינקייט״? שטאָפּט ער טאַקע אָן די טאָרבע מיטן גאַנצן דיכטערישן רעקוויזיט. אין לעצטן אויסקלאַנג קומט אָפילו אונטער ״אַ׳ עלנט ווי אַ באַרג״, הגם אויף די זעלבע ״היימישע פעלדער״ האָט ער זיך ערשט פאַרשוואָרן קעגן: „הילכיקער, שטאָלענער טרויער! איך וועל דיך פאַרגעסן״. (דאָרטן, ז׳ 30).

□

אויב אַ לייענער פּרוווט גיין אין די לידערטריט פון זײַן פּאָעט, ווערט עס אַן אומגע־ווינלעך פאַסצינירנדיקע שפּיל, ווי אַרײַנגעדרייט אין אַ כּישוף־ראָד. מ'דאַרף באמת ליב האָבן דעם פּאָעט און זײַן פּאָעזיע, כּדי נאָכגיין „ווו עס ברענט דער שפּור פון מײַנע טריט״. גייען מיר טאַקע אויף די דאָזיקע לידערשפּורן. די לידער פאַרכאַפּן אַלץ מער, און מיר פּרוּוון אַרײַנבליקן פון הינטער די שורות אין לעבן, דענקען, געמיט, חלום און וויזיע פון אַבֿרהם סוצקעווער.
אַזוי ווערט אַלץ קלאָרער דער סוצקעווער־גאַנג אויף זײַן אָנהייב וועג, און שפּעטער — די ברייטערע וועגן פון זײַן פּאָעזיע. און אָט בלײַבן מיר שטיין פאַר אַ ליטעראַרישן

די ערשטע פון דעם זשאַנער, "דער פויגל און די האַנט", (דאָרטן, ז' 34), ווײַזט אויס ווי אַן עקספּערימענט, וואָס איז אַהער אַרײַנגעפאַלן בהיסח־הדעת. אָבער גראָד דער דאָזיקער אַן אַזוי גערופענע פּאָעמע אין פּראָזע.

די ערשטע פון דעם זשאַנער, "דער פויגל און די האַנט", ווײַזט אויס ווי אַן עקספּערימענט, וואָס איז אַהער אַרײַנגעפאַלן בהיסח־הדעת. אָבער גראָד דער דאָזיקער "צופאַל" האָט סיגנאַליזירט צו מײַן אויפמערק אויף יאָרן שפּעטער, ווען אַבֿרהם סוצקעווער האָט אויפגעלויכטן מיט מײַסטעריש־בריליאַנטענע פּראָזע־שטיקער אין זעלבן נוסח. הינטער די קוים 30 שורות, זעט אויס, איז שוין געווען פאַרבאָרגן די צאַפּלדיק־אימפּולסיווע קראַפט, וואָס האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַרויסגעבליצט מיט אַ מערקווערדיק ליכט: גרינער אַקוואַריום א״אַ דערציילונגען (צו וועלכע מיר וועלן נאָך דערגיין אויף דעם פּאָעטס וועג, אויף וועלכן מיר לאָזן זיך). די סקיצע, "דער פויגל און די האַנט", איז אַן ספק דער אויסטערלישער פאַרלויפער צו אַלע שפּעטערדיקע ווערק פון דעם זשאַנער, און אַן איבעריקער אַנדײַט אויף דער גראַדליניקייט און גאַנצקייט פון סוצקעווערס שעפערישן וועג.

פּאָעזיע פאַר סוצקעווערן דעמאָלט איז געווען "די פײַער־שיינקייט" פון דער נאַטור. און וואָס מער ער איז געקומען אין באַריר מיט דער זינגעוודיקער פּען, איז די גלייביקייט געוואַקסן. אַן אַנגעלאָדענער מיט מוט און וואַקסנדיקן אָפּטימיזם, אַז ער וועט די פליגל ניט פאַרברענען אין געפלי.

ווידער ליגט די ערד אין פײַער־פאַרבן.
ס'איז פריִער האַרבסט. עס זינגט די פען: ס'איז שיין!
די פײַער־שיינקייט שמעקט מיט רײַפע גאַרבן,
אין פײַער־שיינקייט וואַנדערט מײַן געביין.

און ער פאַרענדיקט דאָס ליד אויף אַ יובלדיק פערזענלעכער נאָטע:

ווי די ערד, מיט פרוכטן און מיט קאָרן,
איז איצט רײַף מײַן לעבן און מײַן פען.
(דאָרטן, ז' 35)

די אַ פריידיקע דערקענטעניש פון זײַן רײַפקייט און דערפאַלג האָט אים אויך געפירט צום "פאַרמעסט" מיט זײַן אָביעקט: ווער קאָן מער געבן? די נאַטור — שפעדיק, סוצקעווער — שעפעריש. אַן ספק איז די נאַטור, וואָס דער דיכטער שעפט פון אירע קוואַלן, אַ סך שטאַרקער פון אים, זי קאָן דערפרייען אָבער זי קאָן אויך צעברעכן. אָט איז שוין זײַן "זוניק לעבן" וואַלקנדיק און "ביז צום געפלאַץ דאָס געפיל אָנגעצויגן". ער איז אַנטוישט, און "ס'איז ניטאָ קיין באַהעלטעניש" ווען אַלץ פאַרראַט. אַפילו

פרײַהייט און גלויבן — צווי העלסטע מזלות
וואַרפן מיט שטיינער מיר האַנאַראַר.
(דאָרטן, ז' 36)

אַבֿרהם סוצקעווער זוכט אין עפּעס אַ טרייסט. צום ערשטן מאָל, דאַכט מיר, גיט אַ שטאַרקערן ציטער מיט אָפּנקייט זײַן שורה: ״גוט נאָך, וואָס צאַרטע אָרעמס דער־פרייען, לײַכטן אין שיינקייט״. מיר דערפרייען זיך צו געפינען אַזאַ שורה בײַם פּאָעט, וועלכער האָט מיט כּמו־נזירישער פרומקייט פּאַרמאַסקירט די עראָטישע צאַפּלענישן הינטער די שורות, הינטער סימבאָלן און סופּערלאַטיוון. אפשר איז עס גוט געווען פאַר דער ריינער קונסט, אָבער פאַרן לייענער איז מער נאַטירלעך צו זען פון צײַט צו צײַט דעם מענטש אין פּאָעט. אָבער סײַ ווי איז סוצקעווערס ערשטע ליבע די שיינקייט, וואָס איז אַלמענטשלעך.

ער זינגט־אויף וועגן זײַן אייגענעם קרײַז, וועגן די ״גייער פון נאַכט״:

— מיר זענען אַ האָרדע פּאָעטן
פון אַלערליי שבֿטים און לענדער.

און ס׳האָט אונדז צחאָמען
פאַרברידערט,
פאַרלידערט,
די ליבע,
דאָס לעבן, —
דער פלאָם פון די פלאָמען.
(דאָרטן, ז׳ 37)

ער אַליין גלייבט קוים זײַנע פאַרכלינ׳עטע רייד און ס׳טוט זיך אַ ריס די פראַגע:

— זענט איר וויזיע צי וואָר?

— מיר זענען דאָס רויטע געשפּענסט פון אַ דור.
(דאָרטן, ז׳ 38)

דער אינסטינקט האָט אים מסתּמא דעמאָלט אונטערגעזאָגט די צוויי ווערטער ״רויטע געשפּענסט״, וואָס איז לכתּחילה געמיינט פּאָזיטיוו. די צײַט האָט אָבער דעם אַ סו־פּערלאַטיוו איבערגעמאַכט, פּשוטו כּמשמעו, אין זײַן באמת געשפּענסטיקן באַטײַט. מע מעג אָננעמען אַז פאַר דעם קאָנטררעוואָלוציאָנערן ״געשפּענסט״ וואָלט סוצקעווער שפּע־טער טײַער באַצאָלט, ווען ער בלײַבט חלילה מיט דער ״האָרדע פּאָעטן״ (אויך נעגאַ־טיוו), וואָס זענען פון ־אַרום די פֿײַערן־ אַרײַנגעשלײַדערט געוואָרן אין ברענענדיקן פּיסק פון רויטן געשפּענסט. סוצקעווער האָט כּמעט ניט פון דעם מין לידער, וואָס דאַרפן זײַן פּאָעטישער צינדז צו עפּעס אַ רעזשים אָדער אַן אידעע. ווײַל תּוך־כּדי־דיבור — טאַקע אין קומענדיקן ליד — געפינט ער אויס, אַז די ־אידעע־ וואָס האַלט זיך אין גרויסן, כאָטש ״פאַל און קוש דעם שטויב פון מײַנע טריט״, איז ניט קיין באַשטענדיקע:

אַלע נאַכט איז מיר דײַן וועג אַן אַנדער...
ס'בײַט זיך דײַן געדאַנק ווי די נאַטור.
(דאָרטן, ז' 39)

אין יענעם זיך כּסדר טוישנדיקן רעזשים, אין סוצקעווערס פּוילן, האָט ער גוט געוווּסט ווי די אידעען בײַטן זיך פֿון הײַנט אויף מאָרגן. די רוסן האָבן אַן אומסימפּאַטיש זאָגעלע וועגן אַזעלכע אידעען צעבײַטער: ווו דער ווינט בלאָזט... אָבער סוצקעווערן האָט נאָך אַלץ פאַרכאַפּט די אידעע — „ליכטיק ווי אַ געטלעכע פיגור". ס'איז דערפאַר ווײַל זי האָט אין זײַן "געוויסן אין אַ וועלט אַ נײַער זיך צעשײַנט".
די אידעע איז געווען זײַן אילוזאָרישע וועלט און די ערשטע יונגשאַפט פון זײַן ליד. מיט אַלע פיבערן פון זײַן נשמה האָט ער זי דערפילט. זי האָט זיך אים איבערגעגעבן מיט פול־צאַפּלדיקער ליבע: זאָל ער זען, זאָל ער מאָלן, זאָל ער מײַן שיינקייט געניסן! די ערד איז געוואָרן די "פרילינגדיקע בייט" וואָס האָט געבעטן:

פאַרזיי אין מיר דעם שעפערישן פלאַקער,
וואָס איך בין לאַנג שוין אויפצונעמען גרייט.
(דאָרטן, ז' 40)

אַבֿרהם סוצקעווער האָט געפילט די גרינגשאַפט פון זײַן פּאָעטישן פלי. די גאַנצע נאַטור איז ווי אַ פעדער לײַכט און האָט צו זאָגן "בלויז אַן איינציק וואָרט —: גלייב!" (דאָרטן, ז' 41). מסתּמא האָט זיך דער אומשולדיקער ג ל י י ב אַנגעהערט פרעמד צווישן די אידעען פון זײַן צײַט. ער האָט אָבער געזען די נאַטור, און איז כּסדר מיטגעבוירן מיט "דעם געבורט פון וועלטן". וווּנדער־וועלטן. וואַנדער. זוכעניש. און אויפן עקראַן פון די לידער וואַנדלט זײַן פּאָעטישע געשטאַלט, ווי מיר וואָלטן "זען" דעם ראָמאַן פון אַ פאַרליבטן אין דער וועלט. זײַנע דעמאָלטיקע לידער זענען סערענאַדעס פאַר איר שיינקייט. ער איז פאַרליבט ביז איבער די אויערן, ווי די עראָטיק וואָלט זײַן סובלימירט אין דער נאַטור. דער פּאָעט־ריטער פאַרבעט די נאַטור צום טאַנץ: "בייגעוודיקע זאַנגיקייט", אין אַ „הימלבלאָען קלייד" און „די אויגן — סאַמעטענע פרייד". ער ווערט "אַ פרילינגדיקער שטראָם", און די ליבע איז „דורך איטלעכן אַטאָם" —

און מיט אַ מאָל מיר גיבן זיך אַ שטורעמדיקן טראָג
דורך גרויסע וועלדער טונקעלע — אַריבער נאַכט און טאָג.
(דאָרטן, ז' 42)

איז דער טאַנץ דערווײַל אַ נאַטורישער, אָבער דורך אַ דין שפּעלטעלע בליצט אַרײַן די וויזיע פון מאָרגנדיקן שטורעם און טונקעלע וועלדער. די נאַטור פון "האַרבסטיקע טענץ", בײַ סוצקעווערן, איז אויך פאַרליבט. זי ווײנט ניט מיט טרערן אויף די שויבן, רײַסט ניט די קאַפּאָטע און בראָדזשיעט ניט מיט פאַרלאָטעטע שטיוול אין בלאָטע, נאָר זי פּראַוועט גאָר אַ ליבעשפּיל:

אויפן פעלד —— אַ העלער סנאָפּ, געאָרעמט
מיט אַ סנאָפּיכע, שפּאַצירט פּאַרביי —
חתן פירט זיין כּלה, ווו עס פאָרעמט
וואָלקן זיי אַ נאַכטלעגער געטריי.
(דאָרטן, ז׳ 43)

און דער שטורעם אַפילו איז צאַרט און ליריש, כאָטש גיי אַרויס טאַנצן:

וואָלגערשטיינער ציטערן ווי האַרפן,
וואָלגערוווערטער שיכּורן באַהאַרצט.

און ער רעדט צו זיך ״שפּיל פּאָעט״ — — —

יעדע שיינקייט זאָל איצט ווערן שענער,
אָפּגעקילטער אַש — אַ ניי געבורט.
(דאָרטן, ז׳ 44)

איצטער ווערט די שיינקייט אַריינגעטאָן אין גוף. דאָס עקזאַלטירטע גליק פון ״גליי־דער״, ווען עס „ווערט דער הימען פון דער וועלט דערקענט״ און ״עס ברענט גייסט און קערפּער״. ס׳איז הזדווגות און התעלות, ווי די צוויי יסודות פון קיום: ״ערשטער תענוג פון אַן אַקט״. דער תענוג־ריטעם איז דער שטראָם פון לעבן, פון מענטש, פון נאַטור. עס איז אַ מין נייער פּאַנטעיִסטישער הימען צום אַקט פון באַשאַף: דער גאַנ־צער אוניווערס. סוצקעווער נעמט אויף מיט פולער דערקענטעניש זיין חלק אין שפּיל. ער טוט אַ ״מורמל״ זיין ״נאָמען״ —

און צו אַלע ערדישע אָטאָמען
שריי איך אויס אַ גלייביקער: א י ך ב י ן !
(דאָרטן, ז׳ 44)

אַז ער איז שוין אַזוי אינטים מיט די אַטאָמען, מעג ער זיך פאַרגינען דעם פּאָעטישן לוקסוס: ״דורכשווימען דורך סאַמע האַרץ פון אַל״. ער שווימט אומדערשראָקן צום ציל, מיט אַלע צעלן פון גופיקער אויסגערייפטער פרייד, פּונקט ווי ״דאָס פעלד״, וואָס „אין פיינערדיקער פייכטקייט שמייכלט קעגן מעסער קלאַנג און פאַרב״. ער דערפילט דעם אייגענעם כּוח פון „פאַרנעמען״ וועלטן: ״פון אַ יינגל וואַקס איך אויס אַ גיבור״ — ס׳דערמאָנט אַן מיטאָלאָגישן ריז, וואָס איז מיט די פיס פאַרגרונטעוועט אין דער ערד, און מיטן קאָפּ אין הימל:

איבער מיר — די דימענטענע וועגאַ,
לעבן מיר — מיין לעבן, פרעמד און גרויס.
(דאָרטן, ז׳ 46)

דער אינטערלוד פון דער פאָעמע "האַרבסטיקע טענץ" (ה קאַפּיטלען, צו 5 פיר שורהדיקע סטראָפעס) דערציילט, ווי "ליַידנשאַפטלעך, נאַקעט קומט דער שטורעם", וואָס איז אומ־דערבאַרעמדיק און "אַלץ — ווערט פאַרשלונגען" פון אים —

> איך מײַן ליד, וואָס כ'האָב נאָך ניט דערזונגען,
> איך מײַן יוגנט־ריח נעמט ער מיט.
> (דאָרטן, ז' 47)

נאָר אויפן דיכטערס "תפילה" האָט ער קיין שליטה ניט, ווײַל אויף דעם "קלעקט אים ניט קיין ווינט". אָבער אָט „נעמט דער שטורעם מיך מיט רעגנס בינדן" און אָנשטאָט דער "יוגנט (וואָס) נעמט פאַרשווינדן — אַ וואָלקן הייבט זיך אויף" (דאָרטן, ז' 47). ס'איז דער רעגן פון שעפערישער מזל־ברכה, וואָס סוצקעווערס געזאַנג איז פון אים געוואָקסן מיט אַזאַ גערעטעניש פון יונגע ליבעס און יונגע לידער.

סוצקעווערס פאָעטישע פּען באַרירט אויך אַנדערע טעמעס, וואָס זענען אים נאָענט צום האַרצן. אָט, למשל, האָט ער, מיט אַ דין־פילעוודיקער אינטויציע, אַרײַנגעגעבן אין צי־גײַנערס מויל גורלדיקע רייד, וואָס וואָלטן געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר די ייִדן אין יענע טעג:

> — העי, ברידערלעך מײַנע, איך זע ווי עס קומט שוין דער סוף
> צו אונדזער ציגײַנערשן שטאַם. און מיר ווערן פאַרזונקען
> אין תהום און פאַרלאָשן צו גלײַך מיט די שײַטערשע פונקען.
> (דאָרטן, ז' 48)

אין דעריבער זאָל זײַן חי־געלעבט: "צעזעצט די באַנדורעס! צעשלײַדערט פאַר ווינטן די טענץ!" — "ווײַל דעמאָלט ניט זײַן וועט שוין מער קיין ציגײַנערשער שבט". (דאָרטן, ז' 48).

הײַנט, לייענענדיק די "שיכּורע אַלטע באַלאַדע" וועגן "אַ מחנה ציגײַנער (וואָס) זיך טוליעט ווי שעפּסן אַ סטאַדע", דערמאָנט עס דעם אייִן בלוטיקן וועג, אויף וועלכן ייִד און ציגײַנער האָבן זיך שפּעטער צוזאַמענגעטראָפן.

די גאַנצע סעריע האַרבסטלידער איז אָנגעכמורעט מיט עלנט. דערפאַר אפשר טראָגט זיך דער דיכטער צו די הימלען, צו די טענץ, צום ריטעם פון נאָך אַ גוף, כּדי אַרויס־צוטראָגן די איינזאַמקייט פון ליד, ניט צו בלײַבן ליגן "לעם זיך אַליין". און ווען ער פאַרקריכט אין דער "סקירדע היי", וואָס "דערמאָנט מיר אין מײַן גורל", איז ער שוין אַזוי אויסגעשעפּט און מיד — „ביז וואַנען כ'וועל אַליין אַ סקירדע היי". (דאָרטן, ז' 49).

ער אָטעמט אײַן דעם "געררוך פון בלוט ווי בלײַענדיקער האָניק". די אַ חושימדיקע אַסאָציאַציע קומט אויף נאַטירלעך, ווי לעבן און ערד: "עס שלאָגט מיט הייסער לוסט דער רויער פּליין". בלוט און האָניק ווערט אַ מין רעאַליסטיק, וואָס ברענגט דעם ריח

פון לעבן און באַשאַף, פון געבוירן ווערן. דער שאַרפער כמו אומעסטעטישער קאָנ־טראַסט פון די צוויי געפּאָרטע סובסטאַנטיוון ווערט פאַרוויט. בלוט און האָניק קענען אויך זײַן סימבאָלן פון קינדשאַפט און אומשולד, אָבער מיטן ריח פון "גרינער צײַט" ווערט עס אַלץ פאַרויגנט. די קאָמפּלעקסן ווערן נאָך מער קלאָר: "איך שפּיר דורך זיך דעם גאַנג פון בלום און קאָסע". די בלום און קאָסע זענען באַקאַנטע אַלעגאָ־רישע "קרובֿים", אויב בלוט קען שמעקן ווי האָניק, אין חושימדיקן אויפֿנעם, קען זיך "מזבח פון פאַרבן, ריחות", פאַרוואַנדלען אין אַ סימבאָל פון דיכטערישער גלאָריע, פונקט ווי די איבעראַנדערשונג פון ווערן "אַליין אַ סקירדע היי". דאָס זענען חלומות אויף דער וואָר. ווען מיר נעמען אַוועק די שלייערן פון מעטאַפאָר און סימבאָל, ווערן זיי רעאַליסטיש.

אַבֿרהם סוצקעווער האָט דעמאָלט געוואָלט "אַוועקגיין". ער האָט געגלייבט אַז אַלץ וועט מיטגיין — דאָס "ליד" און דער "דאָך" און אַפֿילו

דער גורל וועט נאָכגיין אַ היימיש געטרײַער
דורך וואָלקנס, דורך טײַכן, דורך שטורעם   און פֿײַער
אין צוקונפֿט אַרײַן.
(דאָרטן, ז' 50)

ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די "צוקונפֿט" האָט שוין געהאַט אויסגעבריט אין פֿינצטערן טראַכט די זוימען פון רציחה, ווו מזבח און בלוט וועלן באַלד ווערן די פּראַקטישע וואָר. ס'איז ערשט געווען 1936. בײַ סוצקעווערן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער בלאָנדער באַגינען, און ער האָט ניט געקענט רעזיגנירן פון זײַן ליכטיקייט־באַרוף:

אויך דו, וואָס אין דײַן טיפֿעניש גייט אוף
די ערשטע ליכטיקייט פון דײַן באַרוף.
(דאָרטן, ז' 51)

זינגט ער צו זיך אַ ליד: "צו מײַן געבוירן־טאָג". נאָר ער האָט אויך געזען די צײַט מיט ליכטיקע אויגן, ניט פאַרפּאָעטיזירט. ווי די "צוקונפֿט" וואָלט זיך דורך נאַכט אויסגעקלאָרט, רעדט ער שוין צו זיך וואָרענענדיקע רייד:

נייט קיין פּאַווע איז דײַן דור, מײַן ברודער,
נאָר זונפאַרגאַנג אויף שטורעמס האָריזאָנט.
(דאָרטן, ז' 51)

ס'איז אָנגעלאָפֿן די עפּאָכע פון זונפאַרגאַנג. פון יענער זײַט גרענעץ האָט שוין די "נאַכט פון לאַנגן מעסער געשפּריצט מיט יודענבלוט". סוצקעווער האָט שוין באַמערקט, אַז "די וואָלקנס רונד אַרום — דאָס זענען די אילוזיעס, פול מיט גרויל", האָט ער געזוכט צו זײַן אַנדערש — ער האָט "פאַרב פון דײַנע טרוימען", און געמיינט אַז "דאָס איז ווויל". גיין "אָנגעטאָן אין קלאַנגען" האָט געזאָלט זײַן אַ מין קאָמפּענסאַציע.

ער האָט זיך געמוטיקט: "צערײַס די נאַכט, וואָס פלעכט פאַר דיר אַ תּליה־שטריק פון שטערן", אָבער ער האָט שוין מער ניט געקענט צערײַסן די נאַכט.

די שטימונג פון 23 יאָריקן פּאָעט איז געווען קעמפּעריש, ער האָט געטראָגן מיט שטאָלץ זײַן באַרוף, ניט געקוקט אויף דעם וואָס די גרויל־אילוזיעס האָבן זיך געמערט און די שטערן זענען געוואָרן אַלץ ווייניקער. די אומגעזעענע תּליה־שטריק האָבן זיך שוין גע־וויגט איבער ייִדישע קעפּ.

די פּאַרקלעמטע פאַשיסטישע אַטמאָספער פון דער דעמאָלטיקער פּוילן האָט געשטיקט די ייִדן: עקאָנאָמישער גוואַלד קעגן ייִדישע סוחרים, פּאָגראָם־שטימונגען אין גאַס, געשלעגן אין אוניווערסיטעטן מיט ייִדישע סטודענטן. אין דײַטשלאַנד האָט געבושע־ וועט די נאַצישע וואַקכאַנאַליע און דער מטורפער "פירער" האָט גערעוועט מיט גאַווער קעגן אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניסטישן און קאַפּיטאַליסטישן יודענטום. דער פּאָעט האָט דערפילט אַז דאָס לעבן ווערט פאַרענגט און ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך אמתער "ברודערשאַפט":

> שווער איז אונדז לעבן אין טורמישע
> בלוטיק־באַשטערנטע שטעט.
> (דאָרטן, ז' 53)

די "תּליה־שטריק פון שטערן" איז שוין געוואָרן אַ סימבאָל מיט בלוט. סוצקעווער איז אָבער געווען אַ פּאָעט און ניט קיין דיפּלאָמאַט, על־כּן האָט די אילוזיע פון גרויל זיך געקענט לײַכט פאַרוואַנדלען אין דער אילוזיע פון חלום. אָט טוט ער אַ ווײַז אויף "אַן ערד אַ באַקאַרנטע", אויף זײַן חלום־מאַפּע. ער האָט אַ רגע געגלייבט, אָדער נאָר געוואָלט גלייבן, אַז זי „רופט אונדז, חבֿרים פאַרצאַרנטע, ווי אַ געליבטע — אַהין". די ברודערשאַפט איז אים איצט נייטיק געווען, אויב אַפילו ווי די אילוזיע וואָס ער האָט "אייביק געזוכט..." פון "מײַן אויסגעבענקטער שבֿט דער גערעכטער":

> פּאָרויס — האָט אין אַ ווײַסן פערד און וואָגן
> די פרײַהייט זיך געטראָגן
> יונג און דרייסט.
> (דאָרטן, ז' 55)

ער „דערהערט דעם מאַרש" וואָס גייט צום "זיג!". און אַפילו "אויב פאַרראַטן האָט אַ וועלט, איז וואָס? / אָפן איז פאַר אונדז דער מאַרגנשלאָס!" חוזרט זיך כּסדר איבער דער רעפרייק פון די צוויי שורות. צום סוף־ליד האָבן זיך די צוויי שורות געביטן, ווי אַ וויזיע פון אַ גורלדיקן אָנזאָג:

> נאָר אָט האָט שוין די זעונג אויסגעטריפט
> און מײַן שבֿט קומט ניט מער צוריק.
> (דאָרטן, ז' 57)

וואָס עס זאָל ניט זײַן די סיבה פֿון ניט קומען צוריק — קידוש האידעאַל צי עפּעס אַנדערש — קלינגט עס ווי אַ טרויעריקע נבֿואה.
דער אָטעם פֿון דער צײַט האָט אַזוי אַרום ניט אויסגעמיטן סוצקעווערן. ס'האָבן שוין אַ בלאָז געטאָן אין זײַן געמיט ציטעריקע טענער. די טעמעס פֿון שווידער — האַלב אַבסטראַקט, האַלב רעאַליטעט. אָט שילדערט ער "אַ מענטש אַזאַ, מיט אויגן פֿון אַ סאָווע", וואָס דערוואַרט זײַן גורל — אין טורמע — און "פּאָר זײַנע אויגן צאַפּלט זיך אַ שטריק...". די שטריק איז מער פֿראַזאַיִש ווי די "תּליה־שטריק פֿון שטערן".
די גאַנצע פּאַנאָראַמע איז פֿאַרגליווערט, ווי ערבֿ וועלט־אונטערגאַנג: דאָס "בלוטיק ייִנגל וואָיעט ווי אַ וועלפּל", דער "באָסיאַק מיט רינגען צוויי אין אויער", דער "דאַרער פּויער (וואָס) כליפּעט פֿון אַ מאָרד" און דער "בראַנדזענער ציגײַנער". איידער עס גייט אַוועק די "שטאָט אין פֿלאַמען", איז שוין זייער אַלעמענס גורל געחתמעט. זיי פֿילן עס, זיי הערן ווי "ס'איז שטיל": —

> און, אַ געקרייציקטער, אין דרויסן הענגט
> דער אָוונט.
> (דאָרטן, ז' 58)

ווער האָט געקרייציקט דעם אָוונט? אַפֿילו "אויב פֿאַרראַטן האָט אַ וועלט", האָט דער דיכטער אָפּגעשיידט דעם אָוונט מיט צוויי קאַמאָס פֿון ביידע זײַטן "אַ געקרייציקטער", אַ מין יבדל לחיים־אָוונט, לעת הצורך וועט מען אים פֿון קרייץ אַרונטערנעמען.
דער פּאָעט פֿילט שטאַרקער, ווי „די בראַנדזענע ברוסט פֿון דער ערד אָטעמט יאָמער־דיק אָפּ", און "אַ בלײַענע האַנט" פֿאַלט אויף אים אַראָפּ, "ווי אַ האַק אויף אַ צוויטיקן בוים". פֿון דער בלײַענער האַנט ווערט נאָך דעם "אַ לאַנגע פֿײַערדיקע האַנט (וואָס האָט) די טויערן פֿון געטאָ אויפֿגעריסן". "ס'איז מעסערדיקע וואָר" פֿון "אַ דור פֿון קעמפֿער, זינגער און פֿאַרברעכער". בײַ די טויערן פֿון געטאָ, ווו "די אומרו קלעטערט ווי אַ שלאַנג", האָט פֿאַרבלאַנדזשעט "אַ קאַטאַרינשטשיק". זײַן "געזאַנג" וועגן "פּאַג־ראָם — בליצט אַרײַן אין אויער". ס'קומען "קינדער — בלאָ און נאַקעט" — און אַלע צוזאַמען

> פֿאַרקנוילן זיך אין איינעם
> אין אַן עיגול,
> און איינער פֿאַרן צווייטן איז אַ שפּיגל.
> (דאָרטן, ז' 61)

אַלץ צעשפּיגלט זיך אין אַ שטילער, כמעט לירישער געטאָוועלט, אַ פֿאַרצרהטער וועלט פֿון ייִדן. "ס'טרעפֿט" אויך, עס "פֿאַרפֿלייצן די געסלעך בלאָאויגיקע יונגעץ". — זיי קומען "דאָס פֿאָלק פֿון זײַן געטאָ באַפֿרײַען!" און "די געסעלעך — זעען דאָס בלוט פֿון דער ליבע און פֿרײַהייט". דאָ האָט סוצקעווער, ווי אַנדערע ייִדישע דיכטער, גע־חלומט פֿון אויסלייזונג, געבענקט נאָך גאולה.

דאָס ליד שליסט זיך טאַקע מיט פאַרבענקטע טענער: "אָוונט. די געטאָ נעמט בלאָען". אין דיכטערס נשמה קומט אויף צאָרן און פאַרדראָס אויף דעם שטומען פאָלק, וואָס זיצט מיט פאַרלייגטע הענט. ס'גיבן זיך אַ ריס אַרויס ווערטער פון כּעס און געבייזער, וואָס דערמאָנט מיטן ריטעם און אויפשרײַ אין די צאָרן־לידער פון ביאַליקן, ווען ער האָט געוואָרפן שפּיזיקע ווערטער צום מידבר־פאָלק אים אויפצורײַסן פון שלאָף:

ניט איך, עס וועט אַן אַנדערער דאָ אויפגיין צווישן אײַך
און וועט אויף שטויב און אַש צעשטויסן אײַער קעניגרײַך.
וועט פאַר די קודלעס האָר, מיט נאַכט און שטורעם דורכגעוועבט,
אײַך ברענגען אויף צוריק און מוטיק אויסדונערן: — לעבט!
(דאָרטן, ז' 64)

אין דעם קורצן ליד זעט ער שאַרפער דעם טראַגישן אַנלויף פון די געשעענישן, וואָס וועקן אַסאָציאַציעס פון יידישע געסלעך, אַ געטאָ, פון בלוט, קאַמף און קאַנטורן פון תּליות: "איך קען זיך שוין מער ניט פאַרצאַמען / מיט גילדענעם פלאַנקען פון טרייסט", ווײַל "וואָס איצט איז פאַראַן, איז בלויז ציינער / און שטעכיקער דראָט אונטער פיס". (דאָרטן, ז' 65). זײַן ענטוזיאַסטיש וואָרט לעשט זיך: "כ'לעסטער די זון, וואָס גייט אויף און פאַרגייט", און ס'טוט אים ווי פאַר דער מאַמען, וואָס האָט „אַ מאָל מיט איר זון זיך געגרייסט".

□

1936. אַבֿרהם סוצקעווער האָט דורכגעלעבט, מישפּטנדיק לויט זײַנע יענצײַטיקע לידער, אַ וואַקלדיקע תּקופה, ווי ער וואָלט זיך ניט געקענט באַשליסן וואָס צו טאָן פאַר זיך און מיט זיך, וווהין זאָל ער גיין. די און אַנדערע פראַגעס האָבן אים אַ פּנים ניט געלאָזט צו רו. די יונגשאַפט האָט אים אָבער געהאַלטן געבונדן צו זײַן היים, צו זײַן שטאָט, צו זײַן ליד וואָס האָט געשפּרודלט מיט אַ שפע פאַרבן און ריחות. ער איז געווען פאַרשיכּורט מיט וואָרט און פאַרליבט אין לעבן. די נאַכט שוואַרץ, דער מאָרגן האָט קיין פּנים ניט געהאַט. דאָס אַלץ האָט קיין גוטס ניט אַנגעזאָגט.
סוצקעווער איז קענטיק ניט געווען פאַטאַליסטיש. ער איז געווען יונג, צעזונגען און גלייביק. אַ מיסטישער גורל האָט סוצקעווערן געפירט אויף זײַן וועג, ווי דער "געהיי־מער היראָגליף" פון "בריור" (דאָרטן, זײַט 66־67). דער בריוו איז הײַנט ניט נאָר פאַר סוצקעווערן קלאָר, נײַערט פאַר יעדן איינעם פון אונדז. מע דאַרף עס לייענען אין גאַנצן, ווײַל דאָס איז אַ ליד־דאָקומענט פון דיכטערס יונגע יאָרן, געשריבן אויף דעם אַנגעגליטן באָדן פון אַ וועלט וואָס האָט פאַרראַטן.
סוצקעווער איז אפשר דאָס "ייִנגעלע, בײַם פענצטער", וואָס קוקט אַרויס מיט פילאָ־סאָפישן אומעט אויף דער וועלט. די "יאַגנדיקע באַנען" זענען ווײַט הינטער אים, אָבער די היים איז געבליבן. "דער האַרבסט וואָס האָט דורך נאַכט" דעם עפּלבוים "אויסגע־ריסן", האָט איבערגעלאָזן אַ בענקשאַפט, דורכזיכטיק ווי "די לופט", און פילט אים אַן מיט דערמאָנונגען. אפשר דערפאַר האָט ער דעמאָלט אַנגעשריבן די צאַפּלדיק־וואָרע־

מע לירישע פּאָעמע ״ציפּריאַן נאָרוויד״. ער האָט אַרײַנגעזונגען און אַרײַנגעחלומט די אייגענע בענקשאַפטן אין האַרצן פֿון פּוילישן פּאָעט און פּאָליטישן עמיגראַנט, די ליבשאַפט צו זײַן ״היים״ און ״די פּוילישע, די טרויעריקע ערד״. סוצקעווער האָט דער־פּילט די קרובֿישאַפט פֿון ״פּאָעט — ווײַט אין נאַכטאַזיל״ און ״יענע בענקשאַפט דײַנע, וואָס צו פֿרײַהייט איז געווענדט״, ווײַל אויך ער, דער ייִדישער פּאָעט פֿון ווילנע, איז געווען ״יונג און פֿול מיט האָפֿן״.

סוצקעווער האָט אויסגעמאָלט די געשטאַלט פֿון פּוילישן פֿאַרוואָגלטן מײַסטער מיט ליבשאַפט, אין ליכט פֿון צויבער און שיינקייט: ״מיט שטאָלצן טראָט — מאַרשירסטו אין דער וועלט אַוועק״.

סוצקעווערס טראָט איז געווען געבונדן. ס׳איז ניט געווען ווי און וווּ צו לויפֿן. דאָס פּנים פֿון איראָפּע איז געווען צעשמירט מיט בלוט און שמוץ און שרעק. ס׳איז ניט געווען אָן וואָס אָנצוהענגען די האָפֿענונג פֿון מאָרגנדיקן טאָג. דערפֿאַר האָט ער אַוודאי דער־פּילט שטאַרקער דעם גרויסן עלנט־טרויער פֿון זײַן ״ציפּריאַן נאָרוויד״ (דאָרטן, ז׳ 68־74), דעם געקומענעם פֿון גלות, און פֿון זיך אַליין — דעם פֿאַרבליבענעם אין היים־גלות. אין פּערספּעקטיוו פֿון צײַט האָט די פּאָעמע באַקומען אַ טיפֿערן זינען. דער ייִדישער פּאָעט באַגלייט זײַן גלות־קאָלעגע אויף דעם לעצטן וועג: ״אַלץ שטומט. צעריסענער געזאַנג״ און

> אַ ווינט פֿאַרלעשט די שטערן. ס׳בלײַבט פֿאַרגליווערט דײַן געזיכט.
> פֿאַרסמט ליגט בײַ דײַן קאָפּ די קראַנקן־שוועסטער — די לבֿנה.
> (דאָרטן, ז׳ 74)

סוצקעווער האָט אַרויסגעזונגען זײַן עקזאַלטירטע פֿאַרערונג פֿאַר דעם פּוילישן קעמ־פֿער־פּאָעט. איצט האָט ער געזוכט פֿאַר זיך אַ טרייסט, אפֿשר אָן אייגענעם, אַ נאָענטן, אַ לײַבלעכן — און ער רופֿט אַרויס זײַן ״שוועסטערס גײַסט״, אַזש ״פֿונעם כוטערל, פֿאַרזונקען אין אַ טײַגע פֿון סיביר״. (דאָרטן, ז׳ 76). די פֿינף סטראָפֿעס פֿון ליד ״מײַן שוועסטער״, זענען געווען דער אויפֿקלאַנג צו דער פּאָעמע ס י ב י ר. פֿון יענעם שנייִיקן ווײַט האָט זיך געצויגן דער ״אויסגעטרוימטער בריק״ צו דער וווּנדער־לעכער וועלט פֿון אַ ייִדיש ייִנגעלע, וואָס זײַן נאָמען איז אַבֿרהם סוצקעווער. דער פּרע־לוד צו זײַן ערשטן גרויסן געזאַנג, וואָס איז געקומען אין 1935, איז געווען דער בשורה־ברענגער:

> אַ פֿײַער־פֿויגל קומט פֿון ווײַטע שטעגן
> און שיט מיך אָפּ מיט פֿיל־קאָלירטן שניי
> פֿאַר מײַנעט וועגן...
> (דאָרטן, ז׳ 33)

אַ יאָר נאָך דעם זון־צעכוואַליעטן ב ל אָ נ ד ע ר ב אַ ג י נ ע ן (1936), האָט אַבֿרהם סוצקעווער געעפֿנט דעם בלענדיק־ווײַסן טויער צו זײַן קינדהייט, דאָס שנייִקע חלום־לאַנד ס י ב י ר.

# סיביר

די פּאָעמע סיביר איז דער ערשטער מאַסיווער זײַל אין סוצקעווערס פּאָעזיע. און ניט נאָר אַ ברייטער שטאַפּל צום אַרויף, נײַערט דער שליסל מיט וועלכן ער האָט געעפנט דעם "אײַזיק אָנגעפּעלצטן שײַבל" צום סוד פון יידיש־מוזיקאַלישן וואָרט. די שפּורן פון יענער חיה, וואָס זי "האָט פּאַרזייט ווי רויזן אינעם שניי", זענען געוואָרן די פּאַרמען און ליניעס צו אַ נײַ געזאַנג; פּונקט ווי "די זון, אַן אומבאַקאַנטע, נײַע", וואָלט "דער לאַנגגט איר שפּיזיקן געשריי" — מיטן יונגן מויל פון דיכטער — אויף יידיש.

די דרײַ ערשטע צוועלף פּערזיקע קאַפּיטלעך, "אין כוטער", זענען אַ שטאַרק געפּרעסטע איבערלעבונג פון אַ קורצער צײַט, אפשר גאָר דעם איין אָוונט ווען דער טאַטע פּאַר־טיילט "דאָס שוואַרצע ברויט", וואָס איז פאַרבליבן קריסטאַליזירט אין קינדס יונגן מוח, ווי אַ רעליעפער אָפּדרוק פון די געמאָלענע בילדער. וואָס דעמאָלט האָט באַטײַט ברויט און ווי אַ קינד האָט ער געפילט, איז פאַראַן אין די שורות, ווו מיטן ברויט ווערן אויך צוגעשניטן דעם קינדס מחשבֿות:

> און מיט נײַ צעשניטענע געדאַנקען
> טונק איך אינעם זאַלץ דעם טאַטנס ברויט.
> (פּאָעטישע ווערק, באַנד איינס, ז' 9)*

עס איז ניט סתם ברויט, נאָר דעם טאַטנס ברויט — ער איז דער העלד וואָס מאַכט דעם קינד זאַט. און אָנגעהויבן האָט זיך עס אַלץ מיט "זונפאַרגאַנג אויף אײַזיק בלאָע וועגן" — די ערשטע שורה. דער קינד־דיכטער האָט דאָ צוריק אַרויסגעטרוימט פון אונטערבאַוווסטזײַן דעם זונפאַרגאַנג פון יענעם פאַרנאַכט, ווען דער טאַטע האָט גע־שפּילט אויפן פידעלע. ס'איז אויך צו גלײַך דער זונפאַרגאַנג פון טאַטן, וואָס רעפ־לעקטירט אַזאַ מין שטילן און בלייכן טרויער:

> ווײַס ווי די לבֿנה איז דער טאַטע,
> שטילקייט פונעם שניי — אויף זײַנע הענט.
> (דאָרטן, ז' 9)

מערקווערדיק מיט וואָס פאַר אַ גענויִקייט די בילדערשריפט פון קינד רעגיסטרירט די אָביעקטן אין כוטער. ער האָט אַפילו פאַרגעדענקט די "קוועקזילבערנע קווייטן", וואָס האָבן דאָרטן געבליט, בעת זײַן אייגענע "וועלט — אַ קינד פון זיבן יאָר" — האָט ערשט זיך אָנגעהויבן צעבליִען. „דער טאַטע" —

---

* די פּאָעמע סיביר איז אַרויס אין אַן אַלבאָם־פאָרמאַטיקער אויסגאַבע, מיט צייכע־נונגען פון מאַרק שאַגאַל. ירושלים, תשי"ג.

ער צעשנײַדט דאָס שוואַרצע ברויט מיט בלאַנקן
רחמימדיקן מעסער. ס׳פּנים בלויט.
(דאָרטן, ז׳ 9)

אויב ס׳האָט זיך אײַנגעקריצט אין קינדישן זכּרון דאָס בלאַנקע מעסער, האָט דער פּאָע־טישער חוש, שפּעטער, געמוזט אַרײַנשטעלן דעם אַדיעקטיוו ר ח מ י מ ד י ק ן צווישן די צוויי — מעסער און זײַן בלאַנק.

סוצקעווער האָט נאָך אַוועקגעשטעלט אײנציקע ווערטער, מיט פּונקטן, וואָס האָבן אויפגעציטערט מיט ווײַטער בענקשאַפט, מיט מוזיק, מיט טאַטישער און כוטערישער וואַרעמקייט:

מעסער. טאַטע. רויכיקע לוטשינע.
קינדהייט. קינד. אַ שאָטן נעמט אַראָפּ
ס׳פידעלע פון וואַנט. און דין־דין־דינע
שנייענקלאַנגען פאַלן אויף מײַן קאָפּ.
(דאָרטן, ז׳ 10)

די אַ קורצע וואָרטבילדער קענען אויך זײַן דער נעגאַטיוו, ווי ער איז געבליבן אָפּ־געשטעמפּלט אויף דער קליינער מוח־קאַמערע פון קינד. דאָס איז די געפּילוועלט פון קינד, אַ שטיל־שווײַגיקע און זײַדיק־ליכטיקע, וואָס איז געוואָרן אַ נײַע יידישע סיביר, אַ קינדער־סיביר, ווי דער אַנטיפּאָד צו דער קאַטאָרזשנער און פּראָסטיקער פון אַלע יאָרן. זי איז אַפילו געבליבן, אין קינדס זכּרון, אידענטיש מיט דער ד ע ר ק ע נ ט ע נ י ש פון אַ סיבירער גאָט, וואָס אין זײַן שויס בריט זיך אויס די בענקשאַפט צו דער שפּע־טערדיקער דיכטערישער שליחות. אָבער דעמאָלט זעט ער עס אין דער פּרימיטיוו־קינדישער פילאָסאָפיע פון אַ ״באַרגשפּיץ ווו די זון פאַרגייט״. און דער ציל: ״אָניאָגן די שקיעה!״ —

ער זעט די שקיעה, ״אויבן, דורך אַ זילבערנעץ פון טרערן״. ער לויפט מיטן ״האָרץ, דער זון אַנטקעגן, אין גאַלאָפּ״. איבערגעלאָזן ״הינטער מיר — אַ פינטעלע אַ טאַטע״, אָבער דער ״טאַטע הערט ניט — טאַטע זעט ניט״ מער דעם פּלוצימדיקן איבערבײַט. אַ נײַע דערקענטעניש גייט אויף — אַ דערקענטעניש פון אַ וועלט וואָס ציט זיך איביק:

טאַטינקע! עס ציט די וועלט זיך ווײַטער,
און קיין סוף — ניטאָ, ניטאָ, ניטאָ.
(דאָרטן, ז׳ 11)

די אַ דערקענטעניש איז שוין אייגענע דערפאַרונג פון קלעטערן צום שפּיץ, וועלן ווערן זעלבשטענדיק. אומגעזעענע כּוחות פּילן אָן זײַן שעפערישן פאַרלאַנג, און ״פון הע־לער הויט״

ווער איך פון אַ יִינגל — אַ לאַווינע,
ווּעמען ליכט און וווּנדער האָט געבויט.
(דאַרטן, ז׳ 11)

דער פּרימאַרער אויפקום פון ליכט און וווּנדער, דער פיזישער סובסטאַנץ און דער אַבסטראַקט־מיסטישער באַגריף ווערט דאָ צוזאַמענגעשמאָלצן אין אַ נײַעם גײַסטיקן עלעמענט, וואָס באַזונגט און באַשטראַלט דאָס גאַנצע סוצקעווער־ווערק ביז אויף הײַנט. דאָס ליכט־און־וווּנדער פון זײַן שאַפן, מיט איין וואָרט: ס ו צ ק ע ו ו ע ר י ז ם.
סוצקעוועריזם מיינט: דער כּישוף פון ייִדישן וואָרט, וואָס סיביר איז זײַן ערשטע און עכטע מאָס. אין דעם קינד איז שוין צוזאַמענגעראָלט די דיכטערישע פּערזענלעכקייט, וואָס אַלע פּריִערדיקע דורות דערוואַרטן ער זאָל דערגרייכן דעם ״באַרגשפּיץ״. די נאַטור פון סיביר, ווי זי וואָלט עס פילן, באַגריסט מיט איר שנייִיקער ווײַסקייט דעם פּאָטענציעלן פּראָדוקט פון אַ ייִדישן פּאָעט, וואָס דער אומדעראַנטער גורל האָט אים אַהין געבראַכט:

בײַם סיבירער גאָט די אויגן מאָנען,
ס׳זאָל ניט זײַן מײַן בענקעניש אומזיסט.
אַלע יאָרן ביז־מיר, יאָר־מיליאָנען,
צאַפּלען פון די שנייען: זײַ באַגריסט.
(דאַרטן, ז׳ 11)

סיביר האָט אים געזאָגט איר ווײַסן ברוך־הבא. אין דעם זכות האָט זיך געשטאַלטיקט דער ליכטיקער וווּנדער, סוצקעווער, וואָס שרײַבט אַליין מיט נאַטור־כּוחות — ״מיטן ווינט ווי מיט אַ פּען״.
סיביר האָט זיך פונאַנדערגעשפּילט אין שטיפערישן מאַרשריטעם, ווי סוצקעווער וואָלט דאָ נײַ אַנטדעקט דעם שניי, ״זײַן קינדהייט״: ער האָט ״נאָך ניט געזען

אַזאַ לויטערקייט, וואָס קאָן באַצווינגען
אַלע עלנט־שאָטנס פון געדאַנק.
(דאַרטן, ז׳ 12)

ליכט האָט פאַרשווענקט די שאָטנס. לירישע טענער האָבן, ״ווי אַ שליטן אין פאַרבענקטן קלינגען״, צעגלעקלט דאָס לעבן פון דיכטער. ער האָט נאָך פאַרגעדענקט זײַן אַנדערשקייט, זײַן באַזונדער פּנים פון דער קינדהייט: ״אויפן פּיצל בוידעם וואָרקען טויבן, וואָרקען אויס מײַן פּנים״. זיי האָבן שוין דעמאָלט, אַ סבֿרא, אויסגעוואָרקעט זײַן פּנים אויף ייִדיש.
סיביר איז באמת דאָס אָריגינעל־פּאָעטישע פּנים פון סוצקעווערן, און ער וויל פאַרהיטן זײַן ערשטיקייט. איז ווער איז אַ בעסערער ״היטער״ ווי דער ״שניימענטש״, וואָס איז ״דער גאָט פון קינדער און פון ווינטן״. דער שניימענטש איז פאַר אים ניט

נאָר פֿאַרקאָנסערווירטע איביקייט, ניַיערט דער ״דענקמאָל נאָך אַ קינדהייט״. ער פֿילט ניט בלויז בענקשאַפֿט צו יענעם סימבאָלישן שניימענטש, נאָר אויך אַ באַגער ״תּפֿילה צו טאָן צום שניי״. ער גיט דעם שניימענטש אַ סימן, ווו ער וועט אים געפֿינען, — ״אין אַ שטיבעלע פֿון קלאַנגען״, — נאָר אויב ניט, לאָזט ער אים סײַ ווי בירושה זײַן מלכות ״סיביר״:

ירשן מײַן געוועזנקייט פֿון שטיבל
און פֿאַרענדיק אָטעמען מײַן צײַט.
(דאָרטן, ז׳ 16)

סוצקעווערס שניימענטש סימבאָליזירט מענטשלעכע פֿרײַנדשאַפֿט און וואַרעמקייט, ניט פּראַקטיקע פֿרעמדקייט. דעריבער טוליעט ער זיך צו אים: ״באַווײַז נאָך אַ מאָל דײַן שמייכל פֿונעם נעפּל, / וואַרעם אָן מײַן עלנט מיט דײַן אײַז״. (דאָרטן, ז׳ 16). דער שניימענטש איז דער ״דענקמאָל נאָך אַ קינדהייט״, דעריבער איז די פּאָעמע געשריבן אין דער נשמה־שפּראַך פֿון אַ קינד. סיביר איז דער ליכטיקער קאָסמאָס, די נאַטור, וואָס איז נאָענט און אייגן יעדן מענטש. איז אויך פֿאַרשטענדיק, וואָס אין אַזאַ אָדע צו סיביר איז ניט אַרײַנגעשפּילט געוואָרן אַ ייִדישער טאָן. יעדער ייִדישער מאָמענט וואָלט געווען אַ יוצא דופֿן. סוצקעווער האָט זיך ערשט דערמאָנט ״צו דרײַסיק יאָר״ (7 יאָר שפּעטער), אַז ״מײַן טאַטן האָט צו דרײַסיק יאָר געפּלאַצט דאָס האַרץ / בײַם שפּילן / ר׳ לוי יצחקס ניגון אויף אַ פֿידעלע פֿאַר נאַכט״. (דאָרטן, ז׳ 326). אין דער ווײַטער קינדישער סיביר, האָט נאָך דער זיבן יעריקער פּ אָ ע ט ע ל ע ניט געוווּסט פֿון אַ ר׳ לוי יצחקס ניגון, אָדער אַן אַנדער ניגון. דעמאָלט זענען געווען בלויז קלאַנגען:

שטיל. דאָס שפּילט דער טאַטע. און די קלאַנגען —
אויסגראַווירט אין לופֿטן, ווי אין פֿראָסט
זילבערלעך פֿון אָטעם בלאָ צעהאַנגען
איבער שניי לבֿנהדיק באַגלאָזט.
(דאָרטן, ז׳ 10)

מיר פֿילן דעם פּלאַסטיש־זילבעריקן ציטער פֿון די קלאַנגען, און ווי דער וואָלף דער־שמעקן מיר דעם ממשותדיקן ריח ״פֿון דער מוזיק״. ימען ייִדישער טרויער, ייִדיש בלוט און אויך ייִדיש ליכט האָבן זיך געדאַרפֿט דורכמישן, ביז דאָס לשון־הפֿידל האָט אַליין דערהערט ״איר שפּראַך — אַ ליכטיקער מאַגנעט — האָט צוגעצויגן די ווײַטע וועלט אין שאָטנדיקן כוטער״ (דאָרטן, ז׳ 326). די רציחה־וועלט האָט דערמאָנט סוצ־קעווערן, אַז אויך אין זײַן קינדהייט, אין סיביר, האָט מען געדאַרפֿט אַ ליכטיקן מאַג־נעט צוצוציִען די ווײַטע וועלט צום שאָטנדיקן ייִדישן כוטער.
דערפֿאַר קלינגט הײַנט נאָך ערלעכער און זיכערער דער ערשטער קינדישער קרעדאָ צום ״סיבירער גאָט״. דער גאָט, וואָס איז כּולה נאַטור, האָט ניט נאָר אויפֿגעמאָנט

דעם קינדס "בענקעניש", נאָך דעמאָלט שוין אים געזאָלבט פאַר דעם פּרינץ פון פּאָעזיע איבער זײַן מלכות־סיביר — ער האָט געוווּסט ווּעמען צו אַנטרויען די קרוין.
15 יאָר שפּעטער "שרײַבט זיך אונטער" אויף דעם אויפגעפרישטן ווּעקסל, סיביר, סוצקעווער, מיטן סיביר מיט ייִדישע אותיות און מיט סיבירער קלאַנגען — דער שנײַ־גרוס צו דער ייִדישער פּאָעזיע:

> זאָלן אַט די קלאַנגען, זאָל די מאַנונג,
> בלײַבן איבער מיר אַ מאָנומענט.
> (דאָרטן, ז׳ 20)

דאָס זענען די חתימה־שורות פון די 24 מאָל 12 פּערזיקע סטראָפעס. דער "ביזן טויט געטרײַער, צפון־שטערן" איז געווען דער עדות. ער איז געוואָרן דער סימבאָל אין אַסטראָלאָגישן חלום־הימל פון סוצקעווערן, וואָס איז באַרופן געוואָרן צו זײַן אַ פּאָעט. ביידע זענען געגאַנגען אין איינעם, ווי איין גורל וואָלט זיי פאַרבונדן:

> צפון־שטערן, שפּאַנסט מיט מיר אין איינעם,
> כ׳בין דײַן שניימענטש אין אַ קלייד פון הויט.
> (דאָרטן, ז׳ 20)

דער גאַנצער אַריבערשפּאַן פון קינד צו פּאָעט, וואָס איבער זײַן קאָפּ הענגט דער מאָנומענט פון קלאַנגען, קומט פאָר אין נאַטירלעכע עטאַפּן פון איבערוואַנדלונג: דערקענטעניש פון פאַנטאַזיע און אמת; געקלעטער צום באַרגשפּיץ; גאָט און מאַ־נונג; טויט און טויב פון לעבן; שניימענטש און דענקמאָל; מענטשן, חבֿרשאַפט; דער צפון־שטערן און די גאַנצע ווונדערלעכע נאַטור.
אויב צו זיבן יאָר האָט סיביר אָפּגעטאָן אַ כּישוף דעם ייִנגעלע אַבֿרהמעלע, האָט דער בחור הפּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער פאַר דעם זי אָפּגעצאָלט כּפל־כּפלים מיט שיינקייט: ער האָט פאַרשאָטן מיט ליכט און מיט שניי און מיט פאַרבן די גאַנצע סיבירישע סצענע — אירע ערד און הימלען, טײַכן און בערג. ער האָט דעם גאַנצן געטלעכן רעקוויזיט פון שײַן און חלום צוזאַמענגעוועבט מיט "דין־דין־דינע שנייקלאַנגען".
אַבֿרהם סוצקעווער האָט אַדאַפּטירט סיביר פאַר זײַן קינדערלאַנד. דאָס לאַנד ווו "אונטער אויסגעשוויגענע קופּאָלן בליט אַ (פּאָעטישע) וועלט — אַ קינד פון זיבן יאָר".
דער דיכטער האָט ניט אָנגערופן זאַכן מיט זייער פּראָזאַישן שם־עצם, ער האָט בעסער אויסגעמאָלט זייערע פאָרמען. אין די מעטאַפּאָרישע פאָרמען האָט ער אַרײַנגעשפּינט פּראַקטיקע פּעדעם פון שטימונג: אומעט, פרייד, טרויער, עקזאַלטאַציע, אין אַלע זייערע קאָליר־ניואַנסן. ווו האָט מען עס, למשל, אין דער ייִדישער פּאָעזיע ניט גע־גראַמט, בײַם מאָלן נאַטור־בילדער, וועלט מיט קעלט, און הימל מיט דרימל. און אָט האָבן מיר אַ פּאָעמע, ווו דער הינטערגרונט אויף וועלכן זי איז געבויט איז נאַטור, און אין אירע הונדערטער ווערטער איז קיין איין מאָל ניט דערמאָנט אַזאַ פּאָעטיש וואָרט ווי הימל, אָבער מיר פילן באַשײַמפּערלעך אַז דער הימל איז איבער אונדז: צי ער

שפּיגלט זיך אין „אויסגעזעגטן ראָד" פון אירטיש, וואָס „קוקט — — מיט כוואַליע מיט דער מינדסטער / ווי עס גייט די וועלט אַ קאַראַהאָד / רונד אַרום דער זון". אַ צווייטן מאָל „עפּנט" דער זעלבער אירטיש — און ווידער פון „אַן אויסגעזעגטן ראָד" — „די אויגן צו די שטערן" — איצט איז דער נאַכטיקער הימל מיט זײַנע שטערן איבער־געקערט אין טײַך. און אָט איז גאָר אַ שווײַגעוודיקער הימל — „אויסגעשוויגענע קור־פּאַלן". אָבער וויפיל הימלען סוצקעווער האָט ניט אויסגעפורעמט, האָט ער ניט נייטיק געהאַט פּורש בשמם זײַן, כדי זיי זאָלן באמת זײַן. ס'האָט זיך אָבער צעהימלט נאָר צוליב דעם, אַז די לבֿנה און שטערן זאָלן זיך האָבן ווו צו האַלטן; און ווי וואָלט די „יונגע זון" עס געטאָן אָן אַ הימל, ווען זי „קײַקלט זיך אין שניי מיט מיר באַנאַנד" (דאָרטן, ז' 13). און אָט

> נעמען שטערן מיט געזאַנג מיך קריינען,
> שטערן אויפגעבלאָזענע אין ווינט!
> און לכּבֿוד שטערן ווילט זיך וויינען...
> (דאָרטן, ז' 14)

און אַז מיר זעען שוין אַזאַ וווּנדערלעך־לופטיק בילד, ווי „שטערן אויפגעבלאָזענע אין ווינט", קענען מיר זיך שוין ניט באַהערשן אַ בליק צו כאַפּן אין „שפּיגל" פון „אַוונט־סטעפּ", ווו „צוגעטוליעט מיט דער נאָז אַראָפּ, / לויערט די לבֿנה, און צווי פליגל / שלאָגן אָפּ" (דאָרטן, ז' 12). איז דען פאַראַן אין דיכטונג אַ בעסערער עדות ווי דער חלום וואָס רעפלעקטירט די וואָר? און בײַ אַזעלכע חלום־בילדער וואָלט דער הימל־שאַבלאָן געוווען אפשר צו פּראָזאַיש...

אין דעם קינדישן חלום־לאַנד איז גאָר קיין וווּנדער ניט, אַז ס'ערשטע געפיל וואָס וועקט זיך אין „זונפאַרגאַנג" (וואָס איז אויך אין די הימלען) איז

> זיסע דרעמלפאַרבן אין געמיט.
> ס'לײַכט פון טאָל אַ שטיבעלע אַנטקעגן
> מיט אַ שניי פון זונפאַרגאַנג באַשיט.
> (דאָרטן, ז' 9)

און דאָ צאַפּלט אויף אַ דין־לירישע שטילקייט:

> וווּנדערוועלדער הוידען זיך אויף שויבן,
> צויבער־שליטנס קלינגען אין אַ קרײַז.
> (דאָרטן, ז' 9)

אויף די וועלדער הוידען זיך, מיר הערן דעם קלאַנג פון די שליטנס און זעען דעם קרײַז — דאָס בילד און דעם חלום. מיר דרייען זיך כּסדר אין די צוועלף פערזיקע קרײַזן פון סוצקעווערס אָנגעלאָדענע חלום־לידער, וועלכע בלענדן מיט זייער שיינ־קייט. די קלאַנגען צעשפּריצן זיך ווי די „בליציקע קרישטאָלן", מיט וועלכע עס „צאַפּלט

דער אירטיש אין האַלבער וואָר״ — די אַנדער האַלבע איז חלום, מיט וועלכן מיר צאַפּלען מיט. סוצקעווער איז שוין אין דער ערשטער פּאָעמע געווען דער יונגער קינסטלער, וואָס האָט ווי אַ צויבערער אַרײַנגעפּרעסט אַזאַ שלל בילדער און מוזיק, מיט די ווינציקסטע ווערטער. כּדי צו מאַכן די קריטישע אָפּעראַציע פון פונאַנדערטיילן חלום פון וואָר, סימבאָל פון זעונג, פּאַרב פון מוזיק, דאַרף מען ״אַרויסרופן״ דעם פּאָעטישן מעדיום פון די לידער אַרויס.

סיביר איז די זינגעוודיקע נאַטור, צוזאַמענגעפּרעסט אין פערזן, וואָס וועט בײַשטיין אַלע צײַטן. סוצקעווער האָט אין דער פּאָעמע פאַרצווייִנגט נאַטור און לעבן. אין דער נאַטור האָט ער געמאַכט שימערירן אי די געדאַנקען און אי די שטימונגען פון אים אַליין, דעם נאַראַטאָר — וואָס דערציילט אונדז די מעשׂה פון סיבירער ייִנגל, זײַן טאַטן, זייער היים, זײַן חבֿר. אַ סך פּאָעטן פורעמען אויס גוטע פערזן, לויט אַלע כּללים פון שרײַבערישן קאָדעקס, אָבער דער פערזן־מײַסטער פון סיביר האָט זי איבער־געפורעמט מיט קרעפטיקער אימאַזשינאַציע אין סטראָפעס, ווו ער האָט די נאַטור־שיינקייט איבערגעשאַפן אין קונסט־שיינקייט, און מיר פרעגן: וועלכע איז שענער? דאַכט זיך, אַז אַלע סיבירער נאַטור־וווּנדערס פלאַקערן אין די שורות, אַנגעצונדענע מיטן עקסטאַז פון ייִנגל־פּאָעט. זייערע ״פילקאָלירטע פליגל — — שפּיגלען פול מיט פּאַרב און קלאַנג״, רײַסן זיך צו אײן ״פאַרלאַנג״

אַנצויאָגן אַלע ווילדע שטראָמען,
געבן זיך אַ פויגלדיקן טראָג
איבער מענטשן, וועלדער, פעלדזן, תּהומען —
צו דעם נײַעם, יום־טובֿדיקן טאָג!
(דאָרטן, ז׳ 16)

אַבֿרהם סוצקעווער האָט זיך קינדווײַז אַ טראָג געגעבן איבער דער סיבירער לאַנדשאַפט און מיט אײן ליכטיקן פלי געבראַכט איר חלום אַ יום־טובֿדיקע מתּנה דער ייִדישער פּאָעזיע. פון יענעם קינדערשן ״סיבירער פרילינג״ איז שוין אויף זײַן אַקסל געבליבן הענגען דער גורל פון דיכטער, ווי דער ״פײַערדיקער פעלץ״ וואָס ״ס׳טראָגט די זון״. ס׳איז אָבער ניט דער פעלץ וואָס סוצקעווער טראָגט אויף זײַן גוף, ווי דעם נבֿיאס מאַנטל, ס׳איז די זון אין אים — דאָס אינעווייניקסטע ליכט פון זײַנע לידער:

זון פאַרגייט אין מיר. ניטאָ די זון מער.
בלויז מע זעט איר פײַערפעלץ אַליין
אויף אַ לאַנגער צווײַג. און איך — אַ שטומער —
אַנטאָן וויל אים ערבֿ זײַן פאַרגיין.
(דאָרטן, ז׳ 12)

אין אַלע זײַנע לידער־וואַנדערונגען האָט סוצקעווער געטראָגן דעם כּישוף־פעלץ פון זון. אין די קאַנאַלן פון ״געהיימשטאָט״, אין ״אָאַזיס״ און ״אין מידבר סיני״. ביז

הײַנט האָבן אים די פֿאַרבאַרגענע שטראַלן פֿון יענעם סימבאָלישן סיבירער פּעלץ געוואָרעמט און אויסגעוואָרעמט זײַן גאַנצן שאַפֿן. דאָס איז די פּאָעטישע טאָגע, די ירושה פֿון סיביר, װעלכע װיקלט אײַן זײַן האַרץ און נשמה מיט זון און מוזיק.
אויף דעם צעבליטן גרונט פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע שטייט סיביר ווי אַ ליכט־פֿאַר־פֿלייצטער מאָנומענט. דאָס ליכט וועט ניט געמינערט ווערן. דאָ איז די גאַנצע ביל־דערישע וועלט פֿון קינדשאַפֿט אויף כּישופֿדיקע לײַוונטן פּאַראַייביקט: קינד און טאַטע אין כּוטער; אין װאַלד; אויף די שנייִקע וועגן; דער טײַך; די בערג; חבֿרל טשאַנ־גורי און די קירגיזן; ייִדישע מוזיק־חלומות אין פֿאַרבן, װאָס װעלן קיין מאָל ניט אונ־טערגיין. קינדער האָבן ליב פֿאַרבן. מיט פֿאַרבן קאָן מען זיי אויפֿוועקן, אָנשטעלן שטימונגען, פֿאַרשלעפּערן אין אַ פֿאַרבן־חלום — מיט די "זיסע דרעמלפֿאַרבן אין גע־מיט". און די פֿאַרבן ווירקן נאָך הײַנט, ווי פֿריש געמאָלן.
סיביר איז דער ערשטער כּישוף־שליסל מיט װעלכן סוצקעווער האָט געעפֿנט די גע־זאַנג־אוצרות פֿון ייִדיש. דאָס איז דער געדיכטער שמעקעדיק־וואַרעמער ווערטער־װאַלד: "בלאַנדזשעט מײַן נשמה נאָך אין װאַלד. / און דער װאַלד אַ גוטער, אַ באַ־רוטער, / װאַרעמט זי אין בוזעם און באַשטראַלט". (דאָרטן, ז' 14). מיר ווערן נאָך הײַנט פֿון זײַן שטילקייט דורכגענומען: "אַנגעגליטער עכאָ פֿונעם שווײַגן — / שיסט אין מיר אַרײַן אַ הייסע פֿײַל". (דאָרטן, ז' 13). עס ווערט דער קלאַנג און אָפּקלאַנג פֿון סוצקעווערס ייִדישן וואָרט: "יעדער שניי איז אַ פֿאַרפֿראָרן גלעקל, / גיב אַ ריר און ס'ענטפֿערט מיט אַ קלונג, / און דער קלונג — אויף טויזנט אַ צעברעקל". (דאָרטן, ז' 13).
איז גוט וואָס דער קלונג איז געקומען אין די פֿרײַקע יאָרן פֿון זײַן שאַפֿן, ווען די דיס־טאַנץ צווישן קינדשאַפֿט און בחורשאַפֿט איז נאָך געווען נאָענט. די צוויי האָבן זיך באַרירט מיט נשמהדיקן צאַפּל און צעשפּילט די גאָרע יונגשאַפֿט אין אַ פֿריידיקן שיר־השירים צום לעבן. סוצקעווער־קינד־און־יונגער־מאַן איז די אויסטערליש סוביעקטיווע קראַפֿט, װאָס אויף אירע פֿליגלען שוועבט די סיביר־סימפֿאָניע. דער הללויה צו דער נאַטור ברענגט דעם אימינענטן אָפּקלאַנג פֿון גאַנצן סוצקעווער. ס'איז דער קלונג וואָס האָט זיך געטאָן אַ צעברעקל "אויף טויזנט אַ צעברעקל" אין אַלע סוצקעווערס ווערק. בײַם לייענען הײַנט סיביר הערן מיר נאָך דעם ערשטיקן צװיבערקלאַנג פֿון יענעם ווײַטן עכאָ.
אויב מ'וויל דערקענען דעם גאַנצן סוצקעווער, מוז מען צו אים קומען דורך וואַלדיקס און סיביר. אויף זײַנע שפּעטערדיקע וועגן האָט ער מיטגענומען זייער יונגשאַפֿט, ווי ער אַליין װאָלט געירשנט זײַן "געוויזנקייט פֿון שטיבל". די ברכה פֿון סיביר דינט אי פֿאַר דער זכרון־קאַמער פֿון סוצקעווער־נעכטן, אי פֿאַר דער סיגנאַל־קאַמער צום סוצקעווער־מאָרגן, און ביידע זענען אײַן גאַנצקייט. אַ ליכטיקער שאָטן פֿאַלט פֿון צײַט צו צײַט צוריק אויף יענער דערווײַטערטער יונגשאַפֿט און קלינגט אָפּ מיט איר עכאָ.

## סיביר־עכאָ

זיבן יאָר שפּעטער (1943, אין געטאָ) האָט סוצקעווער אָנגעשריבן אַ ליד "צו דרײַסיק יאָר", וואָס איז געקומען ווי דעם דיכטערס עכאָ צו סיביר. ווידער גייט אויף "די ווײַטע וועלט אין שאָטנדיקן כוטער. / ווו איך, אַ זיבניעריקער בעל־חלום, / האָב אַרום די פּאָטערלעכע קנײַען / זיך געוויקלט". (דאָרטן, ז' 326). ווי אַן אָפּקלאַנג קומען ווידער "די אָפּגעהאַקטע קלאַנגען פון דער פידל", וואָס שפּילט איצט "ר' לוי יצחקס ניגון". מיט דעם אַ ליריש־ביאָגראַפישן ליד האָט זיך סוצקעווער אַ פּנים געוואָלט אַ ביסל אָראָפּריידן פון האַרצן. דאָ קומען בולטער אַרויס די ערשטע שרעקן פון קינד, בײַם דערזען און דערפילן די שײַכותן פון לעבן און טויט, ווען "פּלוצעם האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַם האַרץ דער בלייכער טאַטע — — — און אויף די הענטלעך מײַנע האָט אַ פּאַל געטאָן זײַן גוף צוזאַמען מיט דער פידל". (דאָרטן, זז' 326־327). די דאָזיקע כמעט כראָניקאַלע פאַרצייכענונג, איז אַ פּלאַסטיש בילד פון קינדס שרעק־דערמאָנונג, בעתן פילן "אויף די הענטלעך" דעם טויטן טאַטן, ווען "איבן האָט געשוועבט אַ ניגון". דעם טאַטנס ניגון האָט נאָך געלעבט, ווען ער אַליין איז געווען "שוין צוגעאייביקט צו אַ קאַלטן שווײַגן". און דערפאַר איז עס פּסיכאָלאָגיש "וואָר", אַז גראָד דעמאָלט האָט אים דער טאַטע פאַרטרויט זײַן "לויטערע צוואה":

פּרווו אויס אויף דײַנע הענט די וואָג פון לעבן,
כּדי דו זאָלסט זיך צוגעווינען
שפּעטער צו דערטראָגן.
(דאָרטן, ז' 328)

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז סוצקעווער, דער זון, האָט "די וואָג פון לעבן" אויסגעפּרווט מיט דער וואָג פון טויט. אָבער ס'האָט נאָך עפּעס דעמאָלט פּאַסירט, וואָס ווערט אַנטפּלעקט צו אונדז, אַז

אין יענער רגע (פון טאַטנס טויט)
איז אין מיר געבוירן דער פּאָעט.
(דאָרטן, ז' 327)

ער האָט "דערפילט", אַז ער האָט "אַ באַשטימטע שליחות" אויסצופירן. די טאַטע־צוואה איז געוואָרן די פּאָעטישע שליחות פון זון. מיט סיביר האָט ער די ערשטע יונגע כּוחות אויסגעפּרווט, — פּאָעזיע, ווי "די וואָג פון לעבן", — און דעם ערשטן פּאָעטישן עקזאַמען גלענצנדיק אויסגעהאַלטן. אין דעם שליחותדיקן פאַרמעסט האָט ער זיך נאָך מער צעברויזט מיט יצירה־גלוסט. די סיבירער שנייוווײַסקייט האָט אין הינטערגרונט שימערירט מיט צוזאָג. אויף דער שוועל האָט דער בלאָנדער באַגינען אויפ־

געהעלט. ליד אויף ליד איז אַנגעוואַקסן, ווי אַ שנייבאַל וואָס קײַקלט זיך באַרג אַראָפּ. פון ליד צו ליד איז סוצקעווערס פּאָעטישער כּוח געשטיגן, זײַן קול איז געוואָרן קלאַנגיקער און קרעפטיקער. ער האָט זיך פאַרנומען אויף ברייטע פּאָעטישע וועגן.

□

נאָך סיביר האָט זיך עפּעס ווי אַ גראַב געטאָן אין סוצקעווערס געוויסן. אַ פּנים אַז די פּאָעמע, וואָס האָט אויפגערודערט קינדישע חלומות און אינפאַנטילישע שרעקן, האָט בײַ אים אין האַרצן אויפגעוועקט אַן אומרו. אפשר האָט ער געפילט, אַז ער איז שול־דיק דעם טאַטן עפּעס, צי ער דאַרף זיך פאַרענטפערן פאַר עפּעס, ווי "דער זון, וואָס איז באַלד שוין דײַן עלטער פאַרלאָפן". (דאָרטן, ז׳ 77).
אײן יאָר נאָך סיביר האָט סוצקעווער אָנגעשריבן די גרויסע פּאָעמע: "מײַן טאַטע און איך". באַלאַדיש קלינגען די שורות, ווען ער בלײַבט שטיין וויזאַווי מיטן טאַטן:

פון קבֿר, מײַן טאַטע, דו קומסט אַ פאַרשנייטער, —
פון פליינען סיבירער בײַ שײַן פון לבֿנה
באַהעלסטו מײַן טרויער מיט פלאַם פון בטחון.
(דאָרטן, ז׳ 77)

עס איז ניט קיין נערוון־רייצנדיקער סעאַנס מיט אַ מעדיום, נאָר אַ צוזאַמענטרעף אין פּאָעטישן חלום, ווו דער זון אידענטיפיצירט זיך מיטן טאַטן אין בלוט־קרובֿישאַפט — אַפילו פון טראַכטן:

און דײַנע מחשבֿות אין בלוט מײַנעם גייען.

סוצקעווער רופט צו דעם "סימבאַל", דער "זילבערנער סנה", ער וויל פון אים הערן: "הויך, אויפן קול. // — כ׳בין ניט קיין פרעמדער, / קוק זיך נאָר צו / הער און פאַר־נעם דיר / אַלץ וואָס איך טו. / זעסט — איך בין דו". (דאָרטן, ז׳ 81). דער זון פאַר־זיכערט אַז "ער וועט שוין בלײַבן ביז טויט אַ געטרײַער // דײַן אָטעם, וואָס קלעטערט צום שניי פון לבֿנה, — / דײַן אָטעם אין ווײַסן געפּאַנצערטן צפֿון". (דאָרטן, ז׳ 77).
דעם טאַטנס אָטעם איז געבליבן דער גײַסטיק־מיסטישער בינדפּונקט מיטן "צפֿון", אַזוי ווי סיביר איז געבליבן דער קוואַלפּונקט פאַר דעם ערשטן פּאָעטישן אויפבלי פון זון. אָבער דעם טאַטנס טויט, אין סיביר, איז געבליבן ניט נאָר אַ שווערע־פיזישע גע־וויכט וואָס איז געפאַלן אויף זײַנע הענט, נאָר אויך אויף זײַן נשמה. ער וויל עס לײַכ־טער מאַכן מיטן אויפדעקן זײַן געוויסן און איבערנעמען די ווײַטערדיקע אַחריות:

זײַ וויסן,
זײַ וויסן —
דײַן נאָמען איז איצטער
מײַן אייגן געוויסן.
(דאָרטן, ז׳ 77)

אַז מיר ווייסן שוין די איינקייט פון טאַטע־זון, דאַרף מען זיך צוהערן צו דעם דיאַלאָג פון סימבאָלן. דער זון־פּאָעט ווייס, אַז די ניט אויסגעלעבטע "יאָרן פּאָדערן באַלוינונג", זאָגט ער צום "גוף, באַדעקט מיט שניי", וואָס איז זײַן "אורח": —"נאַ מײַן האַנט, כ׳בין גרייט, / אײדער נאָכט פאַרגייט, / האַנט־אין־האַנט אַריבערגיין מײַן שוועל". (דאָרטן, ז׳ 78). ער וויל זיך, גופיק, באַהעפטן מיטן טאַטן. סײַ ווי איז פאַנטאַסטיש ניט דאָוועלטיק די גאַנצע זעונג:

נאַכט. עס ווײנט אַ שטורמישע סאָנאַטע —
ליכטיקער עקסטאַז פון גליק און טויט.
— גוטער טאַטע, קום צו נענטער. טאַטע,
מעק מיר אָפּ די שאָטנס פון מײַן הויט.
(דאָרטן, ז׳ 79)

אין געוויין פון שטורעם הערן מיר דעם יתומדיקן געכליפּ פון פּאָעט: "איצט בין איך אַליין, / צווישן אַלע — איך, / צווישן איין און אַלע אויף דער ערד". (דאָרטן, ז׳ 79). דער טאַטע נעמט אים אײַן מיט זינגען "אַ וויגליד". ער וויל אָפּמעקן די "צייכנס" פון טויט "צווישן" זיי. מיט שטילער וויכקייט זינגט ער:

כ׳דערמאָן זיך: ווי לאַנג איז געווען דאָס,
ווען דו ביסט נאָך קוים געווען דו,
און שוין זענען טעג ווי לעגענדעס
פאַרגאַנגען אין קרײַזן פון רו.
(דאָרטן, ז׳ 79)

דער טאַטע ווייס אַז די "מידע נשמה" פון זון "גאַרט נאָך דער זאַלבונג פון רו". דער פּאָעט דערמאָנט זיך די אידיליע פון "אַן אייגענעם הימל", ווו ער האָט "גילדענע לידער אין הימל געלייענט / אין טיפע, אין הייליקע נעכט". (דאָרטן, ז׳ 80). איצט איז "דער היכל — פאַרוואָלקנט, אין בלוט — זײַן געוויסן". ער איז אַנטוישט אין אַלץ און אַלעמען: "און וואָס מיר געבליבן? — ניט פרייד, ניט קיין רו מער" (דאָרטן, ז׳ 81). מיט אַ מאָל טוט אַ ברויז אַ ריטעם פון קורץ־טראָפּיקע שורות, ווי די פרייד אין דיכטער וואָלט זיך געוועקט: "כ׳וועל אַוועקשפּרײַזן פון דאַנען / אין מײַן אויסגעבענקטן לאַנד". (דאָרטן, ז׳ 82). עס באַפאַלט אים די לוסט "פון וואַנדלען אויסער צײַט און אויסער מאָס", ביז דאָס "האַרץ ווי אַ לאַווינע וועט זיך רוישיק טאָן אַ טראָג". (דאָרטן, ז׳ 82). און די פּאָעטישע לאַווינע, האָט סוצקעווערן אַ טראָג געטאָן צו וואַלדיקס.

# וואַלדיקס

וואַלדיקס, ווי ס׳איז אָנגעגעבן צום סוף פֿון דעם אָפּטייל (פּאָעטישע ווערק, באַנד איינס ז׳ 93־196*), ״איז געשריבן אין די יאָרן 1937־1939״. לויט די יאָרן דאַרף עס פֿאַר־רעכנט ווערן צום פּעריאָד פֿון סוצקעווערס פּרעגעטאָ־שאַפֿונג. שוין דער טיטל ברענגט דעם וואַלדיק־נאַטירלעכן ריח פֿון סוצקעווערס ווילנעהיים. דאָ ווערט ער אַ צעליכ־טיקטער פֿויגל, צי אַ צעבלעטערטער בוים, וואָס איז די ווײַטערדיקע דערפֿילונג פֿון זײַן שליחות, זײַן ליכטיקייט־באַרוף, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. די יונגע בחורשע פֿלייצעס, באַלאָדן מיטן צווייט פֿון בלאָנדע באַגינענס, זענען איצט געווען גרייט אויפֿ־צונעמען די פֿולע רײַפֿקייט פֿון לידער, ווי די צײַטיקע נאַטור אירע פּירות. ס׳איז געווען סוצקעווערס באַשאַף פֿון ליד, וואָס האָט זיך באַנײַט מיט יעדן פֿרימאָרגן. זײַן לידער־וואַלד איז זיך גראַנדיעז צעוואַקסן, און ער האָט גענומען אַרויסקוועטשן פֿון די הענג־לעך ייִדיש־טרויבן דעם זאַפּטיקסטן געטראַנק פֿון קונסט. ס׳איז געווען דער כּישופֿ־דיקער ספּירט, מיט וועלכן ער האָט זיך אַליין באַרוישט און באַרוישט זײַנע לייענער. די פֿאַרשיכּורנדיקע וואַלדלופֿט פֿון פֿרילינג האָט געשטראָמט פֿון די פֿערזן.

די לידער האָבן געבראַכט דעם קרעפֿטיקן שעפֿערישן אָטעם פֿון סוצקעווערס פּלאַס־טיש־בילדערישן וואָרט און פֿינקלדיקן לשון. די ליבשאַפֿט צו דער נאַטור, וואָס האָט אים געקרוינט פֿאַר איר טרובאַדור, האָט אים אַרײַנגעשלעפּט פֿאַר דער דיכטערישער טשופּרינע אין וואַלדיקס. די סטראָפֿעס האָבן זיך ראַשיק צעטאַנצט. די ערשטע שמיצ־לעך גראָז און צווײַגעלעך האָבן אָנגעהויבן גרינען. אימפּעטיק און אוממיטלדיק איז דאָס געזאַנג געקומען. סוצקעווערס אויג האָט דערזען עפּעס וואָס אַנדערשדיק און נײַ, דעם ווונדער פֿון געקריינטן אוניווערס:

דו זעסט,  
ווי וועלטן דרייען זיך אויף אַקסן  
און ווי אין טויען שפּיגלט זיך דער אַל.  
(דאָרטן, ז׳ 98)

ער האָט דערפֿילט דעם פּאָעטישן הערקולעס־כּוח וואָס האָט געגאַרט צו הערן דאָס געשריי פֿון חורבן, אויב אַפֿילו צוליב אַ צעשפּילטער רגע:

אויב ס׳וואָלט איצט ווער געגעבן אַ געשריי,  
איז וואָלטן אַלע הימלען זיך צעשאָטן  
אין קאָסמישער בהלה.  
(דאָרטן, ז׳ 98)

---

* וואַלדיקס. ווילנע, ייִדישער ליטעראַטן־פֿאַראיין און פּען־קלוב, 1940.

די "קאָסמישע בהלה" איז אַ װוּנדערלעך־פֿאַנטאַסטישער אימאַזש, וואָס רעגט אָן צו "זען" און „פֿילן" דעם אַלוועלטישן אויפֿטרייסל. אָבער אַז די אַלוועלטישע עקספּלאָזיע פּאַסירט ניט, איז עס נ אַ ט י ר ל ע ך אַז אַלץ פֿאַרזינקט אין אין־סופֿיקער שטילקייט — "און בלויז אַ סאָלאָוויי וואַרפֿט אַ שאָטן נאָך אַ שאָטן" און זינגט אויס מיט "שטערנדיקע נאָטן" — — „אי זײַן סאָלאָ אי זײַן וויי". (דאָרטן, ז' 98).

דער סאָלאָ־וויי דאַרף דאָ פֿאַרצייכנט ווערן, ווי איינער פֿון די ערשטע אויפֿטועןן אין די ווערטער־אָפּעראַציעס פֿון סוצקעווערס פּען. ער איז גלײַך פֿון אָנהייב געוואָרן דער מײַסטער אין פֿונאַנדערלייגן אידיאָמען און באַגריפֿן, איבערשמעלצן געדאַנקען און קלאַנגען, ווי ער וואָלט באַשוואָרן די ווערטער זיי זאָלן זיך בייגן צו זײַן רצון. דורך דעם האָט ער די מאַטעריע פֿון וואָקאַל פֿאַרוואַנדלט אין אַ מיסטעריע פֿון קלאַנגקונסט, פֿון איבערשמידן אַלטע ווערטער און זיי געבן נײַעם אינהאַלט. ער האָט עס געטאָן מיט ליבשאַפֿט צו ייִדיש לשון. ער האָט די ייִדישע ווערטער אויסגעגלעט און אויסגעצערטלט, אַזש זיי זענען געוואָרן רעגן־בויגיקער און צאַרט־בייגיקער.

ער האָט געדאַרפֿט האָבן נײַ־באַשאַפֿענע ווערטער פֿאַר זײַן נײַ־באַשאַפֿענער נאַטור. די נאַטור איז בײַ סוצקעווערן צעשמייכלט, לעבעדיק, פֿאַרמאָגט צו מאָל אַ רעפֿלעקס פֿון שטיפֿערישן הומאָר. די נאַטור טאַנצט, לאַכט, פֿאַרשטעלט זיך, מאַכט גרימאַסן און אימיטירט אַלערליי קולות. די נאַטור איז טרויעריק־שווײַגיק, אויך רוישיק־אומרויִק, אַ מין עמאָציאָנעלע נאַטור. סוצקעווער פֿאַרשטייט איר שפּראַך און כאַפּט אויף איר מימיק, זי איז אַבסאָרבירט אין זײַן דיכטערישן וועלטבילד. די "ערדישע הימלען" רעפֿלעקטירן "אויף דער ערד" און ווילן וויסן: "ווער האָט זיי פֿאַרבונדן מיט דער פֿײַכטער ערד?". דער דיכטער אַנטדעקט אַלע זיבן הימלען "אויף דער ערד", ווי שפּיגל־בילדער פֿון דער נאַטור. אויב אין סיביר איז דער דיכטערישער מעדיום דאָס סוצקעווער־קינד פֿון יאָרן פֿריִער, איז עס אין וואַלדיקס דאָס לעבעדיקע אויג פֿון יונגן אַבֿרהם סוצקעווער אין דעם הײַנט.

דאָס רעאַליסטישע וואַלדיקס ווערט וויזיע, אַ מין אָפּטישע קראַפֿט צו זען די נאַטור מיט אַ גײַסטיקן אויג. סוצקעווער ווערט אַרײַנגעשפּינט און אַרײַנגעחלומט אין וואַלדיקס. שיינקייט באַוועגט זײַן דיכטערישע מוזע. די וואַלדיקס־נאַטור ווערט די צווייטע נאַטור פֿון פּאָעט, ווי אַ שפּיגל אין אַ שפּיגל. די וואַלדיקס־עפּאָפּעע איז די ליריק פֿון דער נאַטור, וואָס איז א י כ י ק פֿאַר איר געמיט, און איינציײַטיק אוניווערסאַל שעפֿעריש. אָט רעפֿלעקטירט די אייביקע נאַטור אין די "ערדישע הימלען" פֿון דיכטערס זעאונגען, אָבער ס'איז ניט די אַלטע, שוין באַקאַנטע בענקשאַפֿט פֿון השתּפּכות־הנפֿש, נאָר ס'איז עפּעס אַ נײַע אומבאַקאַנטע סענסאַציע פֿון געפֿילן — השתּפּכות־הטבֿע. די נאַטור נעמט איבער די סאַמע לעבעדיק־נשמהדיקסטע אייגנשאַפֿטן פֿון מענטש און "גיסט אויס איר האַרץ". ס'איז דער אָריגינעלסטער סוצקעווער־קוריאָז, ווען די נאַטור "שרײַבט" אירע וווּנדער־לידער מיט זײַן האַנט, זי טראַכט און פֿילט מיט זײַן האַרץ און מוח. זי טראַנספֿאָרמירט זיך אין אַ סוצקעווער־טראַנסקריפּציע, ווו "צווישן בלעטער־וואַרג און שטיבער איז אָנגעשריבן מיט אַ קאַלטער טײַכנשריפֿט מײַן נאָמען". זי האָט דעם דיכטער אַרײַנגעחתמעט אין איר נאַטורשריפֿט און, פֿאַרשטייט זיך, אים געגעבן איר ק אָ פּ י ר ײַ ט. די נאַטור ווערט פּאָעטישע סובלימאַציע, לעבעדיקע אומוואַנדלונג,

קריגט חושים, געוועבט פון וואָרצלען, און אויגן — גײַסטיקע. ס׳ליכטיקן אויף וויזיאָנערישע בילדער, די צײַט איז ג ע וו ע ן און וו ע ט ז ײַ ן, צוריק און פֿאָרויס. מיט דינינקע נשמה־פֿעדעמלעך דערטאַפּט דער פּאָעט די נאַטור, ביז פֿולער אידענטיטעט, ביידע געהערן זיך איינער דעם אַנדערן. אַ נאַטור וואָס קאָן זיך ״דערקלערן אין ליבע״: ״ביסט מײַן, איך בין דײַן״; זי קאָן אויך פֿרעגן עפּעס ״בײַ אַ בוים״ און הערן „אַן ענטפֿער״. ס׳איז די איבערנאַטירלעכע נאַטור אין וועלכער דער דיכטער איז אַרײַנגעבוירן. אין דער נאַטור איז דער לײַביקער איך אויך נאַטור און ביידע ווערן א יי נ ס מיטן גאַנצן באַשאַף:

> כ׳זע מײַן לײַב אין ווײַס פֿון דער בעריאָזע,
> כ׳פּיל מײַן בלוט אין בליונג פֿון אַ רויז.
> (דאָרטן, ז׳ 93)

און ווען מ׳פֿילט זיך אָרגאַניש אײַנגעפּעדעמט אין נאַטור, קאָן מען אויך זען ״די ווײַטע פֿאַרביקייט פֿון שלאָף״, דעם חזיון פֿון רעטראָספּעקטיווער אַבסטראַקציע, וואָס איז ניט מער ווי ״אַ שפּליטער פֿון אין־סוף״. און אין מאָמענט פֿון התעלות־הנפש דערפֿילט עס דער פּאָעט מיט דער דיך־דינסטער אינטויציע. אין יעדן ליד פֿון סוצקעווערן קאָן מען אַרײַנטײַטשן תּלי־תּלים פֿון געדאַנקען, מחמת ער האָט דערפֿירט זײַן וואָרט ביז דער סאַמע ראַפֿינירטסטער שפּילעוודיקייט. יעדער גוטער ליד־פֿאַרשטייער קאָן אָן שוועריקייטן באַשיידן די וואַלדיקס־לידער, וואָס זייער גאַנצע אידעע איז די נאַטור, איבערגעשפּיגלט אין אַ קינסטלערישן פֿענאָמען. אַזאַ נאַטור־פּאָעזיע ווערט דאָס אייגנטום פֿון יעדן פֿאָלק, פֿון אַ סך פֿעלקער, הגם דאָס וואָרט אויף ייִדיש באַגרעניצט אַזעלכע גרויסע לידער צום קלענסטן כּלל געניסערס. אָבער ס׳איז סוצקעווערס זכיה און זײַן פֿאַרדינסט, וואָס ער האָט דערפֿירט דאָס ייִדישע וואָרט צו דער דימענסיע פֿון אַ וועלט־לשון. ער האָט זיך פֿאַרנומען ניט אַנדערש, ווי נאָר אויפֿשפּאַלטן דעם וו אָ ר ט אַ ט אָ ם, לויט זײַן שטעמפּל פֿאַר דעם באַגריף. אין וואַלדיקס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער וואָרט־עקספּערימענט, וואָס סוצקעווער האָט דערפֿירט ממש ביז סענסאַציע אין שפּעטערדיקע לידער. אַ דאַנק זײַן מײַסטערשאַפֿט האָבן זיך די ווערטער בײַ אים ניט ״צעשאָטן אין קאָסמישער בהלה״, ווײַל דאָ האָט אויך געווירקט דער זעלבער געזעץ ווי אין דער נאַטור — צוזאַמענהאַלטעוודיקייט פֿון אַלע וואָרטאַטאָמען.

אין דער צעשפּרייטער לידער־טעריטאָריע פֿון אַבֿרהם סוצקעווער איז ניטאָ קיין כאַאָס פֿון וואָרט, ניט קיין בבֿל פֿון באַגריפֿן און ניט קיין צעפּלאָנטערטע סימבאָלן. די ״נשמה פֿון ערדישן הימל און הימלישער ערד״ איז דאָ צוזאַמענגעבונדן, ווי דער אַטאָם — און ביידן האָט ער ליב. און כאָטש ער איז זיך מודה: ״כ׳האָב ליב די ערד ווי הימל, —מערער״, איז דאָך זײַן עקספּאַנסיווער באַגער צו דעקן, פּאָעטיש, וואָס מער הימל־שטח. וואָס טיפֿער מיר דרינגען אַרײַן אין וואַלדיקס, אַלץ מער ווערן מיר פֿאַרשטראָמט פֿון אַ צעכוואַליעטער זוניקייט וואָס דערשטוינט: צי האָט דאָס בלאָס־אַנעמישע ליטע־פֿלאַכלאַנד פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל זון און פֿאַרב? פֿון ווו האָט סוצקעווער אימפּאָרטירט די דאָזיקע קאָליריקע כּישוף־אוצרות? מוזן מיר קומען צו דער איינציקער קאָנקלוזיע,

אַז די לאַנדשאַפט איז אַן אינעווייניקסטע, ניט ליטע און ניט פוילן, נאָר די דורכויסיקע סוקצעווער־לאַנדשאַפט, זײַן אייגן וואַלדיקס, וואָס וואַקסט אין אים אויס אין גוואַל־דיקע דימענסיעס: דער קאָסמישער אויבן. זײַן ערד־דערקענטעניש איז אָבער שאַרף־חושיק און קלאָר, פּונקט ווי זײַן ־ליבשאַפט צו דער ערד־:

> און וואָס מער הימל, ווערט מיר קלערער,
> אַז איך בין ערד, אַז איך בין ערדיש.
> (דאָרטן, ז׳ 107)

סוצקעווער האָט זיך געטובֿלט אין פּלייציק־זוניקן וואַלדיקס, אָבער ניט געקאָנט זיך אָפּרײַסן פון ערד־שורש. ער האָט געזען אין יעדן בוים, אין יעדן רעגן־בויגן, אין יעדן טויעלע פינקלען אַ ליד, וואָס האָט געהאַט אַזאַ אַרויסרופערישן רייץ פאַר זײַן אייג און געמיט, אַז די נאַטור האָט גלײַך רעזאַנירט מיט קלאַנגען. דער גאַנג דורך וואַלדיקס איז סוצקעווערס ענטוזיאַסטישער שפּאַציר דורך אַ לידערוועלט, ווו שיינקייט קריגט אַ תּיקון אין פּאָעטישע שורות. ס׳ווערט קלאָר אַז דער דיכטער איז געווען גע־רעכט מיט זײַן ערדישקייט־דיאַגנאָז. ערד רעפלעקטירט בײַ אים דעם הימל, ווי די וואָר דעם חלום. ס׳איז ווי ״אַ האַרץ אין אַ האַרץ, / געשלעכט אין געשלעכט״ פון ״צווי ביימער מיט שטאַמען / פאַרפלאָכטן צוזאַמען״ (דאָרטן, ז׳ 100). ס׳איז דער ביאַ־לאָגישער וווּנדער פון נאַטור, ״דער וועג / צו דער ערדישער ליבע״. זײַן ליד האָט דעמאָלט געוואָרצלט אין דער וואַלדיקס־וואָר.

די לידער רעפלעקטירן נשמהדיקע איבערלעבונגען, אין בילדער און סימבאָלן. עס איז די איבערשפּיגלונג פון געמיט, וואָס זעט אַ ״הימל — ווי דער חלום פון אַ דולן״, וואָס ווערט ״מגוגל אין אַ הייסי, פולן / און ווילדן רויזנביימל אויפן פעלד״ (דאָרטן, ז׳ 101). דער גראָטעסקער זון־גילגול גיט שאַרף אַ ברי און ברענגט אַרויס די אַסאָ־ציאַציע פון מידבר. ניט ווילנדיק דערמאָנט זיך אַ דאָרנבוים. סוצקעווער פאַרמאָגט דעם מאַגנעטישן כּוח צו פאַנגען לעבעדיקע בילדער און מעטאַפאָרן, ווי מ׳כאַפּט אַרויס זילבער־פישלעך פון אַ טײַך, אין זייער בלישטשעדיקן צאַפּל. פּונקט ווי ״דער ווינט — פאַרקנעפּלט דעם טאָג מיט נאַכט״, לאָזט זיך פאַרקנעפּלען סוצקעווערס בילד מיט חלום און קול, אַז מיר זאָלן הערן ווי ״אַ וואָלקן לאַכט פון שלאָף״, און דערזען ווי ״עס ווינקט פון וואַלד אַ בליציק אייגל״. (דאָרטן, ז׳ 101).

אין פּראָצעס פון לייענען דאַרף מען בלויז אַרויסשיילן די בילדער פון זייער וואָרטיקער מעטאַפאָרישער שאָל, כּדי צו דערפילן דעם גײַסטיקן תּוך זייערן. דעמאָלט איז גרינגער צו זען די ־רעגנס פון פאַרבן און בלומען־ (דאָרטן, זז׳ 102־103). — די מאַטעריע וואָס רײַסט זיך צו די הימלען: ״איך בין דאָס געבויר פון די וועלדער, / וואָס ווילן זיך הימלען פון דר׳ערד״ (דאָרטן, ז׳ 102). דאָס איז דיכטעריש עקזאַלטירטע וואָר, וואָס באַשאַפט אַן אומגעווייןלעכן רעגן — אַ רעגן פון פאַרביקע געדאַנקען:

> ווי מישונג פון חלום און ווײַן,
> דײַן שיינקייט באַוואָרטיקט מײַן גומען.
> (דאָרטן, ז׳ 103)

אין דער שיינקייט־פּאַנאָראַמע פון טרוימישע פילונגען און גופישע שפּירונגען, שטייגט דער פּאָעט צו "וועלדער גאָלדגרינע באַהאַנגען מיט ליכט און מיט סוד". דעם וואַלד, דורך וועלכן ער וואַנדלט, פאַרוואַנדלט ער אין אַ שם־עצמדיקן ווערב:

איצט וועלדער איך אויף אין דער לופט,
באַרעגנט מיט פאַרבן און בלומען.
(דאָרטן, ז׳ 103)

די שיינקייט, אין בילדער, געדאַנקען, זעונגען, שטראָמט אין די לידער. דער פּאָעטישער ענערגיע־קוואַל וויל זיך מער ניט לאָזן צוימען. עס פליסן אַריבער חלומות, וואָס האָבן אין אַ פריִערדיק ליד קוים אויפגעציטערט, ס'וויבּרירן קלאַנגען פון אַן אָקערשט פאַר־ענדיקטער שורה, און ס'ליכטיקן זעונגען פון אַ פרישׂ צאַפּלדיקער סטראָפע. דאָס ליכט פון שיינקייט שטראַלט אין אַלע לידער, די נעכטיקע און די מאָרגנדיקע. סוצ־קעווער פאַרצייכנט אַ לירישע שטימונג פון "אין איינעם אַן איינמאָל" (דאָרטן, ז׳ 104), וואָס איז די טיפע באַזינונג פון אַן אַלעמאָל:

משוגעת אָדער ליד איז באַשאַפן געוואָרן —
פון דער וועלטס ערשטן חלום — אין רגעס אַזעטיקע.
(דאָרטן, ז׳ 104)

און דער ערשטער חלום ווערט די רגע פון אייביקייט. אַ חלום פון "שווייגן" און "שלאָף", ביז דער זכות פון וואָרט האָט זיך אויסגעשוויגן זיין אינהאַלט און פאַרעם, כּדי צו אויפגליִען אויף דעם פּאָעטס ליפּן. דער בראשית, ווי "אַ געדאַנק, וואָס זוכט אַ לייב, ווערט אַ רגע שפּעטער "עלעקטרישער אינהאַלט" (דאָרטן, ז׳ 105), וואָס שווימט "אין שטילן עטער" און זעט ווי "די ווייסע געטין לונע טאַנצט אַ נאַקעטע אין וואַלד". אַבֿרהם סוצקעווער האָט געזען די ווידעראַנאַנדיקע נאַטור־פענאָמענען האַרמאָניש צו־זאַמענגעשפּילט מיט די פּאָעטישע אַטריבוטן: וואָרט, געדאַנק, חלום. דער וואָרט־אינסטרומענט האָט די קאָנטראַסטן צוזאַמענגעשמאָלצן. אָבער ער האָט ניט נאָר געמאָלן די נאַטור־שיינקייט, נאָר זי באַטראַכט פון אינעווייניק, מעדיטירט וועגן איר, געזען "די נשמה פון ערדישן הימל / און הימלישער ערד!" די פּייערדיקע נשמה אירע, וואָס איז דויער און אייביקייט.

ס'האָבן זיך אויסגעמישט פּייער און וואַסער, הימל און ערד, חלום און וואָר. ער האָט געפונען די פּאָעטישע פאָרמל ווי דעם נאַטור־וווּנדער צו פאַרוווּנדערן מיט וואָרט־וווּנדער. אָבער ער אַליין איז אויך אַ חלק פון דעם נאַטור־וווּנדער. ער זעט זיך אין פאַרענדערטער פאָרעם, "אין אָפּגרונט פון אַ זאַנג", וואָס לאָזט זיך נאָר אויסמעסטן מיט דער עקזאַלטאַציע־רגע פון פּאָעט, וואָס ווערט "פאַרתּענוגט אין קאָרענער סובּ־סטאַנץ". (דאָרטן, ז׳ 110). ער ווערט "אַ זאַנג צווישן זאַנגען", ווו ס'ווערט "אויפגעאַנט־פּלעקט אַ וועלט פון כּולו פרייד און קלאַנגען" —

ווּהין איך וואָלט צו פוס
קיין מאָל ניט דערגאַנגען.
(דאָרטן, ז׳ 110)

דאָס איז די טיפקייט פון נאַטור־פרייד, וואָס שפּיגלט זיך אין אייגענער טיף. אין גע־לויף פון יונגער באַגייסטערונג זענען אים די פּאָעטישע ״פרימאָרגנדיקע וועגן״ אַנט־קעגנגעלאָפן מיט ״יונגזון״ און מיט ״אַ זילבערנע לירע״.

□

ביז צו די חורבן־יאָרן האָט דער יונגער סוצקעווער אַרויסגעזוניקט פון זיך אַן אוצר פון ליכטיקע לידער. פון ליד צו ליד זענען די בילדער געוואָרן אַלץ פאַרביקער, און דער לירישער טאָן אַלץ קלינגענדיקער. די פאַנטאַסטיק פון דער ״רעגן פון פּלאַנעטי־שער שטילקייט״ האָט ניט אויפגעהערט און עקאָט אין אַלע לידער. די סימבאָלישע רעגנס, וואָס סוצקעווער פילט מיט גרויס ליבשאַפט, זענען שטילע, ווײַל זיי זענען רעגנס פון פאַרב און ליכט, וואָס ״די יונגזון״ נעמט ״שפּריצן ווי אַ גייזער פון פאַרבן, און אירע אויפגעשטראַלטע געדאַנקען באַבליצן אַ געוואָסער״. איז ביז גאָר נאַטירלעך, אַז פרימאָרגיקע בילדער גייען־אויף אין דערקענטעניש קלוגער״, ווען ״בלומיק איז מײַן בלוט״. ס׳איז געוועזן די מחשבֿה־דורכגעוועבטע נאַטור, וואָס איז סוצקעווערס קאָנטעמפּלאַטיווע נאַטור, אין וועלכער דאָס בלומיקע בלוט שטראָמט פון פּאָעט צו זײַן וואָרט. קענטיק אַז שפּעריש בלוט איז פאַראַן אויך אין דער נאַטור, וואָס איז איר ״גרינע מחשבֿה״. דאָ האָט זיך פאַרשותּפישט נאַטור און פּאָעזיע, וואָס איז געקומען צו האַרמאָנישער התגלות. דער דיכטער באַשטעטיקט דעם שותּפישן בלוט, איןביידן, מיט אַ מין פילאָסאָפישער דערקענטעניש:

און אין אײַערע אייביקע בלוטן
איז אויך מײַן בלוט פאַראַנען, און אונטער
אײַער ליבלעכן בליק דעם באַרוטן
בין איך ערדיש — אַ שטאָם אַ פאַרגרונטער.

סוצקעווער האָט זיך גרונטיק פאַרשטאַמיקט אין דער נאַטור.

אונדז פאַרבינדן די זעלביקע פריידן
און דאָס זעלביקע פײַער.
(דאָרטן, ז׳ 114)

דאָס שותּפישע פײַער און די פריידן האָבן סוצקעווערן געפירט דירעקט צום ״מענטש אויף די שטעגן״. סוצקעווער באַגריסט דעם „באַגעגן״ מיט אים, ווי ״אַ נס״, ווײַלביידן ״אייניקט — דער פאַרביקער מאָרגן״:

לאָמיר, שוויַגיקער ברודער, צוזאַמען
צום יסוד פון דער וועלט זיך דערגרונטן.
(דאָרטן, ז׳ 115)

סוצקעווער גלייבט אין מענטש, וויל זיך פאַרחבֿרן מיט אים. מענטש איז אָן אָנהאַלט אַזוי ווי ס׳איז די נאַטור. אָבער מענטש איז בלויז אַ באַגעגעניש ״אויף די שטעגן״, ווען די נאַטור איז אייביק. און ווידער קערט ער זיך צו צו איר.
סוצקעווער זעט ניט נאָר ביימער, וואָס ברענגען פּירות, נאָר ער זעט דעם חלום זייערן און פילט זייער פריידיד און פּיַין:

פּיַין פון אויפשפּראָץ, בליִעכץ און באַבלעטער,
וואָרצלדיקער שטראָם דורך טעג און נעכט.
(דאָרטן, ז׳ 118)

און ״דאָס צוויַיגל קאַרשן״ האָט ״ליניעס, פאַרבן, צייכנס״, פּונקט ווי אַ מענטש. עס האָט אַפילו מענטשלעכע אייגנשאַפטן: ״אי מוט, אי גלויבן, / זון־פאַרליבטקייט, אימ־פּעט און געיאָג, / גבֿורהשאַפט אַרויסצוטאַנצן אויבן״. (דאָרטן, ז׳ 118). די אַלע שותּפישע אַטריבוטן מיטן מענטש האָט סוצקעווער געפילט, ווען ״אַל מיַינע חושים ווערן ערשטיק״. מיט דער פרימערער קראַפט האָט ער ״דערקענט״ אין ״אַ צוויַיגל קאַרשן״ (דאָרטן, ז׳ 118־119) ״דעם וווּנדער פון זיַין שטאַם״. איצט מעג מענטש הנאה האָבן פון דער קאַרשן־שיינקייט בפועל:

האָסט דערקענט דעם וווּנדער פון זיַין שטאַם.
האָסט דערקענט — אַציִנד זיַין שיינקייט ירשן!
(דאָרטן, ז׳ 119)

סוצקעווער האָט דעמאָלט מיט זיַינע שעפערישע ״ציינער״ פאַרזוכט דעם טעם פון די אייגענע ציַיטיקע פּירות.
אין זיַינע צענדליגער ערשטע לידער, האָט סוצקעווער, ווי אין אַ סיף, באַהאַלטן די אייביקייט פון דער ערד און פון זיַין ציַיט. אָט, אַ שטייגער, וואָס קאָן זיַין נאָך מער פאַר־גענגלעך ווי דער ״זכרון פון אַ בליץ״? נאָר סוצקעווער האָט אים ערגעץ דערבליקט און פאַראייביקט. ער האָט אַרויסגעקראָגן פון אים אַ גאַנצן אַפּאָלאָגעטישן מאָנאָלאָג, וואָס בליצט מיטן געמיט פון אַ פענאָמען, וואָס האָט ״ניט קיין עלטער. כאַטש, קנאַפּע סעקונדן אַנטפלעק איך מיַין צייכן״. (דאָרטן, ז׳ 122). אין דעם צייכן פון זיַין בליציקער רגע זעען מיר אַ גאַנצע וועלט מיט בילדער. אַפילו אַ שפּאַנענדיק קאַפּיטל פון ״אַן עלנטן״ בוים, וואָס דערשרעקט זיך און אַנטלויפט פאַר דעם ״אָנדענק״, וואָס דער בליץ האָט אים געלאָזן. און דער בליץ, וואָס וואַרפט אָן אַ פּחד אויף דער וועלט, האָט גאָר אַ סך צו זאָגן, אויפקלערן, זיך דורכטענהן מיט דער וועלט, וואָס ״כ׳האָב אייביק דיך ליב״, אַזש ״מיט די קאָסמישע ליפּן צו קושן דיַין שטויב״. (דאָרטן, ז׳ 124).

מע מיינט, אַז מײַן שאַרפֿע צעליכטונג
פֿאַרבלענדט יעדנס בליק, —
כ׳בין אָבער בלויז ריטעם, בלויז ריכטונג,
נשמה, מוזיק.
(דאָרטן, ז׳ 124)

אַלע יענצײַטיקע לידער סוצקעווערס, שנײַדן דורך, אויפֿגעלויכטענע ווי בליצן, מיט "שאַרפֿע צעליכטונג" פֿון גײַסט און בילד. ווײַל וואָס אייגנטלעך דאַרף פֿאַרמאָגן אַ גוט ליד מער ווי ריטעם, ריכטונג, נשמה, מוזיק — די פֿיר שפּעריש באַוועגערס: אויער, געדאַנק, האַרץ און געמיט. דאָס זענען די פֿיר עלעמענטן אין סוצקעווערס פּאָעזיע, וואָס פֿאַרבלענדט ווי דער בליץ. ווער ס׳איז ביכולת אויפֿכאַפּן די פּאָזיטיווע צעליכטונג, וועט בלײַבן אַ פֿאַרליבטער אין בליץ. דער בליץ פֿון שׂכל און האַרץ איז אייביק, און זײַן זכּרון איז "יונגשאַפֿט", "אָנהייב".
אַבֿרהם סוצקעווער פֿאַרבינדט זיך מיט די נאַטור־עלעמענטן, ווי אַן אָרגאַנישער טייל זייערער. ער איז אין בליץ, אין שטורעם, אין שטילקייט. זײַן ליד איז אויך אין גורל פֿון גאַנצן באַשאַף, וואָס טראָגט אים, ווי די סטיכיע "אין גאַלאָפּ", ניטאָ "קיין פּונק פֿון אויסלייז". ער מוז כּסדר שאַפֿן, "אויסטרינקען" זײַן "ערדישע צײַט ביזן דנאָ", טראָגן זײַן געזאַנג ביז צום ציל:

כ׳וויס: כ׳וועל אַ מאָל צו אײַך קומען. מײַן נאָמען
זינגען וועט הילכיק דער שטורעם. און צינדן
וועל איך פֿאַר אײַך דאָס פֿאַרלאָשענע ליכט
פֿון מײַן ציל.
(דאָרטן, ז׳ 126)

□

דער פֿרײַקער אָפּטימיזם האָט ניט אויסגעלאָשן דעם ציל. סוצקעווער איז געקומען צום דערגרייך פֿון אָנהייב, אָבער אַלץ איינס איז בײַ אים יעדער סוף געווען אַ נײַער אָנהייב. ווידער און ווידער צינדן זיך לידער. אָט שײַנט נאָך אַ שטערן. סוצקעווער קאָקעטירט מיט אַ ווערטערקראַנץ פֿון 12 שורות צום "סירויס", כּדי ער זאָל צובייגן זײַן חסד צו אים. ס׳איז ניט קיין אָדע, נאָר ער רופֿט אים מיט זיס־פֿאַרליבטע ווערטער, ווי אַ בראַוו ייִנגל, וואָס וויל אויסנעמען מיט קאָמפּלימענטן: "גאָלדיק טורקוזיקער! / דו, אויפֿגעשײַטערטער / הימלישער מוזיקער — / זע דאָ מײַן צאַרנגלי, / ס׳וואָרט מײַנס טו אָננעמען. / אין דײַן זכּרון־גלי / טו מיך פֿאַרפֿנימען!" (דאָרטן, ז׳ 127). די העברעיִש־ייִדישע גראַם־קאָמבינאַציעס אין קורץ־טראָפּיקן ריטעם, האָבן אַוודאי גע־האָלפֿן אָננעמען זײַן וואָרט און אים פֿאַרפֿנימען. דער וואָרטשפּיל איז עפּעס ווי אַ מין מוזיקאַלישער היפּנאָז פֿאַרן אויער.
די "בראשיתדיקע טראָפּן" זענען געווען דער "קלאַנג" און "ציטער", וואָס האָבן ליד צו ליד געבונדן. זיי האָבן ניט נאָר איבערגעטראָגן די "שטים פֿון שטימונג", נאָר אויך

מיטגעבראַכט סוצקעווערס באַליבטע סימבאָלן און אַ וואַרײַרטע נאַטור־פּראַקטיקייט. זײַן "רויטער פויגל" פּיקט אַרויס די קורץ־טראַפּיקע בילדער פון "מײַן שלייף און פלאַטערט צו דעם שטערן סיריוס". (דאַרטן, ז' 128). די שיינקייט "קושט אַרויס דאָס חיות פון דער ערד", און "דער אָוונט בליט אונטער די געדאַנקען". הגם אַ רגע פריִער האָט ער אַזוי זיכער אויסגערופן: "איצטער איז מײַן שעה, פריידער און געביטער!" ווערט ער באַלד סקעפּטיש. ער ספּקט אין דער אייביקייט אַפילו פון דער נאַטור וואָס ער זעט. ווײַל ווי קאָן געמאָלט זײַן אייביקייט, "ווען דער זעלבער אָוונט וואָס אַצינד / וועט ניט קומען מער באַהאַרצט, דערהייביק / דורך די וועלדערס וואַרצלדיקן שרינט?" (דאַרטן, ז' 129). אין דער אומאייביקייט וויל ער כאָטש אויסבעטן פאַר זיך אַ שטיקל פלאַץ: "גיב, גיב, גיב /פאַר מײַן גוף אַ היימאַרט — —" (דאַרטן, ז' 130)
פּאַסירט דער נס, ווי אַלע לידער־נסים ביי סוצקעווערן, און דער "גרינער היכל־פון נאַטור ווערט זײַן היים. ווידער באַפאַלט אים אַ בענקשאַפט צו זיך אַליין און ער צעצוויט זיך. ער ווערט דער טאָפּל־גייער פון אייגענעם "חלום". ס'איז דער "מענטש פון ווונדער, ועמען דו ביסט טײַער" —

> קענסט אים. האָסט באַגעגנט שוין אַ מאָל אים —
> נאָר האָסט ניט געוווּסט, אַז דאָס איז ע ר.
> (דאַרטן, ז' 131)

מאָרגן קענען ווידערביידע ווערן איינער — וואָר און ווונדער אין איין מענטש: "היינט, ביסט דו די וואָר, און ער דער ווונדער, / מאָרגן — וועט איר ביידע ווערן איינס". (דאַרטן, ז' 131). ער זוכט אין "וואַלדאַנטפּלעק" דעם "ליכטיקן באַשאַפער פון זײַן "גײַסט":

> פיר מיך, אייביק לעבן, צו דעם שפּיגל פון מײַן גײַסט, —
> כ'האָב אים נאָך ביז איצטער ניט געטראָפן.
> (דאַרטן, ז' 134)

דער "גייער צו אַ ווײַטער קלאָרקייט" זוכט התגלות אין "וועלדערישער שײַן". קומט נענטער צום ציל. דאָ וואַרט דער סוד. "הינטער גרינעם זונפּאַרגיי דאַרט וואַרטסטו אויף מײַן אָנקום". ס'איז ניט דער ווײַסער זונפּאַרגאַנג פון סיביר און די "דערקענטע־ניש" פון "סיבירער גאָט", אין יענער שקיעה. די אַ דערקענטעניש איז שוין ניט קיין קינדערשפּיל פון פאַרבן "אויפן באַרגשפּיץ", נאָר זי איז טיף און מיט גלויבן:

> כ'ווייס, ביסט דאָ, ביסט דאַיִקער פון דאָ,
> ווי ס'איז דאָ די ערד אין פּײַכטן גרינען
> (דאַרטן, ז' 135)

און נאָך עפּעס "ווייס" ער, אַז "כדי צו זען דיך נאָענט / דאַרף איך דורכגיין דורך דעם זונס פאַרגיי / און דורך גאָר מײַן צײַט, וואָס ברענט, שגעונט, —" (דאַרטן, ז' 135).

אַז מ׳וויל איז דאָס טיפּע עקזאַלטירטע אמונה, וואָס ער איז מקבל באַהבֿה. אַ גלײַקער פּונק אין דער נשמה פֿון משורר גייט אויף אין דערמאָנונג, און ער וויל זײַן "האַר, אפשר אויך דערמאָנען, אַז אַנוסטן / האָט מײַן טראָט, אין פֿריידיקן געהאַר, / דיך באַגעגנט אויף אַ פֿעלד" (דאַרטן, ז׳ 136). די וויזיע ליכטיקט־אויף מיט קינדישער תמימות. דער כּבֿודו מלא עולם איז אויסגעשפּרייט איבערן יקום, איבערן פֿעלד:

כ׳האָב זיך ניט דערשראָקן, נאָר פֿון תענוג,
אַז ביסט דאָ, אַ פֿאַל געטאָן אין גראָז,
ווי אַן עפּל גאָלדבאַהויכט און ווײַניק,
ווען ס׳טוט די צײַטיקייט אַ בלאָז.
(דאַרטן, ז׳ 136)

ווען דער "דרימל"־זעער "אַנטוואַכט", אַנטפּלעקט זיך ערשט פֿאַר אים, "ווי ס׳איז פֿאַרפֿול די נאַכט מיט דײַן פּנים". די דערקענטעניש איז אַרײַנגעוועבט אין דער עמאַ־ציאָנעלער קאַנווע פֿון סימבאָליק. די לעבעדיקע טראַנספֿאָרמאַציע פֿון נאַטור איז דאָ וואַריִרט אין ווונדערלעך־קאָליריקע מעטאַפֿאָרן: "גרינע טירן", "גרינע זאַלב", "באַגרינטער זומערניש" (נאָר צו דערמאָנען אַ פּאָר בײַשפּילן פֿון שטח וואַלדיקס).

מיט אַ מאָל געוואָרן ביסטו הימל,
איך — אַ בערגל נאַכט, פֿול רו און טרייסט.
(דאַרטן, ז׳ 136)

דאָס "בערגל נאַכט" ווערט פֿאַרפֿולט מיט "רו און טרייסט", ווען ער ווייס אַז אַ וואַך אויג אין הימל שפּרייט זיך איבער אים. אַבֿרהם סוצקעווער האָט אין די שורות בלויז אויסגעצאַפּלט דעם חלום פֿון וואָר און ווונדער, וואָס איז אונדז אַלעמען באַקאַנט — דער ע ר וואָס "פֿאַרטרויט אַ סוד: ׳איך בין דײַן אַלץ׳". (דאַרטן, ז׳ 131). אין דער לעצטער לאַנגער שורה פֿון קורצן אומבאַטיטלטן זעקס שורהדיקן ליד געפֿינען מיר דעם ענטפֿער. אפשר איז אין דעם אויך סוצקעווערס וואַ ל ד ג ע ד אַ נ ק:

ווער זאָגט עס, אייביק וועל איך לעבן? גיכער — אייביק שטאַרבן.
(דאַרטן, ז׳ 137)

דער ביאָלאָגישער פּראָצעס פֿון לעבן־און־שטאַרבן, וואָס גילט אויך אין דער נאַטור פֿון וואַלדיקס, איז אין די קאַטעגאָריעס פֿון אייביקייט, ווי מיר פֿאַרשטייען זי פֿון דורות־דיקן געקייטל. דער "פֿרייִדגעפֿיל־באַצווינגער (וואָס) שטעכט־דורך מיט גרינע שטעכל־קעס מײַן שאַרבן", איז נאָר דער פּיזאָ־פּסיכישער דערמאָנער פֿון די געזעצן פֿון טויט, אין פּראָצעס פֿון וואַקסן. סוצקעווער האָט אָפּגעמאָסטן די אייביקייט מיט ערדיש־רעאַליסטישע און וויזיאָנערישע בילד־באַגריפֿן, פּרווונדיק דערבײַ כאַפּן אַ בליק הינ־טער די קוליסן פֿון "גרינעם זונפֿאַרגײ". די "פֿאַרהילכטע קינדשאַפֿט" האָט זיך אָפּגע־רופֿן מיטן צײַטיקן קלאַנג, "וואָס גלעקלט אין דײַן בלוט".

דער בײַטייל פֿון וואַלדיקס (זז׳ 138־152) הייבט זיך אָן מיט אַ לד אָן אַ טטל. דאָס איז זײַן ערשטע סטראָפֿע:

וועןמײַן קינדשאַפֿט געזומען האָט שפּראַצן
בײַ דעם ראַנד פֿון פֿאַרכּישופֿטן וועג,
האָט אַ קלאַנג מיך געגעבן אַ פֿרעג:
וואָס איז, ייִנגל, דײַן פֿרײַקער רצון?
(דאָרטן, ז׳ 138)

אין בלאָנדער באַגינען און אין פֿרײַערדיקן טייל פֿון וואַלדיקס איז שוין געווען דער ענטפֿער אויף דער שאלה, וואָס באַשטייט בלויז פֿון דעם איין־טראַפּיקן וואָרט — ז ו ן — און דאָס איז דער סימן מובֿהק פֿאַר סוצקעווערס ליד. זײַן "ערשטער באַגינען" איז געווען "באַסימנט" מיט זוניקייט פֿון וואָרט: "און די זון איז געווען מײַן וואָרט, וואָס האָט פֿאַרביק די ווײַטן באַסימנט". די צווײי מתּנות, וואָרט און זון, האָט ער געקראָגן פֿון דער נאַטור פֿרײַ, נאָר ער האָט געוואָלט, "אַז דאָס דאָזיקע ליכט פֿון דער וועלט" זאָל שוין בלײַבן זײַן אייביקער קנין. דאָס האָט נאָר געקאָנט געשען דורך פֿאַרוואַנדלען דאָס וואָרט "אין מירמל און דימענט" — דער שעפֿערישער פּראָצעס ווו דער אָטעם פֿון גײַסט קאָן האַרט און ליכטיק מאַכן דאָס וואָרט ער זאָל ווערן מאָנומענטאַל.

סוצקעווערס "קינדשאַפֿט" איז געווען פֿאַרכּליניעט מיט סיבירער זונוויַסקייט, אַ לײַכטע ווי דער שניי, איצט האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרײַנגראָבן אין די טיפֿערע פּלאַסטן פֿון וואָרט, כּדי מיט אים אויסצופֿילן זײַן פּאָעטישע שליחות. צו דעם האָט ער געדאַרפֿט ז ו ן ניט נאָר אין האַרצן, נאָר אויך אין מוח: "און די זון רויט ווי ווירמל / איז אַרײַן אין מײַן בלוט און געדאַנק". פֿון אָט דעם מאָמענט איז סוצקעווער געווען אַ פֿאַרטיקער פּאָעט. און דער זונפֿלאַטער, פֿון ערשטן שעפֿערישן אָטעם, רופֿט זיך אָפּ אָפּט, ווי אַן עכאָ, אין סוצקעווערס ביז הײַנטיקן שאַפֿן.

אין דעם וואָרט־זון־שײַכות איז ריכטיק סוצקעווערס געדאַנק פֿאַר וואָס עס "רופֿט אים זײַן באַשאַפֿער: האַר", ווײַל "ער איז אַ געאייביקט קינד". און אַ ניצוץ פֿון קינד, "בלאָזט פֿונאַנד אין הייכן / פֿאַרב־נשמות און באַפֿעלט / לעצטן הימל צו דער־גרייכן". (דאָרטן, ז׳ 139). האָט דער באַפֿעלער, וואָס איז "ייִנגער פֿאַר דער צײַט", זיך דעמאָלט פֿאַרקליבן אין סוצקעווערן, כּדי צו פֿאַרייִנגערן זײַן פּאָעזיע. סוצקעווער האָט אין זײַנע פֿרײַקע לידער, געזוכט זיך צו פֿאַרחבֿרן מיט דער פּאָעזיע פֿון קינדיש־פֿאַר־ביקן חלום. ס׳האָט אים געעקבערט די אינטערעסאַנטע פֿראַגע: "הינטער דער זון ווער קען גרייכן?" צוליב דעם האָט ער נאָכגעקוקט אַ ייִנגל, וועלכער קען עס יע גרייכן. ער האָט "באַגעגנט אַ מאָל — / אַ ייִנגל, וואָס האָט פֿון אַ זײַטיקן הייפֿל / אַ קײַקל געגעבן אַ הילצערן רייפֿל". דאָס רייפֿל "איז פֿאַרגאַנגען אין זוניקן רויטן גע־לײַטער", און דאָס ייִנגל האָט "פֿאַרשיכּורט געקײַקלט אים ווײַטער" (דאָרטן, ז׳ 140).

מסתּמא זעט נאָך איצט סוצקעווער יענץ רייפל זיך קײַקלען ״הינטער דער זון״. נישקשה, די זון האָט אָפּגעשפּאָרט גענוג ליכטיקייט אויך הינטער זיך, כּדי דאָס סימבאָלישע רייפל מיטן מיסטישן ייִנגל זאָלן ווײַטער שײַנען אין ״רויטן געלײַטער״. דאָס קורצע ליד, וואָס איז אַ שפּיל פון סימבאָל און פאַנטאַזיע, לויכט עכט און לעבעדיק. די קאָליר־רעפלעקסן פון די ״אוצרות אײדעלע געשטיינער״, אין נאָכקומענדיקן ליד, ״אײדלשטײנער״ (ז׳ 141), זענען אוודאי ניט געפאַלשט אָבער עס האָט ניט דעם צויבערדיקן כּוח פון אומבאַקאַנטן ייִנגל, וואָס ״צעשניקערט דאָס האַרץ פון דער זון מיט זײַן רייף״ און קײַקלט אים ״ווײַטער״. —

דעם ייִנגל האָט סוצקעווער פריִער באַגעגנט, ״בײַ דעם ראַנד פון פאַרכּישופטן וועג״. אין שפּעטערישן עקסטאַז האָט ער אפשר געוואָלט זײַן אָטעם פאַרמירמלען. אָבער ער האָט אַ פּנים דערפילט אַז אין דעם איז פאַראַן אַ גרויסע שוועריקייט. מחמת דעם גיט ער זיך שפּעטער אַ קלאַפּ איבער די פינגער: ״צוים־אײַן די גבֿורה פון דײַן שאַפן״, אַז דער ״מירמל־ריטעם״ זאָל זײַן ״שטאָלצן קינסטלער ניט צעטרעטן״. אָן קיין שום ספק איז דער אָטעם פריִער ״איך שטילן וואַלד פון גרינער ליריק״, אָבער ״די גבֿורה פון שאַפן״ איז אוודאי אין ״קנעטן״ דעם ״מירמל־ריטעם״. דאָ איז דער נאַטור־כּוח פון סטיכיע, וואָס מוז געצוימט ווערן, כּדי צו פאַרהאַלטן דעם יאַגיקן ״אימפּעט״, וואָס ״ענדערט די פאָרעם און מאָס״, אַזש אַפילו דער ״געדאַנק״ — ״רײַסט פונאַנד געצוים און גדר״. (דאָרטן, ז׳ 143).

אָבער סוצקעווערס יעדע ליד איז בעצם אַ פאַרלייקענונג פון כאַאָס, יעדע סטראָפע איז אַ ראַם אײַנצוהאַלטן דעם אָנגעפליִיץ פון דער צײַטס סטיכיע, עס זאָל בלײַבן נאָר אין זיך. אין די זעקס שורות פון ״גליווער״ זאָגט ער עס.

> אַזוי וואָלט איך וועלן מײַן וויטיק באַשטראָמען
> און פאַנגען זײַן צײַט אין די איביקע תּהומען.
> (דאָרטן, ז׳ 144)

ווי אַ פּאָעט האָט ער מסתּמא געהאַט גענוג ״איביקע תּהומען״, אָדער ווי ער רופט עס אין צווייטן ליד: ״געבונדענע שטראָמען״, וואָס ״האָבן ניט מער קיין וווהין״. אַלץ ״דאָרטן״ און „וואָרט״ אויף דערפרישונג, און דער ספק הייבט אָן פרעסן: ״ווער וועט אַצינד פאַרנשמהן / אין אײַערע נעכט דעם באַגין?״ (דאָרטן, ז׳ 145). אפשר שטייט דאָ דער בלאָנדער באַגינען אונטער אַ פרעגצייכן.

די וויניק פערזיקע און קנאַפּ סטראָפיקע לידער, ברענגען עס אַרויס מיט פײַנע גע־דאַנקען און ערלעכע פאַרלאַנגען, אָבער זיי זענען נאָר רעפלעקס־שטימונגען, ווי ווינטן אין פעלד. נאָך אַזעלכע געמיט־ און געדאַנק־אונטערטונקען ״אין די איביקע תּהומען״, גיט זיך סוצקעווער ווידער אַ שטורמישן ריס צום ״שטאַרקן״ ליד. ער איז פול מיט זיכערקייט: ״מײַן גורל, אַ זוניקער פאַנצער, גייט מיר פאָרויס איבער פעלדזיקע ווײַטן״. (דאָרטן, ז׳ 146). און פון ״פעלדזיקע ווײַטן״ איז מיטן האַנט צו דערלאַנגען ״צו אײַערע הייכן, אַ, מירמלנע פעלדזן״. ער ווערט באַהערשט פון זייער גבֿורה און

די שרעק פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פּסיכאָלאָגישן אַרויסרוף און אַ גײַסטיקע שטאַרקונג, אין סאַמע געקלעטער:

כ׳האָב ליב אײַער גבֿורה, וואָס בליקט אין די הילכיקע ספערן — —
שרעק האָב איך ליב — —
שרעק פון מײַן קלעטער אויף אײַך — —
ווײַל ס׳ליד פון דער אייביקייט גײַסטערט אויף אײַערע שפּיצן.
(דאָרטן, זז׳ 146־147).

היכקייט ווערט סוצקעווערס חלום. מסתמא ציט אים "ס׳ליד פון דער אייביקייט". "וואָס איז מײַן ציל דאָ?" דער ציל איז קלאָר: שטײַגן — "פון ערדישע נידערס":

איך וויל בלויז ווי אַ י ר מיט די הענט
דורך די וואָלקנס אַ פּאַטש טאָן
און צוואָגן מײַן ערדישן קאָפּ אין דעם קאָסמישן פײַער.
(דאָרטן, ז׳ 147)

דער "הימען צו פעלדז" (דאָרטן, זז׳ 146־147) איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דעמאָלטיקן סוצקעווער, און פון די "מירמלנע פעלדזן" ווערט ער אַריבערגעטראָגן אין "די מירמלנע שטאָט". זי איז אַ האַרטע שטאָט, ווו "אויס מירמל געגאָרנט דערהייבן זיך טורעמס". זי איז "ווי אַ הימען פון גבֿורה". פריִער האָט דער פּאָעט געזונגען אַ "הימען צו פעלדזן", איצט — צו דער "פעלדזיקער פעסטונג": "בײַ נאַכט", ווען "פּלאַנעטישע הענגבריקן קניפּן צוזאַמען דאָס הימל־געוועלב מיט דער שטאָט". בײַ טאָג "ווערט געשמידט די געבענטשטע האַרמאָניע פון ברודערשאַפט", אין "ריטעם פון פרידלעכער אַרבעט". "און דער הימען פון אַרבעט לייגט אויס נײַע וועגן". און — "דער אָוונט — אַ היכל פון ליבע". (דאָרטן, זז׳ 150־151). דאָ מאָלט סוצקעווער אַלץ וואָס פאַנטאַזיע קאָן נאָר אויסטראַכטן — די אידיליע פון ליבע, פון מאַטעריע, פון גײַסט; און אַפילו "פרייד פון געשלעכטער".

אָט "די שטאָט איז אַ תּפֿילה", וואָס עקסיסטירט אין חלום פון סוצקעווערן. און זאָל עס הייסן אַ וויזיע פון — מירמל, ווײַל סוצקעווער איז אַ פּנים אין יענע טעג געווען פאַרליבט אין דער מירמלשטאָט, ווי אַ מין ערדיש־הימלישער כּישוף.

מער רעאַליסטיש און צוגעפּאַסט צום גײַסט פון לאַנגזאַמער ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג איז דער "אינדזל פון שוואַרצן גראַניט". (דאָרטן, ז׳ 152). דאָ דאַרף מען ניט קלעטערן — מ׳קען קריכן "אויף דער פעלדזיקער בייט", ווו מ׳טרעפט "אַ רויבפויגל". דאָ איז נאָך פאַראַן דאָס "געשווײַג" פון אַן אור־עפּאָכע, ווען די "בריזיקע ווערטער" טראָגט מען נאָך אין "שטײַג", וואָס "הינטער די שאַרבנס". די ביידע לידער זענען אַ בולטער מוסטער פון סוצקעווערס פעיִקייט זיך צו ספּראַווען מיט טעמאַטיק פון דמיון און רעאַליטעט און "איבערפליִען" צײַט־שטחים.

אין דער זעלביקער צײַט האָבן זיך אָנגעהויבן סוצקעווערס מענטש־זוכענישן. דער אָנהייב פון אורבאַשאַף האָט געזאָלט פירן צום אָנהייב פון אַ נײַער אידעאַלער תּקופֿה: צום מאָדערנעם "נבֿיא פון שטיין", פון דער מירמלנער אורבאַנישער שטאָט פון דער צוקונפט. די צווי ווײַטע פּאָלוסן פון זוכענישן האָבן גערוט אויף דער פילאָסאָפישער אָנשטימונג פון דעם פּאָעט, אַבֿרהם סוצקעווער, זײַן פּאַנטאַזיע און שפּיל מיט מיסטישע סימבאָלן און אומדעפינירטע עלעמענטן. דער דיכטער זוכט זיך זײַן גורל, זײַן באַשאַפער, זײַן ערשטיקייט־וועג וואָס פירט צו אַ נײַעם בראשית.
ס'ערשטע פיר־שורהדיקע ליד, וואָס עפנט די סעריע, קלינגט ווי אַ כמו־מאָטאָ. די ערשטע צווי שורות, ווי אַן אַפאָריזם, מיטן אָנשפּיל אויף מענטש און צײַטן; די אַנדערע צווי — אין אַ לאָזונג־נוסח, אין אַ באַפליגלט פײַערלעכן טאָן.

דײַן וועג איז פון אָנהייב צו אָנהייב
ווײַל סוף איז מיט ספק באַשפּיגנט. —
(דאָרטן, ז' 153)

דער וועג פירט ניט צו קיין אולטימאַטיוון ציל, דעריבער מוז איטלעך מאָל עס זײַן אַ נײַער אָנהייב, ווי אַ סטאַנציע פון וווּ מ'פאָרט אַרויס, צו נאָך אַ סטאַנציע וווהין מ'קומט אָן. דער סוף איז בגדר ספּעקולאַציע, אין ספק, איז דעריבער, כּדי צו בלײַבן ניט אַנטוישט —

איז העכער דײַן גלייביקע פאָן הייב
און לעב ווי אַן אָדלער אין ווינט.
(דאָרטן, ז' 153)

דאָס מיינט: זוך ניט דעם אולטימאַטיוון "סוף", קעמף פאַר דײַן הײַנט, וואָס דו קענסט אָנהייבן מאָרגן ווידער. אפשר איז עס ניט די אידעאַליסטישע פילאָסאָפיע, אָבער ס'איז שיין און שטאַרק געזאָגט. שווער צו גלייבן אַז סוצקעווער האָט מיט דעם געוואָלט צאָלן צינדזן צו יענער אומגליקלעכער צײַט, וואָס האָט זיך געריסן ווי שפּינוועבס. דער אָנהייב פון יעדן טאָג, דעמאָלט, אַפילו סוצקעווערס אייגענער אָנהייב איז געווען אין ספק, אין צעווונדיקטן ייִדישן לעבן פון יענער תּקופֿה. ערשט אַ פּאָר יאָר ווי סוצקעווער האָט געהאַט געמאַכט זײַן פּאָעטישן אָנהייב. מיט סיביר האָט ער פאַרענדיקט אַ קרײַזלויף און געמאַכט אַ נײַעם אָנהייב מיט וואַלדיקס, און מסתּמא שוין געחלומט פון אַ נײַ־נײַערן. יעדער לידער־ציקל איז געווען אַ נײַער שפּעפערישער אָנהייב, אין זינען פון "מחדש מעשׂה־בראשית" — יעדע ליד און יעדער טאָג אַ נײַער בראשית. מיטן זיך אַליין כּסדרדיקן באַנײַען אין לידער פּרוּווט סוצקעווער זיך פאָרשטעלן פאַר דעם "אייביק ערשטן", הגם ס'איז אים אַליין "מאָדנע (די) טראַכטונג: איך בין אָדם". אין זײַן "באַשעפערס גרינע בגדים" וויל ער זיך אויף צוריק אַרײַנלעבן אין גאַנצן פילאָ־

סאָפישן קאָמפּלעקס מענטש, אפשר מער ווי אין חומשדיקן אָדם הראשון. מיט אַלע חושים דערשפּירט ער "די גלוסטונג" און דערפילט דעם "טרויער" אין זיך. די צײַט־שײַכות האָט צווי ניט געטיילטע דימענסיעס, בײדע אין אים, אין זײַן לײַב — די פיזי־שע, הײַנט, און די גענעאָלאָגישע, פון ווײַטן אַמאָל:

מײַן זײַן איז קירצער פון אַ פליג
און פונעם גראָען ערשטוואַלד — עלטער.
(דאָרטן, ז' 154)

ס'איז אינטערעסאַנט ווי אָדם פאַרשט זײַן אייגן רעטעניש, אין אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט אים, ער, דער באַשאַפענער פון ערד, וויל וויסן צי "מײַן ניט זײַן וואָלט די ערד באַדויערט", און ווי אַ רעזולטאַט פון דעם וואָלט זי אַליק געוואָרן אומשעפעריש, אומ־פּראָדוקטיוו. ס'קומען אויך די אייביקע שווערע פראַגעס, וואָס מאַטערן אַלע דורות: מאַין באת ולאָן אַתה הולך און מה אַני ומה חיי, אין אַ מאָדערנער פּאָעטישער טראַנס־קריפּציע —

פון וואַנען איז מײַן קום, וווהין מײַן גיי?
ווער בין איך אויפן פּנים פון די ערדן?
(דאָרטן, ז' 155)

אין ליכט פון די בילדער אויף דער ערד, הייבט ער זיך אָן צו זען אַנדערש. ער האָט אַ חלק אלוה ממעל, ער האָט ווילן און מאַכט צו טאָן, צו שאַפן, צו פילן:

נאָר אָט, איך טו אַ ביס מײַן לעפּץ,
און ווי: ס'איז ניט קיין קרײַטעכץ פון די שטעגן,
ס'איז איך און אפשר דו,
אַ, האָר פון עדן.
(דאָרטן, ז' 155)

דער "אפשר דו" איז די פראַגע וואָס בלײַבט ניט פאַרענטפערט. דער פּרימיטיווער אָדם חזרט איבער די אייביקע פראַגעס, וואָס פּײַניקן זײַן מין זינט די גן־עדן־טעג: "ווו איז מײַן אַנהייב־אײדער?" ער וויל וויסן, "צי איז דײַן פּנים אײנערליי מיט מײַנעם?" און "צי איז מײַן לײַב אַ שפּראָץ פון דײַנע גלידער?" און נאָך אַנדערע ווײַט ניט פּשוטע שאלות פרעגט דער אָדם זײַן באַשאַפער, ביז ער כאַפּט זיך אַז דאָס אַלץ איז נאָר געווען אַ חלום. "דו האָסט געמאַכט מיך חלומען אַ חלום" און "איך האָב געדאַכט: איך בין אַ צווייטער, — כ'בין דו". פון דעם נאָך־חלום און נאָך־גן־עדן האָבן זיך געוועקט בײַ אָדמען די ספקות. דער "אפשר דו" לאָזט אים ניט צו רו. ס'איז די אומבאַלויִנטע גן־עדן־גאַרונג נאָך אייביק־זײַן. אָבער דער אָדם, פון חומש, ווייס אויך, אַז "דו האָסט פון מײַנס אַ ריפּ אַ פּרוי באַשאַפן". און נאָך ווייס ער: זי איז פּערפעקט:

״ליכט״ און ״ליבשאַפּט״. לסוף איז ער דערצאָרנט: ״דו שעלטסט דײַן ווערק / דו טרײַבסט אונדז פון דײַן גאָרטן״. איז דער מײַסטער איפּערזיכטיק אויף זײַן אייגן ווערק? אָדם דערפילט זײַן פאַרטאָפּלטע איינזאַמקייט: ״צווייִק בין איך עלנט״. ער זעט זײַן גורל:

דער וועג איז וויסט.
אַ פלאַמעדיקע שווערד
געוועלטיקט בײַ דעם גרינעם בוים פון לעבן.
(דאָרטן, ז׳ 157)

סוצקעווער האָט אין געוויסע צײַטן געניצט פאָלקלאָר־מיטאָסן פאַר זײַנע לידער, ניט נאָר פון ייִדישע מקורים, נאָר אויך פון אַנדערע פעלקער. צום ערשטן מאָל געפינען מיר אַזאַ ליד, ״מענטש״ (דאָרטן, זז׳ 158־159), געבויט אויף אַן אַלט־בבֿלישן עפּאָס. אוך ״ווײַל דער מענטש איז געבאָרן / אויס דעם בלוט פון געקוילעטע געטער״, ווי יענע לעגענדע דערציילט, איז דאָך ״דער מענטש אַ צעשטערער״. דאָס איז דער ענטפער, וואָס קומט נאָך אַ הויפן פראַגעס. דרײַ מאָל קומט די אַקצענטירונג: ״און דער ענטפער — ער קומט ניט, ער קומט ניט״.
ווען סוצקעווער האָט געשריבן דאָס ליד, וואָס האָט ״פאַרענטפערט״ די פראַגע מיט דעם בלוט פון געטער, ווי יענער אַלטער מיטאָס דערציילט, האָט אין אייראָפּע שוין געבושעוועט דער ״מיטאָס פון 20סטן יאָרהונדערט״, מיט אַלפרעד ראָזענבערגס אַרישער בלוט־טעאָריע, וואָס האָט אָנגעהויבן קוילען מענטשן, כּדי צו באַשאַפן דעם דײַטשישן ״אָבערמענטש״. דאָ און דאָרט כאַפּט זיך אַרײַן אין סוצקעווערס ליד די צײַט־טעמאַטיק. אָט בעט ״דער מאַכטיקער מלאך״, מיט דער ״פראַסטיקער שווערד״, רשות בײַם ״גע ביטער״ צו באַפאַלן די ערד.

אוך שנײַדן־פאַרשנײַדן וועל איך מיט מײַן טענער
די ווײַבער און מענער.
(דאָרטן, ז׳ 160)

ער בעט זיך רחמים פאַרן כּבֿוד פון שווערד: ״לאָז מײַן שווערד ניט פאַרפרירן און שטומען״. אָבער דער געביטער האָט זיך שוין מתקנא געווען אין חורבן־ברענגער:

אויך א י ך וויל פאַרלענדן דאָס ערדישע הויז,
נאָר וואַרט, איך האָב נעכטן פאַרזייט דאָרט אַ רויז —
זי מוז נאָך אַרויסבליִען פריִער.
(דאָרטן, ז׳ 160)

צווישן די רויזן וואָס האָבן נאָך יאָ באַוויזן אַרויסבליִען אין יענע טעג, איז געווען סוצקעווערס וואַלדיקס.

פון צײַט צו צײַט — און שפּעטער אַלץ עפטער — ניכטערט זיך סוצקעווער אויס פון זײַן נאַטור־שיכּרות און דערזעט די גראָע וואָר. זײַן ערשטע "צײַטליד" (דאָרטן, ז' 161) — אונטער דעם טיטל — טוט אַ שלאָג מיט טענה און תּביעה:

אַלמאַי האָסטו איבערגעענטפערט דײַן פאָלק
צו די מידברשע זעמדער ?
דײַן ערד ווערט אונדז פרעמד, און דער הימל — נאָך פרעמדער.
(דאָרטן, ז' 161)

שפּעטער ווערן די סימבאָלן און בילדער קלאָר, און הגם ס'איז נאָך איידער, איז שוין פאַראַן אין די פערזן אַ חורבן־מעטאַפאָריק, ווי אַ וואָרענונג פאַרן מאָרגן.

אין רויך אונדזער תּפילה צו דיר,
און אין בלוט — דײַן פּרוכת.
ווי שטרוי אין געפלאַם ווערן אויפגעצוקט אונדזערע כּוחות.
(דאָרטן, ז' 161)

אין די אַ לידער געפינען מיר אַנשטאָט דעם קאָסמאָס, אין זײַנע וואַריִירטע פאָרמען, וואָס סוצקעווער האָט פריִער גענוצט, דעם באַגריף פאָלק אין זײַן נאַציאָנאַלן באַנעם. די אילוזאָרישע שרעק פון "הימלען (וואָס וואַלטן) זיך צעשאָטן אין קאָסמישער בהלה", שמעקט דאָ מיט קאָנקרעטער סכּנה פון בלוט און רויך און געפלאַם. דאָ איז ניט דער "גרינער היכל", ווו "הינטער גרינעם זונפאַרגײ" האָסטו אַ ראַנדעוווּ מיט דעם וואָס איז "דאָיִקער פון דאָ", נאָר „דער זונפאַרגײ אַשט" דאָ און דער דיכטער רעדט צום זעלבן דאָיִקן אין טערמינען פון פירוואָרף און באַשולד. ער נעמט זיך אָן די קריוודע פון זײַן פאָלק, וואָס "דער מאַכטיקער מלאך" איז "מוכן ומזומן" אים צו "שנײַדן־פאַר־שנײַדן". ער פילט זיך אַנטמוטיקט : "ווי שטרוי אין געפלאַם ווערן אויפגעצוקט אונדזערע כּוחות". דער "אוניווערס" איז פאַרשמעלערט צו "פאָלק" ; עס גראַמט זיך שוין נאַטירלעך "גראַניט" מיט "ייִד" ; דער אומבאַנאָמענטער "געביטער" ווערט דער דעפיניטיווער יהוה, און פאַראַן שוין אַ "משיח", אַ "נר־תּמיד־ליכט", "אָבֿות" און "בבֿל־טײַכן" א"אַ אַטריבוטן פון דעם פאָלקישן מין, וואָס מיר האָבן ניט אַזוי אָפט, אָדער כּמעט גאָר ניט באַגעגנט אין סוצקעווערס לידער. טאָקע דאָס פריִער דערמאָנטע "צײַטליד" פאַרמאָגט שוין אַ שלל טראַדיציאָנעלע און רעליגיעזע סימבאָלן:

וועלכע שטאָלצע האַנט האָט פון גראַניט
אויסגעהאַקט דעם קאָפּ פון אַט דעם ייִד
און אַרײַנגעצונדן אין זײַן פּנים
שאַרפע קאַבאַליסטישע סימנים — —
שווערן וואָלט איך : צווישן די מחשבֿות
וואָגלען נאָך אַרום בײַ אים די אָבֿות — —
(דאָרטן, ז' 161)

מיר ווייסן ניט וועמענס סקולפּטורווערק סוצקעווער באַזינגט, אָבער דאָס עצם געזאַנג איז שוין אַ וווּנדערפּונקט, וואָס איז באַדינגט פון דער צײַט. איבער אַ צוויט ליד, וואָס איז שוין "דאָס פּאַראיבּיקטע פּנים" (אפשר פון זעלבן קאָפּ), געפינען מיר אַ מאָטאָ פון רב נחמן בראַצלאַווער. דאָ רעדט שוין סוצקעווער ניט צום ביבל־קלינגענדיקן יהוה, נאָר צום פאָלקיש־נאָענטן "פאָטער", אין אַ האַרציק־פאָלקסטימלעך לשון:

> פאָטער, געבוירער,
> ס'גאַרטנט נאָך אַלץ אויף מײַן פּנים דײַן קדושה,
> אָבער דער צורר
> קומט אין מײַן האַרבעריק נאָך דײַן ירושה.
> (דאָרטן, ז' 163)

דער צורר "קומט אַ פאַרשטעלטער" און "באַפעלט: — גיב מיר דײַן פּנים צוריק". ער וויל אַ פּנים אָוועקנעמען דעם יִידישן צלם־אלהים. איז נאַטירלעך, אַז די איינציקע באַהעלטעניש פאַרן יִידישן פּאָעט סוצקעווער, אויפצוהיטן די אייביקייט פון פּנים, איז אין וואָרט: "נעם איך מײַן פּנים / און איך באַהאַלט עס אין וואָרט, ווי אַ דאָרן אין פלאַמען". מיר ווייסן שוין הײַנט, אַז דעם נסיון צו בלײַבן מיט זײַן וואָרט ביחידות אין "דאָרן אין פלאַמען" האָט סוצקעווער אויסגעהאַלטן ווי אַ גיבור. אָבער אויף דער פלאַמיקער שוועל האָט ער נאָך אַלץ געקוקט מיט אידעאַליסטישע אויגן אין פּנים פון מענטש און זיך ניט געקענט צוטרויען, אַז ער איז טאַקע אַזוי שלעכט:

> אַ ליגן, אַז דער מענטש איז שלעכט. אַ ראַיה —
> עס טוט אים ווי דאָס גראָז, וואָס ער באַטרעט.
> שלעכט איז בלויז דער פינצטערער פּאָעט,
> וואָס וואַרפט דעם מענטש אַ גט אין פּנים: חיה.
> (דאָרטן, ז' 164)

סוצקעווער האָט, אין זײַן גלייביקער נאַיִווקייט, געזוכט צו קאָמפּענסירן דעם מענטש, געפינען אַ זכות אַפילו פאַר זײַן רישעות. ס'איז די סתירה פון פּאָעט, צווישן חלום און וואָר, גלויבן און נאַקעטער אמת. און אויב סוצקעווער האָט אַפילו דערבליקט דעם קאָנטראָווערסאַלן ריס צווישן מענטש און סבֿיבֿה, האָט ער געזוכט אין וואָרט, אויב אַפילו אילוזאָריש, אַ ראַטוניק אין דער פאַרלוירנקייט פון יִידישן לעבן. דעמאָלט, אײי־דער ער האָט אַרײַנגעקוקט דעם טײַוול אין בלוטיקן פּרצוף, האָט ער זיך נאָך אָנגעטאָן אַ כּוח מלמד זכות צו זײַן אויף דעם מענטש, אַ יעדן מענטש. אָבער ס'איז ניט געווען די סתירה אין פּאָעט, נאָר די סתירה פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, איר צוזאַמענ־בראָך און די אַנטוישונג אין דער דערלייזערישער פרײַהייט. פון איבער יענער זײַט גרענעץ פון סוצקעווערס היים האָט שוין די חיה געדרעועט.

ס'וואָלט געווען פֿאַלש צו מײנען, אַז סוצקעווער איז זיך געזעסן אין אַן העלפֿאַנדבײנ־טורעם און ניט באַמערקט ווי אַרום אים קאָכט און זידט די "פּלאָמיקע לאַווע" פֿון אַ צערודערטער וועלט. ער האָט עס יאָ געזען, נאָר ס'האָט געמוזט נעמען צײַט ביז ער וועט זיך אײַן גאַנצן אויסניכטערן פֿון זון־שיכּרות, פֿון די נאַטור־עקסטאַזן. זײַן גאַנצע קינסטלערישע קאָנצעפּציע איז דאָך געווען אויפֿגעבויט אויף שײנקײט, אויף דעם ליכטיקן ווונדער פֿון פּאָעזיע, ווען דער בלאָנדער באַגינען, און וואַלדיקס האָבן אַ פּלײץ געטאָן מיט רעגנס פֿון פֿאַרבן און בלומען, מיט גאָלד און בלוי. ס'איז אַבסאָלוט ניט ריכטיק אַז זײַן געזאַנג האָט ווי אַ זיסער נאַרקאָטיק פֿאַרשלעפֿערט די חושים. דאָס איז געווען די פֿינצטערע פּראָזאַיִק פֿון לעבן: די בלינדע צײַט און דער מענטש, וואָס איז יאָ אַ חיה, וואָס האָבן פֿאַרפֿירט די וועלט אין אַ זומפּ פֿון בלוט. סוצקעווער האָט דערפֿילט, ווי יעדער נאָרמאַלער מענטש, די נײטיקײט פֿון אַן אָנהאַלט אין קאָנקרעטן לעבן, ווי שלעכט ער זאָל ניט זײַן. דעריבער האָט ער געוואָלט זיך בויען — אויב סימבאָליש, צי אַפֿילו אילוזאָריש — די צווייטע הײם (דאָרטן, זז' 165־182), נאָך דעם ווי ער האָט "פֿאַרברענט זײַן הײם" און "אין ווײַטער וועלט געצויגן".

זײַן "רויטער טרומײט" האָט זיך צעשפּילט מיט מאַרשן, אין אַ פֿאַרשטילט־קינדיש "טורוטו, טורוטו", פֿון אײנעם וואָס איז "טאָפּלט געפֿאַנגען". ער האָט זיך אָבער ניט אײַנגעשפּאַנט בעול מלכות, ווי אַ קאַזיאָנער טרומײטער, און ניט מיטגעזונגען מיטן אײַנגעשטימטן כאָר. דערפֿאַר אפֿשר "קלאַפּן די שלײפֿן —" ווען די "צוויי רײַטער — יאָגן דורך שאַרבן און קאָפּ":

דער ווײַסער — ער רײַט אין אַ ליכטיקער ריכטונג,
דער שוואַרצער פֿאַרלעשט יעדן פֿונק, יעדע ליכטונג.
(דאָרטן, ז' 166)

די רײַטער יאָגן: "קליפּקלאַפּ און קליפּקלאַפּ / נאָכן גורלס באַפֿעל". סוצקעווער האָט געוואָלט "דורך קלאַפּיקע שלײפֿן" דערפֿילן דעם גאַנג פֿון גורל, אָבער צום באַדויערן איז עס נאָך דעמאָלט שווער געווען פֿאָרויסצוזאָגן. עס האָבן נאָך געיאָגט די אילוזאָרישע פֿאַרפֿירערישע "רײַטער". ערשט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָבן מיר בפֿירוש געוווּסט, צו אונדזער אומגליק, וועלכער רײַטער ס'איז געקומען פֿריִער: "און ווער עס וועט קומען דער ערשטער, / און ווער עס וועט זײַן דער באַהערשער, — / וועט ווערן פֿאַרשריבן / מיט בלוט / איבער גראָזן און קרײַטער". (דאָרטן, ז' 167).

די אָ צווייטע הײם איז ניט געווען פֿון רעאַלן באַטײַט, ווײַל זי האָט ניט געבראַכט די לײזונג, נאָר אָנגעוויזן אַ ריכטונג, אַ ליניע אין וועלכער זיך צו באַוועגן. דאָס איז געווען אָבליגאַטאָריש פֿאַר יעדן שעפֿערישן מענטש. דעריבער אפֿשר איז סוצקעווער אַנטלאָפֿן צום "אונטערבאַוווסטזײַן" (דאָרטן, ז' 168), וווּ עס איז דערלויבט צו פֿילאָסאָפֿירן און פֿאַנטאַזירן; וועלן "פֿאַרשטײן, וואָס פֿאַראַן און וואָס ניטאָ"; "באַרירן —

די בענקשאַפֿט"; און "דערשפּירן ס׳לײַב פֿון נאַקעטן געדאַנק". אין פּאָעטס "מוח פּלעמלט־אויף אַ מאָרגנדיקער נעכטן" — אַ מין געדאַנק־חלום־געמיש, ווי "אָנהייב שפּרינגט צו אייביקייטן". דאָ האָט דער שלייער פֿון אומבאַוווסטקייט באַוווּסט זיך פֿאַרצויגן, ווײַל אַנדערש וואָלטן זיך ניט געקאָנט "אויפֿפּראַלן די פֿרייד־אָטעמען, ווי עס בלײַען גאַנצע וועלטן", ווען די אייגענע וועלט איז געלעגן אין חורבן־ציטער. אפֿשר איז אין דאָס וועלן אַנטבלויזן דעם נאַקעטן געדאַנק, דאָס באַוווּסטזיניקע אַנטלויפֿן פֿון נאַקעטן אמת.

דאָ פֿאַרנעמט זיך סוצקעווער "שווימען" מיט "פֿאַרחתמעטע ווײַעס" (דאָרטן, ז׳ 169), — "אַלץ ווײַטער צו זיך, צו דעם איביקן שורש". ניט געקוקט וואָס דאָס ליד האָט אַ קלאָרן עראָטישן אָנרעג, אין דעם אָנטײַט: "בײַ נאַכט רײַסט ער אויף די פֿאַרחתמעטע ווײַעס / און בליציקט אַרײַן די סימבאָלן פֿון גלוסטן, —" איז עס אָבער מאָדנע כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם פֿרײַערדיקן — "אונטערבאַוווּסטזײַן" — אויסשליסן דעם געדאַנק און ניט וועלן זען — אין בײדע פֿאַלן: אַנטלויפֿן פֿון דערווירקלעכקייט. עראָטישע און אַפֿילו סעקס־לידער קאָנען אויך האָבן אויף זיך געמיט־שאָטנס פֿון זייער צײַט.

דער שאָטן פֿון די צײַט־שטימונגען פֿאַלט אויף אַלע סוצקעווערס לידער פֿון יענער עפּאָכע, ווי דיקער, ווי דינער. דער פּעסימיסטישער טאָן פֿאַרמאָגט ניואַנסן פֿון דערפֿילטן צער און בענקשאַפֿט, וואָס באַהאַלטן זיך אין אונטערבאַוווּסטזײַן. אויך דער אַלעגאָרישער פֿאַרגלײַך, דער סופּערלאַטיוו און סימבאָל, אַפֿילו דער אידיאָמאַטישער וואָרט־איבערקלײַב איז ווי אַן איבערררוף מיט דער צײַט. אינטערעסאַנט וואָס די אַלע סימנים קומען בולט אין די פּערזענלעכע מאָטיוון, ווי דער פֿאָקוס איז אויף אַ צווייטן מענטשן — אַ געליבטן און באַגערטן, ווי ערגעץ אין דער נשמה און אין לײַב וואָלט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַ פֿאַרוויסציטער פֿון סכּנה. מאַכט מען אַ ברייטערע סטודיע אויף דעם געביט, לאָזט זיך צונויפֿקלײַבן אַ היפּש פּעקל פֿון אונטערבאַוווּסטזײַן־סימפּטאָמען, ווי דער צײַטס שטעמפּלען. מסתּמא האָט דער יונגער סוצקעווער געהאַט געגנוג איבערלעבונגען און ברוגזן, אין גאַנצן אָפּגעשלאָסן פֿאַר זיך, וואָס ער האָט זיי אומדערקענט אַרײַנגעזונגען אין די פּערזן.

אַן עיקר־מעלה פֿון סוצקעווערס ליד, דעמאָלט, וואָס אויב אַפֿילו עס הייבט זיך אָן מיט דעפּרעסיע און מוטלאָזיקייט האָט סוצקעווער דער צווייטער — דער פּאָעט־קאָנטראָלער — דעם כּוח אָנצוצינדן דאָס ליד מיט איין פֿונק. דאָס מיינט: אויפֿגלײַען דעם אַרום און אַלץ פֿאַרגיסן מיט ליכט, אַז דער אייגענער אומעט זאָל דערטרונקען ווערן אין אַ זון־ים. "דער פֿונק פֿון ליד און לעבן" (דאָרטן, זז׳ 170־172) איז געווען טיף אין פּאָעט, אָבער אויך נאָר אונטערבאַוווּסטזיניק. ער ווערט פֿאַרפֿאָלגט פֿון "אַ שטים", וואָס קומט "ווי פֿון גריבער". זי יאָגט אים נאָך: "מײַן ליבער — —" און ווערט דער עכאָ פֿון אַ ניגון, וואָס ער קאָן ניט אויסגעפֿינען זײַן מקור. ביז איין מאָל, אין מחשבֿה, — "דערזע איך מײַן מויל, און פֿון מויל טוט אַ פֿלי / די שטים, וואָס איר הילך האָקט מיר אונטער די קני: —/ מײַן ליבער".

דער דאָזיקער מאָמענט פֿון אַנטפּלעקונג פֿון דער אייגנליבע, וואָס גיט סוצקעווערן אַזאַ אויפֿטרייסל, איז מסתּמא אויך אַ צייכן פֿון יענער עפּאָכע: דער ווילן צו בלײַבן ריין און ליכטיק אין אָנבליק פֿון דער פֿינצטערער און טמאדיקער צײַט.

ער איז דעמאָלט געווען אומצופרידן מיט דער ליבשאַפֿט פֿון די "נאַרן", סוצקעווער האָט זיך שוין געפֿילט זיכער און אָפּגעוואָרפֿן זייער געגאַרערײַ:

אײַער ליבשאַפֿט ליגט אויף מיר ווי ראָסט —
גוט נאָך, וואָס מײַן פֿלייש איז ניט פֿון אײַזן.
אײַער וואָרט איז דערנערדיקער פֿראָסט,
נאָר מײַן פֿײַער וועט איר ניט פֿאַראײַזן.
(דאָרטן, ז' 175)

גלײַך נאָך דעם, אין ליד "איינמאָליקער" (דאָרטן, ז' 176), גיט ער אַ לייג אַרויס זײַן מעטריקע: "איך — איינמאָליקער, / ערשטער און לעצטער אויף ערדישן שטויב". אַוודאי איז מיט דעם געמיינט מענטש, אָבער דאָך האָט עס אַן אַרויסרופֿערישן איך־קלאַנג און עס צווינגט זיך צו פֿאַרטראַכטן. "צווישן פֿאַרגאַנגעניש / און אַ משוגענעם עתיד, וואָס רופֿט ווי אַ גלאָק, / הענג איך, אַ קאָסמישע וואָג" — איז ווער איז בכּוח אָפּצושטעלן די פּרעציזע אויסבאַלאַנסירטקייט פֿון דער מענטשלעכער וואָג. וואָס "בלוט און געדאַנק" זענען אירע געוויכטער.
אַז אַבֿרהם סוצקעווער האָט טאַקע אַן אַנדער סאָרט בלוט, דערפֿילן מיר ווען ער טרעט אַריבער די שוועל "אין אַ דיכטער־שענק" (דאָרטן, זז' 178־182). אויב ער בעט פֿריִער "פֿאַרוואַנדל מיך אין ווײַן!" איז עס ניט מער ווי אַ פּאָעטישער ווונטש, איצט בעט ער זיך בײַ זײַנע "חבֿרים": "אַ, צווינגט מיך ניט צו טרינקען מערער". און אין כּלומרשט האַלב־שיכּורן צושטאַנד, רעכנט ער זיך אָפּ מיט די "קינצלער".
אויף גיך ניכטערט זיך סוצקעווער אויס פֿון דער שיכּרות און אויך פֿון די "ספֿקות" וואָס "באַפֿאַלן" אים. נאָר אויף אַ קורצער ווײַלע "ווערט פֿינצטער אין געמיט און ענג", אָבער באַלד "שלאָגט אָפּ אַ גלויבן אויפֿן פּנים — ביז אַלץ און אַל ווערט ווידער מײַן". סוצקעווער אַליין קערעוועט זײַן דיכטערישן גורל:

און טו מײַן גורלדיקן ספֿינקס
באַלאַרבערן מיט פֿײַנע גראַמען —
כּדי פֿאַרוואָרצלען און פֿאַרשטאַמען
מײַן נאָמען דאָרט אויף אַלע מאָל —
(דאָרטן, ז' 182)

די געדריקטע שטימונג איז אָפּגעמעקט. די אויפֿגייענדיקע זון פֿאַרפֿלייצט אים מיט אויפֿגעכוואַליעטן עקסטאַז, און ער פֿאַרענדיקט די פּאָעמע אויף אַ הייכער אָקטאַוו:

חבֿרים, גיסט די בעכערס אָן,
לחיים פֿאַר דער זון, לחיים!

איז עס געווען נאַטירלעך גלײַך פֿון "דיכטער־שענק" אַריבערצוגיין צו די באַגײַסטערטע פּערזן פֿון פּאָעטישער עקזאַלטאַציע.

דער ציקל ״עקסטאַזן״ (דאָרטן, זז׳ 183־197), אין 28 ניט גלײַך פּאַרטיילטע קאַפּיטע־לעך, איז דער אָפּקלאַנג פון וואַלדיקס. אין אָט דעם בוך, וואָס איז אַרויס שוין נאָך דעם אַרײַנמאַרש פון די נאַציִשע האָרדעס קיין פּוילן, האָט סוצקעווער אַרויסגעשריִען זײַנע אויפגעברויזטע געפילן צום לעבן, און אין זײַן סיום איז ״עקסטאַזן״ אַ מין פּאָעטישער קניפּ זיך אַליין, צו פילן אַז מ׳לעבט נאָך. נאָך זײַן אַרײַנטאָנצן אין דער ייִדישער פּאָעזיע מיטן פרייַדגעשריי פון דער נאַטור, זענען שוין די ״עקסטאַזן״ אַרומגעצוימט און אַרומ־געצוימט מיט מחשבֿה־ און בילד־געוועב. די שטימונגען און פּאָעטישע ספּעקולאַציעס, טראַכטונגען און געדאַנקען זענען טיילמאָל גראַטעסקע אַפאָריזמען. סוצקעווער רעדט צו אַ ״מאַכטיקע געשטאַלט״, וואָס ער וואַרפט זיך אין גאַנצן אונטער איר הערשאַפט און גיט איר אָפּ אַפילו זײַן ״געדאַנק״. ער בעט ״בלויז — — דאָס ווינטיקע געפלעמל פון געפיל״. ער אַליין איז איצט ״זונפאַרגיי. איך ברענג אַ קרבן מײַן לײַב פאַר דײַן לבֿבֿהס מילך״. אין וועמען איז דער עקזאַלטירטער קרבן פאַרוואַנדלט, אויב מיר זאָלן אָננעמען דעם העברעיִשן עקוויוואַלענט התלהבֿות פאַר עקסטאַז? עס איז דאָס ייִדישע התלהבֿות וואָס האָט מיט שטילקייט געפלאַמט, כּדי צו באַלײַכטן דעם טונקל פון ״פּאַטום״:

> זײַ שטיל, עס איז נאַכט אויף אַן אמת.
> דאָס נאַכטגעזאַנג לעבט, איך פאַרנעם עס.
> (דאָרטן, ז׳ 184)

אין דער שטילקייט האָט סוצקעווער געמאַכט אַ שטיקל חשבון־הנפש פון נעכטן און געוואָלט געפינען אַ שטעג אין וואַלדיקס פון דיכטערישן פּלאָנטער. דאָס איז אפשר מער דער עקסטאַז־פיבער פון בלאָנדזשענישן צו עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך פאַר־הוילן. די סימבאָלן ווינקען אַן אויף דעם שאַפערישן וואָרט. סוצקעווער, ווי אַ פּאָעט, איז שוין דעמאָלט געווען אַרויסגעוואַקסן פון צירקל, וואָס דאָס ייִדישע וואָרט האָט געמאַכט אַרום זיך. מיט זײַן ייִדיש וואָרט האָט ער זיך געריסן צו ברייט־וועלטיקע האָריזאָנטן, צום מאָדערנעם אויסדרוק, כּדי ער זאָל קענען זאָגן מיט אַ פול מויל, אַז ע פּ ע ס האָט ער ״דאָרט אויפגעטאָן אויף דער שטויביקער ערד״. אפשר דערפאַר האָט ער געזוכט צו געווינען די ״פרײַשאַפט — פול מיט עקסטאַטישער לירישקייט״. ער האָט שוין געוווּסט, אַז דער קינסטלער שמידט אַליין זײַן ״פּאַטום״: ״דו ביסט אַליין דײַן גורל, מײַנסטער״. און דער ליריש־איביקער טרויער פון געזאַנג וואָס וועט בלײַבן, איז דער פּ ו נ ק ט ווו אַלץ קען זיך מצמצם זײַן — ״אַ פונקט, אַוווּ דײַן וואָרטיקער מאַגנעט וועט צוציִען צו זיך די זאַכן״. דער דאַזיקער פונקט, וואָס איז וואָרט, איז געוואָרן דער זוכפּונקט פון פּאָעט. מיט וואַלדיקס פאַרענדיקט ער זײַן ערשטע זוך־עקספּעדיציע פון וואָרט. זײַן גאַנג איז געווען אייגן און נײַ — ״אַליין דער וועג, וואָס זוכט אַ וועג״. ער איז די גאַנצע צײַט געווען ״געפאַנגען אין דעם הימלס געשליפענע קלאַנגען״. ער איז געווען באַוווּסט פון זיך און זײַן שליחות: איבער אַלץ ״פינקלט מײַן בלאָע קרוין״ און „טראָגט איצט מײַן אייגן געשטאַלט״. (דאָרטן, ז׳ 197).

# עפּילאָג צו וואַלדיקס

**פיר לידער אין אַלט־ייִדישן לשון:**

דער לעצטער פאַרגעטאָ־קלאַנג איז עפּילאָג צו וואַלדיקס (פּאָעטישע ווערק, באַנד 1, ז״ז 201־242). וואַלדיקס האָט געפירט צום אײַנשטײַג אין געטאָשטײַג, אָבער צו דער זעלבער צײַט איז עס געווען דער אויפשטײַג מיט ליד — דאָס ליד ווי אַ גײַסטיקער ווידערשטאַנד, ווען דער שוואַרצער גורל האָט שוין באַשאָטנט די וועגן פון וואַלדיקס. אַבֿרהם סוצקעווער געפינט זיך דעמאָלט אין ווילנע וואָס איז געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון דער סאָוועטיש־אָקופּירטער ליטע.

ער האָט נאָך געאָטעמט מיט דער לופט פון וואַלדיקס, אָבער ער האָט שוין די אַ לעצטע סעריע אַ פּנים געשריבן מיט וואַקלדיקן גלויבן. עס איז באַטירלעך צו מוטיקן זיך אַליין און איינער דעם אַנדערן. דער אָפּטימיזם איז געווען מער ווונטש ווי גלויבן. רעאַליסטן און פּאָליטישע נבֿיאים האָבן באַצײַטנס געמאַכט דעם חשבון, אין צייכן פון נאַצי־געשפּענסט וואָס האָט געהויערט איבערן אייראָפּעשן קאָנטינענט. סוצקעווער באַצייכנט עס ווי "די גראָע צײַט". אין דער סאָוועטישער ליניע האָט אַפֿילו יענע צײַט ניט געטאָרט זײַן שוואַרץ. דער מין לידער איז פאַרשטילט און פאַרשטעלט, ווי איינער וואָס מוז שפּילן אַ הימלעכע ראָלע הגם אויפן האַרצן איז אַנגעזאָליעט. אין דער פאַרגראָטער צײַט האָט סוצקעווער מיט אינטערעס זיך גענומען פאָרשן און שרײַבן "לידער אין אַלט־ייִדישן לשון". ס׳איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז מענטשן האָבן זיך תּמיד גענומען צו עפּעס זײַטיקס, כּדי אָפּצווענדן דעם בליק פון די צרות — אפשר איז עס אומבאַוווסטזיניק אויך געווען בײַ סוצקעווערן.

אין יענער צערודערטער צײַט, דערציילט סוצקעווער, זענען אַ היפּשע צאָל פון די „אַלט־ייִדיש" לידער פאַרלוירן געוואָרן און בלויז פיר זענען געקומען צום דרוק. זיי וואַרעמען אָן דאָס האַרץ מיט אַ פאַרצײַטיק ייִדישן חן פון לשון. זיי זענען געשאַפן אין סטיל פון גוטער פּאָעזיע און רייצן דאָס אויער מיט זייער אַנטיקן פאָלקסטימלעכן וואָרט־געפינקל. דערפילנדיק אויף די ליפּן דאָס "געבעט" (דאָרטן, ז׳ 201) צום "האַר, דער דאָ די וועלט באַשיינט", איז שוין גענוג צו פילן דעם טעם פון אַ ווײַטער צײַט, וואָס איז אויך דעמאָלט געווען "מיט ביטערקרײַטער — פאַרפול מײַן זעט" און "דער פײַנד מיט גרויס געשפּעט— לעסטערט", טאָ "טו — דער שאַלקער פײַנד זאָל זײַן פאַרשלונדן".

די אַנדערע דריי לידער זענען: "טרינקליד", "חתן־כּלה־ליד" און "וויגליד". אין ערשטן ליד (דאָרטן, ז׳ 202) טוען "די לצים, זופן ווײַנען. / ווײַנען ביטער, ווײַנען זיס, / גלײַך די ליבע ווײַבן. / גיס זיך, פלעשלײַן, גיס זיך, גיס / ניט קיין לעק זאָל בלײַבן". דאָס חתן־כּלה־ליד (דאָרטן, ז׳ 203), איז אַ דיאַלאָג צווישן די צוויי וואָס איז אַ נאַאיוו־לוס־טיקער ווערטערשפּיל מיט עראָטישע סימבאָלן, אין מליצה־סטיל. דער חתן זאָגט צו לעצט: "טראָג איך דיך, ליבסטע, אין היכל אַרײַן, // דאָרט וועל איך טאָן דיך אַנט־שפּויזן!" אין וויגליד (דאָרטן, ז׳ 204), איז פאַראַן דער מאָטיוו וואָס איז געקומען אין

שפּעטערדיקן פֿאָלקסליד: "דײַן פֿאָטער װעט ברענגען אַ ציקלײַן", — דאָס פֿאָלקיש באַרימט־געװאָרענע "ציגעלע װאָס איך געפֿאָרן האַנדלען". אויך די אליהו־געשטאַלט: "אליהו געגיטיקט און ליבלעך", װאָס "לױשפּערט אַרײַן יעדער ייִדן אין אויער: באַרייט זיך, דער אויסלייזער האָרט לעבן טויער". גוטע אַלטע־נײַע ייִדישע לידער!

□

אין עפּילאָג צו װאַלדיקס איז גוט געװוען דאָס אָװעקשטעלן פֿון פֿאַרנט די „פֿיר לידער אין אַלט־ייִדישן לשון". דאָס זענען װי אַנטיקע גרענעץ־סלופּעס בעת אַ צײַטאומבײַט. דעם מיזרח־אײראָפּעיִשן ייִדישן הימל דעקן שוין צו כּמאַרעס. דער אומעט פֿאַרקריכט אין געמיט און מאַכט אים פֿינצטערער. סוצקעװערס בענקשאַפֿט בלאָנדזשעט נאָך אַלץ איבער זײַן אַלט־באַליבטן שניי. דאָס קלײנע ליד פֿון 16 שורות, "װער װעט קומען?" (דאָרטן, ז' 205), איז דער סוף פֿון װאַלדיקן װעג און דער אָנהייב פֿון אַ שמאָלער סטעזשקע צום אומבאַקאַנטן. דער אויפֿטאַקט, דער קלאַנג און ריטעם פֿון "װאָרטער" און "פּרעגער", דערמאָנט ניט װילנדיק אין לײװיקס געזאַנג. צי ס'איז אַן אומדירעקטע השפּעה, צי בכלל ניט, צאַפּלט אָבער אויך דאָ אַ מין אימאַזשינירטער שניי־פֿאַרװאָנדל־טער חלום. בײַ לײװיקן איז עס צעפֿינצטערט, בײַ סוצקעװערן — דערװײַל נאָך — צעליכטיקט.
אויפֿקלאַנג: "װער װעט קומען? — אַלע שפּורן / האָט פֿאַרשאָטן שוין דער שניי".
אויסקלאַנג: "ליגט דער װאָרטער, ליגט דער פּרעגער, / ביז עס װערט זײַן חלום שניי". דער חלום איז אָבער ניט געװאָרן שניי, אפֿשר איז ער שפּעטער צעגאַנגען װי שניי, דערװײַל איז ער געװוען "פֿאַרבלעטערט" אין אומבאַװוסטן. אין 1938 איז אַװדאי שוין געװוען "צעשמעטערט דער גאַנץ פֿון אילוזיע". אָפֿן איז געװוען די טרויעריקע װאָר. דער מענטש און זײַן װעלט "אין װילדװאַלד פֿון סתּירות". סוצקעװער זעט, אַז "אַלץ װאָס געװוען איז פֿאַרגעטערט / איז לאַנג שוין פֿאַרגאַנגען". ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט ער אָנגעהויבן אַזױ שיין זינגען, טאַקע פֿון "זונפֿאַרגאַנג", זיך אַרײַנגע־זונגען אין װאַלדיקס, און איצט זיך דערזונגען ביז "פֿאַרגאַנג". ניט געװוען מער קיין זון, נאָר בלױזער פֿאַרגאַנג, האָט זיך שוין מיט אַזאַ פֿאַרגאַנג באַטירלעך געגראַמט: "װי קראָפּעװע בריט און געדײַעט אין אונדז דאָס געזאַנג". און ער בעט צום קינד: "באַדאַרפֿסט פֿאַר אונדז זײַן אַ דערלייזער" (דאָרטן, ז' 206). דאָס געבעט איז געפֿאַלן אויף טױבע אויערן, און דאָס קינד, אַנשטאָט אַ דערלייזער, איז געװאָרן דער קרבן.
אין דער אַ סעריע לידער, נאָך אַלץ אָנגעפּלייצט מיט ליכט, קאָן מען שוין אויפֿכאַפּן קלאַנגען פֿון מוטלאָזיקייט און פּעסימיזם. איז עס געװוען אַ טעות, װען דער דיכטער האָט דעמאָלט פּרעטענדירט, אַז ער האָט "צעריסן אין בלוט אַלע לירישע לירעס". אויב אַזאַ זשעסט װאָלט אַפֿילו באַלױנט געװאָרן, װאָלט זיך עס ניט געלױנט פֿאַר דעם דיכטער סוצקעװער. צום גליק זענען זײַנע לירעס ניט באַשעדיקט געװאָרן, זיי האָבן בלױז צוגעקראָגן אַ שאַרפֿערן קלאַנג פֿון בענקשאַפֿט, און שפּעטער — טרויער. אין "די גרינע בריק" (דאָרטן, ז' 207), באַדױערט ער "די קינדערשע יאָרן", װאָס זענען "ניטאָ מער". געשריבן מיט פֿאָלקסטימלעכע אַטריבוטן און אַ האַרציקן ערלעכן טאָן;

מיט אַ פֿאַרבענקטן אויפֿציטער זענען די אָ לידער פֿון קורצן פּעריאָד, וואָס די צײַט האָט זיי פּסיכאָלאָגיש באַווירקט און באַדינגט. ווײַל ניט נאָר "די גרינע בריק" מיט איר כּישוף איז אַוועק, נײַערט אויך "אַלע פֿריידן אויסגעטערנט / אינעם גרינעם וואַלד". ־דאָס ליד פֿון רעגן־בויגן־ (דאָרטן, זז׳ 209־210) אַ געזעגענונג מיטן עבֿר, ווי די אומוואַנדלונג איז קלאָר אָנגעצייכנט, און נאָך מער — דאָס געפֿיל פֿון זעלבסזיכערקייט. אָבער ער, וואָס "דאַרף באַשפּײַזן דערנער מיט מײַן שיינקייט", האָט אויף אַ האָר ניט שענער געמאַכט די פּאַרפּאַסקודיעטע וועלט. די נאַצישע דערנער זענען זיך צעוואַקסן מיט אַזאַ קללה־גערעטעניש איבער דער פֿאַרקלעמטער אייראָפּע, אַז קיין אויג האָט זיי ניט געקענט דערכאַפּן, און קיין ייִדישער פּאָעט איז אַוודאי ניט געווען בּיכולת די ווילדע צערודערונג כאָטש אַ ביסל צעליכטיקן. איז עס נאַטירלעך וואָס סוצקעווער האָט גערופֿן דעם "יום־טוב־ברענגער", ווען "ענג און ענגער / ווערט מײַן גדר / און אַ רויִקע פֿאַרוויִונג / ווערט מיין זייונג / אויף די פֿעלדער". און ער בעט זיך: "ברענג דעם צייכן פֿון באַגין" (דאָרטן, ז׳ 211).

דעם צייכן פֿון באַגין האָט מען שוין ניט געזען. פֿינצטערניש האָט אָנגעהויבן אַרומהילן דעם דיכטערס לאַנד. כאָטש מ׳קאָן אַזעלכע לידער אָנגעמען פֿאַר ר ײ נ ע נאַטורלידער, זענען זיי אָבער אין זייער טיף אָנגעהויכט מיט דער פּסיכישער צעדולטקייט פֿון יענער צײַט. ס׳וואָלט אַוודאי געווען אומנאַטירלעך, אַז ווי אַ ייִדישער פּאָעט זאָל סוצקעווער ערבֿ־אומקום ניט האָבן אָנגעטאַפּט מיט די געמיט־הערנערלעך די גורל־עפּאָכע, וואָס הויערט אויף דער שוועל. אומהיימלעך וואָלט געווען צו זען, ווי ער שוועבט ווײַטער איבער זײַנע זוניקע טעג, ווי אַ פֿלאַטערל, און ווערט פֿאַרכליניעט פֿון בלויזער שיינקייט. די פֿריִערדיקע לידער, וואָס זענען אויפֿגעקומען אין צעליכטיקטער יונגשאַפֿט, האָבן איצט אַרויסגעבליצט מיט מער איבערצײַגנדיקע צײַט־סימנים. אַפֿילו די מוטער חווה איז די "געבערערין פֿון ליבשאַפֿט אויף דער שׂינאהדיקער ערד" — ליבשאַפֿט ווי אַ דיסאָנאַנס צו שׂינאה, וואָס איז דעמאָלט געווען די לופֿט פֿון אייראָפּע. און דער ־בוים פֿון וויסן־ (דאָרטן, זז׳212־213), איז גאָר געשטאַנען אין מיטן גיהנום — דײַטשלאַנד — און ־דער בוים פֿון לעבן־ (דאָרטן, זז׳ 214־215), האָט געוווערעמט מיט פּירות פֿון טויט. סוצקעווער האָט געוואָלט דערקענען ביידן, וויסן און לעבן, און ער זוכט אַ באַשייד: "צי איז אין דײַן גרינער באַשאַפֿונג / פֿאַראַן אַ באַשטימונג, אַ מיין?" אָן ספֿק האָט דער יונגער סוצקעווער געגלייבט אין נצחון פֿון לעבן. זײַן ליד ־צום ניט־באַזיגלעכן־ (דאָרטן, זז׳ 216־217), קומט־אויף אין אַבסורדאַלן ווילן אים צו באַזיגן. ער שטויסט זיך אָן אויף אַ סך שטערונגען, ביז ער האָט פּלוצלינג "אַ שפּין באַגעגנט" און "די שפּין האָט עס פֿון מיר אַרויסגעריסן / מײַן גרויסן פֿאַנג". אָבער דער וואָס ווייס אַז "אַלצדינג איז געמאַכט פֿון ווילן", איז אויך זײַן באַלעבאָס. אין זײַן יונגשאַפֿט האָט ער דעמאָלט געמיינט, אַז ווילן איז די שטאַרקסטע קראַפֿט, אַפֿילו קעגן טויט: "ווען דער טויט נעמט אינעם מוח בילן — / קען מען הערן ווי עס לאַכט דער ווילן". (דאָרטן, ז׳ 218).

דער יונגער אַבֿרהם סוצקעווער האָט זיך דעמאָלט אַ פּנים אָנגעכאַפּט אָן אַ ליאַדע טעמע, כּדי זיך אויף אַ ווײַל צו ראַטעווען פֿון דער וועלטטעמע, וואָס איז געהאַנגען ווי אַ דאַמאָקלעס שווערד איבער די קעפּ פֿון ייִדן, איבער אים אַליין. מער צום גײַסט פֿון דער

צײַט איז דאָס װעלן "שפּרינגען פון אײגענעם קאַלכאױװן". אין 1939 איז נאָך געװען אַן אײגענער קאַלכאױװן, אָבער אין שאָטן פון דעם אומשולדיקן מעטאַפֿאַר האָט שױן, סימבאַליש און אומבאַװוּסט, ערגעץ זיך געריכערט אַ קרעמאַטאָריע. "איך װעל שפּרינגען" (דאָרטן, ז' 220), איז אפשר געװען דער איבערשפּרונג צו דער אַקטועלער טעמאַטיק. אין פאַרזעונג האָט ער שױן געזאָגט די "פּנימער פון געלע לאַטעס". און ער האָט זיך אַ קער געטאָן צום "מאַרגנקינד" (דאָרטן, זז' 221־222), דעם יאָרן שפּע־טער צוריק־אױפגעטױכטן סימבאָל פון קאַנאַליאַדע־עפּאָס. מיט אַ מאָל האָט זיך אָפּ־געטאָן דער צװיבער פון אַלע מענטש־ און נאַטור־זוכענישן. ער רעדט שױן אַנדערע רייד. דאָס מיסטישע מאָרגנקינד װערט דער בשׂורה־ברענגער, און גורל־פאַר־קריצער פון אַ נײַ ליד, װאָס צעװאַקסט זיך אין שװאַרצן װאַלדיקס פון אַ נאָך אומגע־זעענער טראַגיק. מיט די אױגן פון מאַרגנקינד קאָן שױן סוצקעװער, אין גורלדיקן יאָר 1939, "זען דעם אָפּגרונט פון געשיכטע / װוּ די האָפונג איז צעמאַלט". עס װערט װי דער נבֿיאישער אָטעם אין זײַן ליד. סוצקעװער רעדט װעגן "אונדזער גבֿורה, אונדזער אומקום —", װערטער װאָס זענען עטלעכע יאָר שפּעטער געװאָרן היסטאָ־רישע באַגריפֿן.
מיט זײַן גײַסטיק אױג האָט סוצקעװער דערזען דעם קומענדיקן קאָשמאַר און ער בעט צום מאַרגנקינד: "װאַרג־דערװאָרג דעם האַלדז פון חלום / און פאַרשיט מיט אַש די טרערן. / װײַל דער גלױבן אונדזערער / האָט זיך אין אַ ראָב פאַרװאַנדלט". ס'איז געװען די איבערװאַנדלונג פון גאַלדפאַרב צו שװאַרץ. ניט קײן קדיש, נאָר "זינג אױס אַ הימען פאַר די ביינער אונדזערע" — און אַזאַ הימען איז געװען סוצקעװערס געזאַנג ערבֿ און בעת געטאָ. בערך צען יאָר שפּעטער האָט ער אַ פּאָעטישע קאָנפראָנ־טאַציע מיט זײַן מאַרגנקינד, װען ער האָט געזונגען דעם עפּישן הימען פון געהײמ־שטאָט: דאָס מאַרגנקינד איז זוכה געװען צו „דערפרײען מיט אַ הײלנדיקן פרילינג" — "די ביינער אונדזערע".

□

1939. עס צעפלאַקערט זיך די מלחמה. אַרײַנמאַרש פון דער דײַטשער אַרמײ אין פּױלן. איבער ײדישע שטעט און שטעטלעך אָטעמט מיט טױט־סכנה דער דײַטשער מלאך־המוות. דײַטשלאַנד אַנעקסירט לענדער. אַ פּאַקט צװישן דער ברױנער בערלין און דער רױטער מאָסקװע — און ניטאָ װוּ צו לױפן. די רױטע שותּפים װערט צוגעװאָרפן — װי אַ מתּנה צו ליטע — איר הױפּטשטאָט, װילנע, כּדי אַ יאָר שפּעטער צו אָקופּירן גאַנץ פּױלן און ליטע.
אַבֿרהם סוצקעװער איז אין װילנע. דאָס פיזישע װאַלדיקס הײבט זיך אָן אַרױסגליטשן פון אונטער די פיס, און נאָך מער דאָס גײַסטיקע — פון האַרצן. קומט דאָ טאַקע ס'ליד "מלחמה" (דאָרטן, ז' 223) — דער פּאָעטישער טשװאָק װאָס סוצקעװער שלאָגט אַרײַן אין דער צײַט. די צװײ פיר־שורהדיקע סטראָפעס זענען אַן פּאַניק, װי אײנער װאָס זעט אַז ער קאָן דעם גורל ניט ענדערן. ער ברענגט די בשׂורה פון אומקום: "דאָס זעלבע אַש װעט צודעקן אונדז אַלעם", און ער זעט: "בלײַבן װעט בלױז אײנער,

אַ פּאָעט, — אַ ווילדער שעקספּיר", וואָס וועט באַפוילן זײַן "גײַסט אַריאל" אין נאָמען פון "דעם נײַעם גורל": "שפּײַ אַרויס צוריק די טויטע שטעט!" צום באַדויערן איז עס ניט מקוים געוואָרן — די שטעט זענען פאַר ייִדן און מיט ייִדן געבליבן פאַרזונקען אין בלוט און רויך, אויף אייביק.

1940. פוילן ליגט צעפליקט אויף שטיקער. סאָוועטישע אַרמייען אָקופּירן ליטע. דער ייִדישער בטחון איז עטוואָס געשטאַרקט: ס'וועט זיך אײַנשטילן... סוצקעווער אַרבעט פאַר דער ווילנער ראַדיאָ־סטודיאָ, אויף דער ייִדישער פּראָגראַם. עס דערשײַנט זײַן צווייט לידערבוך: וואַלדיקס. ער פּרוווט ווידער זינגען צו זײַן אַלטער פרײַנדין, די נאַטור. "דער בינשטאָק — רוט" נאָך "אין פאַרנאַכטיקן סאָד", און זײַן "שאַרבן" זעט ער ווי אַ "מוראַשקע־נעסט — פון ווערטער", און "דער וועוויריק" איז "אַ פּור־פּורנער זונפלעק" — און "עס ווערט אַזוי שטיל / ביז צום וויינען". (דאָרטן, זז' 225־226). אין דער שטילקייט פון דער לעבעדיקער נאַטור האָט זיך אײנעם געדאַכט, אַז די וועלט איז ווי געווען. סוצקעווער האָט זיך און זײַנע געדאַנקען געזוכט צו פאַרשטעקן אין סימבאָלישן "וואַלדס אונטערבאַוווסטזײַן", וואָס ער פאַרגלײַכט צום "מוראַשקע־נעסט". דער פּאָעט פון אידילישן וואַלדיקס זעט באַצײַטנס די "שׂרפות — באַהאַלטן אין רינגענהערצער פון די ביימער". ס'איז געווען די ערע פון "אויפשטעלן דענקמעלער פון אָט די שטיינער — (און) זיי געבן אַן אייביק פאַרבלײַביקן נאָמען!"

סוצקעווער ווײַזט אויס, האָט זיך געכאַפּט דעם אַבסורד פון די דענקמעלער, וואָס צעטומלטע מאַסן בויען מיט אַ ווילדן ענטוזיאַזם. אין יענעם "טונקל פון אָוונט", מיטן כאַראַקטעריסטישן רוסישן אויסרוף "עך", וואָס חזרט זיך ניט איבער אין סוצקעווערס שפּעטערדיקע לידער, האָט "דאָס פײַער, וואָס טאַנצט פון צעשפּאָלטענע שטיינער" פּלוצלינג רעפלעקטירט "די גראָע צײַט" (דאָרטן, ז' 231). אין די צען פאַרצימצומטע אַלעגאָרישע שורות פון ליד קומט צום אויסדרוק דער אומצוטרוי צו דער צײַט און איר אָפּנאַרערײַ: "עס וועט דײַן הונט אַזוי ניט חנפען, ווי ס'חנפעט דיך די גראָע צײַט". זי איז געווען פאַרפירעריש.

סוצקעווער איז געווען אַנטוישט אין דער צײַט. ער האָט געזונגען "לידער צו אַ לונאַטיקעריך" (דאָרטן, זז' 233־234), און וועגן "משוגעת" (דאָרטן, ז' 232). אין "דער באַגײַסטערטער פרוי", וואָס "פלאַטערט" — "דורך געסלעך פון זונפאַרגאַנג", און מאָנט איר "געליבטן דעם שטרוי", שפּיגלט זיך אונטערבאַוווסזיניק די בהלה פון אַ צײַט, ווו חלום פאַרוואַנדלט זיך אין "משוגעת". "ווי קען מען עס ליבן אַ שטרוי?". איז אפשר נאַטירלעך וואָס די משוגענע מהומה־עפּאָכע האָט אָנגעוואָרפן אַזעלכע טעמעס, ווי אַ פּסיכאָז פון דער צײַט. אין פּסיכאָלאָגיע איז באַוווסט אַזאַ גײַסטיקער אומרו, וואָס איז ניט משוגעת נאָר עסקייפּיזם — אַנטלויפן פון זיך און פון דער צײַט. אפשר איז עס אויך בײַ סוצקעווערן געווען אַ פּרווו זיך צו ראַטעווען אין אַנדערשדיקער טעמאַטיק, כּדי צו אַנטרינען פון דער טראַגיש־גראָער צײַט וואָס קאָן גאָר ניט געבן. דער דאָזיקער איבערגאַנג פון סוצקעווערס לידער־טעמע צו אַן אַנדער צײַט, דאַרף געזען ווערן דורך דעם פּסיכישן אַנאַליז, ווען ער האָט געוואָלט דערפילן דאָס בלוט און פלייש פון ווערטער. אַרום אים האָט זיך געענדערשט די קיום־ און גורל־וועלט פון ייִד און מענטש, און בײַם פּאָעט — זײַן געפילוועלט. די "לידער צו אַ לונאַטיקעריך" זענען אפשר דער

אַריבערשפּרונג־באַריער צו אַ וועלט, ווו דער טויט האָט איבערגענומען דעם רודער פון לעבן. אויף דער גרענעץ פון די פּעסטטונג, וואָס איז נאָך ניט געווען פאַרצוימט, דערמאָנט זיך סוצקעווער אָן דער לונאַטיקערין: ״איך קען דיך פון לאַנג שוין, פון זינט / ביסט געווען אָן אַמפּיביע״. אַוודאי איז פאַר אָן אַמפּיביע די סכּנה פון אַ דײַטשער אָקופּאַציע ניט געווען רעאַל, ווי פאַר אַ ייִדישן דיכטער אין ווילנע. אָבער אויב זי קערט אויס פון דיכטערס ״חלום די שטויבן״, איז זי אויך באַזיגלט שוין מיטן ייִד־גורל. דאָס דאָזיקע אַנטלויפליד צום לונאַטיזם פון ערד, איז אַ באַשײַמפּערלעכער באַווײַז ווי די וויטאַלע געזונטע אינסטינקטן האָבן זיך געפּרוּווט שיצן, כּדי ניט אַרויס־געשלײַדערט צו ווערן פון דער פּאָעטישער שאָל און אַרײַנגעקוליעט ווערן אין תּהום פון פאַרצווייפלונג. סוצקעווער איז געווען יונג, מוטיק, און זײַן ליד — אַן אַרויסרוף צום לעבן. ער שטעלט אין קאָן זײַן פּערזענלעכן גורל, וואָס ליגט אין האַנט פון דער לונאַטיקערין: ״קלײַב איינעם פון ביידן אויס, קלײַב״. טויט־מורא איז שוין געהאַנגען איבער דער קליינער ייִדישער ליטע, ווו די רוסישע אָקופּאַנטן האָבן אָנגעהויבן זייער סאָוועטיזאַציע־פּאָליטיק.

□

סוצקעווער האָט אונטערן ליד ״ביים ים״ (דאָרטן, ז׳ 235־238), זאָרגעוודיק פאַר־צייכנט די דאַטע און אָרט: ״פּאַלאַנגע, יולי 1940״. איז עס טאַקע כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע היסטאָרישע טעג, קורץ נאָכן אַרײַנמאַרשירן פון דער רוסישער אַרמיי אין ליטע. אויף יענער פּלאַזשע פון באַלטישן ים, ״אויף בורשטיניקן זאַמד בין איך שיכּור געפאַלן״ און „ווי דער אויפשטראַם פון ים קומט געזאַנג אין מײַן ברוסט״. ער זינגט צום ״בורשטין, די פאַרפעלדזונג פון ביימערשע בלוטן״. מיט קינדישער גאַפונג זעט ער, ווי עס ״האָט אַ פליג זיך פאַרקלעפּט און פאַרגאַפּלט״, ווען בורשטין האָט נאָך ״סמאָליק פון צווײַגן געטריפט״. דער חלום פון נאַטור האָט אים דאָ ווידער געפּאַקט. ס׳איז אַ פאַרמעסט מיט די נאַטור־וווּנדערס: ״און ווי זי, פון די שטייניק־פאַרפעכטע געוועבן — / וויל איך אויך זיך אַ ריס טאָן צום לעבן!״ ס׳איז געווען דאָס געזעגענונג־געזאַנג מיט דער פרײַער נאַטור.

קוים אַ יאָר שפּעטער האָט זיך סוצקעווער געריסן צום לעבן. די ״כוואַליעס״ פון פּאָע־זיע, וואָס זענען אויף דער פרײַ געווען ״גלעקער פון זילבער געשמידט״, זענען געוואָרן גלעקער פון סכּנה, וואָס האָבן צעוויגט די לופט פון סוצקעווערס קיום, אין געראַנגל פאַר לעבן און ברויט — אויך זײַן לידעריש ברויט — אין געטאָ. ווײַל אין סוצקעווערן, ווי אין דעם ״מאַן״ וואָס ״געטראָפן האָט אַ קויל אים״, איז געבליבן שטעקן ״אַ קויל, — געלאָדן פול מיט לידער״, ״צווייִ קוילן״ (דאָרטן, ז׳ 239). האָט די לידערקויל געראַ־טעוועט אי זײַן גוף און אי זײַן קונסט, ווײַל ניט נאָר ״ברענט זי אויס דעם סם פון מײַנע גלידער״, נאָר ס׳איז אויך די קויל וואָס ״פון איר מעטאַל איך קנעט, באַשאַף מײַן אמת״. מיט דער קויל אין האַרצן איז סוצקעווער אַרײַן אין די פּעסטטונג, אין געטאָ. זי איז געוואָרן דער פּאַנצער קעגן אַפּאַטיע, קעגן הונגער און טויט, און אויך — אין קאַמף קעגן שׂונא.

־אַזוי האָט געדאַרפֿט, האָט געמוזט זײַן־ (דאָרטן, ז׳ 240). אפשר איז דאָס געווען אַ מוז פֿון גורל, פֿון זײַן פּאָעטישער שליחות, די בשׂורה פֿון וואָרט צי די נבֿואה פֿון זעערישן ווילן. אפשר האָט אַ העכערער אימפּעראַטיוו זײַן מוזע באַשיצט, ווען זי האָט ״אין קעלער פֿון שטומען באַוווסטזײַן״ פּראָקלאַמירט: ״איך מוז״. דאָס האָט געמיינט ״אַז אויף די קבֿרים פֿון לידער אָן נעמען / זאָלן רויזלען זיך נײַע צו גלײַך״. די נײַע לידער זענען שוין געבוירן געוואָרן צווישן די געטאָווענט. איז אפשר סימבאָליש וואָס זײַן פֿאַר־לעצטן ערבֿ־געטאָ ליד אין געווידמעט ־י. ל. פּרץ־ — (דאָרטן, ז׳ 241), (די 3 לעצטע לידער זענען דאַטירט 1941) — דעם מאַן וואָס האָט ״פֿון פֿאַרגאַנגענקייט אַ ליכט אַזאַ געשמידט / וואָס פֿאַרקניפּט זי ווי אַ רעגן־בויגן מיטן שפּעטער״. אין דעם אָ באַלדיקן שפּעטער האָט מען נייטיק ווי דאָס לעבן געדאַרפֿט די פֿונקען פֿון פּרצישן ליכט, זײַן טרייסט און זײַן וויזיע. ס׳אי געווען גוט צו הערן ״אונדזער ביסטו״ און די ״יום־טובֿדיקע שטים: אויב ניט נאָך העכער!״

ס׳לעצטע ליד אין עפּילאָג צו וואַלדיקס שליסט זיך מיט ״מלחמה־פּעלקער״. דער טיטל איז אויך דער שליסל, וואָס פֿאַרהאַקט דעם טויער צו אַ דורותדיק ייִדישער פֿאַרלוירע־נער וועלט. ס׳איז סוף פֿון קאַפּיטל ייִדן צווישן גויִישע מלחמה־פּעלקער, און אָנהייב פֿון אַ פּרק וואָס עפֿנט אַ פֿינצטערן טויער צו אַ קבֿרישער תּקופֿה פֿון 5—6 יאָר אומקום און חורבן. די נאַצישע שאַלקהאַפֿטיקע שלאַנג האָט פֿאַרשלעפּערט דעם רויטן כּלומרשטן ריז, מיט כיטרע צוזאָגעלעך און אין זײַן שוואַכער מינוט אים אָנגעכאַפּט בײַם גאָרגל. דער סאָוועטישער אויפֿגעבלאָזענער בער, וואָס האָט טעמפּ געגלייבט זײַן שׂונא, האָט געברומט: פֿאַררעטער, ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. ״עס וויינט די גע־שיכטע און פֿלאַמט פֿון בזיון: פֿאַררעטעריש האָבן געשאָלט די פּאַנפּאַרן״. און די ״אָנהיימיקע פּעלקער״ זענען, ״מיט הינטישן וואָיען״ און מיט קנעכטישן לעקן די שטיוול פֿון ״די דוליקע האַרן״, ניט געווען בכּוח צו ענדערן די לאַגע. די לעצטע אינדזלען פֿון ייִדישער אַנטרונענקייט, ליטע מיט איר געשאָנקענער הויפּטשטאָט, ווילנע, זענען פֿאַרפֿלייצט געוואָרן מיט אַ בלוטכוואַליע. די מאָדערנע קאַניבאַלן האָבן גע־פּראַוועט אַ בלוטיקע סעודה איבער 200,000 ליטווישע ייִדן. סוצקעווער איז געגאַנגען מיט די ייִדן אויף זייער גורל־וועג.

□

אַבֿרהם סוצקעווער איז אַרײַן אין געטאָ אין זײַן אויפֿגעבליטער צײַטיקייט. אויפֿן קאַ־טאַקליסטישן וועג האָט ער ניט פֿאַרלוירן ניט דעם דיכטערישן קאָפּ און ניט דעם רעאַלן חוש פֿון לעבן. אין דעם גאַנג צו אונטערגאַנג האָבן מיר דאָ איבערגעהיפּט אַ וויכטיקן מײַלשטיין — דאָס 13־לידער־ביכעלע — די ערשטע נאַכט אין געטאָ. מיט באַדויער פֿאַרצייכענען מיר דעם אויסלאָז, ווײַל ס׳וואָלט געהאָלפֿן גרונטיקער פֿאַרשטיין דעם סאַמע חורבן־אָנהייב.

צוליב דעם וואָס ס׳איז אַרויס אין 1979, האָבן די פֿריִער ניט געדרוקטע לידער זיך ניט אַרײַנגעפּאַסט אין כראָנאָלאָגישן מעטאָד פֿון דער מאָנאָגראַפֿיע, וואָס איז שוין געווען אויסגעסדרט. איז לאָמיר דאָ לפּחות געבן די ערשטע פּאָר שורות פֿון טיטלליד: ״די ערשטע נאַכט אין געטאָ איז די ערשטע נאַכט אין קבֿר, דערנאָך געוויינט מען זיך שוין צו״. — ״שוואַרצער סם״־סאַרקאַזם אויף דער געטאָשוועל.

# די פעסטונג *

די פעסטונג־לידער (פּאָעטישע ווערק, זז' 245־391) זענען געשריבן אויפן הינטער־גרונט פון דער חורבן־תּקופה פון ייִדישן פֿאָלק, פון וועלכער סוצקעווער איז געווען אַ לעבעדיקער עדות. מיר ווילן דאָ געבן די כראָניק פון יענעם מעת־לעת, אויף דער שוועל פון געטאָ, וואָס הינטער אירע טויט־פּאַרצוימונגען האָט סוצקעווער ווײַטער געשאַפן. מ'קען יענע לידער ניט שאַצן מיט דער קריטעריע פון קונסט בלויז. זיי זענען פיל מער ווי דאָס — זיי זענען קונסט פּלוס קאַטאַסטראָפע. בעסער צו פאַרשטיין און שאַרפער צו דערזען זיי, מוז מען האָבן פאַרן אויג דעם גרוילבילד פון יענער ערבֿ־עפּאָכע, וואָס איז געשטעמפּלט מיט ייִדיש בלוט.

און אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן: אין דער זונטיקנאַכט פון 22סטן יוני 1941 קומט פאַר דער אומגעריכטער איבערפאַל פון דײַטשע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען אויף די שטעט ווילנע, מינסק, קאָווגע א״אַ. די פאַרגלייבטע קאָמוניסטישע ביוראָקראַטיע און די קאָ־מאַנדע פון דער רויטער אַרמיי, זענען געווען דורך מאָסקווע אײַנגעוויגט מיט אַ שלאָף־לידעלע פון פרײַנדשאַפט צווישן ביידע פעלקער. רוסלאַנד האָט געליפערט פאַר דער אין מלחמה־פאַרוויקלטער דײַטשלאַנד די נייטיקע פּראָדוקטן און שפּײַז. האָט דער אומדערוואַרטער אָנגריף צעטומלט די סאָוועטישע קאָמאַנדירן, וואָס זענען ניט נאָר ניט געווען גרייט צו פאַרטיידיקונג, נאָר אַפילו ניט געהאַט קיין פּלענער און צײַט פאַר אַ צוריקצוג. אין כאָאָס האָבן זיך די אָפּטרעטנדיקע סאָוועטישע אײנהייטן צעשאָטן, ווי האַרבסטבלעטער בעת אַ שטורעם, און צוזאַמען מיט דער מאַסע פון ציווילער באַ־פעלקערונג, בפרט ייִדן, האָבן זיי פאַרשטאָפּט אַלע וועגן וואָס האָבן געפירט צו דער רוסישער גרענעץ. אַלע סאָוועטיש־אָקופּירטע שטחים זענען געבליבן אויף הפקר, און ווײַט הינטער די גרענעצן האָבן שוין דײַטשע דעסאַנטן אָפּגעשניטן דעם וועג פאַר די מאַסן ייִדן וואָס זענען געלאָפן זיך ראַטעווען.

אַבֿרהם סוצקעווער ווערט אין יענעם מלחמה־אויסבראָך פאַרכאַפּט אין זײַן ראַדיאָ־סטודיאָ, און ער בלײַבט שוין אין ווילנע, ווו די דײַטשע אַרמיי מאַרשירט אַרײַן אַ פאָר טעג שפּעטער. דער שאָק פון פּלוצימדיקן איבערגאַנג פון אַ פרײַען זינג־פויגל צו אַ פאַרשמידטן אין געטאָצאַם — די פעסטונג — האָט מיט איין קלאַפּ איבערגעהאַקט זײַן טעמאַטיק. אָבער דער פענאָמען אין שאַפן פון סוצקעווערן דעמאָלט, קענטיקט זיך אַרויס אין זײַן גײַסטיקן קאָמפּלעקס און סטאַטור וואָס זענען געבליבן אומדערשיטערט. זײַן ליד, ווי ער, בלײַט ווײַטער מיט יונגשאַפט און געטאָ־טרויער, וואָס רעפלעקטירט מיט שפּליטערלעך זוניקע פאַרבן עלעהיי אַ רעגן־בויגן איבערן געטאָ. אויף די צוויי אַטריבוטן, זון און רעגן־בויגן, האָט סוצקעווער ניט געקענט מוותּר זײַן. דאָס איז געווען

---

* די פעסטונג: לידער און פּאָעמעס, געשריבן אין ווילנער געטאָ און אין וואַלד 1941־1944, איקוף־פאַרלאַג, 1945. 112 זז'.

דער וויטאַמין פון זײַן געזאַנג און אַ מין פּראָפילאַקטיק קעגן אַלדאָס בייז. בעתן דאַ־זיקן ווענדפּונקט צום געטאָ־תּהום, אַראָפּ, איז זײַן ליד געוואָרן אַ פּלי צום אַרויף: צו די נאַטור־אימאַזשן זענען צוגעקומען פּאַרטיפּטע ייִדישע און מענטשלעכע טענער, קלוגע און ראַפֿינירטע סימבאָליק, געשעפּט פון ביטערן קוואַל פון אייגענע דערפאַ־רונגען. דער גײַסט איז געוואָרן בבחינת אַ שטראָם־איבערלאָדער צום וואָרט, האַרץ — צום ליד. אַן איבעריק מאָל האָט סוצקעווערס לידי באַשטעטיקט, אַז דער פינצטערסטער אַשמדאי פאַרמאָגט ניט דעם טײַוואָלאַנישן כּוח צו פאַרשטעלן די זון — און כּל־זמן די זון שײַנט האָט סוצקעווער געשמידט זײַן ליד. זײַנע צער־ און ווייטיק־סטרונעס האָבן אויסגעקלונגען דאָס ליד פון אַ נײַע זון, וואָס האָט זיך איבערגעקײַקלט פון גרינ־סאַמעטענער וואַלדיקס צו דער האַרט־שטויביקער פעסטונג.

דער איבערגאַנג — פון וואַלדיקס צו די פעסטונג — איז געווען ווי אַ גורל־שפּרונג פון גן־עדן צום גיהנום. אין דער לידער־געדיכטקייט פון וואַלדיקס איז ניט געווען פאַר־פלאָכטן אַ זאַך ווי גורל. איצט, איין שריט ווײַטער, איז ער שוין געווען אין גורל־לאַנד פון געטאָ, און זײַן לעבן — פאַרקלעמט אין סכּנה. געטאָ — אַ פעסטונג אַרום ייִדן, פון ייִדן און מיט ייִדן, און די פעסטונג — אַ גזירה־הײם פון הונגער, פּחד, טויט. בײַ סוצקעווערן — די פעסטונג פון אייביקער ייִדישער קדושה, המשך פון ייִדישן געשיכטלעכן גאַנג.

די פעסטונג איז אַלט,
אַזוי טרויעריק אַלט,
אירע שטויבן — צעפאַלענע שטערן.
ס'האָבן זיידעס געקלעפּט איר געהיימע געשטאַלט
פון ליימען געוויקטע אין טרערן.
(דאָרטן, ז' 321)

אין אָנבליק פון דער מאָדערנער געטאָוואַנט הערט סוצקעווער זייער קול: "ביט פאַרזאַם" און ער רופט זיך איבער מיט אַלע דורות: "אַ וואַנט קעגן שרעק, און אַ וואַנט קעגן טרויער, / און ס'אייגענע לײַב אין דער פעסטונג פאַרמויער!" אין דער נאַכטיקער געטאָ, ווו "בלויז די שינאה גליט", גייט אָן אַן אונטערדישע אַרבעט, און סוצקעווער פאַרצייכנט עס ווי אַ כראָניק ("ווילנער געטאָ 14טן יולי 1943"): "מע בויערט, מען בויט אין געהיים, / עס ציִען זיך ליכט דורך קאַנאַלן". דאָס איז אפשר דער ערשטער שטראַל פון געהיימשטאָט, וואָס בליצט אויף ווי אַ פונקאַנזאַג פון דער שפּעטערדיקער עפּאָפּעע. ס'איז געווען בערך נאָך וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, ווען ווילנער געטאָ האָט זיך געגרייט צו אַ בכּבֿודיקן געראַנגל און ווידערשטאַנד:

דאָ גראָבט מען אַ פעסטונג אַ צווייטע,
אין שטיינערנעם צאָרן אַ שאַכט.
און קנויטן פיבערן גרייטע
אַ צונד זיך צו געבן אין שלאַכט.
(דאָרטן, ז' 322)

אָבער ביז די ייִדן זענען דערגאַנגען צו אַ סטראַטעגישן און פּסיכאָלאָגישן מצבֿ פֿון גרייטקייט, האָבן די דײַטשן זיך מקדים געווען און די פֿעסטונג חרובֿ געמאַכט. צעבראָכן דעם חומר, אָבער ניט דעם גײַסט, און במילא ניט דורכגעבראָכן די ליניע וואָס האָט פֿונאַנדערגעטיילט מענטש פֿון חיה, ייִד פֿון גוי און קדושה פֿון טומאה. סוצקעווערס יענעמאָליקע לידער זענען די בעסטע עדות, ווי מ'האָט ניט געקענט פֿאַרשפּאַרן אין די פֿעסטונג די פֿרײַע כּוחות פֿון בטחון. דער לאַנגער ציקל געטאָ־לידער איז די געשיכטע פֿון לײַדן, גבֿורה און אומקום אין אַ צאַם. סוצקעווער האָט עס פֿאַרצייכנט מיט סימבאָלן און מעטאַפֿאָרן, ווי דער נשמה־שפּיגל פֿון אַ ייִדישן פּאָעט, וואָס פֿאַר אים "קען אַפֿילו דער טויט זיך צעבליִען אין ווונדער". גייענדיק אין די לידערישע פּוסטריט פֿון סוצקעווערן, שטײַגן מיר אויף זײַנע שפּעטערישע שטאַפּלען. אַנשטאָט צו דערציילן ביאָגראַפֿישע טרוקענע פּרטים פֿון סוצקעווערס וועג דורכן געטאָ, הערן מיר עס פֿון מ ו י ל פֿון זײַנע לידער. מיט זיי האָט ער ניט נאָר אָנגעשריבן דעם טרויעריקן געטאָ־פּרק, נאָר אַרויסגעליכטיקט זײַן געשטאַלט פֿון יענע פֿינצטערע טעג. ס'דאַרף אפֿשר נעמען מער ווי אַ בוך צו אַנאַליזירן די סעריעס געטאָ־לידער, דערהערן זייער לעבעדיק קול, אַרויסשיילן זייער גײַסטיקן קערן און אויפֿדעקן זייערע פּסיכישע פֿאַרבאָרגענישן. שוין אין זײַן ערבֿ־געטאָ אַריבערררוף צו די "מלחמה־פֿעלקער" זאָגט ער: "אין אײַער זכּרון אַלץ עקבערדיק טיפֿער / ווערט זיך פֿאַרשרויפֿן אַ בלוטיקע ציפֿער". (דאָרטן, ז' 242). די פֿאַרזעונג פֿון דער בלוטיקער ציפֿער האָט זיך טרויעריק פֿאַראמתט, זי האָט געטריפֿט מיט בלוט פֿון מיליאָנען ייִדן און זיך פֿאַרשרויפֿט אין אונדזער זכּרון מער ווי אין זייערן. מיט דעם ליד האָט סוצקעווער אַרויפֿגעשטעמפּלט אַ בלוטפֿלעק אויפֿן שטערן פֿון דער וועלט און זי באַצײַטנס אָנגעשטעלט אויף זײַן פּאָעטישן רעקאָרד, ווי אַ שולדיקע — און שטאָלץ איז דאָס אַרײַנגיין אין פֿעסטונג ה י נ ט ע ר אַזאַ ליד.

□

מיטן ערשטן ליד, בײַם דערפֿילן דעם דײַטשן סם־המוות, וואָס איז דאַטירט "סוף יוני 1941" (קיין געטאָ איז נאָך אין ווילנע ניט געווען), טוט אַ בליץ־אויף סוצקעווערס אָפּטימיזם און גלויבן. ער איז "אין קאַרצער" — און די 3 סטראָפֿעס זענען אַ פֿאַרמעסט קעגן "די פֿינצטערניש (וואָס) וויל מיך דערשטיקן!" מיט די ערשטע 12 שורות, אין געטאָ, איז ער אַרויס ליכטיק, זיגעריש. וואָרעם ס'קלינגט ניט סתּם עפּיזאָדיש, נאָר מיט אַ דעטערמינירטער קראַפֿט פֿון לעבן און שטאַרקן ווילן. אַזוי אַרום מעג עס געזען ווערן ווי אַ קרעדאָ פֿאַר דער גאַנצער צײַט פֿון סוצקעווערס זײַן אין געטאָ. וואָס דערציילט ער? ער וויל זיך אָן "עפּעס" אָנכאַפּן, "וואָס איז מענטשלעך, באַקענט". און — "דערטאַפּ איך אַ שטיקעלע גלאָז", וואָס מיט זײַן ליכטציטער, אין קאַרצער, באַלאַנסירט זיך אויס זײַן פּסיכישע גלײַכגעוויכט, על־פּי דער אָפּטימיסטישער מימרא פֿון אונדזערע חכמים זיך ניט אונטערגעבן דעם ייִאוש, אַפֿילו ווען אַ שאַרפֿע שווערד ליגט אויף דײַן האַלדז. דעם געדאַנק האָט סוצקעווער מיט קלוגן סאַרקאַזם, און מיט דרײַ פֿינטעלעך אַזוי פֿאָרמולירט: "נאָר ס'לעבן איז הייס און דאָס גלעזל — אַ קאַלטס / און ס'איז מיר אַ שאָד עס צו נעמען צום האַלדז..." (דאָרטן, ז' 245). דער גאַלגן־הומאָר איז סוצקעווערס וויוואַט צום לעבן, און אפֿשר מער נאָך — דער אולטימאַטיווער אַרויסרוף

פון טויזנטער יידישע העלדזער פאַר וועמען ״ס׳לעבן״ האָט פּולסירט ״הייס״ און הייליק, און ס׳איז געווען ״אַ שאָד״ עס פריַיוויליק אָפּגעבן.

יידן אין די געטאָס האָבן פון די סאַמע ערשטע טעג אַקטיוויזירט צוויי שוצמיטלען וואָס זענען געווען איַינגעבויט אין זייער פּסיכיק: בטחון און הומאָר. הומאָר איז געווען אַ חלק פונעם קאַמף פאַרן לעבן, די גבֿורה צו פאַרמינערן דעם יִיאוש און אויס־לאַכן דעם שונא. אויף אַ סך הומאָר־בליצן, וואָס שמייכלען דעם מלאך־המוות גליַיך אין פּנים אַריַין, שטויסן מיר זיך אָן אין סוצקעווערס לידער. די אַ שפּאַס־מעדיצין איז געווען גוט פאַר די נערוון, אָבער פאַרן האַרץ האָט מען געדאַרפט איַינגעמען וואָס מער בטחון־טראָפּנס, וואָס דאָקטאָר אמונה האָט פאַרשריבן יעדן יידן. האָט סוצקעווער אויפגעהאַנגען איבערן פאַרמויערטן פעסטונג־האָריזאָנט אַ געטאָזון, וואָס שטראַלט מיט בטחון. אויף דעם האָט אַזאַ דיכטער ווי סוצקעווער געדאַרפט באַזיצן אַ גוואַלדיקן כּוח. פאַר אים איז עס געווען אַ פאַרצוימט וואַלדיקס, ווו הינטער יעדן בוים, וואָס האָט פאַרלוירן זיַין מראה, האָט געלויערט אַ גזלן. זיַין צעזונט וואַלדיקס איז גע־ווען בלוטרויט און איבערן קאָפּ האָבן געסווישטשעט קוילן. און אָט האָט סוצקעווער געשריבן לידער אין קאַרצער, אַנטלויפנדיק פון עס־עס־באַנדיטן, שטייענדיק ביַים געטאָטויער, און ליגנדיק אין ״הילצערנע בגדים״. סוצקעווערס שאַפונג־גבֿורה לאָזט זיך ניט וועגן און מעסטן מיט געוויינלעכע מאָסן. און אַזעלכע לידער, וואָס ווערן געשריבן מיטן פיַיער פון מזבח און אויפן שאַרף פון אַ שווערד, זענען מער, אַ סך מער ווי בלויז טעכניק און פאָרעם און ריטעם. זיַין ליד האָט רעפלעקטירט אין שוואַרצן שפּיגל פון דער תּקופה די יסורים פון אַ גאַנץ פאָלק. זיַין געזאַנג איז געשטיגן און אַריבערגע־וואַקסן אַלע שרעקן פון דער משוגענער ציַיט. ס׳איז געווען דער פּראָטעסט קעגן אַ מערדעריש־בלינדער עפּאָכע און אַן אַרויסרוף צום לעבן, און אויך צום טויט. ס׳איז אַ באַוויַיז פון יידישן וווּנדער, וואָס האָט אויפגעהיט אין צעפּאַלנקייט זיַין גאַנצקייט, אין אַ מוח־פאַרטעמפּטער סבֿיבֿה באַשירעמט דעם קלאָרן געדאַנק, אין חורבן־צוזאַמענ־בראָך געבויט קונסט־קאָנסטרוקציעס, און אין אַ פּנימלאָזער מאַסע באַשיַינט דעם צלם־מענטש — דאָס אַלץ געפינען מיר אין סוצקעווערס ליד, אַלץ וואָס איז ליכטיק, שיין און שפּילעוודיק קעגן אַלץ וואָס איז מיאוס, פאַלש און שמוציק. ס׳איז אפשר די איינ־ציקאַרטיקסטע געטאָ־אָדיסעע, ווו אַ פּאָעט האָט געשריבן לידער ממש אויף די פליגל פון מלאך־המוות. דער טויט האָט געקאָסט, אָן רחמנות, יידישע מענטשן, און סוצקע־ווער האָט געשריבן יידישע לידער, אָן רחמנות צו זיך, אָבער מיט גרויס רחמנות צום וואָרט. ער האָט ניט געשריבן בלוטיק־צעשויבערטע לידער, ווי די ציַיט, נאָר לידער קעגן דעם איבערגעדרייטן וויַיזער פון דער ציַיט, וואָס איז געלאָפן אויף צוריק צום טעווטאָ־נישן געצנדינעריש־אַפּאָקאַליפּטישן מאַסן־משוגעת. אין דעם זינען האָט ער פאַרזיגלט די וויזיע און די שליחות פון יידיש וואָרט פאַר דער צוקונפט, און ווי אַזעלכע דאַרפן די לידער גרונטיק געפאָרשט ווערן.

זענען טאַקע די פּראָזאַישע דאַטעס, אונטער די לידער, מער ווי סתּם טעג אין קאַלענ־דאַר, נײַערט אַ יידישער לוח פון אבֿלות, פון מאָדערנע תּשעה־באָבֿס וואָס סוצקעווער האָט זייער איכה אין ווונדן־סטראָפעס רעקאָרדירט. דאָס איז אַ ליטעראַרישער לוח פון 100טער לידדאַטעס, וואָס האָבן אַ שיַיכות ניט נאָר מיט סוצקעווערן, ווי זייער מחבר,

נאָר מיטן גאַנצן ייִדישן געטאָ־פאָלק, וועמענס געשריי, יאָמער און קאַמף פּאַר אַן אָטעם לעבן ער האָט איבערגעשמאָלצן אין בטחון־פערזן. די לידער ווייען מיט יִראת־הקודש, ווײַל אין זייערע שורות דערפילט מען שאַרפער די פּײַן, קאָנוווּלסיעס און האָפענונג־פלאַטערנישן פון אַ גאַנצן פאָלק. דאָס גיט סוצקעווערן דעם באַטײַט און סטאַטוס פון אַ נאַציאָנאַלן פּאָעט. מיטן אַרײַנמאַרש פון די דײַטשן האָט ער זיך גלײַך אידענטי־פיצירט מיטן געטאָ־פאָלק. "סוף יוני 1941" זאָגט ער, בלשון רבים: "און גראָ דורך נאַכט געוואָרן זענען אונדזערע מחשבֿות". ער קוקט אַרײַן אין "קאָשמאַר פון פּנימער אין זומפּן" און פרעגט: "וואָס ציטערסטו, מײַן ערד?" און די פּריש־נעכטיקע ערד פון זײַן וואַלדיקס באַפעלט ער איצט: "שלינג אונדז אײַן צוזאַמען מיטן דור און זײַנע פּאָנעס!" סוצקעווער האָט גלײַך בײַם אָנהייב געוווּסט, אַז די אידעאַלן און "פּאָנעס" גייען צוזאַמען מיט די "קרבנות" צו "פּאַרפּילן דײַנע גריבער". און די אומשולדיקע גוטע ערד האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווײַל מ'האָט זי פאַרגוואַלדיקט מיט גריבער און אויסגעוואַלדיקט סוצקעווערס זוניקע לאַנדשאַפט פון חלום. די וואָר איז געווען שוואַרץ. "און ווײַסע טויבן האָבן באַלד פאַרוואַנדלט זיך אין סאָוועס, לאַכנדיק פון אונדזער טרוים, וואָס רויכיק איז פאַרשוווּנדן" (דאָרטן, ז' 246).

די סאָווע־באַפעלקערונג, די סאָווע־שכנים האָבן ניט נאָר אויסגעלאַכט דעם טרוים, נאָר געוואַרט אויפן מאָמענט ווען די "פּנימער אין זומפּן" וועלן אין גאַנצן פאַרשווינדן. די לעצטע שורה פון ליד: "פּנימער אין זומפּן איבער זונפאַרגאַנג און שטיבער..." דאָ גיט ווייטיקדיק אַ שניט דער שאַרפער קאָנטראַסט מיטן הערלעכן "זונפאַרגאַנג אויף אײַזיק בלאָע וועגן" פון סיביר, מיט ערשט פינף יאָר צוריק.

סוצקעווערס לידער שוועבן איבער דער זומפּיקער זינקעניש פון געטאָ, אָבער קענען ניט אַרויספלִיען פון איר גבֿול. אין דעם ספּעקטער פון זײַן ליד זענען אַלע צעשטיקלטע פּנימער צוזאַמענגעשטעלט און ער פּרווּט זיי באַליכטיקן מיט פאָלקישער און נשמה־דיקער עצבֿות. אין גאַנצן אינטעלעקטועלן און גײַסטיקן אוצר פון דער מענטשלעכער קולטור איז שווער געווען, און איז נאָך איצט שווער, צו געפינען דאָס עקוויוואַלענטע וואָרט וואָס זאָל באַשאַפן די האַרמאָניע אין דער דיסהאַרמאָניע פון דעם איבערדיי־מענסיאָנעלן דעמאָנישן מעכאַניזירטן מאַסנמאָרד. דאָס וואָרט איז געווען צו בלאָס און שוואַך, האָט סוצקעווער געפונען נײַע אויסדרוק־מיגלעכקייטן אין אימאַזש, סימבאָל און מעטאַפאָר. אָט: "פּנימער אין זומפּן" האָבן באַלד אויסגעמאָלט חורבן פון מענטש און זײַן חלום־צעפאַל. די בליציקע שנעלקייט פון קאַטאַקליזם האָט פאַרלאַנגט אַ דינאַ־מישע פּאָעטישע פערזענלעכקייט, וואָס זאָל דיספּאָנירן מיט אַלע עלעמענטן: בילדע־רישע און פילאָסאָפישע, פּסיכישע און אַנאַליטישע, געדאַנקלעכע און נשמהדיקע. אַבֿרהם סוצקעווער איז געווען דער מײַסטער, וואָס האָט מיט שנײַדיקן אמת און מיט אַן עכטן וואָרט אויסגעמאָלט די טראַגישע פּאַנאָראַמע, דעם ייִד און זײַן געטאָ־קלימאַט. צו גלײַכער צײַט האָט זײַן פערז זיך ניט אַרויסגעבראָכן פון די קונסטפאָרמען: די מעטריק, ריטעם, ווערסיפיקאַציע זענען געווען פּערפעקט. ער האָט ניט מאַניפּולירט מיט גרויל־טערמינען און שוידער־סופּערלאַטיוון, דער חורבן־תהום האָט שוין געפינצטערט פון זיך אַליין. סוצקעווער האָט קאָנסטרויִרט די געטאָ־בילדער מיט אַ חוש פאַר פּראָפּאָרציע און מיט אײַנגעהאַלטענער שטילקייט. ער האָט דעמאָלט אינטענסיוו געשאַפן.

זײַן געזאַנג איז אָבער ניט געווען מיט שפּערישער פרייד, ער האָט עס אין יענער בי־טערער צײַט געפּילט ווי זײַן דיכטערישן באַרוף און זײַן שליחות. פאַר אים איז פּאָעזיע געווען דאָס געבעט פון קונסט. האָט ער נאָך מער פּאָלירט די שורות, געמאָסטן די טראָפּן, געוויגן דעם גראַם, צוגעלייגט אַן אויער צום קלאַנג, כּדי אַרויסצוקריגן די עקזאַקטע פאָרעם. מיט דעם איז ער געווען דער פּאָעט פון געטאָ, ניט איר כראָניקער. ער האָט אין די שאָלן פון קאָנדענסירטע בילדער און שטימונגען פאַרוויקלט פּײַנלעכע ווייען און פריידן. ער האָט אָבער ניט געשריבן פאַר דער אייביקייט, ווײַל ער האָט ניט געקענט זײַן זיכער מיטן לידדויער: אויך "מיטן גאָלד" פון די לידער, ווי "מיטן גאָלד פון אונדזער לײַב", איז געווען די סכּנה פון "פאַרפּילן דײַנע גריבער". שפּעטער האָט דער מאָסן־פּנים פון געטאָזומפּ זיך אָנגעהויבן אויסטיילן אין איינציקע און באַזונדערע כאַראַקטעריסטישע פּנימער — דער געטאָ־ייִד. אין יענע תּנאים האָט מען דערזען חוץ זיך אויך אַ צווייטן מענטש, אפשר אויך געפּילט אַחריות פאַר אים, ווען ס׳גאַנצע לעבן איז געווען קאָנצענטרירט בלויז אויף קיום־הגוף. שוין אין דריטן ליד, "10טן יולי 1941", קלאַפּט זיך סוצקעווער על־חטא: "דערפאַר ווײַל כ׳האָב געטרונקען ווײַן און טרינקען ניט געטאָרט, / ווען דו מײַן חבֿר האָסט געוואָרט כ׳זאָל קומען דיך באַ־פרײַען". פון די צוויי שורות איז שוין קלאָר די סוביעקטיוו עטישע באַוווסטקייט פון דער זינד, און דאָס ווען די מאָראַלישע נאָרמעס זענען געווען רעדוצירט ביז אַ מינימום, צי לחלוטין פאַרשוווּנדן. ליכטיקער שײַנט דאָ אויף סוצקעווערס געשטאַלט אין זײַן אָפּענעם מודה זײַן זיך, אין זײַן שולדגעפיל און חרטה: "דערפאַר ווײַל כ׳האָב פאַרטויבט מײַן האַרץ, ווי מען פאַרטויבט אַ ביק, / ניט מיטגעצאַפּלט ווען צו דיר עס האָט גע־אײַלט דער שעכטער". דערפאַר מוטשעט אים זײַן געוויסן, ווײַל דער רויער אינס־טינקט — מײַן־לעבן־פּרינציפּ — איז געוואָרן די אַבסאָלוטע מאָס.

ווען אַלץ אַרום האָט ברוטאַל פאַרראַטן, האָט זיך בײַ סוצקעווערן געריסן ־אַ שטים פון האַרץ־:

אַ שטים פון האַרץ באַפעלט מיר: גלייב
אין שוין פאַרשוועכטן וואָרט ג ע ר ע כ ט ש אַ פ ט.
(דאָרטן, ז׳ 248)

און ס׳איז ניט אַזוי די אידעע פון גערעכטשאַפט פאַר זיך, ווי דאָס "ווידערשפּעניקן":

דער ווײַטער יורש פון אַ לייב
מוז ווידערשפּעניקן זײַן קנעכטשאַפט.

די דאָזיקע ווידערשטאַנד־שורות זענען אַ פּאַראַל פאַרן מענטש און קרעדאָ פאַרן ייִד:

דער טויט איז מוחל יעדער גרײַז,
נאָר זײַן אַ קנעכט איז ער ניט מוחל.
(דאָרטן, ז׳ 248)

דאָס זענען געווען ערשטע טענער פון אַנטשלאָסנקייט צום קאַמף. די אַ גלייביקייט האָט אַוודאי ביַיגעטראָגן צו סוצקעווערס נס־אַריבערשפּריַיז איבער אַלע אָפענע תּהומען. דאַרף מען נאָך אַ בעסערן באַוויַיז ווי די אָ ר ו ן ־ ס י ט ו אַ צ י ע, וואָס ווערט אַ מין רעק־וויזיט פון "הילצערנע קליידער". סוצקעווער באַהאַלט זיך אין אַן אָרון, ווען ער אַנטלויפט פון זיַינע פּיַיניקער. ווערט ליַיכטער אויפצונעמען זיַין לאַגע אין אָרון־קוואַרטיר, ווען ער טוט אַ זינג מיט לירישן סאַרקאַזם: "זאָל זיַין, ס'איז אַ שיפל / אויף שטורמישע כוואַליעס, / זאָל זיַין, ס'איז אַ וויג". דער פּאַראַלעל פון אָרון צו שיפל און וויג מאַכט דאָס בילד אומרעאַל, ווי אַרויסגערופן דורך אַ מעדיום. "וואָס טוט זיך אין אָרון אַ צאַפּל / אַ ליַיב אומגעריכט? / דו קומסט. / איך דערקען דיַין שוואַרצאַפּל, / דיַין אָטעם, / דיַין ליכט". דאָס אומרעאַליסטישע "ליכט" פון דער "שוועסטער" באַשאַפט דעם פאַרבקאָנטראַסט צום אינעווייניק פון "אָרון", ווו עס דאַרף זיַין שוואַרץ. די פיר כמו־פאָלקסטימלעכע שורות — "אַזוי איז אַ פּנים דער סדר: / היַינט דאָ, / מאָרגן דאָרט / און איצט אין אַן אָרון" — און דאָ מיַידט ער אויס דעם פיר־אותיות־וואָרט: טויט, און ס'קומט אונטער אַ שורה בטחון: "ווי אין הילצערנע קליידער, / זינגט אַלץ נאָך מיַין וואָרט". (דאָרטן, ז' 249).

אין "אַ האָרדע מוזיק" (זז' 250־251) רופט ער די וועלף: "מיַינע טיַיערע וועלף! לאָמיר ווערן חבֿרים און טרעטן צוזאַמען / קעגן פיַינדלעכן מענטש". ס'איז געווען די ציַיט פון חבֿרן זיך מיט וועלף קאָנטראַ מענטש — דעם אָנטמענטשטן קולטור־קאַניבאַל.
אָבער דורכנעמענדיקער איז זיַין וואָרט "צום חבֿר". ווידער ליכטיקט אויף די מענטש־לעכע געשטאַלט פון דיכטער, ווען ער דעקט אויף זיַינע אינטימע ציטערדיקע געפילן:

אומגעבראַכטער חבֿר
ביַים שטעכעדיקן פּלויט, —
דריקסט נאָך צו דיַין האַרצן
דאָס דאַרע שטיקל ברויט.
מוחל זיַי מיַין הונגער
און מוחל זיַי מיַין מוט —
כ'האָב דיַין ברויט געביסן,
דיַין ברויט אין פלעקן בלוט.
(דאָרטן, ז' 252)

די טראַגישע שורות דערמאָנען דעם ווידוי וועגן "וויַין", וואָס ער האָט "טרינקען ניט געטאָרט". "דאָס ברויט אין פלעקן" ווערט געהייליקט פון לעבן און פון "היילנדיקער שיַין", וואָס איז אפשר אַ סך הייליקער און אויטענטישער ווי יענער באַרימטער לעצ־טער מאָלציַיט אין אַלטן ירושלים, ווען דער געקרייציקטער האָט געטיילט זיַין ברויט און וויַין. צום סוף האָט דער פּאָעט געפונען אַ תּשובֿה פאַר ביידן: "אויב ווי דו כ'וועל פאַלן / ביַים שטעכעדיקן פּלויט, / זאָל אַ צווייטער שלינגען / מיַין וואָרט, ווי איך דיַין ברויט". (דאָרטן, ז' 252). סוצקעווער האָט געזוכט צו פאַרביַיטן דאָס ברויט אויף געזאַנג. אויב ס'וועט פאַלן דער גורל פאַר אים, זאָל בליַיבן פאַר אַנדערע זיַין וואָרט.

ס'איז געווען אַ וואָרט פאַרוועבט מיט בלוט, און וואָלט די שריפט אַפילו געווען היעראָגליפן, וואָלטן עס די ייִדן אין געטאָ פאַרשטאַנען. אין מיטן פון חורבן וויל ער תּפילה טאָן, נאָר ער פאַרשטייט אַז ס'איז ניט אַזוי פּשוט: זײַן תּפילה וועט זײַן ליגנעריש און בלינד, אויב ער וועט בעטן צו יענעם פון אַ מ אָ ל, וואָס ער דערמאָנט בײַם נאָמען ניט.

גלוסט זיך מיר צו טאָן אַ תּפילה — ווייס איך ניט צו וועמען,
דער, וואָס האָט אַ מ אָ ל געטרייסט מיך, וועט זי ניט פאַרנעמען.
(דאָרטן, ז' 253)

די ביטערע אַנטוישונג און אומגלייביקייט איז אין אַלץ און אַלעמען, אַפילו זײַן "פרײַנד" — "דער גוטער שטערן וועט עס ניט דערהערן". "נאָר אַ תּפילה זאָגן מוז איך — — וועל איך אָן אַ זינען / פּלאַפּלען ביז באַגינען". ס'איז ניט געווען די ריכטיקע צײַט פאַר תּפילה, תּפילה מוז האָבן רו, שלוות־הנפש, האָט ער געפונען אַ במקום תּפילה: אָן אַ זינען פּלאַפּלען. אין אַ זינלאָזער טרויערצײַט איז עס אפשר אַ גלײַכער שׂכל.

אַז סוצקעווער ווערט אַרײַנגעשלײַדערט אויף ־אַ טאָג בײַ די שטורמיסטן־ פילאָסאָפירט ער, אין אַ דיאַלאָג מיטן גורל, וועגן זייער שותּפותדיקייט. ער פילט אַז ער צאָלט פאַר "אַ שולד", וואָס ער קען אַפילו ניט דעפינירן. דערציילט ער: "גראָב איך אַ גרוב ווי מען דאַרף, ווי מען הייסט" — און גראָבנדיק "צעשנײַדט מײַן רידל" — "אַ ווערעמל קלייִן" — "און וווּנדער דערבײַ: צעשניטענערהייט ווערן צוויי, ווערן דרײַ". דאָ קומט דער קלוגער מוסר השׂכל: "אויב אַ ווערעמל גיט זיך ניט אונטער דעם שניט, / ביסטו ווינציקער דען פון אַ וואָרעם?" (דאָרטן, ז' 255).

סוצקעווער האָט די ווערעמל־פילאָסאָפיע קאָנקרעטיזירט; ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. דעם "פאַרשאָלטענעם ניגון" פון טויט האָט ער אין זײַנע געטאָ־לידער איבערגעשפּילט אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס. צו מאָל טוט עס דער טויט־געפּרוווטער דיכטער מיט אַ קאָפּעטשקע שטיפערישקייט און מיט שפּריצלעך באַדויער, אַפילו מיטן זיך אָ נ מ ע ס ט ן אַ ליד פון ־נאָכן טויט־. מיט אַ חוזק־שמייכל פרעגט ער: "איז דאָס יענע רו, וואָס מע רופט זי נירוואַנאַ?" און ווי אין אַ טראַנס רעזומירט ער: "איך זע איצט מײַן לעבן — ווי כ'וואָלט דורך אַ שפּעלטל / געקוקט אויף אַ זונפאַרגאַנג ביז ער פאַרבידערט". ווידער דער גורלדיקער זונפאַרגאַנג וואָס וויל ניט אונטערגיין, אַפילו ־נאָכן טויט־ וואָס איז אפשר געשריבן געוואָרן צו פילן די "טויטשרעק". ווײַל סוצקעווער און טויט, אַפילו אין געטאָ, זענען געווען צוויי אַנטיפּאָדן, ס'איז אין סתירה צו זײַן גאַנצן געדאַנקען־גאַנג און געזאַנג. "ליגן פאַרפאָרעצט" ווי "ליגן פאַרלאָשן" איז איראָניע אין אויג פון גורל. טוט ער אַ זאָג סאַרקאַסטיש: "דאָס איז די באַלוינונג פאַר דרײַסיק יאָר זײַן מיטן גורל אויף מעסערס". ניין, סוצקעווערס ליד, צו דרײַסיק, איז געווען די לעבעדיקסטע מאַניפעסטאַציע אין פּנים פון טויט, עס איז באַיאָאונג פון לעבן. אין דעם אָ געראַנגל פאַרן לעבן האָט סוצקעווער אַן איבעריק מאָל באַשטעטיקט זײַן אמת, אַז "ס'איז גענוג אַ ל י ד" — — "און אַלע פײַלן" וואָס "צילן אין מײַן זינען" זאָלן "צעריִנען. דער עשאַפאָט — צעשמאָלצן, / איך — באַפרײַט" (דאָרטן, ז' 163). אַזוי האָט

די ליד־פּראָפילאַקטיק געמאַכט סוצקעווערן אימון. אויך די עלעגיע ״אויפן טויט פון יעקבֿ גערשטיין״ הייבט זיך אָן: „מיר האָבן שוין אַדורכגעזשאַווערט אַלע זיבן טויטן״, אָבער דאָ ״האָבן מיר זיך אויפגעוועקט״ — ״און קלאָר דערזען דאָס פּנים פונעם ווי־טיק ווי אין שפּיגל״. דער געטאָ־שפּיגל האָט ניט געוויזן קיין אילוזיעס, נאָר רעפלעק־טירט די שוואַרצע רעאַליטעט. (דאָרטן, ז׳ 264). אָט קומט די נאָענטסטע: ״מײַן מאַמע־ — וואָס ״אין יעדער דײַן קנייטש איז באַהאַלטן מײַן לעבן״.

עס וואָרקעט אַ פּרײַטיק צו נאַכטס אויף אַ בוידעם,
צוקסט בײַ דער שײַן פון לבֿנה אין סידור.
עס דאַוונען די שפּיצן בײַ דיר פון דער לאַטע
און צוקן ווי טיילן פון מענטשישע גלידער.
(דאָרטן, ז׳ 265)

דער זון רײַסט זיך אויף פון זײַן האַלוצינאַציע־פיבער: ״וועסט מיך ניט נאַרן: איך ווייס דו ביסט טויט״, אָבער ״וואָס ברענען אין דײַן האַרצן דרײַ רויזן אין שאַרלאַכן רויט, / פאַרשטעל ניט. / איך ווייס ווער דאָס זענען!״ ער אידענטיפיצירט די ״רויזן צעבליטע״ — ״איך זע דאָך דרײַ פּורפּורנע קוילן אַצינד״. אין אַ שנייִקער פאַנטאַסמאַגאָריע זעט ער זי:

דורך פעלדער
איצט יאָגט מען מײַן נאַקעטער מאַמען,
איר לײַב איז אַ שטראַל אין די שפּיגלען פון שנייִ.
(דאָרטן, ז׳ 266)

ער קען ניט פאַרווישן די פּײַן פון געוויסן: ״און ווו בין איך געווען, / בעת אונטער צימבלען / האָט מען דיך געשלעפּט צום עשאַפאָט?״ (דאָרטן, ז׳ 266).
סוצקעווער טראָגט אָפּן די פּײַן פון געוויסן, ווי אין קאָנפליקט מיט זײַן נשמה. ער טוט אָן אויף זיך, סימבאָליש, דער מאַמעס העמד און — ״ס׳איז מער ניט קיין העמד, ס׳איז דײַן ליכטיקע הויט, / ס׳איז דײַן קאַלטער, דײַן איבערגעבליבענער טויט״. אָבער די מאַמע מיינט אַנדערש: דאָס רײַסן זיך מקריבֿ צו זײַן פאַר איר ״איז אַ זינד, ס׳איז אַ זינד״, ווײַל ״אונדזער צעטיילונג נעם אָן פאַר גערעכט״ // אַז דו ביסט פאַראַן, בין איך דאָ סיי־ווי־סײַ״. (דאָרטן, ז׳ 269). אין לעצטן סך־הכּל איז עס אָבער געווען דער אינסטינקט פון לעבן, וואָס האָט זיך געריסן פון די נעגל פון טויט, ווי די טויב פון די קלאָען פון שפּאַרבער. דער באַגער צום לעבן איז שטאַרקער אויסגעדריקט אין ״תּפילה צום נס״ (דאָרטן, ז׳ 272). ס׳איז דער מיסטישער גלויבן אין כּוח פון לעבן.
אָבער פאַראַן בײַ סוצקעווערן אויך דער היפּוכדיקער נס — ווען ער דאַרף זײַן דער אויסלייז פון לעבן: טויט. אַזאַ איז ״דער זקן״, (דאָרטן, ז׳ 271), וואָס ״בײַם דערהערן טריט, איז לעבט ער אויף, ער מיינט: דער טויט״. די צוויי פּאַראַלעלן לויפן איינס בײַ אַנאַנדער: יונג — צום לעבן, אַלט — צום טויט — אין צוויי קעגנגעזעצטע ריכטונגען.

"תפילה צום נס" סימבאַליזירט לעבן, "דער זקן", מיט זײַן נאַטירלעכן אויסצאַנק, דעמאַבילי זירט דעם נס. סוצקעווער האָט דאָ אַרויסגעבראַכט דאָס אַקטיווע און פּאַסיווע אין געטאָ. ווי צו אַן אַקטיוו־קאָנקרעטע געשעעניש, ווידמעט ער אַ ליד "צום יאָרטאָג פון געטאָ־טעאַטער". אין פלוג קלינגט עס ווידעראַנאַנדיק, געטאָ און טעאַ־אָבער ס'איז דאָך דאָס אָרט, דאָ ווו עס "קען אַפילו דער טויט זיך צעבליִען אין ווונדער". און "זאָל זיך דאַכטן: אַן אַמאָליק שטעטל און מע פּראַוועט חתונה אויף האַרבסטיקן בית־עלמין". און פון געטאָ־בית־עלמין־טעאַטער טראָגט זיך אַ רוף. "האַרב און הילכיק ווי דאָס קול פון אונדזער ביקס און פּולווער, / וואָס וועט מאָרגן־איבערמאָרגן / שפּילן פון די דעכער..." אַ טעאַטער־שפּיל פון ביקס און פּולווער־שפּראַך. די דאַטע פון ליד מאַכט אַלץ קלאָר: "31סטן דעצעמבער 1942", ווען דער דײַטשער מיליטערישער כּוח האָט צוזאַ־מענגעקראַכט אויפן סטאַלינגראַדער פראָנט. צענדלינגער דיוויזיעס צעקלאַפּט און די רעשטן אין אַ פּאַסטקע פון שניי און הונגער. די דײַטשן האָבן אין וואַנזיניקער אײַלעניש אַנגעהויבן ליקווידירן די געטאָס, ווי אַ נקמה־אַקט. טראַנספּאָרטן ייִדן האָט מען גע־יאָגט קיין אוישוויץ, און פון דאָרטן האָט מען די מאָרד־ירושה פון פּאַרגאַזטע ייִדן געשיקט קיין דײַטשלאַנד, צו באַקליידן און באַשוכן דעם הערנפאָלק מיטן רויב פון דער ייִדישער נידעריקער ראַסע. "אַ וואָגן שיך" אַזאַ גייט קיין בערלין. ס'איז דער שווידעריקסטער ריטעם פון קאַשמאַר:

די רעדער יאָגן, יאָגן,<br>
וואָס ברענגען זיי מיט זיך?<br>
זיי ברענגען מיר אַ וואָגן<br>
מיט צאַפּלענדיקע שיך.<br>
(דאָרטן, ז' 275)

דער טראַגיזם פון די קופּעס טאַנצנדיקע שיך, איז זייער ליידיקייט. ליידיקע שיך וואָס שרײַען מיט פּראָטעסט אין פּנים פון דער וועלט; זיי יאָמערן אויס מיט ייִדישע ווערטער אַ ליד, וואָס וועט אייביק ניט פאַרשטילט ווערן. די קורצע כּמו־סטאַקאַטאָ שורות קלאַפּן אויס דעם ריטעם פון די בערג שיך:

דער וואָגן ווי אַ חופּה<br>
אין אָוונטיקן גלאַנץ·<br>
די שיך — אַ פולע קופּע<br>
ווי מענטשן אין אַ טאַנץ.<br>
(דאָרטן, ז' 275)

אויפן דיכטערס פאַרלאַנג פּערזאָניפיצירן זיך די שיך. "אַ, זאָגט מיר, שיך, דעם אמת, / ווו זענען זיי די פיס // די פיס פון יענע טופל / מיט קנעפּעלעך ווי טוי, — / און דאָ — ווו איז דאָס גופל, / און דאָרט ווו איז די פרוי?"
בײַם שטעלן די פראַגעס קען זיך יעדער איינער אויסמאָלן די געשיכטע פון זייער אומקום, אין דער אַ לעצטער אַנפיסיקער טרויער־פּראַצעסיע:

און ס׳קלאַפּן די אָפּצאַסן:
וווהין, וווהין, וווהין?
פון אַלטע ווילנער גאַסן
מע טרײַבט אונדז קיין בערלין.
(דאָרטן, ז׳ 276)

דער מאַקאַברישער מאַרש בויערט זיך אײַן אין די געהירן און אין האַרצן. דער ריטעם ״וווהין, וווהין, וווהין״, הערט ניט אויף קלאַפּן אין געמיט, און די קורץ־טראַפּיקע שורה ווערט דאָ אַן אומגעהײַערע מאָס פון גרויל און ווייטיק. מ׳פילט אַז דאָס ליד איז געשריבן מיט שרפהדיקער אײַליקייט, מיט **אומזרו און אײַנגעהאַלטענעם צאָרן.**

און אָט, אין אַ ״פּאַר נאַכט״, קומען די אַנטשוכטע קרבנות, די צו וועמען די שיך האָבן אַ מאָל געהערט. ״זיי ציִען זיך, שאַרן אין רייען, אין פּאַלקן, / — — /געשטאַלט נאָך גע־שטאַלט מיט באַזונדערן קלאַנג. // דורך מיר, דורך מײַן דימיון זיי ציִען זיך אַלע״. (דאָרטן, ז׳ 277). ס׳איז ניט סתּם אַ פּאַר נאַכט, נאָר די שקיעה פון אַ פּאָלק, זײַנע שאָטנדיקע גײַסטער וואָס ציִען דורכן דיכטערס געמיט. שווערער אָבער איז די משׂא פון יחיד, איבער הויפּט אַז דאָס איז דײַן אייגן קינד. ווי באַקאַנט האָבן די סוצקעווערס פאַרלוירן אין געטאָ אַ נײַ געבוירן נפשל, און דעם גרויסן צער פּרוווט דער טאַטע־פּאָעט אַראָפּשלינגען:

איך האָב געוואָלט דיך אײַנשלינגען, מײַן קינד,
בײַם פילן ווי דײַן גופל קילט זיך אָפּ
אין מײַנע פינגער.
(דאָרטן, ז׳ 278)

דער לאַמענט שווידערט אויף. דאָס אַזוי פּאַלקסטימלעכע ״אײַנשלינגען״ איז געווען, ״כּדי צו פילן דעם געשמאַק / פון מײַן געהאָפּטער צוקונפט״. ווײַל ״זיך אַליין געבוירט מען ווי אַ רינג״. און אין דער רגע פון דעפּרעסיע דאַכט זיך אים: ״נאָר איך בין ניט ווערט צו זײַן דײַן קבֿר״. און ס׳בליצט אַרויס אַ נחמה־אַלטערנאַטיוו: ״וועל איך דיך אַוועקשענקען / דעם רופנדיקן שניי, / דעם שניי — מײַן ערשטן יום־טובֿ, / און וועסט זינקען / ווי אַ שפּליטער זונפאַרגאַנג / אין זײַנע שטילע טיפן״. (דאָרטן, ז׳ 279). דער טרויער אויף דער אַבֿידה גליט־אויף מיטן רעפלעקס ״שניי — יום־טובֿ״, די ליבשאַפט פאַרן קינד ווערט ״— דער קערן פון מײַן יעדער חלום״, און דער פאַרבײַט: ״אַ שפּלי־טער זונפאַרגאַנג / אין זײַנע (דעם שנייס) שטילע טיפן״.

נאָך דעם קומט, אפשר, אַ פראַגמענט ״פון אַ פאַרלוירענער פּאָעמע״ (דאָרטן, ז׳ 289). דאָס דאַרף אַ פּנים זײַן די קינד־איבערלעבונג פון דער מאַמעס האַרצן אַרויס: ״איז מײַן לעצטער געבעט און געבאָט: / — דערשטיק מיך!״ און דאָס ״וועט מיינען: דײַן ליבשאַפט איז שטאַרק ווי דער טויט״. דער טאַטע האָט גערעדט ״צום קינד״, אָבער דאָס קינד האָט גערעדט צו דער מאַמען אין אַ הייליק־שולדיקן לשון.

□

די סאָוועטישע אָפּענסיווע האָט געברענט מיט פײַער די טריט פון די דײַטשע אָפּ־טרעטנדיקע אַרמייען. פון דער צווייטער זײַט האָבן די ייִדן אין ווילנע מיט כּמעט־זיכערקייט דערוואַרט די געטאָ־ליקווידאַציע. אָבער דאָך זענען די געפילן געווען גע־מישט פון מורא און באַפרײַונג. דאָס האָט אי דערדריקט און אי דערפרייט. אַבֿרהם סוצקעווער איז שוין געווען אַ מיטגליד פון די געטאָ־פּאַרטיזאַנער און זיך געקליבן אין אַ נײַעם סכּנהדיק־קעמפערישן וואַלדיקס. זײַן ליד קלינגט־אויף מיט רעוואָלט־טענער, צום פּאַריתומטן "פּאָלק": "כ'וועל צוגרייטן אמתע טעג אַנשטאָט קבֿרים", ווײַל "אַלץ וואָס געווען איז דעם גורלס אַ טעות". דאָ קומען אויף דערמוטיקונג טענער, אין "אַליין וועלן קנעטן דעם גורל" און זיי "וועלן דעם גײַסט פון מיליאָנען פֿאַר־וואַנדלען / אין אַ וואַרעמער היים / פֿאַר אַלע יתומים". (דאָרטן ז״ז 282־283).

דער גאולה־מאָטיוו האָט אָנגעקלאַפּט מיט ערשטע וויזיאָנערישע קלאַנגען איו סוצ־קעווערס געמיט: "כ'וועל אויסבויען אייגענע שטעט מיט מײַן אָרעם. / און דאָרטן וועט קומען די אייביקייט ווינען / און טעג וועלן לײַכטן אין גילדענע קרוינען!" גלויבן, אָפּטימיזם, ליכט און טרייסט אין ליד "און אַזוי זאָלסטו ריידן צום יתום", וואָס זײַן "נאָמען איז פֿאָלק". קענטיק אַז סוצקעווער האָט דעמאָלט געזוכט אַ תּשובֿה אויף האַרבע שאלות, אויף דער שוועל פון אויסלייז. ער האָט געפילט אַז מיט זײַן ליד דאַרף ער געבן דעם ענטפער, ווײַל ס'איז די שליחות פון זײַן וואָרט איבערצופּרווון די בלוטיקע ווערטן צו געפינען "אַ שליסל צו פּאַסן פֿאַר דײַנע פֿאַרהאַקטע שלעסער". ווי אַזוי פּסי־כיש איבערגיין פון "פֿינצטערע שרײַונג" און "פֿרייד צו דערפֿילן". פרעגט ער: "ווי אַזוי און מיט וואָס וועסטו פֿילן / דײַן בעכער אין טאָג פון באַפרײַונג?" (דאָרטן, ז׳ 284).

אַבֿרהם סוצקעווער, וואָס האָט מיט קוים דרײַ חדשים צוריק געטאָן "תּפֿילה צום נס", אַז ער זאָל "בלײַבן הענגען צווישן מיר און — מאָרד" זוכט שוין אַ באַשייד פֿאַר דעם מקוים־ווערנדיקן נס. ער, דער נס־זוכנדיקער פּאָעט, וואָס האָט כּמעט קיין מאָל ניט דערקוטשעט גאָט אין זײַנע לידער, האָט אַוודאי געפילט אַז ער קען ניט פֿאַלשן מיט עפּעס וואָס קומט ניט פון אַ טיפֿערן קוואַל. און מיט אַ מאָל האָט פּאַסירט — גראָד אין געטאָ — ווען ער האָט דערפילט דעם איבערשטראָם פון נשמהדיקער קראַפֿט וואָס פֿאַרוואַנדלט "ווערטער" אין "טרערן", ווען עס טוען אַ קלונג עכטע אמתדיקע עמאָציעס. דעמאָלט האָט זיך אַ צי געטאָן זײַן האַנט צו די הימלען, צו די שטערן, ער האָט געזוכט זײַן גאָט. מיט אמתע און ערלעכע תּפֿילה־ווערטער, בעט ער:

אונטער דײַנע ווײַסע שטערן
שטרעק צו מיר דײַן ווײַסע האַנט.
מײַנע ווערטער זענען טרערן
ווילן רוען אין דײַן האַנט".
(דאָרטן, ז׳ 285)

אַזוי פּשוט און האַרציק, כּמעט אַלט־נוסחדיק:

און איך וויל דאָך גאָט געטרײַער,
דיר פֿאַרטרויען מײַן פֿאַרמעג.

דער רעליגיאָזיטעט אויפֿצאַפּל גיט דאָ אַ שפּיל מיטן תּהילימשן בידך אַפֿקיד רוחי, ווען איינער זוכט אַ טראָפּן נחמה און רו. און אַז ער זינגט־אויף גלײַך נאָך דעם: "אין לעצטן גורל גיב מיר פֿרייד און ווילן", (דאָרטן, ז' 286), ווערט שוין דער אַנאָנימער געבער דורכגעלויכטן מיט די אַטריבוטן פֿון געטלעכקייט. "אין לעצטן גורל זעטיק מיך מיט גלויבן" — מאַכט שוין די תּפֿילה אומספּקדיק. סוצקעווער האָט ניט באַלעס־טיקט זײַן גאָט מיט וואָכיקע רייד און מיט פּראַקטישן געבעט, אָבער תּמיד, אויך "אין לעצטן גורל" האָט ער זיך געוואָלט לײַטערן: "און שמעלץ ווי גאָלד מיך איבער אין דײַן פֿורעם, / די פּסולת זאָל זיך אָפּטיילן און בלײַבן זאָל געזאַנג". און נאָך עפּעס, אַ וווּנדער־רפֿואה פֿאַר דער נשמה: "און גיב מיר ליבשאַפֿט צו מײַן מידער שינאה, צום זשאַווערדיקן טרויער — קלאָרן מוט". און ער האָט עס געקראָגן, טאַקע "אין לעצטן גורל", בצורת אַ "ליכטיקע באָבע" — "מײַן רעטעריך". (דאָרטן, זז' 287־288). און אַ דאַנק וועמען ער און זײַנע לידער האָבן זוכה געווען צום לעבן.

די פֿעסטונג־לידער זענען געשריבן מיט בלוטיק־שעפּערישן שווייס. אין די ערשטע חדשים פֿון 1943 יאָגט די סכּנה סוצקעווערן אַרויס פֿון געטאָ. זײַן "רעטעריך" ברענגט אים "אַ שעפּסענעם פּעלץ אויף צעפּרוירענע פֿיס", און נאָך ברענגט זי אים: דעם "מענטשלעכן חלום און וואַרעמען ברויט", און אויך

אַ בלעטל פּאַפּיר ווי פֿון ווײַנשל דער בליט, —
אַ בלעטל אויף וועלכן ס'זאָל וואַקסן מײַן ליד.

זי ראַטעוועט ניט נאָר דעם גוף פֿון פּאָעט, נײַערט אויך זײַן חלום און ליד. שפּעטער ווערט זי מיטשותּף צום קאַמף. זי ברענגט

דאָס הייליקע ברויט וואָס היילט אויס און מאַכט זאַט —
אין מיטן דעם לאָבן עס ליגט אַ גראַנאַט!

"דאָס הייליקע ברויט", דאָס "בלעטל פּאַפּיר", דער "גראַנאַט" באַשײַנען די געשטאַלט פֿון דער דאָזיקער גנעדיקער פֿרוי מיטן אַרעאַל פֿון מענטשלעכער גוטסקייט. זי האָט באַשירעמט סוצקעווערן, ווי זײַן מלאך הגואל, און אים געשטאַרקט: "איך זע ווי דו טראָגסט מיך פֿון הייל אויף די הענט / אויף טרעפּ, דורך אַ טיר, צו אַ זון וואָס דער־ברענט". סוצקעווער און זײַן "רעטעריך" האָבן ריזיקירט, זי — מיט פּיקוח־נפֿש, ער — מיט פּיקוח־אות, זי — האָט "באַהאַלטן אַ פֿרעמדן אין הייל", ער — האָט באַהאַלטן דעם "ייִדישן וואָרט". אַזוי איז דער פּאָעט, סוצקעווער, אויך געוואָרן אַ רעטער —האָט געראַטעוועט דאָס ייִדישע וואָרט.

"לידער־געהיימע", "מאַנוסקריפּטן", "מאַדריד און ייִוואָ" און "אַלטינקע תּכלתנע דפֿן" בעטן זיך: "— באַהאַלט אונדז אין דײַן לאַבירינט!" און ווען דעם פּאָעט־רעטער גיט

— — "דער ייִאוש אַ פּלייץ, / קומט מיר אין זינען: עגיפּטן, אַ מעשׂה מיט קערנדלעך ווייץ". (דאָרטן, ז' 289). יענע "קערנדלעך ווייץ — לזכּרון" וואָס מ'האָט אַנגעשאָטן "אין גילדענעם אָרון" פון "מלך", דאָרטן "בײַם נילוס", האָט מען "נײַן טויזנט יאָר" שפּעטער "געפונען" און פאַרזייט — און זיי "האָבן אין זוניקע זאַנגען / צעבליט זיך אַ בייט נאָך אַ בייט" (דאָרטן, ז' 290). דער נימשל: "אפשר אויך וועלן די ווערטער / דערוואַרטן זיך ווען אויף דעם ליכט — / וועלן אין שעה אין באַשערטער / צעבליִען זיך אויך אומגעריכט?" (דאָרטן, ז' 290). דאָ איז פאַראַן די שײַן און איר רעפּ־לעקס, ווי קול און עכאָ, בעת דער פּריידיקער איבערלעבונג פון ראַטעווען די כּתבֿ־ידן און "ווערטער אויף פּאַרמעט" וואָס וועלן "געהערן דעם פאָלק, אין זײַן אייביקן גאַנג". די גערעטעוועטע אוצרות פון "ייִדישן וואָרט" און גײַסט זענען טאַקע געוואָרן אַ פּאָר יאָר שפּעטער דער רכוש פון פאָלק, ווען זיי האָבן געפונען אַרכיוואַלע אייביקייט אין ירושלים און ניו־יאָרק.

□

1943—1944 זענען אויס צו זײַן די שעפעריש־פּראָדוקטיווסטע יאָרן פון אַבֿרהם סוצקע־ווער. מיט יעדער ליד ווערט זײַן גלויבן פעסטער און זײַן זינג־קול קרעפטיקער. מיר הערן די קלאַנגען פון קאַמף און פרײַהייט. איצט האָט ער אויך די רו אָנצושרײַבן קלוגע כּמו אַפאָריסטישע "צווייטע סטראָפעס", ווו ער זוכט נאָך אַלץ און חקרנט זיך וועגן צײַט. סוצקעווער איז אַ שאַרפער אָבסערווירער און אויסלאָדער פון בליציקע גע־דאַנקען. אָט שפּילט ער אויס דעם צײַטגעדאַנק פון לעבן, מיט פאַסיק־שיינע מעטאַפאָרן: "צײַט איז בלויז אַ שפּיגל, / צעשפּליטערסט זי אין טעג און נעכט און אייביק בלײַבט זי גאַנץ". אין אַין "שפּליטער — — דײַן גרינע וויגל", אין אַ צווייטן — "גראָע האָר שוין בליִען". אין דער צווייטער סטראָפע — "איז ניט צו מוחל זײַן דער אומגערעכטער ערד", ווײַל זי "ברענגט אויך פאַר דעם רשע עפּל", נאָר "שולדיק איז די שווערד". (דאָרטן, ז' 291).

סוצקעווערס וואָרט האָט תּמיד פאַרהיט דעם ריח פון יוגנטלעכן וואַלדיקס. ווי דער פרילינג האָט ער זיך כּסדר באַנײַט, אין אַראָמאַט פון שמעקעדיקע ווערטער, ווי אין אַ גן־עדן פון פּאָעזיע. ער ווערט ציטעריק סענסיטיוו, ווען ער דערפילט די ווערטער אין אַ כּמעט פיזישער אייגנשאַפט: "אַראָפּשינדן, אַראָפּשאָבן פון מיר — טו מײַנע ווערטער. / ס'איז פולנדיקע פלייש, איך דאַרף זיי ניט". ער, דער עסטעט און וואָרט־קפדן שטופּט זיי אײַן אין דער קאַטעגאָריע פון אָרגאַנישן פונאַנדערפאַל און "דאַרף זיי ניט, / און לאָז בלויז איבער איינס: אַ וואָרט־נשמה, / פאַרקנאָטן ווי אַ ניגון אין גראַניט". ער בעט פאַרן וואָרט וואָס איז ניט אונטערגעוואָרפן די פיזישע געזעצן פון פאַרגאַנג. ס'איז נשמה און ניגון, וואָס זענען אײַנגעבויט אין דער אייביקייט־מאַטעריע, אין דויער פון דער צײַט. און ווען ער וויל מאַכן זײַן צוואה גײַסטיק רײַך, דערוועגט ער זיך אַ שטרעק צו טאָן אַ האַנט צום קוואַל פון גאָרן לעבן, כּדי די צוואה זאָל דערשווימען צום נצח:

איך וועל די זון אַראָפּרײַסן און שרײַבן מײַן צוואה,
אַז איך וועל ווערן רײַך.

אָן ווערטער — רײַך.
און איבער כוואַליעס לעבעדיקע, בלאָע,
אַוועקלאָזן מײַן זוניקע צוואה מיטן טײַך..
(דאָרטן, ז' 292)

נאָך דעם קומט אַ "ליד צו די לעצטע", (דאָרטן זז' 293־295), געשריבן אַ טאָג שפּעטער ("16טן מאַרץ 1943"), אין אַכט־שורהדיקע סטראָפעס, וואָס בײַטשן מיט שטראָפרייד. ס'דערמאָנט אין דעם וויזיאָנעריש־שטרענגען מוסר־ליד "קומו תועי מידבר", פון ח.־נ. ביאַליק. סוצקעווער הייבט אויך אָן דירעקט: "ניט מילבן זײַט איר, — יענע האָבן מוט / צו ברענגען זיך דעם פײַער פאַר קרבנות. / — — /נאָר ווילט איר זיך דערוויסן ווער איר זײַט — / צום פאַלשן שפּיגל זאָלט איר זיך ניט קערן, / נאָר קנײַפּט אַרויס אַ רויע שטיקל צײַט / און ברענגט צום נאָזלאָך — וועט איר אײַער אומקום־ריח הערן". דאָ קומען שווערע שטראָפרייד, הגם ניט בײַסיק און מיט צאָרן, ווי ביאַליקס, נאָך אַלעמען איז סוצקעווער אַליין געווען איינער פון די ק ר ב נ ו ת און ער וויל דעריבער, אין שותפות מיט די געשטראָפטע "זוכן טרייסט": "אָ, ברידער מײַנע, העלפט מיר זוכן טרייסט, / מײַן קאָפּ איז שוין צעהאַקט — און וואָס געפונען?" און די טרייסט "זי מוז דאָך זײַן! אויב ניט איז אָן אַ האַפט / דעם מאָרגנס גאָלדיק־אויסגעוועבטע פאָנען".
צום סוף טוט דער דיכטער זיך ניט באַהערשן מחמת דער פלעגמאַטישער געדולדיקייט פון זײַן געטאָפאָלק און, טײַטלענדיק אויף זייער "שוואַכקייט", גיט ער אַ שלײַדער זיי אין פנים, האַרט און מיט פירוואַרף, די לעצטע שורה: "מיך עקלט דער געדולד פון אײַך, איר לעצטע פון מיליאָנען!" פאַרשטייט זיך אַז מען טאָר די ווערטער ניט נעמען מיט דעם אומרחמנותדיקן פּסק פון ספּאָנטאַנעם אַרויספּלאַץ. די שורות זענען דורכגעוויטיקט דורכן האַרץ פון דיכטער, שטייענדיק פאַרן שפּיגל פון פאַקטישן מצבֿ אין געטאָ. זײַנע געדאַנקען און שטימונגען זענען דאָס מאָל ניט אַבסטראַקטע, נאָר דער רעקאָרד פון אַ צייט, לויט וועלכער מ'קען לײַכט אויפשטעלן די היסטאָריע פון די פעסטונג, איר ירידה און אויך אירע עליה־מאָמענטן.
נאָך די ביטערע שטראָפרייד וואַכט פלוצעם אויף אַ שטימונג "פון אויסגעלייזטער פרייד". מיט אַ מאָל בײַט זיך די גאַנצע פּאַנאָראַמע צוליב "אַ נאָמען הייליק־אויסגעשמידט פון אַלטן גאָלד: י ה ו אָ ש". און "סאָראַ מאַכטיק־אויפגעוואַכטער יום־טובֿ! / סאָראַ ליכטיק־ריכטיקע דערקענטשאַפט!" דאָס ליד, "געשריבן צו די יהואָש־פײַערונגען אין ווילנער געטאָ", צום יום־טובֿ "פון יובלדיקן פאָלק"! (דאָרטן, זז' 296־297).
אויף מאָרגן נאָכן יהואָש־יום־טובֿ, פּלאַצט סוצקעווער אַרויס מיט "אַ קיניגרײַך געוויין" ("7טן אַפּריל 1943"). (דאָרטן, ז' 298). ס'איז ניט קיין גרויסער קונץ געווען צו ווערן אין געטאָ דער קיניג פון מלכות־געוויין, אָבער נאָר אַ מײַסטער פון וואָרט האָט פאַרמאָגט דעם קינסטלערישן כּוח צו שפּאַלטן דאָס געוויין אין טראָפּנס, וואָס לייגט דורך "אַ וועג מיט טויזנט הענט באַפליגלט", און בויט "אַ בריק צום חלום צו דערגיין" און אַנדערע אויסטערלישקייטן, וואָס קומען אויף אין "אַ רגע־ אַזאַ.
סוצקעווערס ליד איז ניט געווען דאָס געוויין פון די כּלל־צרות. ער איז געווען אַפילו קעגן שלום מאַכן מיט די לײַדן ווען "מיר וואַרטן שטיל, אַז אַ נס וועט זיך ווײַזן?" ער האָט

אין ליד אָנגעצייכנט די ליניע פון אַנטי־געדולד: ״ניט וואַרטן באַרוט, / מיט בלוט פאַר בלוט — אַ נעם טאָן דאָס אײַזן״. ״דאָס אײַזן״, גאָר ניט סימבאָליש, איז געווען ס׳אײנ־ציקע פרימיטיווע געווער פון געטאָ־קעמפּערס. אַזעלכע לידער האָבן געזאָלט זײַן גײַסטיקע טרעגערס פון ווידערשטאַנד און קאַמף; ״נאָר ס׳אײַזן פאַרקערן אין גײַסט קענען יאָ מיר״. און ״ווען ס׳טרײַבט אונדז דער טײַוול צום שעכטהויז״, זאָל ״דאָס פאַלן — ווערן דעם פאָלקס אַ דערהייבונג״, כּדי צו פאַרווישן די חרפּה פון ״וואַרטן שטיל״ אויף אַ נס. סוצקעווער האָט טיף דורכגעלעבט און דורכגעפילט די דאָזיקע פּײַן פון ייִדישן פאָלק אין געטאָ. ווער ווייס וויפיל גרויסע לידער ס׳האָבן נאָך געקענט אַרויסוואַקסן, ווער ער וואָלט ניט געדאַרפט היטן די גופישע שאָל. אפשר וועט נאָך אַ פאָרשער מאַכן אינטערעסאַנטע פאַרגלײַכן פון סטראָפע, וואָרט, מעטאַפאָריק און סימבאָליק פון סוצקעווערס געטאָ־לידער און קרובֿישאַפט מיט דעם גײַסטיק־עמאָציאָנעלן קלימאַט אין געטאָ. אין אונדזער אַרבעט ווילן מיר דערפילן די לידער־שײַכותן אויף ווי ווײַט ס׳לאָזט זיך זיי אָנצייכענען אין לידער־גאַנג.

□

„ווי ווײַט איז די ווילע פון דעם גילוס?״ ווי אַן ענטפער האָט סוצקעווער אויף אַ באַלאַדישן אופן צונויפגעפירט די שײַכותן איבער דעם פיל־טויזנט־יעריקן מרחק פון געשיכטע: משה, באַהאַלטן פון זײַן שוועסטער, אין תּבֿת גומא, דאָ — ״דאָס קינדעלע באַזעצט זי (די מאַמע) אויף אַ קריע״. ביידע ייִדישע מאַמעס ווילן ראַטעווען זייערע קינדער. סוצקעווער האָט אַזוי אַרום צונויפגעהעפט די דערווײַטערטע עפּאָכעס און זייערע נאַציאָנאַלע לעגענדעס און סימבאָלן געגעבן אַ באַטײַט פון איצטיקייט. די ייִדישע געשיכטע חזרט זיך איבער ״און גרויל פון אייביקייטן״ מוז ״באַגײַען זיך — דער מענטש זאָל ניט פאַרגעסן״. דער דיכטער זאָגט נאָך דעם ״דרעמלקינד אין פרירנדיקע טרערן״ זײַן ברכה: ״אַ נײַער משה זאָלסטו ווערן!״ (דאָרטן, ז׳ 301). סוצקעווער האָט געפילט ווי ״פאַרשלונגען ווערט אַלץ — און דו זינגסט נאָך דערבײַ ווען דו פרעסט / זיך אַלייך״ (דאָרטן ,ז׳ 302). ער האָט אָבער געמוזט זינגען! און ווונדערלעך דערשטוינענדיק האָבן די פאַרבן געשפּילט, ווי ״דער טײַוול״ וואָס טרײַבט ״צום שעכטהויז״ וואָלט אויף זיי קיין שליטה ניט געהאַט. אָט: ״עס פליט אַרײַן אַ פלאַטערל״ און ״עפּנט זײַן ״כּישופדיק טעאַטערל״ — — ״אין אויסגעהאַקטע שויבן״.

דאָס טעאַטערל פון פלאַטערל איז געקומען צו די קינדער — ווי אַ מתּנה: ״קינדער שפּרינגען, פילדערן: / עס איז אַרײַן דער פרילינג!״ ס׳פלאַטערל שפּילט דעם גרויסן אַקט פון דער נאַטור:

אין ווי עס שפּילט — באַגראָזן זיך
די אָפּגעברענטע בייטן.
און יונגע ווינטלעך לאָזן זיך
אַ בעזן־ריח שפּרייטן.
(דאָרטן, ז׳ 303

„נאָר אומגעריכט״ קומט עס צו אַ טראַגישן סוף — ס׳פלאַטערל קומט ניט אום, חלילה, נאָר ער ״פאַרפליט אַהינטער דראָטן״ — און העגטלעך שטרעקן זיך אים צו פאַרהאַלטן —

און אויף דעם דראָט — באַהאַנגענע
עס בלוטיקן די קינדער.
ווי פלאַטערלעך געפאַנגענע
זיי ראַנגלען זיך אַצינדער.
(דאָרטן, ז׳ 304)

די דאָזיקע אַכזריותדיקע שיינקייט רופט אַרויס די אַסאָציאַציע פון אַ סוצקעווער ווינטער־ליד, אונטערן טיטל ״פאַרפרוירענע יידן״. עפּעס אַן עמאָציאָנעלער מעכאַניזם רעגט אָן דעם פאַרגלייַך פון דער פרילינגדיקער קינדערפרייד צו דער טויט־פאַרגליווערטער שטומקייט פון די פאַראייַזטע יידן. דאָס ערשטע ליד איז געשריבן אין ״ווילנער געטאָ 5טן מיי 1943״, דאָס צווייטע — אין ״מאָסקווע 10טן יולי 1944״:

נאָר אַצינד אין דער יוליקער היץ אויף אַ גאַס
באַפאַלט מיך אַ פראָסט ווי ס׳באַפאַלט משוגעת.
(דאָרטן, ז׳ 362)

די צוויי־פערזיקע סטראָפעס דערמאָנען מיט זייער ריטעם און תוכן אין שיר פון ח.־נ. ביאַליק ״קומו מתי מידבר״. דאָרטן — לעבעדיקע ריזן פאַרשאָטן אין מידבר־דיונעס, וואָס דער פּאָעט וויל זיי באַפרייַען, דאָ — אַ פאַרכטיקער דענקמאָל, וואָס האָט ״פאַר־מירמלט״ זייער גייַסט און זייער טראַכטן:

זיי ליגן אָן אָטעם, פאַרמירמלט און בלאָ,
נאָר טויט איז אין זייערע קערפּערס ניטאָ.
(דאָרטן, ז׳ 362)

אויך ״דער גייַסט, ווי אַ גילדענער פיש, אין אַ כוואַליע פאַראייַזט״. אַפילו די זון.

זיי ריידן ניט. שווייַגן ניט. יעטוועדער טראַכט.
און די זון ליגט פאַרפרוירן אין שניי אויך ביי נאַכט.
(דאָרטן, ז׳ 362)

דער פּאָעט אַליין ווערט אויך אַרייַנגעפרוירן, סאָלידאַריש, אין אייַזיקן מאָנומענט:

מייַן הויט ווערט באַצויגן מיט מירמלנער שיכט,
און אָפּשטעלן נעמט זיך דאָס וואָרט און דאָ סליכט.

און אויך מייַן באַוועגונג פאַרפרירט ווי ביים גרייַז,
וואָס קען ניט זייַן כּוח באַפרייַען פון אייַז.
(דאָרטן, ז׳ 363)

סוצקעווער האָט מיט די שורות אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל פאַר דער לויטערער און ליכטיקער פּאַסיווקייט פון זײַנע ייִדן, וואָס די קאַלטע דײַטשע מאָרדמאַשין האָט פאַר־פרוירן זייער מינדסטן אַקט פון ווידערשטאַנד גלײַך בײַם אָנהייב. און פאַר די קינדער — אַ פאַרביק־פּלאַטערל־מאָנומענט אויפן קבֿר פון זייערע לויטערע צאַפּלענישן.

סוצקעווער האָט אויך באַמערקט דעם טרויעריק־געשטראָפטן פרילינג פון דערוואַקסענע — "דער פרילינגל דער בלויער" פון "אַ בלימל": "פאַר וועלן דורכטראָגן אַ בלימל דורכן טויער / האָט מײַן שכן זיבן שמיץ באַצאָלט" (דאָרטן, ז' 314). ס'איז אַ ליד פון 6 שורות בלויז און אין דעם צימצום האָבן מיר אַ פולן בילד. "זיבן שמיץ" איז אפשר דעמאָלט געווען אַ ביליקער פּרײַז, ווען מ'האָט געצאָלט מיט טויט, און בײַם שכן — "דער פרילינג אָטעמט אין זײַן לײַב" נאָך.

די ייִדישע טראַגיק שפּילט דאָ מיט צווײ פרילינגלעך — "דאָס פרילינגל" פון "פּלאַ־טערל", וואָס די קינדער האָבן פאַר אים באַצאָלט מיט בלוט, און „דער פרילינגל" פון "שכן", וואָס איז אָפּגעקומען מיט "זיבן שמיץ". סוצקעווער האָט געזוכט פּותר חלום זײַן וואָס אַזאַ לעבן מיינט. ער האָט וויזיע און אמת, בענקשאַפט און חלום סובלי־מירט אין זײַן געטאָ־ליד. אין די באַדינגונגען, ווען ס'איז "די נאַכט — אַ מידבר שלענג, מײַן לײַב — אַ רויטע זיפּ", האָט ער זיך ניט געקענט דערגרונטעווען צום "באַטײַט" פון זײַן גורל: "ווו איז מײַן ערשטער טאָג און וואָס באַטײַט מײַן סוף / אַצינד, ווען איך פאַרשווינד, זיך אויסצוטאָן פון פּנים?". דאָס האָט אים קיין רו ניט געגעבן. דער אינטעלעקטואַל אין אים זוכט אַ ראַציאָנעלן באַשייד פאַר די רעטענישן פון אַזאַ לעבן, אָבער דער פּאָעט אין אים ראַנגלט זיך מיט שטימונגען פון אַ טויט, וואָס איז באַהערשט פון אַ מין ספּיריטועלע קראַפט: "כ'הער אַ שטים", פון איינעם פון די "סקעלעטן אָנגעטאָן מיט טויען", אין "פעלד מיט רויטן מאָן": "ניט מיין אַז טויט איז טאָקע טויט, / פאַראַן אַ טייל, וואָס בענקט ווי אומגעשטילטע ליבע. / אָט רײַס איך אויס דעם טייל בײַ דיר אונטערן הויט / און לאָז אים גיין פאַרויס, באַפרײַט פון מוז און סיבה" (דאָרטן, ז' 306). אַוודאי מוז אַ **חלום** זײַן באַפרײַט פון דער פילאָ־סאָפיע פון „מוז און סיבה". און דער דיכטער קריגט אַן ענטפער פון חלום־מעדיום אויף זײַן פראַגע: "צי וועט דען פון מײַן **איך** ניט בלײַבן קיין סימנים?" יע, ס'וועט בלײַבן אַ גײַסטיקע "איך־געשטאַלט", ווײַל אויך "די טויטקייט" איז "פאַר־זיגלט מיט לעבן".

ס'איז דער טיפער גלויבן אין "פינקלדיקן עיקר", וואָס סוצקעווער האָט געוואָלט אַרויס־אַנטפּלעקן פון אַ קאַשמאַריקן **חלום**, נאָכן האָבן "אַ גאַנצע נאַכט געוויינט". אין אַ "גערייד" מיט זיך "אין קבֿרדיקן לאַנד" האָט נאָר אַזאַ ריזיקאַנט ווי סוצקעווער גע־וואָגט אַרײַנצופּלעכטן די פּאָעטישע אַלכעמיע פון נאַטור, "געמישט מיט קילן גראָז, מיט פרילינגטוי און שטערן".

נאָך דעם חלום־קאַשמאַר בליצט דורך ס'טרויעריקע ליד פון אַן אויסטערליש ליכטי־קער געשטאַלט, "די לערערין מירע" (דאָרטן, זז' 307־309), וואָס איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער, כמעט ווי אַ פאָלקסליד. דאָס ליד איז אַ סימבאָל פון ליכטיק־ייִדישער און מענטשלעכער מסירות־נפש פון אַ דערציִערין צו אירע קינדער. סוצקעווער האָט דאָ פאַראייביקט די טראַגיק און שיינקייט פון לײַדן, וואָס ער האָט אָנגעטאָן ווי אַן אָרעאָל

פון קדושה אויף דער אומבאַקאַנט־באַקאַנטער לערערינס הייליקן קאָפּ. ער מאָלט אין צאַפּלדיק־פּלאַסטישע שורות דעם גורל פון די קינדער, וואָס ווערן "פאַרשניטן" גרוד־פּעסווײַז. נאָך דעם ווי "פאַר טאָג איז געבליבן / פון הונדערט מיט דרײַסיק, בלויז מירע און זיבן", קומט אויף זייער ריי:

אַזוי, ביז די האַק האָט צעשפּאָלטן דעם זינען,
איז מירע אַ בלום און די קינדערלעך — בינען.
שוין גראָ איז די בלום און פאַרוועלקט אירע גלידער,
נאָר מאָרגן אין טוי וועט זי אויפבליִען ווידער.
(דאָרטן, ז' 309)

עטלעכע טעג שפּעטער האָט סוצקעווער געשריבן אַ ליד "קלאָרקייט" (דאָרטן, ז' 310), וואָס הייבט זיך אָן: "פרישע, פּרילינגדיקע בליִונג, — / ווײַסער מלאך אויפגעבליט דורך נאַכט", אָבער ס'איז ניט געווען די לערערין מירע. ס'איז ניט געקומען ניט דער נס און ניט די "קלאָרקייט צו דערפילן ס'קלאָרע". אָבער דערפאַר זענען געקומען זעונגען אין זײַן ליד "רעדט צו מיר די צוקונפט". (דאָרטן ,ז' 319). ער זעט: "באַקעט, מיט אַ שטיין אין פויסט, / מאַרשירסטו מיר אַנטקעגן". דער בוים־פאַרוואַנדלטער פּאָעט וויס: "די צײַט איז ניט דער אָטעם פון מײַן פרײַהייט", ווײַל "מײַנע וואָרצלען גלוסטן ניט קיין בלוט און קיין מלחמות, / נײַערט ליבשאַפט איז דער הייסער גלוסט פון זייער דאָרשט". ער וואַרפט מיט פראַגעס וועגן "שולד" און "מיטשולד": "שולד איז פּײַן,/ און פּײַן איז אמת".
שפּעטערדיקע לידער קומען מיט נאָך פראַגעס, וואָס מאָנען ענטפערס און יאָגן אָן אַ פראָסט אין דער נשמה:

צי בין איך דער לעצטער פּאָעט אין אייראָפּע?
צי זינג איך פאַר מתים, צי זינג איך פאַר קראָען?
איך טרינק זיך אין פײַער, אין זומפּן, אין ראָפּע,
געפאַנגען פון געלע, געלאַטעטע שעהען.
(דאָרטן, ז' 328)

די אימה־סופּערלאַטיוון דאַרף מען ניט פאַרטײַטשן — זיי זאָגן אַלץ קלאָר. דער פּאָעט ווערט "געשטאַרקט פון מײַן מאַמעס אַ טרער", דורך וועלכער ער זעט "ס'מיליאָניקע האַרץ, פון די ביינער, וואָס יאָגן צו מיר פון דער ערד אין גאַלאָפּן": —

איך בין דאָס מיליאָניקע האַרץ! בין דער היטער
פון זייערע איבערגעלאָזטע ניגונים.
און גאָט, וואָס דער מענטש האָט פאַרברענט זײַנע גיטער,
באַהאַלט זיך אין מיר, ווי די זון אין אַ ברונעם.
(דאָרטן, ז' 318)

מיטן כּוח פון "טרער פון דער מאַמען" זינגט ער, ביז "דערהערן דייַן קול זאָלן ביי־נערנע ברידער, / די בראַנדיקע געטאָ, און ס׳פּאָלק הינטער ימען..." (דאָרטן, ז׳ 318). "ס׳פּאָלק הינטער ימען", און אַבֿרהם סוצקעווער אַליין, האָט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געהאַט די זכיה צו הערן זייַן ק ו ל, אין פּערזענלעכער קאַפּאַציטעט. אפשר האָט זיך דעמאָלט אויסגעלייזט זייַן בענקשאַפט? מיר הערן אַזעלכע בענקשאַפט־קלאַנגען אין זייַנע אַלע לידער, ס׳איז ווי "דער געטאָ־פידלער" (דאָרטן, זז׳ 315־317), וואָס וויל אויסלייזן די בענקשאַפט: "און פאַר די זעלבע גראָע שטיינער / צעשפּילט ער זיך ווי זייַן פאַרלאַנג". (דאָרטן, ז׳ 316)

די דאָזיקע איבערגעשוימטע ב ע נ ק ש אַ פ ט שטראָמט פון ליד צו ליד און "זי לעבט. / און ווי צוויי עקן פון אַ רעגן־בויגן, / פאַרקניפּט זי אונדז / פון בײדע זייַטן וועלט". (דאָרטן, ז׳ 329). סוצקעווער האָט צו שטאַרק געפילט, אַז עס "איז גראָ געוואָרן מייַן געזאַנג / וואָס האָט געשפּריצט מיט פאַרבן" און "איך טרינק זיך אין מייַן בענקשאַפט / ווי אין אַ טייַך מיט בלוט". (דאָרטן, ז׳ 320). שווערע איבערלעבונגען! אין בענקשאַפט־געמיט איז אויך דאָס ליד "פאַרברענטע פּערל", וואָס האָט אַ טראַגיש עראָטישן אונטערטאָן און די "קלאַנגען" פון "וואָרט" טוען "גלימצערן ווי פאַרברענטע פּערל". און "די פרוי אין פלאַם געוואַשן, / וואָס פון אַלע פריידן איז געבליבן איר / גראָ־פאַרברענטע פּערל אין די אַשן — —" (דאָרטן, ז׳ 323).

אַ תּיקון צו דער בענקשאַפט ברענגט דאָס ליד "דער דיכטער", (דאָרטן, זז׳ 324־325). דער מוזע־"ניגון" וועקט אים און דערמאָנט אים זייַן שליחות: "— דערוואַך! ווי טאָר אַן אויסלייזער פאַרזאַמען! — — "נאָר אויף די הענט, אין ליבשאַפט אין געטרייַער — עס צוקט אַ מיידל אייַנגעוועבט אין דרימל". דאָ האָט זיך שוין "דער ניגון" און די בענקשאַפט פאַרוואַנדלט אין לעבן ממש: "און אָט דער ניגון איצטער בלוט און פלייש איז / האָט ער גענומען שטאַרקער אים צעוויגן, / און ס׳האָט באַגאַרטלט זיי אַ ווינט פון בראשית". דאָס איז געווען אַ נייער בראשית פאַר דעם דיכטער, וואָס דער געטאָ־ניגון איז געוואָרן זייַן אָ ט ע ם.

די געטאָ איז געווען, אין רעאַליטעט, אַ פאַבריק פון לייַדן און טויט. די סטיכיע האָט דאָ געדרייט מאַכטיקע וואַלצן, אויף וועלכע עס זענען געפאַלן מענטשן־קערנער, און די וואָס האָבן זיך אַרייַנגעגליטשט צווישן די מילשטיינער זענען גלייַך צעמאָלן גע־וואָרן אויף שטויב. גורל צי צופאַל? ווער האָט עס געוווסט. סייַ ווי איז די מאָרד־אינדוסטריע געווען אין געטאָ ניט אין גאַנצן אויסגעחשבונט, הגם די דייַטשן האָבן געאַרבעט לויט פּלענער: גרויסע און קלענערע אַקציעס און אויסזידלונגען האָבן גע־דרייט די מילרעדער און כּסדר צעדריקט די מענטשן אין הונגער, שווערע אַרבעט און קראַנקייטן. פאַר די שוואַכע איז געווען דער שטאַרקסטער וואָפן די אילוזיע, דער בטחון, און די וואָס האָבן געהאַט אַ גייַסטיקן פ ל י — דער חלום: אויפן ראַנד פון טויט חלומען וועגן לעבן. אין דער חלום־עליטע דערשייַנט אַבֿרהם סוצקעווער ווי דער סאַמע פּראָמינענטסטער רעפּרעזענטאַנט פון ווילנער געטאָ, און אפשר פון אַלע מיזרח־אייראָפּעיִשע געטאָס בכּלל. ער איז געווען און געבליבן דער אימפּאָזאַנטסטער און ליכ־טיקסטער פון אַלע זינגערס און פּאָעטן, וואָס האָבן אין די געטאָס געשאַפן זייערע ווערק, און אַזאַ — אויך ווי אַ קעמפער.

□

אין אויגוסט 1943 האָט סוצקעווער געוואָרט אויף אַ טראַנספּאָרט פון אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע צום וואַלד. צו יענער צײַט האָט שטאַרקער צוגעדריקט דער הונגער. האָט סוצקעווער דיכטעריש אַרויסגעבראַכט די האַלוצינאַציע אין אַ ליד, ״דאָס מענטשעלע פון ברויט״. (דאָרטן, זז׳ 330־331). אין קלעם פון הונגער ״קנעטן — די פינגער — פון קרישלעך ברויט — אַ מענטשעלע״. ס׳מענטשעלע ווערט לעבעדיקער ״חומר״, וואָס ״צערעדט זיך״ מיט איראָניע: ״דו גרויסער גבֿר״, נאָר ״וויל איך — קען מײַן שמייכל דיך באַצווינגען — זאָלסט ליגן אויף די קני פֿאַר מיר און זינגען״. דער פּאָעט רעוואָל־טירט: ״דו ווערסט מיך ניט פאַרשקלאַפן!״, אָבער ער איז צו שוואַך צו ״בײַסן״ דעם וואָס ער אַליין האָט ״באַשאַפן״. און

דאָס מענטשעלע פון ברויט ווערט זאַטער, זאַטער,<br>וואָס מער איך בײַס.<br>און נעמט אויף מײַן נשמה מיט — אין פלאַטער —<br>פֿאַר זיך אויף שפּײַז.

סוצקעווערס ״שכן״ צאַלט מיט שמיץ פֿאַר אַ בלימל, און ער אַליין — מיט נשמה פֿאַר ברויט. אין דעם סימבאָלישן ליד פאַרגייט ניט אַזוי גיך דער נשמהדיקער ווייטיק, אַזוי ווי דער לײַביקער, די זיבן שמיץ.

אָנהייב סעפּטעמבער שרײַבט סוצקעווער אַ ״טרייסטליד״ (דאָרטן, זז׳ 332־333), צו זײַן ״וווּנדערלעך פֿאָלק״, וואָס איז ״צווישן די פעלקער אַ מאָנונג״. ס׳איז ניט מער די אָט־מאָספער פון טרויער און אומקום, נאָר דער ערשטער אָנזאָג פון ״אַ בשורה: די אויס־לייזונג רײַסט זיך פון קייט. / ווי אָנגעגליט אײַזן אין וואַסער, פאַרשטאָלט איז דײַן שוואַכקייט אין ווייטיק״. אין זײַן וויזיע זעט דער דיכטער ס׳פאָלק, ווי ״ברענענדיק ווערסטו באַפרײַט״ און ער טוט ״גראָבן אויף ס׳נײַ די פאַרשאָטענע קוואַלן — — און אַלע וואָס האָבן געמאָרדעט דיך, זיי מוזן און וועלן צעפאַלן, / און ליגן אין שאַנד פֿאַר דײַן וויגל, / ווו ס׳דרימלט אַ נײַער באַשאַף״. ס׳איז אַ ליד פון פרישן מוט און גוטער שטימונג. ווי אַ נײַער וואַלדיקס וואָלט אַ ווונק געטאָן. סוצקעווער שרײַבט זיך אַ ״באַגלייטליד בײַם אַוועקגיין אין וואַלד״ (דאָרטן, ז׳ 334), כּדי ״אויסצוקויפן מיט גע־ווער די דורותדיקע זינד״. אין ליד, געשריבן מיט קאַמפגײַסט, מיט גלײַכע רעוואָלו־ציאָנערע סופּערלאַטיוון, זעען מיר ״העלדן — פעסטע אײַנגעשפּאַרטע יונגען״ — — ״גבֿורהדיקע גייער״. אַבֿרהם סוצקעווער פיבערט מיטן באַוווסטזײַן, אַז ״קיין מאָל איז ניט שפּעט דעם פאָלקס נקמה צו באַווײַזן״. די עקזאַלטירטע שורות זינגען אַ ״לויב״ צו דער יוגנט וואָס גייט אין די וועלדער: ״ס׳האָט אין אײַך אַ גלאַנץ געטאָן דער רום פון מכּבייער, / ווי מיט יאָרן צוויי טויזנט צוריק אין אייגן לאַנד״. ס׳איז אַן אַרויספּלייץ פון פאַרקלעמטן פּײַן. די ״קנעכט״ וואַרטן מער ניט אויף ״רחמים״: ״ווי די מכּבייער בלאָזט פונאַנדער די מרידה, / זאָל דער כּבֿוד אויפלויכטן אין שווערדיקן געפעכט!״ דאָס ליד איז דאַטירט: ״ווילנער געטאָ 10טן סעפּטעמבער 1943״. ירושלים דליטא

שיקט אירע זין און טעכטער אין געפעכט — סוצקעווער באַגלייט זיי מיט אַ מונטערן לידפאַקל. די וועלדער נעמען זיי אויף מיט געזאַנג: ״האָבן וועלדער אײַך באַגריסט מיט זינגענדיקע בלעטער: / — קומט צו אונדז, איר טײַערע, און לײַטערט דעם פאַר־לאַנג״. דער פאַרלאַנג פון פּאָעט איז דערגרייכט.

אין לעצטן ליד פאַר דעם אַפּמאַרש, ״12טן סעפּטעמבער 1943״, איז אַרײַנגעפּרעסט דער רוח־הקודש פון ייִדישער גבֿורה און קדושה. ס׳וויקלט זיך ווי אַ קליינע מגילה פון דורותדיקן גײַסט. דאָ איז די שטימונג געלאָדן מיט קרבן־גרייטקייט און מיר הערן דאָס העראָישע קול פון די העלדן:

מיר האָבן ווי פינגער געשטרעקטע דורך גראַטן
צו פאַנגען די ליכטיקע לופט פון דער פרײַ —
דורך נאַכט זיך געצויגן, צו נעמען די פּלאַטן,
די בלײַענע פּלאַטן פון ראָמס דרוקערײַ.
מיר, טרוימער, באַדאַרפן איצט ווערן סאָלדאַטן
און שמעלצן אויף קוילן דעם גײַסט פונעם בלײַ.
(דאָרטן, ז׳ 335)

אין דער טוונג ווערט די ייִדישע צײַט מיסטיש צוזאַמענגעשמאָלצן פון גײַסט און קאַמף — די נײַע לעגענדע פון ״מרידה״: ״און מיר האָבן ווידער געעפנט דעם שטעמפּל / צו עפּעס אַ הימישער איביקער הייל. / מיט שאָטנס באַפּאַנצערט, בײַ שײַן פון אַ לעמפּל — / געגאָסן די אותיות — אַ צייל נאָך אַ צייל״. ס׳איז דער וווּנדערלעכער מעטאַמאָרפאָז פון ייִדישן גײַסט:

און ווער ס׳האָט אין געטאָ געזען דאָס כּלי־זיין
פאַרקלאַמערט אין העלדישע ייִדישע הענט —
געזען האָט ער ראַנגלען זיך ירושלים,
דאָס פאַלן פון יענע גראַניטענע ווענט.

ירושלים דליטא האָט געקעמפט מיט ״קוילן״, וואָס זענען ערשט געווען ״מחשבֿות״: ״אַ שורה פון בבֿל, אַ שורה פון פּוילן״. אַזוי האָט זיך סוצקעווער געזעגנט מיט דער געטאָ.

ערבֿ־וואַלד. פײַערלעך־טרויעריק. געטאָ־חושך און דערוואַרטונג. אין דער מאַלינע אויף ״סטראַשון־גאַס צוועלף״ (דאָרטן, זז׳ 346־348), ״באַהאַלטן הונדערט זיך אין דר׳ערד״. ״און אויבן יאָגט דאָס מיליטער, / מע שלעפּט המונים צו דער שחיטה. / עס ראַנגלען זיך פאַר זייער פאָלק / די לעצטע ייִדן פון דער ליטע״. אין קעלער ״איז קיין ליכט ניטאָ — — נאָר יעדער שאָטן טראָגט אַ פונק״, וואָס ״איז ווײַסער פאַר דער שרעק״. אויף דער גרענעץ פון געטאָ־וואַלד פאַסירט אויך: ״אַ מיידל שלײַדערט אַ גראַנאַט, / די דײַטשן טרעטן אָפּ פאַרוווּנדערט. / נאָר ס׳רייכערט זיך דערבײַ אַ קנויט / און ס׳פאַלט אַ מויער אויף די הונדערט״. און ווען ס׳דאַכט זיך ״ס׳איז די

שרעק אַריבער". ערשט "עס קומט אַרײַן דער תּליון הונגער אין די גריבער". דער הונגער גריזשעט די הונדערט, אונטן, "און אויבן — צאַנקט די אַלטע שטאָט, / פֿאַר־גײט אין אײנעם מיטן זומער. / און ס'ליגט דער נבֿיא אינעם אַש / מיט אויסגעברענטער צונג — אַ שטומער". געשריבן אין "נאַראַטשער וועלדער 10טן נאָוועמבער 1943".
דער וואַלד האָט סוצקעווערן אויפֿגענומען מיט אַלט־נײַער פֿרײַנדשאַפֿט. זײַן ערשט ליד אין "נאַראַטשער וועלדער, 30סטן סעפּטעמבער 1943", איז צו "דער פּרוי" (דאָרטן, ז' 336־338): ס'איז דער סימן פֿון באַנײַט לעבן וואָס זי האָט פֿאַרביטן אויף אַ ביקס: "און ווי דעם קינדס אַ שאָטן, / דו טראָגסט אויף זיך אַ ביקס". ס'וואַכט אויף די טראַגישע דערמאָנונג, וואָס פֿליסט מיטן ריטעם פֿון די קורצע שורות: "עס האָט אין הייל אַ קוועלכל / צופֿוסנס דיר געקוועלט / און פֿלוצעם האָט אַ קולכל / באַרירט זיך מיט דער וועלט". און ווי דאָס פֿרישע קולכל, אַזוי איבערראַשט ער די פּרוי מיט אַ געטאָ־געשאַנק: "און דיר געבראַכט פֿון אויבן / צוויי גרעזלעך אַ געשאַנק". די "צוויי גרעזלעך" האָבן געזאָלט סימבאַליזירן אַ וועלט מיט בלומיקער פֿרייד — וואָס פֿאַראַ גאַלאַנטע פּאָעטישע קאַוואַלעריע! — צו די, וואָס האָט "דעמאָלט דאָך געצונדן / דעם שטערן פֿון געבורט". אָבער דער גורל האָט געוואָלט אַנדערש — און "עס האָט אַ דײַטש אים דעמאָלט / אַ ריס געטאָן פֿון ברוסט". און דאָ, אין וואַלד, האָט די ביקס פֿאַרביטן דעם צעבראָכענעם שטאָפּל אין "לייטער" פֿון טאַטע־מאַמע־קינד: "און יעדער מאָל, ווען ס'רײַסט זיך / פֿון ביקס אַרויס דאָס בלײַ, / אין ליכט זײַנעם באַווײַזט זיך / דאָס קינדעלע אויף ס'נײַ". דאָס סימבאָלישע ליכט פֿון קאַמף קעגן שונא, ווערט אַ פֿאַרבײַט אויף אַ נײַער האָפֿענונג: "ער איז נאָך ניט פֿאַרשוווּנדן / דער שטערן פֿון געבורט".
דאָ קומט אויף די בענקשאַפֿט צו נאַטור מיט באַנײַטן אימפּעט — ביקס פּלוס נאַטור: "צוויי יאָר האָב איך געבענקט נאָך זאַנגען". און ער דערהערט "אין די אָדערן — — — אַ רוף — שטיי אויף, בן־אָדם, צײַטיק שוין די זאַנגען. / געגליכן איז שוין צו אַ זאַנג דײַן גוף". (דאָרטן, ז' 339).
און דער דיכטער, פֿאַרכאַפּט פֿון די זאַנגען, דערזעט אַ מאַקאַבריש בילד: "ערשט עס ליגן דאָרטן מײַנע ברידער / אויסגעקוילעטע איבער גאָרן פֿעלד. / און די זאַנגען, מיט צעגליטע שטעכער, / אַדורכגעוואַקסן זענען שיכט נאָך שיכט / דורך שאַרבנס, ריפּן, / און זיי שטײַגן העכער, / צו דער זון, וואָס קלײַבט צונויף איר ליכט". דאָס איז דער גרויל פֿון די מענטש־זאַנגען אין דער שקיעה פֿון אַ וועלט:

וואָס זע איך איצט אין אָוונטשײַן צעגליטער?
איך זע אַ פֿעלד מיט זאַנגען בלוטיק רויט.
אַלץ נעענטער צו מיר עס אײַלט אַ שניטער
און שנײַדט דאָס נאָכמלחמהדיקע ברויט.
(דאָרטן, ז' 340)

אין "אַ בריוו" (דאָרטן, ז' 340), צו זײַן "אָוונטיקע שוועסטער", רעדט זיך דער דיכטער אַראָפּ פֿון האַרצן: ניטאָ אַ זאַך וואָס "פֿאַרהיילן וועלן מיר די שאַרפֿע ריסן", נאָר "צווישן די דערהרגעטע פֿאַרלאַנגען געבליבן איז מיר אײנער" — דאָס איז "מײַן מלאך

מײַן געטרײַער". ער דערמאָנט "די פרייד פון לײַב", ס'איז אפשר געווען דער אָנווונק אויף תּחיית־הגוף, ווײַל דער גײַסט איז דאָך געווען באַפרידיקט מיט יצירה, אויב אַפילו מיט צער. אָבער אויך די גופיקע פרייד זעט ער ניט ווי אַ הכרח, ער קען זיך מסתפּק זײַן מיטן "שאָטן", וואָס איז אַ פאַרבײַטער פון דער רעאַליטעט, און "זאָל דײַן שאָטן ווערן מײַן באַפרײַער".

סוצקעווער איז ניט געווען צו פיל פאַרשיכּורט פון באַנײַטן גליק פון פרײַהייט. טיף אין דער נשמה האָט ער געטראָגן דעם טרויער. אומגעאײַלט און קלוג רעזערווירט האָט ער דעם "7טן אָקטאָבער 1943" געמאַכט אַן "אויסקריץ אויף אַ בוים", פון בלויז 4 שורות, פונקט 17 ווערטער — וואָס דאַרף אפשר זײַן אַן אָנטײַט אויף ט ו ב, ער קריצט אַרײַן אין סימבאָלישן אויסגעוואָרצלטן בוים: "ניט פאַר דיר דער יום־טובֿ, / ניט פאַר דיר די פענער, / ביסט דאָך אַ מצבֿה, / ניט צוגעקלעפּט צום באָדן..." (דאָרטן, ז' 342).

אין ערבֿ יום־טובֿ פון פרײַהייט, אין וואַלד, איז נאָך סוצקעווער אײַנגעהילט אין אַ מצבֿה־שטימונג אויפן פאָלק וואָס איז פאַרגאַנגען. ער כאַפּט אויף, אין "מאַרש דורך זומפּן", דעם פּאַראָל: "דערשפּאַנען, דערשפּאַנען!" אַ שווערע התחייבֿות "דריקט אויף נאַקעטע אַקסלען", וואָס "טראָגן פאַרווונדיקטע וואַלד־פּאַרטיזאַנען". די איין־וואָרט־שורות גיבן שוין אַ השגה פון דער זומפּיקייט: "תּהומיקער. / נאַכטיקער. / טיפער". מ'הערט ווי "די פיס — שפּילן דעם הימען פון זומפּן אויף זשאַבע־קלאַווישן" (דאָרטן, ז' 343). דער פּאָעט־פּאַרטיזאַן סוצקעווער האָט אויסגעהאַלטן דעם זומפּיקן עקזאַמען, אָבער ער גייט נאָך אַלץ "איבער וועגן" (דאָרטן, ז' 345) פון "וווּנדערלעכער גרויל". דער חשבון ווײַזט: "האָסט אַ וועלט פאַרלאָרן, ווייסט ניט ווי אַזוי..." ווי אַזוי פאַרלירט מען אַ וועלט, ווען מ'איז דער וועלט גאָר ניט שולדיק. באַלד געפינט ער אַ "טרייסט", וואָס קומט פון אַ "דאָרן". ס'גייט אָבער ניט אין דאָרן, נאָר אין טראָפּן טוי: "אויף אַ דאָרן ווערט אַ טוי געבאָרן. לעבן זאָל דער טוי!" ס'איז טוי פון דערפרישונג און האָפענונג. (דאָרטן, ז' 345).

עטלעכע חדשים שפּעטער קומט ליכט און שניי אין סוצקעווערס האַרץ און ליד: "זינג ניט קיין טרויעריקס, / טו ניט פאַרשעמען דעם טרויער". ווײַל "קוק אויפן שניי / און באַלײַכט מיט זײַן רו / דײַן זכּרון: / ליכט איז די שפּראַך פון דײַן האַרצן. / און דו — / נײַ־געבאָרן". (דאָרטן, ז' 352).

סוצקעווער האָט אָבער אין זײַן נײַ וואַלדיקס אויך דערזען די מענטשלעכע גבֿורה און דערהערט דעם ריטעם פון קאַמף. אַזאַ העלדן־געשטאַלט האָט סוצקעווער פאַראייביקט אין "גאָלדע" (דאָרטן, זז' 349־350). איר "שמייכל — — דערפרישט מיט מוט. / אין מאַרש, אין לויערונג, בײַם רײַסן בריקן". אָבער דער גורל האָט שוין געוואַרט הינטער איר: "בעת גאָלדע האָט געלויערט אויף אַ באַן". "בײַם אויפרײַס איז אין דער לופט דער עשאַלאָן צעשפּרונגען מיט איר צוזאַם". די געפונענע האַנט פון גאָלדען האָט מען אין וואַלד באַגראָבן מיט מיליטערישן סאַלוט: "דערנאָך האָט מען די האַנט פאַרשאָטן. אויבן — / פאַרזייט אַ רויז". 3—4 חדשים שפּעטער — שוין אין מאָסקווע — שרײַבט סוצקעווער אַ ליד פון אַן אומבאַקאַנטע העלדין, "דאָס מיידל פון וואַלד" (דאָרטן, זז' 360־361), וואָס איז ווי אַ צווילינג־שוועסטער פון גאָלדען: "זי קומט אין געטאָהאַרבסט

אין בייזן / און שפרייט נקמה־ריח, טרייסט". זי ווײַזט זיך אין אומצאָליקע מאַסקעס. איר מיסיע אין געטאָ — "זי פירט אַרויס און ברענגט אין וואַלד". אין איר ריזיקאַלי־שער הויכפּאַרטרויִיקער שליחות האָט זי אַ טויט־פאַרזיכערונג: "אַ זעקעלע מיט ציאַנ־קאַלי". ס'איז דאָס ערשטע ליד וואָס סוצקעווער האָט געשריבן נאָך דער באַפרײַאונג — "מײַ 1944".

און נאָך אַ ליד וועגן אַ העלד, אַ מאַן, האָט סוצקעווער געשריבן — דאָ זענען געמישט שפּליטערס הומאָר מיט זודיקע טרערן און ווינטערדיקער פראָסט: אַט: "צוויי אַדע־ליקע לאַנגע דײַטשן / מאַרשירן דאָרטן פֿאַזע צווינטער". ווי קומען אַהער צוויי דײַטשן? טאָ הערט אויף טשיקאַוועס — ס'איז אַ מחיה עס צו הערן: "די פּיס — אין קלומפּעס, הענט — פאַרפרוירן, / עס ציטערט זיי אין בויך דער נאַפּל: / דאָס האָט זיי אַנגעכאַפּט ווי טכוירן / דער פּאַרטיזאַן, דער בלאָנדער קאַפּל. // ער שמײַסט זיי אונטער מיט אַ ריטל / און פירט דעם אוצר אין בריגאַדע; / האַ־האַ — די לײַט פון הויכן טיטל / איז גאָר ניט נחתדיק אוודאי". (דאָרטן, ז' 353). אוודאי ווערט דעם ייִדישן לייענער גאָר נחתדיק פון אַזאַ מאַרש פון דײַטשן "אויפן וועג צו בוצלאָוו". אָבער סוצ־קעווער האָט, מיט אַ ניט היימלעך האַרץ, געפּרוווט ספּעקולירן מיטן געדאַנק: "און אויב מײַן פאָלק וועט בלײַבן בלויז אַ ציפער". (דאָרטן, ז' 351). ער איז אַפילו דער־גאַנגען צו אַזאַ געוואַגטן זאָג, אַז "אויב — אַ ציפער, — באַשווער איך עס: פּאַרגיי פון מײַן זכרון". סאיז אָבער שוין קלאָר געווען, אַז נאָך דעם גרעסטן חורבן אין זײַן געשיכטע, וועט דאָס ייִדישע פאָלק ווײַטער לעבן. ער ווענדט זיך ווידער צו זײַן סימ־באָלישן "מאָרגנקינד". ער איז ניט זיכער צי ער וועט "דערהערן דעם שאָס, ווײַזן איך האָב אים איצט געוווענדט". ס'קומט אויף דער פּחד פון פאָעט, טאָמער חלילה ווערט דער צ י ל ניט דערגרייכט. ס'ליד פון אַכט שורות איז געשריבן אין "נאַראָטשער וועלדער 30טן יאַנואַר 1944", דאָס הייסט, אַנדערהאַלבן יאָר פאַרן סוף פון דער מלחמה, ווען דער חורבן איז נאָך געהאַנגען מיט אומקום איבערן קאָפּ פון פאָלק. אַ סימבאָל אויף דערלייזונג קומט מיטן ליד "געבורט" (דאָרטן, ז' 354), פון אַ קינד אין וואַלד. דאָ האָט אַ פּנים אויפגעשײַנט דער "שטערן פון געבורט", וואָס סוצקעווער האָט פּירויסגעזאָגט אין אַן אויבן דערמאָנטן ליד. די "פּיבערדיקע פרוי" וויל אין עפּעס אויפ־לייזן איר עלנט, "קוקט זי אויף אַ טראָפּן" און "זוכט — אין זײַן שפּיגעלע אַ נאָמען פאַרן קינד". אַ קלאַנג קומט פּלוצלינג, מיט אַ קרעכץ פון דערלײַכטערונג, ווען "אירע ליפּן הויכן אויס: מײַן גאָטעניו, מײַן קינד".

סוצקעווער שרײַבט זײַן "געזעגעניש" (דאָרטן, זז' 355־359), מיט דער "שטאָט פון מײַן געזאַנג". די פּאָעמע, אָנגעהויבן אין "ווילנער געטאָ" און געענדיקט אין "נאַ־ראָטשער וועלדער 1943־1944". ער וואַנדערט דורך אַלע ערטער און אַלע פּײַניקונגען און אַלע טויטן פון אייגענעם חורבן און דעם חורבן פון זײַן שטאָט — ער זעט זיך אין כּלערליי קדוש־געשטאַלטן: "איך בין דאָס קינד, וואָס טראָגט אַ גראָז / בשעת מען פירט אים קוילען. / — — איך בין דער ווילד־פאַרליבטער אויף דער סקריפּעדיקער תּליה — — / איך בין שוין אַ פאַרברענטער. / אַ פאַרפרוירענער, / געקעפּטער", און נאָך אַ גאַנצער לייסטער פון גרויזיקע "איך בין"ס. ער וויל אין זײַן שטאָט "אַרײַנגיין ווי אַ נאַכט צעגליט אין שטערן", כּדי ער זאָל אומעטום און מיט אַלעמען קענען ווידער

זײַן: ״אַרײַנלײַכטן אין יעדער הויז — געבליבן אָדער חרובֿ. / אין פּנימער וואָס לעבן יאָ צי ניט — פּאַר מיר זײַ לעבן״. אַלץ אין דער פּאָעמע לעבט ווידער. מיט די ניטאָיִקע אַמאָלן שווימט זײַן ליד צו זײַן שטאָט, ״מיטן שטראָם פֿון דער ווילייִע״. און אויב אַפֿילו ״עס וועלן מער ניט בלײַבן אין מײַן שטאָט קיין ייִדן — / איז וועלן זייערע נשמות ווינען אין די געסלעך״. די שטאָט, וואָס אירע מענטשן האָבן פֿאַרראַטן, איז געבליבן אײַנגע־קריצט אין דיכטערס האַרץ — הויכע, גײַסטיקע הימלען האָט געהאַט ירושלים דליטא, און טיפֿע תהומות — די פֿאַנאַרישע: ״און איטלעכער וועט שעפּן פֿון דײַן האַרץ / אַ הויפֿן אַש / און מיטנעמען אַהיים — דעם לאַנגן דרימל צו באַלײַכטן״. פֿאַר סוצקעווערן איז דער סימבאָלישער ״הויפֿן אַש״ ניט געווען געגוג. ער טראָגט זײַן שטאָט ווײַטער: ״נאָר איך, וואָס בין געוואָקסן אינעם שאָטן פֿון דײַן פּראַכט, / אין גאַנצן טראָג דיך ווײַטער — ווי אַ בלוטיקע מגילה״. זי איז געבליבן דער טרײַער ניגון פֿון זײַן ליד. זי איז די מגילה וואָס האָט אײַנגעוויקלט זײַן געזאַנג. זי איז דער אייביקער בונד פֿון קידוש־השם וקידוש־העם.

מיט דער געפּרעסטער, טיף־דורכגעלעבטער ״געזעגעניש״ מיט ווילנע, מיט דער אָנ־לאָדונג פֿון בילדער, בענקשאַפֿט און צער, שליסט זיך אָפּ די פּאָעטישע געטאָ־תקופֿה פֿון סוצקעווערס שאַפֿן. איצט קומען די קורצע וואַנדער־ און וואָגל־סטאַנציעס — פֿון מאָסקווע ביז זײַן אויסגעבענקטע היימלאַנד, ארץ־ישׂראל — מײַ 1944 — סעפּ־טעמבער 1947.

□

די גורל־ און נסיון־יאָרן פֿון יונגן סוצקעווער אין געטאָ, איז געבליבן דער שטעמפּל וואָס איז אַרויפֿגעדריקט געוואָרן אויף זײַן פּאָעטיש־קינסטלערישע געשטאַלט. ס׳האָט זיך געבעטן אַרײַנקוקן לענגער און גרונטיקער אין דעם לידער־שפּיגל, וואָס רעפֿלעק־טירט עכט און ראַיעל אַלע כּישוף־געוועבן פֿון וועלכע עס איז אויסגעשפּונען די פּאָע־טישע פּערזענלעכקייט וואָס איר נאָמען איז אַבֿרהם סוצקעווער. ער איז אין זײַן שע־פֿערישן מהות, ווי אויך אין איכות און כּמות פֿון זײַן יצירה, אַ וווּנדערלעכע געשטאַלט פֿון דער יונגער ייִדישער ליטעראַטור. מיר וואָלטן אַוודאי פּוגם געווען אינעם בלוטיק־אימפּאַזאַנטן בילד פֿון חורבן־פּעריאָד, ווען מיר וואָלטן ניט צוזאַמענגעפּלאָכטן די קייט פֿון זײַנע לידער אויף דער געטאָפּאָן. איצט קומען מיר צו זײַן שטאַרקסטע קינסטלע־רישע ווערק וועגן געטאָ, וואָס איז שוין געשריבן געוואָרן אויף דער פּרײַ און הייבט זיך אַרויס ווי אַ טורעם פֿון דער גאַרער קרעאַטיווער חורבן־ליטעראַטור: געהיימשטאָט.

ניט האָבנדיק די מיגלעכקייט, און ניט וועלנדיק איבערלאָדן דעם געטאָ־פּרק פֿון בוך, האָבן מיר אַריבערגעהיפּט 75 זײַטן — (364־439 — פּאָעטישע ווערק, באַנד איינס) — פֿון בוך, לויט וועלכן מיר טוען די אַרבעט. דאָ געפֿינען זיך לידער־ציקלען און וואַגיקע פּאָ־עמעס, וואָס די לייענער וועלן אַוודאי האָבן אינטערעס זיי צו שטודירן. דאָס וועט העלפֿן זיך באַקענען מיטן ג אַ נ צ ן סוצקעווער און אײנצײַטיק האָבן אַ מער אַרומ־נעמענדיקן און טיפֿערן אַרײַנבליק אין זײַן ווערק.

# געהיימשטאָט

די פּאָעמע געהיימשטאָט* (פּאָעטישע ווערק, באַנד איינס, ז׳ 443־537) איז ״געשריבן אין מאָסקווע־לאָדזש־פּאַריז, 1945־1947״, דאָס מיינט: בעת סוצקעווערס וואַנדערן איבער לענדער און שטעט, אין די ערשטע דרײַ יאָר נאָך דער מלחמה. אין דעם צײַט־אָפּשניט האָט ער ״געמוזט אַרויסוואָיען פון זיך די קאַנאַליאַדע״. ער האָט געמוזט, כּדי זיך צו באַפרײַען פון געטאָדרוק, וואָס האָט זיך אַרויסגעהייבן איבערן קאַנאַלישן אונטערגרונט מיט אַ מאַכטיקער קראַפט און געפּרעסט אויף זײַן גוף און נשמה. ער האָט עס געמוזט, כּדי אַרײַנצואָטעמען אַ פולע ברוסט געזונטע און פרישע לופט פאַר נײַע שעפערישע אָנהייבן און פאַרמעסטן. דער עפּאָס־מאַטעריאַל פון די ענגע אונטערגאַסיקע ווילנער קאַנאַלן האָט אים באַצוווּנגען מיט אַ קינסטלערישן כּישוף, וואָס האָט דימענסיאָנאַל פונאַנדערגעשפּרייט זײַנע שעפערישע האָריזאָנטן. ער האָט איבער דער קליינער גרופּע ייִדן, ״אַ פאָלק זאַלבע צענט״, אויפגעהאַנגען זײַן סוצקעווערישן רעגן־בויגן פון אומעטיק־פאַרביקן שײַן.

דער סטאַנדאַרטנער קריטישער מעסטער איז אפשר ניט ביכולת אויסצומעסטן די הייך, טיף און היקף פון דער דאָזיקער געטאָ־אָדיסעע. אַוודאי האָט זי ניט קיין גלײַכן צו זיך מיט איר טעמאַטיק, און במילא מיט איר פאָרעם און סטיל, אין דער ייִדישער פּאָעזיע און אפשר אויך ניט אין דער וועלט־פּאָעזיע. ס׳איז אַ פּאָעטישער אוניקום אין זײַן פולן באַטײַט. די דאָזיקע אומגעוויינלעכע עפּאָפּעע איז, קינסטלעריש און טעכניש, אויסגעמײַסטערט מיט פּערפעקציע פון קלאַנג און ריטעם און אויסמעסט, ווי זי וואָלט געווען צוזאַמענגעשמאָלצן פון איין מאַסיוון מעטאַליקן ווערטערגוס. איר מאָנומענטאַלער אַרויסהייב איז אין דער דראַמאַטישער קאָנסטרוקציע און אין דעם שפּילשטייגער פון די צען אויסגעקליבענע כאַראַקטערן. וואָרעם אַ כּסדר באַוועגלעכע דינאַמישע אַקציע פאַרוואַנדלט די שטינקנדיקע און שטיקנדיקע קאַנאַלן אין אַ לעבעדיקער בינע — די אַרענע פון געהיימשטאָט.

דאָ שוויבלט און גריבלט מיט אומאויפהעריקע אַקטיוויטעטן און באַוועגונג. אין דעם ״געשטאַנק״ פון שמוציקן אָפּפלייץ־וואַסער און געדיכטער לופט האָט זיך געיאַוועט לעבן, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט שוועבל און דינאַמיט, און דער דערוואַרטער אויפרײַס איז עלול אַ ליאַדע סעקונדע צו פּאַסירן. מיט קינסטלערישע פאַרבן און ריחות האָט סוצקעווער די אַטמאָספער פון ״דעם תּהום פון קאַנאַלן״ אויסגעלופטערט און אויסגעמאָלט. ער האָט אַפילו מיט ״אַן אַנדער מין כּוח״, מסתּמא אַן איבערמענטשלעכן, ״זיך געראַנגלט״ און ״געוואָרגן״, כּסדר און ״אומענדיק״, מיטן ״עקל־געשטאַנק״, ביז ער און זײַנע מיטוויגערס פון קאַנאַל זענען אים בײַגעקומען:

---

* געהיימשטאָט — פּאָעמע, תּל־אָבֿיבֿ, תּש״ח 1948. 158 ז׳.

צום סוף מיט געוואַלד אים פאַרביטן אויף שטענדיק
אויף ריח פון היישניט און פרישן פרימאָרגן,
אויף ריח פון פריַיטיק צו באַכטסן, פון זעמל,
וואָס איטלעכער האָט נאָך געשפּירט אין זיַין דרעמל.
(דאָרטן, ז׳ 447).

דער צענטער פון די געשעענישן און דער גאַנצער האַרמידער אונטער דער ערד, איז דער מענטש, דער ייִד און זײַנע געווינהייטן, קאָמפּלעקסן און פּראָבלעמען. די פּער־זאָנען־קאָנפליקטן אין דער דראַמע פלעכטן זיך דורכאַנאַנדער און קומען זיך תּמיד צוזאַמען צום איינציקן ברענפּונקט: דאָס וואַרטן אויף אַ ישועה און זי צוואַיִלן. די וועגן און מיינונגען, ווי עס צו דערגרייכן, זענען פאַרשיידן, אָבער דער איינער גורל וואָס קניפּט צוזאַמען דעם מנין יחידים אייניקט זיי, אַחריותדיק און לאָיאַל. דער אונטער־ערדישער מנין איז אַ געזעלשאַפטלעך צוזאַמענגעשמידטער איינס, וואָס איז נאַציאָנאַל באַוווּסטזיניק וועגן דער קאָמפּליצירטער לאַגע און גרייט אויף יעדע עווענטואַליטעט. אין דעם האַרמאָנישן צוזאַמענשפּיל פון די יחידים, שפּילט אָבער יעדער באַזונדער זײַן ראָלע, אויף זײַן אייגענעם אופן: מיט זײַן רעאַקציע, מיט זײַנע נערוון און עמאָציעס, מיט זײַנע געדאַנקען און טוונגען. עס איז אַזוי ווי אַ צענדליגג אינדיווידואַלן וואָלטן דרייען אין שותפות דעם שפּאַנונגפולן און קאַלירפולן געהיימשטאָט־מעכאַניזם. דאָס איז די דיאַלעקטיק, וואָס יעדער באַזונדערער מענטש מאַכט פול די קליינע געהיימשטאָט־וועלט מיט זײַן וויטאַליטעט, מיט זײַן ענערגיע און לעבעדיקן ייִדישן אָטעם. אָן דעם דע־טערמינאַציע־גײַסט פון יעדן יחיד און זײַן קלאַמערן זיך אין לעבן, וואָלט געהיימשטאָט געבליבן אַ טויטע שטאָט. סוצקעווער האָט דעם אימפּולסיון אימפּעט און די פּסיכישע קראַפט פון די צען מענטשן אײַנגעפּרעסט אין קינסטלערישער הויכשפּאַנונג, וואָס עלעק־טריזירט ממש די פּאָעמע. יעדער העלד שטייט אויף זײַן באַזונדערן פּעדעסטאַל, אָבער אַלע זענען פאַרבונדן צוזאַמען מיט איין ציל: אין זייערע אָדערן פליסט דער וונדערשטאָף — בטחון, די קאָלעקטיווע אידעע — פריַיהייט, פאַר אַ פאַר — אויך נקמה. די הונדערטער שורות פון דעם ווערק, בלענדיקן ווי אַ קונציקע נעץ פון בילדער און קאָמוניקאַציע־מיטלען צווישן די צען ייִדן, וואָס לעבן אין דעם קאַנאַלן־מאַגיסטראַל.

□

דער אָנהייב פון שרײַבן געהיימשטאָט פאַלט אויס אַרום סוצקעווערס אויפטרעטן ווי אַן עדות אויפן נירנבערגער פּראָצעס קעגן די אַרכי־רוצחים פון זײַן פאָלק. אפשר אַ מאָל איז די דאָזיקע איבערלעבונג געווען איינער פון די סטימולן, וואָס האָט אים געמאַכט „אַרויסוואַיען" די ייִדישע קאַנאַל־סימפאָניע. ווי אַ קאָנטראַסט צום „מײַזישן לשון" קלינגט די מוזיקאַלישע שיינקייט און מעלאָדישע ריינקייט פון דער פּאָעמע, וואָס פליסט מיט האַרמאָנישער גאַנצקייט און רויִקייט. בײַם לייענען זי ווערן מיר אַריבערגע־טראָגן אין אַ וועלט פון אַנדערע רעאַליטעטן, פאַרוועבט מיט די קאַנאַלן.
מיט דרײַ צענדליגג יאָר צוריק, ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל געלייענט דעם דאָזיקן אומגעווײַנלעכן עפּאָס, האָבן זיך די אויסנעמיקע כאַראַקטערן אײַנגעקריצט אין זכּרון

מיט אומפאַרגעסלעכער שאַרפקייט. טאַקע דעמאָלט האָט אין מיר אויפגעטויכט אַ געדאַנק, וואָס האָט מיך אַלע יאָרן ניט אָפּגעלאָזט, נעמלעך: די דאָזיקע עפּאָפּעע קאָן אויסגענוצט ווערן ווי דער גראַנטעווסטער, צום בעסטן פּאַסיקסטער מאַטעריאַל, אויף צו פֿאַראייביקן די געטאָ־סאַגע אויפֿן פֿילם־עקראַן. איצט, ווידער עס לייענענדיק, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן, האָב איך בפועל־ממש געפֿילט ווי ווײַט ריכטיק די אידעע איז און ווי גוט וואָלט געווען עס צו פֿאַרווירקלעכן, ניט נאָר ווי אַ יידיש גרויס ווערק, נאָר טאַקע ווי אַ קאָלאָסאַלע שאַפֿונג פֿאַר דער גאַרער מענטשהייט. די העלדן און דער סצענאַר זענען ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר דער בינע און ס'לאָזט זיך עס לײַכט באַאַרבעטן, און פֿאַר דער פֿאַנטאַזיע פֿון אַ פֿעיִקן רעזשיסאָר לאָזט עס איבער אַ ברייט פֿעלד אַרײַנצובויען אינטערעסאַנטע און נייטיקע קאַפּיטלען פֿון יידישן לעבן איבער די קאַנאַלן. סוצקעווער, ווי ניט ווייניק אַנדערע יידישע טאַלאַנטירטע שרײַבערס, האָט אפשר צו ווייניק איניציאַטיוו און אַמביציע פֿאַר עפּעס אַזוינס, וואָס ליגט ווי אַן אוצר פֿאַרוויקלט אין זײַן ווערק. אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער בינע וואָלט געהיימשטאָט געקענט ווערן אַ דראַמאַטישער שעדעווער, און פֿאַרן פֿילם — וואָלט עס פֿאַראייביקט די גבֿורה און קדושה און לײַדן פֿון אַ פֿאָלק אין בילדערישער שריפֿט, כּדי צו בלײַבן אין פֿילם־לשון פֿאַר די ווײַטערדיקע דורות. מ'דאַרף נאָר פֿאַרמאָגן די וויזיע און ענטוזיאַזם עס אויסצופֿירן, ווי אַ גוטע פּאָזיטיווע אידעע.

סיביר און געהיימשטאָט זענען צווײ מערקווערדיקע ווינקלשטיינער אין סוצקעווערס פּאָעטישן בנין פֿאַר די ערשטע צען יאָר. די דראַמע פֿון געהיימשטאָט, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין די אונטערערדישע קאַנאַלן פֿון ווילנע, נאָך דעם ווי די געטאָ איז ליקווידירט געוואָרן — סעפּטעמבער 1943 — איז אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיק. די בלוט־און־פֿלייש פּערסאָנאַזשן טראָגן אין זיך מענטשלעכע שפּירעוודיקייט: וואַרעמקייט, ציטער, פּחד, צו מאָל אויך רגעס פֿרייד, וואָס יאָגט צו כּסדרדיקער אַנטרינונג, ווי זייערע אײנציקע לעבעדיקע שכנים — די מײַז. מיט מאַגישער קראַפֿט האָט סוצקעווער אין יעדן פֿון די צען אַרײַנגעהויכט אַ לעבעדיקע נשמה, אין אינטימיטעט מיט דער סבֿיבֿה, ווי ער וואָלט זײַן געהיימשטאָט פֿאַרכּישופֿט מיט אַ קינסטלערישן תּחיית־המתים.

□

אין ״פֿאַרליד״ און ״נאָכליד״ צו דער פּאָעמע ״טרעט אויף״ סוצקעווערס סימבאָלישער און פֿריִער שוין באַגעגנטער ״מאַרגנקינד״. צו אים, וואָס איז ״פֿאַרוועבט אין צײַט און רוים״, גיט סוצקעווער איבער ״ס'געמעל״ פֿון דער אונטערערדישער שטאָט. ער פֿילט און וויס, אַז די ״געשטאַלטן״ וועלן ניט ווערן ״פֿאַרשווונדן אין דער געדעכעניש פֿון צײַט״ — ווײַל דאָס ״פֿאָלק זאַלבע צענט״ לעבט אין יעדן ״אַ צ י נ ד״ פֿון צײַט — אין אַלע אירע אַצינדן: ״איך לעב אויך דענצמאָל ווען דו זאָגסט אַ צ י נ ד״ — דער ״אַצינד״ פֿון אַלע צײַטן, וואָס ווערט אויפֿגעהיט אין זכר פֿון פֿאָלק.

דער דיכטער רופט צום סימבאָל פון דער צוקונפט:

דו מאָרגנקינד! קום נענטער און איך וועל
פון ווערטערפאַרבן מאָלן דיר אַ ווינקל
פאַרנאָגלט אין דער וואָר.
(דאָרטן, ז׳ 443)

סוצקעווער האָט מיט קינסטלערישע "ווערטערפאַרבן", געמישט מיט "שאָטנס פון מײַן בלוט און גאַל", דעם "ווינקל" פון געהיימשטאָט אויסגעמאָלט. מ'דאַרף באמת זײַן אַ גאָט־געבענטשטער מאָלער, צו קענען מיט פּראַקטיקער פאַרבן־האַרמאָניע, אָן לײַוונט און פּענדזל, צעליכטיקן די פאַרטונקלטע קאַנאַלן און פאַרצאָגטע געמיטער פון אַזאַ מיניאַטור־פאָלק — "אַ פאָלק זאַלבע צענט".

אין ערשטן קאַפּיטל, "אַ פאָלק זאַלבע צענט", טרעפן מיר דעם דיכטער "אין טיגל פון יידפאַרגאַנג": "דעם טיגלס אַ שמעלצונג — מײַן גוף איז געלעגן / פאַרשאָטן, ביז נאַכט איז געקומען צוקאָפּנס". און ווען ער האָט "זיך געשאַרט דורך די געסקעס די אַלטע" — "אַ פרוי שטעלט זיך אָפּ". זי האַלט אַ קינד "אויפן אָרעם" און זאָגט צו אים: "פאַרמאָגסטו קיין אַנדערן בעסערן וועג ניט — / אַהער, קום אַרײַן אין געהיימשטאָט און פרעג ניט". (דאָרטן, ז׳ 444).

דער "קום" דערמאָנט אין אַן אַנדער "קום!" פון מיט 40 יאָר פריִער, ווען דער נאַציאָנאַלער פּאָעט ח.־נ. ביאַליק האָט נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם, אין 1904, אַרײַנגעשניטן זײַן ספּאָנטאַנעם אַרויספּאָדער צו זיך אַליין: "...פון שטאָל און אײַזן, קאַלט און האַרט און שטום, / שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענטש, — און קום! /קום גיי אין שחיטה־שטאָט". דער ערשט 30 יעריקער פּאָעט סוצקעווער האָט שוין געהאַט אויסגעשמידט זײַן אייגן "האַרץ פון שטאָל און אײַזן", בעת ער איז געלאָפן פון דער "געקוילעטער שטאָט", ווען ביאַליק האָט זיך געזאָלט מאַכן אַ האַרץ אַהין צו גיין — אָן מורא פאַר זײַן אייגן לעבן.

סוצקעווערס וועג, וועמען "עס איז באַשערט געווען צו זײַן אַ גרויזיק־שטילער לאָקערדיקער עדות פון פּײַן", איז אַצינד געגאַנגען פון אַ שחיטה־שטאָט צו אַ געהיימשטאָט. ער האָט ניט געהאַט וואָס צו "פאַרלירן", ווײַל

וואָס קען דען פאַרלירן אַ לעצטער, אַ לעצטער
אויף געסלעך צעשטעלטע ווי גלײַכע שטײַגן?
(דאָרטן, ז׳ 445)

און סוצקעווער פאַרצייכנט מיט כראָניקאַלער פּינקטלעכקייט די דאַטע, און טאָקע על־פּי דעם ייִדישן לוח:

תש"ג, חודש אלול, כ"ג. ניטאָ מער
אין ווילנע קיין ייִדן. די לעצטע טראַנספּאָרטן
אַוועק, ביז צו קומען, אין האַרבסטיקן יאָמער.
(דאָרטן, ז׳ 449)

ער ווערט געפירט דורך "דעם תהום פון קאַנאַלן", ווו ס'איז געוואָרן "דער איינציקער אונדז מקום־מיקלט". מיט אינזשענירעשער פּרעציזקייט לייגט אויס סוצקעווער דעם פּלאַן פון די קאַנאַלן, ווו אויבן "לויפן" לופטיקע גאַסן, אונטן — "אַן אייביקער שמוץ ווי גיהנומדיק פײַער". שפּעטער, לויט אַ סוצקעווערישן עטיקעט, שטעלט ער אונדז פאַר "די אַלע פאַרשווינען — — וואָס באַוווינען די וואַסער־פּאַלאַצן". אין די שורות פאַרנייגן זיך די אויסגעקליבענע דורך אים גורל־כאַראַקטערן, וואָס האָבן "אַהער צו געגנידערט. / געגנידערט — און מיטן געשטאַנק זיך פאַרברידערט" (דאָרטן, ז' 449). כּדי זיך צו באַקענען מיט די ה ע ל ד ן פון געהיימשטאָט און דערפילן זייער איבער־מענטשלעכן אויסדויער, זייער גײַסטיקן כּוח און אומגעהײַערן גרעאַנגל פאַרן פיצל לעבן, מוז דער לייענער זיך אָפּשליסן ביחידות מיט דער דאָזיקער איינמאַליקער שאַפונג און עס לייענען מיטן יידישן טראָפּ פון זײַן האַרץ און נשמה. "אין דער ווילדער פאָעמע", ווי סוצקעווער רופט עס, אפשר סאַרקאַסטיש, האָט זיך אויפגעוויקלט די מגילה פון לײַדן און קאַמף אין איר גאַנצער ג ל אָ ר י ע, און איבערן פּאָעטס קאָפּ האָט "די גילדענע פּאַווע, צעשפּרייט אירע ווייכע שמאַראַגדענע פליגל". אויב ס'איז געווען און ס'איז נאָך פאַראַן זינגעוודיקייט און שיינקייט אין צער פון אומקום, האָט סוצקעווער מיט געהיימשטאָט דעראָבערט פאַר זיך די קרוין פון גרויסמײַסטער. די לירישע בילדער און עמאָציעס, בענקשאַפטן, ליבשאַפט און אומעט, וואָס בליצן מיט פאַנטאַסטישער ליכט, שפּיגלט זיך אין אַ טראַגישער איבערדימענסיע אין געהיימשטאָט. ווען דער פּאָעט פאַרבענקט זיך "נאָכן סיריוס און וועגאַ — איז האָט זיי מײַן בענקשאַפט געבראַכט אין אַ רגע". דער טעלעפּאַטישער חלום־קאָנטאַקט מיט די שטערן, איז בײַם פּאָעט דער וווּנדערלעכסטער אַקט פון אויפהאַלטן דאָס לעבן, דעם דופק פון פעלד און די געווירצן פון היים.

□

געהיימשטאָט איז אויסגעהאַמערט פון איין שטיק יידישגאָלד, באַפּוצט מיט פײַנער לירישער אָרנאַמענטיק און פּאָעטישער בילדערישקייט. הינטער איר פאַסאַד הייבט זיך אַרויס אַ גרויסע געשטאַלט: איר אַרכיטעקט און בויער, וואָס האָט אײַנגעשלאָסן אין איר ראַם די העלדן־געשיכטע פון געטאָ־אונטערערד. די רעאַליסטישע פאַבל, מיט אַלע אירע עפעקטן, בײַטענישן, סורפּריזן, קאָנפליקטן, דראַמאַטיזירט דעם סיפּור־המעשׂה ביז אַ קלימאַקס און פאַרוואַנדלט עס אין אַן אוניווערסאַל ווערק. סוצקעווער אָפּערירט ניט מיט מיסטישע מעטאַפאָרן, אָבער דערפאַר איז פילעוודיק דער מיטאָס פון לעבעדיקן העלד, פון יידישן מענטש, זײַן גבֿורה און גלויבן אין לעבן. די אידעע באַוועגט זיך צילבאַוווּסט אין די רעלסן פון יידישער געשיכטלעכער דיאַלעקטיק: חורבן און אומקום וואָס פירט צו אויפקום, צו תּקומת־ישׂראל. דער מײַסטער פון געהיימשטאָט דערמאָנט זײַן מיטשפּיל אין דער דראַמע בלויז מיט עטלעכע שורות, אָבער מ'פילט די גאַנצע צײַט אַז ער איז דער גײַסטיקער מעכאַניזם פון ווערק. און "אויב דו ווילסט דווקא דערשנאַפּן" זײַן ראָלע, גיט ער דיר דעם שליסל: "גראָב טיפער זיך אײַן אין די שאָטנס און ליכטער פון זײַנע חבֿרים, דאָרט וועסטו דערזען אים". אים, דעם פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער, וואָס ער איז אײַנגעגײַסטיקט אין זיי, הגם יעדער

פון זיי איז אינדיווידועל אַ באַזונדערע וועלט. מיר פילן אָבער די קינסטלערישׂ גײַסטיקע שטריכן וואָס סוצקעווער האָט אַרײַנגעקריצט אין זייער ערדישער פיזיאָנאָמיע.
די געשטאַלט פון "פּרוש" איז אַרויסגעבראַכט מיטן גאַנצן פרומען רעקוויזיט און מיט אַ צוגאָב אויסטערלישקייט. "דער פּרוש אויפן שולהויף" איז אַ פּראַכטיקע שילדערונג פון חורבן און קדושה. אין דער שאָטנוועלט באַגעגנט ער דעם ניכטערן נקמה־צע־ברענטן פּאַליען, וואָס זוכט אין דער "נאַכט פאַר יום־כּיפּור" זײַן הייליקייט — די שווערד. סוצקעווער האָט דאָ דעם לעגענדאַרן ספר וסייפא ירדו כּרוכים מן השמים דערהויבן צו אַ ממשדיקן סימבאָל: דער פּרוש האָט "באַהאַלטן אין טאָרבע — — צעוואָלגערטע ספרים — — צעפלויגענע שמות", און פּאַליע האָט "אין די חרובֿע היימען געזוכט דורך די נאַכטיקע שעהען אַ תּיקון און ענדלעך געפונען — — אַ באָמבע — — און ווען מ'האָט צוריק אין געהיימשטאָט געגנידערט — / האָט ספר מיט באָמבע געהיים זיך פאַרברידערט". נאָך מער אויסטערלישע קאַפּיטלען פון מענטשלעכער טראַגיק און ביזאַרער שיינקייט קיטלען זיך דורך דער פּאָעמע, ווי אַ שטייגער "מזל־טובֿ", ווי קריינע, וואָס לעבט אין אַ "גלאָזיקע ערד", דערציילט, בעת זי גייט צו קינד, די אומ־געוויינלעכע מעשׂה פון איר שוואַנגערשאַפט.
סוצקעווער האָט אויך אַרײַנגעבראַכט מאָמענטן פון געזונטן הומאָר, כּדי דעם אונטער־ערדישן חושך צו פאַרמינערן. די קאָמיש־טראַגישע געשטאַלט פון "דעם פּליט אַראָנע — — דעם פּליט פון האַמבורג, וואָס רעדט ניט קיין ייִדיש", ווײַל ער "באַטראַכט אונדזער לשון פאַר גרעסטער סכּנה". ווען "דער הונגער פאַרשטומט ניט" — און סוצ־קעווער, ווי אַ בקי, מאָלט דעם הונגער מיט רעליעפע בילדער און איינציקאַרטיקע סופּערלאַטיוון, — געפינט "אַראָנע אַ פאַרוואָלגערטע ציבעלע", און "עס קאָן אים חלילה דער ציבעלע־ריח פאַרראַטן — — דער ציבעלע־ריח איז עפּעס ניט אַריש". די אַקרײַ־טשיקעס הומאָר בײַסן זיך געשמאַק אײַן — און הײַטערן־אויף די שטימונג.
אַ צענטראַלע פיגור איז דער אויבן דערמאָנטער פּאַליע, אַ פּראָטאָטיפּ פון דעם יונגן דור, וואָס איז צוליב דער מאַמען געגאַנגען מיט איר אין געהיימשטאָט. אָבער ער פילט אַז זײַן וועג און זײַן אמתע שליחות איז פאַרבונדן מיט קאַמף קעגן שׂונא און נקמה אין אים. די טראַגישע, ניט צו שטאַנד געקומענע ליבע צו דבֿורל, וואָס ווערט "פאַרלאָשן" צוזאַמען מיטן קלאַנג פון "די טויבן־קלאַווישן", ווערט איבערגעשמאָלצן אין אַ ריינע, שיינע ליבע צום פּאָלק. דבֿורלס גרוס צו איר "שוועסטער אין חיפה" און דעם גרוס פון "ברידער סקעלעטן" אויף "פעלדער פּאַנאַרער", מיט "אַ זעקעלע שטויב" פון די קבֿרים, נעמט פּאַליע מיט צו "צעשפּרייטן אין ירושלים".
געהיימשטאָט וואַקסט אויס צום קלימאַקס פון ייִדישער פּאָעזיע פון אמת, געשריבן מיט האַרץ און חכמה. ס'איז ייִדישע שיינקייט, האַרציקע ליבשאַפט און ליכטיקער הומאַניזם. אַבֿרהם סוצקעווער האָט זיך אין דער פּאָעמע דערגרונטעוועט צו דער נשמה פון לײַדנדיקן און גאולה־זוכנדיקן ייִד. אין די פינצטער־בלינדע קאַנאַלן פון "די סימפאָניע פון מײַז", שפּילן אויך טענער פון מענטשלעכער נאָבעלקייט, פרײַגיביקייט און פאַרגעביקייט. סוצקעווער האָט מיט אומגעוויינלעכן טאַלאַנט און מיטן סובסטאַנץ פון נשמה־פײַער געצונדן די ברילאַנטיק־פינקלדיקע פונקען פון געהיימשטאָט, און אויפגעשטיגן צו די העכסטע שטאַפּלען פון פײַן־ראַפינירטער קונסט.

# יידישע גאַס *

(פּאָעטישע ווערק, באַנד איינס, זז׳ 541־606)

פון געהיימשטאָט, דער טיפסטער און קינסטלערישסטער עפּאָס פון יידישן אומקום, פירט לאָגיש און קאָנסעקווענט אַ גײַסטיקער קאַנאַל צו דער אָפענער, שוין באַפרײַטער „יידישע גאַס“, פון נאָך דער מלחמה. די בײַ־אָפּטיילן אין סדום און צו פוילן ברענגען נאָך בולטער אַרויס די חרובֿע יידישע גאַס: די „אָפּגעברענטע שטעט“, וואָס וועלן שוין קיין מאָל קיין ״תחית־המתים״ (לידטיטל, דאָרטן, זז׳ 541־542) ניט אויפשטיין. דער דיכטער וואָס זוכט „דעם שופר של משיח“, געפינט אָבער אַן אַנדער שופר, זײַן אייגענעם „גײַסט“, וואָס אויף אים האָט ער אָנגעהויבן בלאָזן — „צום אויפוועקן חבֿרים“, זיי אָנזאָגן די בשורה און וועקן צום לעבן: „ווערט לעבעדיק, די וועלט איז איצט אַ פרײַע“, און זיי שלאָגן אָפּ די גוטע כוונה: „— מיר ווילן ניט, אַוועק, דײַן ערד איז טמא“. אפשר מער ווי זיי קענען ניט, ווילן זיי מער ניט צוריק קומען צום לעבן. צו לעצט רופט זיך אָפּ „בלויז איינער, מיט אַ שטים אַ ניט־געהערטער — —: לייז מיך אויס, באַשערטער — — —“, און דער „איינער“ איז „גאָט. איך האָב אַ מאָל געלעבט אין דײַנע ווערטער“. ס׳איז דער רייַנער אמת פון יענע טעג, אַז גאָט אַליין האָט געדאַרפט האָבן זײַן תחית־המתים.

די לידער פון יידישע גאַס זענען געשריבן אין מאָסקווע און ווילנע — 1945־1946. סוצקעווער דערמאָנט זיך, אַז ״אַ מאָל איז געגאַנגען אַ רעגן״ (לידטיטל, דאָרטן זז׳ 543־545). הײַנט איז דער חורבן־סימן: עס „גראָזן מער ניט אַרויס קיין גראָזן“, נאָר „אַ צעקאַרבטער וועג, / וואָס האָט ניט קיין אויסוועג וווהין צו פירן // און ניט קיין רעגן־בויגן גייט אויף — / נאָר אַ שטיינערנער פויסט אין זיבן קאָלירן“. דער „פויסט“ וואָס האָט צעשמעטערט די יידישע גאַס.

סוצקעווער קומט צוריק קיין ווילנע, פרילינג 1945, און געפינט „עס וואַקסן דערנער אויף מײַן מאַמעס הויז“ — און „די שוואַרצע דערנער זענען איצט מײַן תהילים“. (״שוואַרצע דערנער״, דאָרטן, זז׳ 546־547). אין בענקשאַפט צו דער „מאַמעס גײַסט“ און, מסתמא, קינאה צו די ״שוואַרצע דערנער״, „בעט“ ער: „טו מיך אויך ווי זיי פאַרפלאַנצן, / איך וויל דאָ לעבן, / גוט איז מיר דאָ, גוט“. פון דער „מאַמעס הויז“ צו דער „שטעכיקייט“ פון טרויער אויף חבֿרים, פירט דער וועג ״צו לייזער וואָלפן״, וואָס איז „געוואַקסן אויף יידישע גאַס“. ס׳איז אַן עלעגיע פון ליבשאַפט און פאַרהערלעכונג צום דיכטער, וואָס איז געוואָרן „פאַרטויזנטאיינגאַכטיקט אין העק אַשכאַבאַד“: „דו פּראַכטיקער שטאַמלינג פון איובֿ און מאָטקע חבד“ — פינף סטראָפעס פול מיט אָריגינעלע סופּערלאַטיוון און אימאַזשן. אָט: „עס טראָגט איצט אַ הויקער צוויי עמערס מיט בלוט“ פון „היימישן ברונעם“ — „פאַרכאַפּט האָט דער הויקער מיט צויבערשטיק דײַן מעטראָפּאָליע“. דער הויקער איז דער בלוטדאָרשטיקער „שכן“, וואָס „באַהאַלט זײַנע היינערשע פיס“. אפשר נאָך מער אימהדיק ווי פּאָ׳ס ראָב קומט דאָ די „ספינק־

---

* יידישע גאַס: ניו־יאָרק, פאַרלאַג מתנות. 1943. 203 זז׳.

סענע קאַץ״, וואָס ״גיט אַ שפּרונג בלינדערהייט און מיאָוקעט מיט גרים דײַנע גראַמען בײַ אים אויפן גאַרגל״. אַ גרויליק־פאַנטאַסטיש בילד ,וואָס מ׳קען ניט פאַרגעסן. סוצקעווער האָט אויף די פרישע חורבות פון ייִדישע גאַס אויך געזונגען ״צום געצן־דינער״ (טיטל, דאָרטן, ז׳ 549), וואָס האָט פון זײַן ״גײַסט פאַר זיך אַ קאַלב געשמאָלצן״. פאַר די אַנטלויפער און פאַרלייקענער ,וואָס האָבן ״פאַרביטן די נשמה אויף אַ קאַלב״, געפינט ער אויך אַ טרייסט — אין ״צוריק דערזען די קינדהייט פון דײַן (אייגענעם) נאָמען״. אָבער מער ווי מוסר ״צום געצן־דינער״ זוכט ער זיך און זײַן ״וואָרט״: ״צום דינעם אָדערל אין קאָפּ פאַרטרוי איך זיך אין גאַנצן״, ווײַל פון אים ״מײַן וואָרט זיך נערט״. דער דיכטער האָט מער ״פאַרטרוי״ צום קאָפּ, וואָס וועט ניט פאַרפירן אין אויסקלײַב פון וואָרט און שיינקייט:

צום דינעם אָדערל אין קאָפּ פאַרטרוי איך לעצטע שיינקייט:
אַ ווינט. אַ בינטל גראָז. דעם לעצטן שטערן פון דער נאַכט.
(דאָרטן, ז׳ 550)

סוצקעווער זוכט אויך אַנדערע וועגן צום וואָרט: ״איך האָב געזוכט דאָס ניט־אַנט־פּלעקטע שווײַגן — / כּדי דורך דעם דערגרונטן זיך צום וואָרט״. (דאָרטן, ז׳ 551). און ״אַ ווערעמל״ — ״דעם שווײַגנס אַ באַגרינדער״, — ברענגט אים צום וועלטס באַרימטן שווײַגער — ״דעם שטיין״: ״דאָ ווינט דאָס שווײַגן, / נעם דעם שטיין צע־שפּאַלט״. ער פּרוווט דאָס טאָן — מיט די ״אָרעמס״, מיטן ״שאַרבן״ — און צום סוף: ״מײַן ל ע צ ט ע טרער האָט אויפגעפּראַלט זײַן מיט. // און ווונדער איז געשען: אַ גאָלדן פונקל / האָט דורכגעשוויגן מײַן געלימטע צונג — — דאָס האָט דאָס שווײַגן זײַן מלאך־וואָרט מיר פאַטעריש פאַרטרויט״. דאָס איז שוין אַן אַנדער מין ״פאַרטרוי״. גראָד אין מאָסקווע האָט סוצקעווער דעמאָלט — 1945 — געשריבן ״אונדזער גלויבן״ (לידטיטל, דאָרטן, ז׳ 553), וואָס איז פול מיט רעליגיעזע אַטריבוטן און נאַציאָנאַלע סימבאָליק: ״אונדזער גלויבן איז אַ שיימע דורכגעבלויט פון אַלטקייט / ווו אַנטבליטע פּסוקים פירן שלאַכטן מיטן שקר״. אַפילו אין יענע כּמו מילדערע ווינטן, איז געווען עטוואָס ריזיקאַליש צו שפּילן זיך מיט ״אונדזער גבֿורה איז אַ טויב אין נעסט פון אַ פּרוכת״, ווו עס זינגט־אויף אַזאַ אומצווייטײַטיקער אָנשפּיל אויף —

אונדזער בענקשאַפט איז אַ הײַפל פּראָסטע ערד, פון וואַנען
ס׳הימלט אַ תּנכן־בוים באַרינגלט מיט מידבריות.
און להכעיס אַלע אומגליק־זיכערע טעאָריעס —
ציִען זיך אַהין צו קאַראַוואַנען, קאַראַוואַנען.
(דאָרטן, ז׳ 553)

**3—4 יאָר** שפּעטער וואָלט סוצקעווער זיכער באַצאָלט אַ צו טײַערן פּרײַז פאַר אַזאַ אַרויסרופעריש ״להכעיס״ — האָט אים די קלוגע באַשערטקייט געבראַכט באַצײַטנס אין לאַנד פון ״תּנכן־בוים״. אין נאָוועמבער, זעלבן יאָר, האָט ער ווידער געשריבן,

אין מאָסקווע, אַ ליד, "דער לײַכטער" (דאָרטן, ז' 554), אין גײַסט פון טראַדיציאָנעלער ייִדישער סימבאָליק. ס'איז "אַ זעונג", — אַ "לײַכטער", וואָס ער באַמערקט "צווישן דערנער", ווו די חורבן־געדענקשאַפט קומט אויף אין סימבאָל פון "אַ ליכט אויס געלע וואַקסן", וואָס "נעמט וואַקסן" ביז "אין די שטערנדיקע הייכן".

אין 1946, אין מאָסקווע, שרײַבט ער די לעצטע צוויי לידער. "בעסער לעבן" (לידטיטל, דאָרטן, ז' 555), איז שוין דאָס דעפיניטיווע געזעגנונג פון לעבן ניט אין "שאָטנלאַנד". אויף דער מאָנונג: "אָ, דיכטער דיכטער, למה עזבֿתּני", עכאָט אָפּ דער ענטפער: "בעסער לעבן", וואָרעם דאָס איז זײַן דיכטערישע שליחות: ווײַזן די מענטשן דאָס לעבן. דאָס צווייטע ליד, געשריבן מיט אַ "קויל" אויף אַ "גוף מיט קאַלטער הויט", ווײַל "דער גוף האָט אָנעם ליד פאַרבלײַבן ניט געקענט". די סיבה: "זײַן גײַסט האָט נאָך דער גסיסה / ניט געקענט אַרויס פון תּפיסה". און סוצקעווער, מיט גוף און גײַסט, איז באַצײַטנס אַרויס פון דער פּאָטענציעלער תּפיסה.

אין 1946, ווען די לידער זענען געשריבן געוואָרן, האָבן נאָך ייִדן פון דער שארית־הפליטה געפּרוווט צוריק רעסטאַווירן די ייִדישע גאַס אויף די חורבֿות פון מיזרח־אייראָפּע. זי איז אָבער שוין ניט געווען די גרויסע ליכטיקע ייִדישע גאַס, הגם זי האָט זיך נאָך געפּוצט מיט דער גײַסטיקער קולטור־ירושה פון פאָלק און זײַן ייִדיש לשון. און די ביידע גאַסן — די פון ערשטיקן נעכטן און די פון פרישן הײַנט — זעט סוצקעווער, מיט זײַן אויסגעשאַרפטן חוש האָט ער אָבער אינטויִטיוו דערפילט דעם אָנאַכראָניזם פון אַ נײַער ייִדישע גאַס, וואָס איז שוין בײַ איר אָנהייב געווען פאַרשמירט מיט ייִדיש בלוט. די אַ ייִדישע גאַס האָט שוין לכתחילה געטראָגן אין זיך די סכּנה פון איר צעפאַל. און סוצקעווער האָט מיט טרויער און שטאָלץ אויסגעזונגען איר לעצט־קייט. דאָ באַמערקן מיר נאָך שטאַרקער דעם פּאַראַדאָקס: וואָס מער די ייִדישע גאַס, פריִער — אויך די געטאָ, האָט זיך געבראָכן, אַלץ שלמותדיקער האָבן זיך אַרויסגעזונגען די נײַע לידער, ווי סוצקעווער וואָלט, אפשר אומבאַוווּסט, געוואָלט געבן אַ תּיקון דעם ייִדישן לעבן און דעם לעבן־געבליבענעם ייִדן.

און אויב אַפילו די ייִדישע גאַס איז ניט געווען דער אידעאַל פון פּאָעט סוצקעווער, ווי פון אַ סך אַנדערע, איז זי אים אָבער געווען אייגן און נאָענט רוחניותדיק. זי איז געווען זײַן וועלט אין דער אוניווערסאַלער וועלט פון ליד, וואָס דער חורבן האָט אים נאָך מער אויסגעשליפֿט. דאָ קומט־אויף דער קרעאַטיוו אינאָוואַטאָרישער פענאָמען: סוצקעווער איז געוואַקסן ניט נאָר אויף, נאָר מיט זײַן ייִדישע גאַס, אויך נאָך דעם, אין ישׂראל, און ער איז געווען און געבליבן איינער פון די שענסטע וווּנדערס וואָס זי האָט פּראָדוצירט. פון דער ענגער גאַס איז אַרויסגעוואַקסן דער סוצקעווער־אוניווערס, דער הימל ווו עס נעכטיקן די שטערן פון אַ נײַער ייִדישער פּאָעזיע.

די זיבן לידער פון דער ביי־אָפּטיילונג זענען געשריבן אין מאָדערנעם סדום — בער־לין, נירנבערג, פירט און לאַנדסבערג — צענטראַלע פּונקטן פון יידישן אומבּרענג. פעברואַר, 1946, שטייט סוצקעווער ביים "בראַנדענבורגער טויער" און מעדיטירט מיט גרויליק רעאַליסטישע פּאַראַלעלן. דער פּאָעט זעט אין זיין "אומרו" — "אַ געטאָ־טויער, פריש פון האַק און זעג". דער דמיון פון געטאָ־טויער פאַרפאָלגט אים ביז "אין פינצטערן בערלין", ווו ער ווערט צוריק "אין בראַנדענבורגער טויער אַ פאַר־וואַנדלטער". און "...אַנטקעגן זומפּט אין זונפאַרגאַנג דער סדום / צוזאַמען מיט אַ קלויסטערשפּיץ אַ גאָטישן" (דאָרטן, ז' 557). דאָס איז וואָס סוצקעווער האָט געפילט. נאָך דעם דרייט ער זיך, אין אייראָפּע, "אויפן מאַרק", ווו "דער בירגער" האָט "זיין נשמה — שוין לאַנג פאַרשאַכערט פאַר אַ הונדערט מאַרק", און איצט — "די אויסגע־רויבטע קליידער פון מיין הויף". ווערט דעם פּאָעטס "בלוט — אַ פאַרסמטער קוואַל", ווען ער גייט "אין מאַרש פון אינטערנאַציאָנאַל — ד ע ר א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל פ ו ן ט ו י ט ע ז אַ כ ן". און געבראַכט האָט סוצקעווערן אין סדום ניט דער "בראַנ־דערבורגער טויער" און אַוודאי ניט דער "מאַרק", נאָר געקומען איז ער עדות זאָגן "פאַרן נירנבערגער טריבונאַל" (לידטיטל, דאָרטן, ז' 560). און די איבערלעבונג האָט געקלעקט פאַר אַ ליד פון בלויז אַכט שורות.

די אַכט שורות זענען געווען גענוג אויסצושרייען די אַנטוישונג פון מאָנען "גערעכטשאַפט פאַר מיליאָנען — — נאָר די מיליאָנען זענען דאָך נ י ט אָ". ניט קיין צאָרן, ניט קיין עקל, נאָר אַ ניכטערע קאָנקלוזיע און אַ פּאָזיטיווער אויסרוף: "— מיין פאָלק! דו וועסט נאָך שמידן אַזאַ שווערד, / אויב גאָט איז שוואַך צום אויפמאָנען דעם חלק! — —" אַפילו די גרעסטע פּאָעמע וואָלט געווען צו קליין צו שילדערן "די רישעות" פון דעם געמישפּטן רוצח האָט סוצקעווערן דאָ מער געאַרט דער קרבן — זיין פ אָ ל ק.

אָבער דערפאַר האָט ער מער אָטעם צו באַזינגען "דריי נעגערס" (לידטיטל. דאָרטן, ז' 561)), וואָס "איינער דערקענט אָן מיין אומרו, אַז איך בין אַ ד ז ש ו". יעדער פון די אַמעריקאַנער נעגער־סאָלדאַטן "דערציילט": דער ערשטער — "ווי ער האָט קיין בעלזן געאיילט אויף אַ טאַנק". דער צווייטער — "ווען ער האָט דעם טויער צע־שמעטערט — געגאַנגען איז נאָך פונעם קוימען אַ פיצעלע רויך". דער דריטער גיט בלויז אַ זאָג: "— אַ שאָד, מיינע פריינד, וואָס די טרערן ביי אונדז זענען ווייסע!" דאָס ליד איז געשריבן אין נירנבערג, די שטאָט פון די ראַסן־געזעצן. פון דאָ איז נאָר אַ שפּרונג "אין שטרייכערס פּאַלאַץ" (לידטיטל. דאָרטן, זז' 562־563). סוצקעווער, מיט "זעכציק לאַגערניקעס" — "אין רויט געשניצטן שלאָס" און "פ ר ץ וואַרפט אַ בליק מיט ווי און שטויבונג — — פון דער וואַנט". און "סאַבאַ" זינגט "דאָס ליד 'מיר זענען ניט פאַרגאַנגען'" — "און דער פּאַלאַץ וויברירט אין אַ הוראַ". וואָס פאַראַ פריידיקע נקמה סוצקעווער האָט דאָ פאַרלידערט!

"איידער" סוצקעווער האָט "פון בערלין פאַרקערעוועט", האָט ער נאָך "פאַרשריבן לזכּרון" אַ דערמאָנונג־ליד וועגן "בערלינער זיידע" (לידטיטל, זז' 564־565): מ'האָט אים

״קיין בערלין געפירט צום פּראָפעסאָר״ און ״ער איז אויסגעגאַנגען אונטער שנײַדנדיקן מעסער״. און דער זיידע בעט: ״נעם מיך מיט, — פֿאַרפּלאָנץ מײַן חלום אויף אַן ערד אַן אַנדער״. — — ״ווײַל איך קען שוין מער אין אָט דער פֿינצטערניש ניט אָרטן...״ דער אייניקל־פּאָעט דערפֿילט זײַן בקשה און נעמט אים מיט אין זיך:

זיידע, זיידע, ביסט אין מיר און איך וועל ברענגען דו דיר,
דורך די אַפּלען מײַנע בליצן אַלע דײַנע יאָרן!
(דאָרטן, ז׳ 565)

דאַרף מען נאָך אַ גרעסערן חסד של אמת?

און ס׳לעצטע ליד פֿון אין סדום איז געשריבן אין גרעסטן ייִדישן נאָכמלחמה־לאַגער פֿון דער שארית־הפּליטה אין לאַנדסבערג. דער טיטל פֿון ליד קלינגט ווי אַ קול קורא: ״צו די ייִדן אין דײַטשלאַנד״. דער דיכטער זינגט פֿון אַ פֿאַרפּײַניקט געמיט: ״אויף אָט דער ערד, וווּ אויך דער סאָלאָוויי / לויפֿט נאָך מיר ווי אַ האַק ווּהין איך גיי״, האָט ער דערזען די ״שפּליטערס פֿון מײַן שטאָם — ווי מענטשן פֿון אַ שיף אַראָפּ אין ים״. און ״בלויז אויף דער נשמהס גרונט / ווי דימענט האָט איר מיטגעבראַכט די פֿרײַהייט״. בולט דערפֿילט דער פּאָעט דעם ברויזיקן ווילן פֿון ״דאָס פֿאָלק״ וואָס שטייט ״בײַם ראַנד, און שטערנט זי (די פֿרײַהייט) אַריבער צו דעם לאַנד / וווּהין איר זענט אין חלום שוין געקומען״.

אין די ייִדישע לאַגערן אין דײַטשלאַנד, אין לאַנדסבערג בפֿרט, האָבן דעמאָלט קאָמי־סיעס פֿון אַמעריקע און פֿון בעווינס ענגלאַנד געפֿאָרשט דעם מצבֿ: וווּהין ייִדן ווילן פֿאָרן. די שארית־הפּליטה האָט זיך אידעיִש סאָלידאַריזירט מיט עליה קיין ארץ־ישׂראל, און סוצקעווער, וואָס איז דעמאָלט אויך געווען אויפֿן וועג צום זעלבן ציל, האָט אויפֿגעכאַפּט דעם צעפּלאַקערטן אָטעם פֿון די טויזנטער און צו זיי גערופֿן:

איר זענט ניט מער קיין לעצטע, נאָר איר זענט
די ערשטע פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט דערקענט
זײַן אי ך.
(דאָרטן, ז׳ 566)

די גרויסע געזעגענונג־פּאָעמע, צו פּוילן, איז דער בײַאָפּטייל פֿון זײַנע לעצטע ליי־דער, געשריבן אין אייראָפּע, — וואַרשע, לאָדזש, פּאַריז א״א שטעט וואָס ער האָט דורכגעוואַנדערט, — פֿאַר זײַן אָפּשווימען אויף דער שיף ״פּאַטריאַ״, אין סעפּטעמבער 1947, קיין ארץ־ישׂראל, מיט דער זעלבער ״ציון־בענקשאַפֿט״, ווי דער גרויסער משורר ״הלוי״. פֿון דעמאָלט איז אַבֿרהם סוצקעווער אַ תּושבֿ אין דער מדינה, וואָס איז אַ יאָר שפּעטער פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי די אומאָפּהענגיקע י ש ר א ל. ווען ער האָט דערזען ״אַנטקעגן שוועבט מיר דער גליל — זונען זעקס מיליאָן אין זײַנע טויען״ — לזכר דעם זעקס־מיליאָניקן אומקום — האָט ער זיך אויף תּמיד געזעגנט מיט זײַן טראַגישן עבֿר און ״היימערד״. ער איז געווען אין בליִענדיקן עלטער פֿון 34 יאָר און פֿול מיט שע־פֿערישער ענערגיע.

## צו פוילן

(דאָרטן, ז׳ 564־577)

די פּאָעמע האָט פּול־אָטעמדיקע ה קאַפּיטלען, אין אַ וווּנדערלעך מוזיקאַלישער ריטמיק. ס׳איז אַ סערענאַדע צו פּוילן — אירע ייִדן און גויים, אירע דיכטער און זייער גײַסט פֿון הומאַניזם, אויך די פֿינצטערע חורבן־עפּאָכע — מיט ברכה און שטאָלץ אויף די אויסגעשטערקטע הענט צו הילף און שוץ, און מיט חרפּה און קללה — אויף די צו רויב און מאָרד. זי איז געשריבן אין קלאַסישער פֿאָרעם, מיט אַן אַרומנעמענדיקן אינהאַלט פֿון די תּקופֿות פֿון גוטער שכנותשאַפֿט פֿון ביידע פֿעלקער: ייִדן און פּאָליאַקן. הייבט זיך עס טאַקע אָן מיט אַ משפּחהדיקער ווענדונג: "דו עלטערע שוועסטער פֿון היימערד פֿון מײַנער!" און דער פּאָעט אַדרעסירט זיך, ווי "דײַן פֿאַרבענקטער ציגײַנער", וואָס "וואָגלט" — "אויף ס׳בײַ איבער דײַנע פֿאַרלאָשענע וועגן". דער ייִדיש־ציגײַנערשער טרובאַדור, סוצקעווער, ברענגט אַרויס ליכטיק, "די פֿאַרבן פֿאַרקלעפּט און פֿאַרלעבט אין מײַן חלום / דײַן הימל, וואָס איך האָב געטרונקען אַ מאָל אים / צוזאַמען מיט פֿייגל־געזאַנג און לעגענדע". ער זוכט זײַן חלום־פּוילן, פֿון איר אַמאָליקייט. — "אין פּוילן איך זוך דיך", און קען ניט פֿאַרבאָרגן זײַנע געפֿילן "אין ערשטער פֿאַרליבטשאַפֿט" מיט איר. די פֿאַרליבטשאַפֿט איז דער אימפּולס, וואָס וויקלט פֿונאַנדער די פּאָעמע אין איר גאָרער שיינקייט. ס׳איז די ראָמאַנטיק פֿון „מיצקעוויטשעס לשון", פֿון "אַ מאָל, ווען געקלונגען האָט גרויס עס / וואָס צוזאַמען מיט ייִדיש. — קרישטאָלענע כּוסות / וואָס קלאַפּן זיך צו איינס דעם צווייטן לחיים". דער לחיים דערמאָנט די גוטע צײַטן, ווען עס האָבן זיך גורלדיק "איבערגעפּלאָכטן די לידער פֿון פּויליש מיט ייִדיש". דאָ זענען צעשטעלט נעמען, אַטריבוטן, סופּערלאַטיווע געווירצן, פֿון ביידע פֿעלקער, וואָס וואַרעמט אָן דעם קלימאַט פֿון דער פּאָעמע מיט אינטימע טענער. סוצקעווערס פּאָעטישער אויסחשבונען זיך מיט פּוילן, ציטערט אויף די צוויי געמיט־סטרונעס: איינע — בענקשאַפֿט צו אירע ליכטיקע זינגער און קעמפֿער און צו זייערע אידעלע טראַדיציעס, אַ צווייטע — טרויער אויף די פֿינצטערע מערדער, וואָס האָבן געטריבן "די ייִדן אין בוינע". דער אויסקלאַנג פֿון דער פּאָעמע איז בײַ "פּרצעס אוהל":

...— נעם אַרויף אויף מײַן פּלייצע<br>
דעם אוהל און וואַנדער אַוועק מיט זײַן ניגון<br>
וואָס גאָר די פֿאַרגאַנגעניש טוט ער צעוויגן<br>
און וועט מיר אַ וועג אין די מאָרגנס פֿאַראַקערן.<br>
(דאָרטן, ז׳ 577)

פֿאַר וואָר, ווי יענער "געטאָ־ייִד", וואָס האָט "בײַם ראַנד" פֿון אוהל "אַ היים זיך געבויט בײַם אַנטרינען פֿון שחיטה, — / די גאָלדענע קייט זאָל דאָ האָבן אַ שליטה", אַזוי האָט סוצקעווער דעם עכאָ פֿון "די גאָלדענע קייט" געבראַכט קיין ישׂראל פֿון פּוילן, כּדי איר שליטה זאָל ווײַטער געדויערן. ער האָט געוווּסט אַז דער חורבן־ניגון

וועט ניט און טאָר ניט פֿאַרגינען אויך אין דער נײַער היים, אָבער ער האָט אויך געאָנט זײַן וועג וואָס ער וועט אים "אין די מאָרגנס פֿאַראַקערן".

□

סוצקעווער איז נאָך דערווײַל אין אייראָפּע, און זינגט צו די ייִדישע גאַס, אומעטום: "ביסט ניט פֿאַרגאַנגען. דײַן פּוסטקייט איז פֿול", ווײַל ס'איז "אומערדיש דײַן גבֿול". אויף אַזאַ אומערדישקייט האָבן "ניט קיין שליטה די פֿלאַמען": ס'איז ייִדישע גאַס פֿון קדושה און חלום און ניגון. ער וויל אַרײַנטריפֿן זײַן טרייסט און ליבשאַפֿט צו איר: "ייִדישע גאַס, לאָמיר שליסן אַ בונד!" זײַן בונד איז אָרגאַניש פֿאַרוואָרצלט אין לשון און פֿאָלקישער בענקשאַפֿט. פֿאַר אים "האָט זיך פֿאַרשטעלט אין אַ גאַס די מוזיק".

ער פֿאַרוויגט זי מיט זײַן ייִדיש־ריטעם, זײַן מוזיקאַלישע ייִדישע לידערגאַס.

מיר באַגעגענען נאָך עטלעכע אויפֿבליצן פֿון חורבן־טעמאַטיק, בעת סוצקעווערס וואַנדער. אַזוי דאָס "ליד וועגן אַ הערינג", ווו ער האָט "פֿאַרמירמלט אין גרויל דאָס בילד" — "בײַ דער אָפֿענער גרוב" — פֿון "אַ קינד מיט אַ בלוטיקן הערינג אין מויל", (דאָרטן, ז' 578). און אָט וויל ער זיך זען ווי "דאָס שערבל" (לידער־טיטל), וואָס ווי ער, "דאָס שערבל זייג איך ביזן אָדערדיקן דנאָ / אַרויס פֿון אײַך די זוניקע יסורים". ס'איז "די אימהדיקע שעה / וואָס אויסגעריסן האָט פֿון אײַך דער שטורעם". (דאָרטן, ז' 579). סוצקעווערס שעפֿערישע עקשנות איז געקומען פֿון דער באַוווּסטקייט אין זײַן פּאָעטישער שליחות, ווי ער האָט זי ערלעך אויפֿגענומען, און דעריבער לייענען מיר מיט אַ שמייכל זײַן כּמו עפּיגראַמאַטיש ליד "מקנא בין איך" (דאָרטן, ז' 580). ער איז מודה: "מקנא בין איך אָפּט דעם קלוגן אייזל — — וואָס אין עקשנות גוואַלדיק איז ער שטאַרק", און "איך בין נישטיק / אַקעגן אייזלהעלד", אין גראַנגל — "מײַן ליד ניט צו פֿאַרהאַנדלען פֿאַר אַ פֿרישטיק". אין יענע יאָרן — "לאָדזש 1946" — האָט ער געהאָט אַ גוטע סיבה, אַזוי צו שפּאַסן: אייזל קאָנטראַ דעם מענטש, וואָס פֿאַרהאַנדלט זײַן איך פֿאַר קיום־ברעקלעך. סוצקעווער האָט זײַן ליד ניט אַרויסגעטראָגן אויפֿן שוואַרצן מאַרק. ער האָט אין זעלבן יאָר פֿאַרטיידיקט דעם קיום היָיד והליד מיט שטאַרקערע מיטלען — מיט "מײַן פֿאַרגעסענע ביקס" (לידער־טיטל, ז' 581). אָט איז עס: "אין חלום וואַכט אויף מײַן פֿאַרגעסענע ביקס", ס'איז דער חלום פֿון גרייטקייט און וואַכקייט צו "באַשיצן" דעם "דרימל" פֿון "דײַן טאַכטער אין ווערבענער וויג", און פֿון ייִדישן לעבן, ווען "אין הײַנט איז פֿאַרוואַנדלט דער נעכטן", און ווען עס "פֿירט די שארית־הפּליטה — מלחמה". געשריבן אין לאָדזש, אין ציכן פֿון פּאָגראָם.

אין זעלבן יאָר, אין "שורות געשריבן אין וואַרשע" (לידער־טיטל, דאָרטן, ז' 582), זוכט ער אַ טרייסט — "אין מיט פֿון אומקום און גראַנגל — / (אין) ישעיהס וואָרט: נחמו, נחמו". אין אַ רוף צו די "פּאָעטן" מאָנט ער "פֿרײַ געזאַנג" און "מיט אונדזער טרויער מער ניט האַנדלען, — — און מיטן פֿאָלק אין אײנעם וואַנדלען". זעלטן נוצט סוצקעווער אַזאַ באַגריף ווי "פֿאָלק", אָבער ער טוט עס ווען ער פֿילט אַז ס'איז נייטיק אַז עס זאָל געזאָגט ווערן בקול רם — איצט איז געווען די ריכטיקע צײַט "מיטן פֿאָלק אין אײנעם וואַנדלען אַריבער אײגענעם פֿאַרגאַנג". אין נײַעם גאַנג פֿון די ייִדישע גאַס,

פון פאַרגאַנג צו אויפגאַנג, שטאָט נאָך סוצקעווער אַפּ אַ וויזיט ־די וועלפּיכע־ (לידטיטל, דאָרטן, זז׳ 583־584), ״אין די נאַראַטשער וועלדער״. ס׳איז אַ געשעעניש ״פונעם יאָר ניינצן פערציק און צוויי״, ווען ־די וועלפּיכע־ געפינט לעבן איר ״הייל״ — ״ליגט אַ מענטשעלע״ — ״און זי ווערט אים אַ מאַמע, אַ היילעריך״. ״דער שטאָלענער האָר, דער פאַרשאָלטענער״, ער קומט אויפמאָנען ״זיין קרבן״. זי באַשיצט אים — ״ביז אַ קויל האָט אַדורך איר פאַרטיידיקונג״.

□

אין צען אַכט־שורהדיקע סטראָפעס שרייבט סוצקעווער אַן אָדע צו ־פאַריז־ (טיטל, דאָרטן, זז׳ 587־590). פון הינטער דער ״אויס טויזנט פאַרבן״ געשמידטער ״באַריקאַדע״ פון ״די אוונטזון״ — — ״אָהער דערגרייכן מיך פון העקן וועלט געשטאַלטן נע־ונדע״. דער דיכטער פילט: ״איך אָטעם איין אַלץ מער מיין וווּנדערוועלט, פאַרלוירן אין דער אומקומציים אַוודאי״. פאַריז און אומקום — וואָלטן אַוודאי געווען ווידעראַנאַנדן פאַר אַ טוריסט, אָבער ניט פאַר דעם פּאָעט פון געהיימלאַנד, אין יאָר 1946. אויך אין פאַריז פירט ער דעם חשבון פון נעכטן:

> אַ נדר האָב איך זיך געטאָן אין זומפּעדיקע נעכט:
> דער שלאַנגיקער נסיון זאָל מיך ניט פאַרגיפטן, איידער
> מיין אָטעם וועט זיך אָפּשטעלן. איך זאָל ניט זיין געקנעכט.
> מיין שטים זאָל וואַנדערן באַזונדער צווישן אַלע ריידער.
> (דאָרטן, ז׳ 587)

סוצקעווערס פּאָעטישער קול איז טאַקע אַנדערשדיק און באַזונדערדיק, אין פאַריז אַפילו. ווי ״אַן אָדלער״, וואָס ״אויף זיינע פליגל״, אַזוי ״וועגט דעם נעכטנס וואָג״, אַבֿרהם סוצקעווער. זיין נעכטן גייט אים נאָך אויך אין פאַריז: ״אַוודאי איז דאָס ניט קיין ברכה, ווען אויף יעדער טראָט גייט נאָך דער שוידער־יחוס״. אָבער ער ווייס אַז פון אַנטיקן דורות־יחוס קען ער ״באַשאַפן אַ שטראַלנוועג וואָס פירט״ פון מצרים ״צו די צען געבאָט״ און ״צו אַלבערט איינשטיין״, ביז אים — דעם יידישן ווילנער פּאָעט. מיט פּאָזיטיווער פאַרטרוישאַפט אין זיך רופט ער אויס:

> אַזאַ מיין טרייסט: אַרויסוואַקסן וועט אויך פון מיין יסוד
> אַ וווּנדער, און די גאַפנדיקע מאָרגנטעג — פאַרגאַפן.
> (דאָרטן, ז׳ 589)

ס׳איז געווען דער אינטויטיווער אמת: דער וווּנדער־סוצקעווער האָט אונדז אין די שפּע־טערדיקע מאָרגנטעג פאַרגאַפט, ווען ער האָט זיך געראַנגלט און געזאַנגלט ״אין זאַמ־דיקער מדינה״. ער באַגריסט מיט אַ ״סאַלוט דער שטאָט, וווּ עס געפינט זיין פּנים יעדער גר״. ער זעט ווי ״איר הימען ברענט״, און הערט ווי ״עס קלינגען גלעקער״. מיט ענטוזיאַסטישער אויפגעמונטערטקייט רופט ער פון גאַנצן האַרצן: ״אַ גרוס דעם

טאָג וואָס האָט מיך אָפּגעפֿונען אין פּאַריז. / אַ גרוס דער נאַכט, און אַלע די וואָס זענען ליב און טײַער". דער זינגער פֿון ייִדישע גאַס אַנטפּלעקט זײַן אַזוי האַרציקע און פּשוט־מענטשלעכע ליבע צו דער שטאָט, וווּ "פֿרײַהייט איז ניט אַלט געוואָרן".

ניט ווייניק לידער, מיט ניכּרדיקע לירישע "פֿילונגען" (און מ׳קען זיי לײַכט דערקענען) ווערן ווי פֿאַרשלונגען דורך געפּרעסטע סימבאָלישע בילדער. אַזאַ מוסטערליד איז דאָס "דער ניי־געבוירענער" (דאָרטן, ז׳ 591), וווּ "דער טרויער, ווי אַן אָפּגעפּלייצטע לאַווע, האַרט און קאַלט, / מיט אומבאַוועגלעכקייט פֿאַרהיילט דעם נעכטנס קרומע פּנימער". דער דיכטער אַליין איז דער עדות פֿון זײַן אומוואַנדלונג: "איך ווער ייִנגער, ייִנגער מיט די זעונגען, די פֿילונגען", ווי ס׳וואָלט זײַן "נשמה — — טויזנטפֿאַרביק אויסגעשטראַלט די ניט־אַנטפּלעקטע פּרילינגען". ער איז מודה: "נאָר איך, דער ניי־געבוירענער, דערקען ניט מײַן געשטאַלט". ס׳איז מסתּמא אויך איינער פֿון "דעם נעכטנס קרומע פּנימער". דער פּאָעט ווערט פֿאַרוואָגלט אין "אַ שולכל" (טיטל, דאָרטן, ז׳ 592), וווּ עס "האָט געברומט אַ צאַנקעדיקער לערנער. איינער בלויז". ער זעט אים ווי "דעם גורל־שפּליטער" פֿון ייִדישער צײַט, וואָס האָט געמאַכט, אַז "פֿון סורא, פּומבדיתא, האָט אַ קלוגער שפּליטער זיך פֿאַרקליבן דווקא דאָ" — אַ "גורל־שפּליטער", וואָס איז שטאַרקער פֿון צײַט.

פֿון שולכל צו "שפּינאָזע" — אַ ליד אין ד פּרקים. א — געשריבן אין ווילנע 1937, ב — האַג 1947, ג און ד —אַמסטערדאַם 1947. אין ווילנע איז דער דיכטער געווען "אַ נאַכט מיט שפּינאָזען", (דאָרטן, ז׳ 593), מיט זײַנע ספֿרים, וווּ "עס בליִען די אותיות אין אייביקער ליבשאַפֿט דערקענט". ער פֿילט ווי "אַ גײַסטיקער קלאַמער / פֿאַרברידערט די ווײַטע לבֿנה אַצינד מיט מײַן האַרץ". ביז — "אַוועק איז שפּינאָזע. / עס הויכט נאָר זײַן וואַרעמער אָטעם אויף מײַן מאַנוסקריפּט". 10 יאָר שפּעטער קומט סוצקעווער אין דער היים פֿון שפּינאָזען — און אין טירס "סקריפּ הער איך די מוזיק פֿון זײַנע שעהען". ער פֿרעגט דעם "מאַן אין גוסדיקע קליידער". — — "איז דער אומקום אויך אַן אומבאַדינגטער אַטריבוט פֿונעם קרײַז, וואָס האָט קיין אָנהייב, סוף ניט?" — "און אַן ענטפֿער גיט מיר די מוזיק פֿון גרינער טיר". אין אַמסטערדאַם דעם זעלבן יאָר, טרעפֿט ער "בײַ די וואַסערן, די גראַכטן, / אונדזער האַר שפּינאָזע און רעמבראַנדט". ביידע מײַסטערס דערגאַנצן איינער דעם אַנדערן און "אייניק טראַכטן": שפּינאָזע "דערמאָלט — מיט אַ פֿאַרב אַזאַ וואָס דרינגט פֿון שׂכלס קלינגענדיקן גאָלד", — "וואָס רעמבראַנדט אין פֿאַרביקער התלהבֿות האָט דערמאָלן ניט געקענט". אין קאַפּיטל ד — בײַם קבֿר פֿון שפּינאָזע. אין "רעגן" ,וואָס "פֿאַלט מיט שאַרפֿן זאַלצוואַסער פֿון ים", שטייט סוצקעווער בײַם "גראָען שטיין" — "אויפֿן הויף פֿון "די ׳ניע קירך׳". ער פֿילט דעם רעגן, "ווי פֿינגער אויף קלאַווישן. / איך קלײַב די קלאַנגען־טראָפּעלעך און קלײַב. / זיי זאָלן מיר באַלײַכטן און דערפֿרישן". פֿײַנע פֿיר לידער פֿון פּאָעטישער דערקענטשאַפֿט צום "ליכטיקן אַנטפּלעקער".

און פֿון פֿילאָסאָף־ריז צום "פּילאַטוס". שפּינאָזע האָט געוויזן מיט אַ "מאַכטיקן אַנטפּלעק — ווו ס׳איז גאָט פֿון זיך אַליין די סיבה", פּילאַטוס, דער באַרג, האָט "געקלעטערט צו גאָט", ווען ער איז נאָך געווען "וואָלקן". דער דיכטער וויל מיט "פֿאַרקערפּערטער בראשית" זיך פֿאַרמעסטן: "וויל אָנטאָן דײַן קליידונג", דערפֿילט

ער אָבער אַז — "מײַן מענטשלעכע װוּנד ביסטו ניט בכּח פֿאַרדעקן מיט פֿעלדזיקע לאַטעס". (דאָרטן, ז' 597). פֿון לוצערן, װוּ דאָס ליד איז געשריבן, קומט סוצקעווער צוריק קײן פּאַריז און וויל געפֿינען דעם "עכאָ" פֿון זײַן "חבֿר", וואָס האָט "דאָ גע־שפּרײַזט" און "געלײַענט בײַם ליכט פֿון דער סענע באַדלערן". און ער פֿרעגט בײַ עמעצן, אפֿשר בײַ זיך: "װער האָט פֿאַרזשאַװערטן טשוואָק אין מײַן גײַסט?" ס'איז ניט אין גאַנצן קלאָר װער דער חבֿר איז, אפֿשר דער קדוש־דיכטער יצחק קאַצע־נעלסאָן, צי גאָר דער סימבאָל פֿון אַלע אומגעקומענע דיכטערס, אָבער סוצקעווערס גײַסט איז פֿול מיט קינאה פֿאַר דעם חבֿר, אַז ער איז אַפֿילו קאַפּאַבל צו הרגען אַ מענטשן: "צו הרגען אַ מענטשן איז גאָרניט קײן גליק. / פֿאַר דײַנטוועגן וואָלט איך אים אָבער דערשטאָכן". און ער רעדט מיט װײ און געבעט: "מײַן חבֿר, מײַן חבֿר, זאָלסט קומען צוריק. / דיך אויסלײזן — דאָס וואָלט געווען מײַן נצחון". (דאָרטן, ז' 598). װער ווייס צי דער נצחון איז דעמאָלט געקומען. ער האָט אַפֿילו דעם דיכטערס עכאָ ניט געפֿונען. אָבער ווײַזט אויס אַז ער האָט דעמאָלט באַגעגנט אין פּאַריז אַ נײַע "סעקטע" — "מאַראַנען" (לידטיטל. דאָרטן, ז' 599). — "מיט קנייטשן טויזנטיעריקע פֿאַרקאַרבט". די "מאַראַנען", וואָס זענען נאָך געבליבן "פֿונעם שוואַרצן טויטנטאָל געטרײַע פּאַטריאָטן", זענען געמאָלן מיט פֿאַרדראָסיקע ווערטער און ניט מיט צו העלע פֿאַרבן, אָבער דערפֿאַר מיט סימפּאַטיע. דער פּאָעט זעט זײ אונטער "דער מאַסקע" און פֿון הינטערן "שמינק פֿון נײַנציק שפּראַכן" — "ווי געצן אויף די אַקסלען טראָגן (זײ) פֿרעמדע יאָכן". אויך די פֿרישע מאַראַנען, זענען די אַלטע טראַגעדיע פֿון פֿאָלק, זינגט "די שײַטערס פֿון קאַסטיליע". זײ זענען ניט אַנדערש ווי "וואָגל־ברידער" — "טויזנט מאָל פֿאַרברענט און דאָך פֿאַראַנען".

נאָך די מאַסקירטע "מאַראַנען" קומט עפּעס באַקאַנטס און אײגנס: אַ "דענקמאָל" (ליד־טיטל, דאָרטן, ז' 600), װוּ סוצקעווער רעדט צו זײַן "גוטע מאַמע", וואָס "גאָר די ערד־קויל איז דײַן קבֿר". דער פּאָעט לעבט נאָך, מיט איר זכּרון, "צווייגעשטאַלטיק ,טאָפּל": אי "דער ניגון פֿון דײַן טראַכטן" און אי "אין מיר די תּפֿילות דײַנע שטראָמען". עס מעג, סימבאָליש, זײַן אַ ד ע נ ק מ אָ ל פֿאַר אַלע ייִדישע מאַמעס, פֿאַר זײער ליבשאַפֿט וואָס איז חורבנדיק דערשטיקט געוואָרן.

אין פּאַריז, װוּ דער פּאָעט קומט, פֿירט אים זײַן וואַנדער צו אַן אַנדער דענקמאָל: "די פֿרוי פֿון מירמל אויפֿן פּער־לאַשעז", בײַם קבֿר פֿון "שאָפּענס געביין". אין באַרוישט־קײט מיט דער אייביקייט — "וואָס איז אַ יאָרהונדערט אין פֿאַרגלײַך מיט אונדזערע מינוטן?" — האָט דער דיכטער זײַן "אויער צוגעלייגט צום שטיין און דערהערט: עס רעגנט דאָרט אַ פּיאַנע". און ווי ער טוט "אַ הייב דעם קאָפּ — אַ פֿרוי־מצבֿה בייגט זיך מיר אַנטקעגן". זי דערציילט: "דאָס האַרץ פֿון דעם וואָס איך היט / איז לאַנג אַוועק אין זײַן היימלאַנד". די אַנאַלאָגיע איז אין נימשל: "און אויב איך וועל מיר אַ צוואה מאַכן / מע זאָל שפּעטער ברענגען עס אַהיים — / וועט גאָר דאָס טרויעריקע וועלט־פֿאָלק — לאַכן". דאָ האָט דער אומדעפּינירטער מיין פֿון וועלטפֿאָלק אַ כּמו סאַרקאַס־טישן אָנשפּיל, ווײַל ער האָט נאָך דעם חורבן פֿון פֿאָלק פֿאַרלוירן זײַן פֿריִערדיקן באַטײַט. אָבער סוצקעווער איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל פֿון אַ נײַער היים, וואָס האָט אײַנגעזאַמלט די שארית־הפּליטה — די רעשטלעך פֿון וועלטפֿאָלק.

דאָס לעצטע ליד, געשריבן , 1947, אין פּאַריז, הייסט ־אַ פלאַש מיט נעמען־ (דאָרטן, זז׳ 603־604). סוצקעווער דערציילט וועגן נאָך איינע פון די גרויל־געפינסן זײַנע: "אַ פלאַש מיט קינדיש קרום־און־לאָמע צוואַנציק נעמען", וואָס ער האָט "דערנישטערט" —

אויף דיסנער געסל דרײַ, אין אַ מאַליגע.
דערבײַ — סקעלעטלעך דורכגעקוילט, פֿאַרברענט,
אין פלאַש די נעמען אויף פּאַפּירלעך גרינע.
(דאָרטן, ז׳ 603)

אין דעם "פלאַשן־קבר" האָט אַ מאָל "כּרמל־ווײַן געברויזט" און "פון דעמאָלט איז די פלאַש מיר אַ גראַנאַט", וואָס איז "פאַרפּול מיט יידישע אַטאָמען". זי באַגלייט דעם דיכטער אין זײַן נע־ונד, און איצט: "ברענגען וועל איך זי אַהיים, / כּדי צום אָנגיסן מיט פרישן ווײַן פון כּרמל". אָט די קדושה־פלאַש פון אומבאַקאַנטע יידישע קינדער אין געטאָ, האָט סוצקעווער געבראַכט ווי אַ יידישן סימבאָל פון גבֿורה, קורץ פאַר די קאַמפן פון דער נײַער ישׂראל פאַר אומאָפּהענגיקייט.

סעפּטעמבער 1947. ־שטורעם אויף די וואַסערן בײַ קרעטע־ (לידטיטל. דאָרטן, זז׳ 605־606). דער יידישער פּאָעט סוצקעווער שווימט אויף אַ שיף מיטן נאָמען "פּאַטריאַ", וואָס מיינט "פאָטערלאַנד". זי האָט "מיטן גאַנצן ים אַצינד געקעמפט". קעגנאיבער דעם שטורעם איז ער פול מיט מוטיקן אָפּטימיזם, ווי דער דורות־ווײַטער משורר יהודה הלוי, אין "זײַן ציון־בענקשאַפט, וואָס איך אָטעם־אײַן איר פלאַם". ער האָט „פאַר־בונדן" זײַן "וועג" מיטן הימלאַנד. דער שטורעם בלײַבט "אַ געליימטער". "'פּאַטריאַ' הוידעט פונעם פעלדז אַוועק". אַלע בענקשאַפטן זענען געבליבן הינטער אים, אויך דער שטורעם. איצט וועט ער אָנהייבן אַ נײַ שעפערישן לעבן בויען — אַ ליניע צווישן דעם עבֿר און דעם עתיד האָט דורכגעשניטן די שיף אויפן ים־התיכון:

און די כוואַליעס בעמען זוניק־שטיל
די צעהאַקטע טעמפּלען ווידער בויען.
ביז אַנטקעגן שוועבט מיר דער גליל
זונען זעקס מיליאָן אין זײַנע טויען.
(דאָרטן, ז׳ 606)

אין זײַן 35סטן לעבנסיאָר האָט סוצקעווער אָנגעהויבן אויפבויען אין ישׂראל די צע־האַקטע טעמפּלען פון זײַן יידישן וועלטפאָלק, מיט וועמען ער האָט געליטן און, צוזאַמען, געקעמפט קעגן אַלע בלוטיקע שטורעמס. ער האָט געבראַכט אין זײַן רײַזעטאַש הונ־דערטער פראַקטיקע לידער, און אין זײַן האַרצן — אַן אומבאַרירטן שעפערישן רע־זערוו־אוצר פון געזאַנג. ער האָט אויפגעהויבן זײַן שירה־כּוס איבער די תּכלית־האַרי־זאַנטן פון ישׂראל און בקול רם געמאַכט שהחיינו.

## אין פײַער־וואָגן*

### די ערע פון שהחיינו

ס'איז ייִדישלעך און ביז גאָר נאַטירלעך, אַז סוצקעווערס ערשט בוך לידער, אין פײַער־וואָגן (אַבֿרהם סוצקעווער: פּאָעטישע ווערק, באַנד צוויי. תּל־אָבֿיבֿ 1963. זז׳ 7־161). "געשריבן אין ארץ־ישׂראל צווישן די יאָרן 1947־1951", הייבט זיך אָן מיט שהחיינו. דער דיכטער האָט געמאַכט שהחיינו אויף אַ פּאַר אים נײַ־אַנטפּלעקטע לאַנד, ס'איז די שהחיינו־ערע פון זײַן נײַגעבוירנשאַפט:

> ווען כ'וואָלט ניט זײַן מיט דיר בײַנאַנד,
> ניט אָטעמען דאָס גליק און ווי דאָ, —
> ווען כ'וואָלט ניט ברענען מיטן לאַנד,
> ווולקאַניש לאַנד אין חבֿלי לידה;
> ווען כ'וואָלט אַצינד, נאָך מײַן עקדה,
> ניט מיטגעבוירן מיטן לאַנד.
> (דאָרטן, ז׳ 7)

דאָס איז דער ערשטיקער פרישער רעפלעקס פון דער באַגעגעניש.

אין סוצקעווערס פײַער־וואָגן טראָגן מיר זיך איבער דער פאַרביקער מאַפּע פון לאַנד. מיר שטעלן זיך אָפּ אויף סטאַנציעס, ווו ס'האָבן ערשט אָפּגעפלאַקערט די שלאַכטן פאַר ישׂראלס אומאָפּהענגיקייט. די לידער זענען אָנגעזאַפּט מיט דער ישׂראל־לופט, מיט איר קלימאַט און ריח פון די זאַמדיקע שטחים, מיט פעלדזיקע בערג און גרינע לאַנדשאַפטן — אין דעם זינען איז עס סוצקעווערס עליה־בוך, זײַן שרײַבערישער סער־טיפיקאַט. דאָ האָט ער אויפגעכאַפּט די ערשטע קאָנטשאַפּט מיטן לאַנד, אין אַ מין מאַראַטאָנישן איבערפלי. די זיך בײַטנדיקע גליִענדיקע פּאַנאָראַמע איז פיקסירט מיט פילעוודיקער קראַפט, מיט אַ שאַרפן אַרײַנבליק. אין הינטערגרונט פון די לידער בלענדיקט די "ייִדנוועלט" וואָס איז "פאַרגאַנגען", און אין פאָדערגרונט — נײַע אַנ־דערשדיקע געשטאַלטן פון די מיזרח־עדות. אָנגעהויכט זענען די שורות מיטן אָטעם פון שטעט און אָרטשאַפטן: טבֿריה, צפת, ירושלים, יד־מרדכי א"אַ, און, ווי מיט ישׂראל־ראָזשינקעס, אָנגעפילט מיט אָריגינעלע זעלטענע אימאַזשן פון אַ ספּעציפֿישן טעם. מיט די אָ לידער האָט סוצקעווער געמאַכט אַ שהחיינו פאַרביידן — פאַר זיך און פאַר זײַן נײַע היים. אָבער זייער גרעסטע מעלה, וואָס די אַנטפּלעקונגען זענען ערשטיקע, איינמאָליקע, חזרן זיך ניט איבער — אַ מין געשלאָסענער לידערקרײַז.

* אין פײַער־וואָגן. תּל־אָבֿיבֿ, די גאָלדענע קייט. 184 זז׳. שער־בלאַט פון אַריה נבֿון.

גראַד בײַם אויפהייבן דעם כּוס צו שהחיינו, האָט סוצקעווער שטאַרקער און מיט אַ וואַ־כיק געמיט דערפילט דעם פאַרשעמטן עלנט פון דעם מענטשן, וואָס איז געקומען מיטן שארית־הפליטה־שטראָם: "ביסט געקומען אַ נאַקעטער, / אין גאַנצן אין פײַ־ער. / — — / ווער קאָן באַקליידן / דײַן גוואַלדיקע הוילקייט?" (דאָרטן, ז׳ 8). זײַן האַרץ טוט זיך אַ צאַפּל בײַם דערזען דעם בלויז צווישן די צוויי מחנות: "ווי קאָנען די מענטשן פון דאַנען דיר גלייבן, / אַז דו האָסט אין וואַרשע / פאַרטיידיקט דעם קאַסטעל? / אַז דו האָסט אין טויטן־מדינה געפורעמט / די לעבעדיק־היימישע / יונגע מדינה?" (דאָרטן, ז׳ 9). אין זײַן ספק און אומגלייבן אין מענטש, עצהט ער: "טאָמאָן ניט קיין טרייסטונג / בײַם אייגענעם ברודער. / צווישן אײַךביידן ליגט אַ וואַר־שעווער אויפשטאַנד". (דאָרטן, ז׳ 8־9). איז מענטש ווי מענטש, אָבער דאָס לאַנד מאַכט קיין חילוק ניט צווישן אירע אייגענע קינדער: "— ביסט מײַנער, / געבענטשט זאָלסטו זײַן מיט דײַן קומען". (דאָרטן, ז׳ 9).

דער קערן פון די לידער איז דער קדושה־שײַטער, וואָס אין אים איז געהאַרטעוועט געוואָרן דאָס פאָלק און מיט דעם איז פאַרטיפט געוואָרן דער זינען פון גאולה. דאָ האָט סוצקעווער דיכטעריש באַקרעפטיקט די דאָקטרין וואַרשע־קאַסטעל, וואָס זייערע ריני־גען זענען צוזאַמענגעשמידט אין בלוט און פּראַכט פון ייִדישן גורל, "ווי אַן אייביקער פלאַמען־סמבטיון, / וואָס שלײַדערט / מיט ייִדישן גורל / אַפילו אום שבת". (דאָרטן, ז׳ 9). אַ זעונג טראָגט דעם דיכטער, ווי דעם נבֿיא, אין לעגענדאַרן "פײַער־וואָגן", איבערן כּרמל. ער פּרווט אַרויסאַנטפּלעקן דעם מקור פון קדמונישן חזיון — לאָמיר אים זען אין דער פּאָעטישער טראַנסקריפּציע פון סוצקעווערן: "אַ וואָלקן־האַמער האָט דעם פעלדז צעשפּאָלטן / און ס'האָט פון זײַנע שטיינגעוויד אַרויסגעפּלאַצט אַ שטור־רעם — / אַ פײַער־וואָגן, וואָס די רעדער זײַנע — פיר מזלות". (דאָרטן, ז׳ 21).

דער פײַער־וואָגן ברענגט דעם דיכטער צו "די שטאָט וואָס האָט ניט קיינעם" — — "און עס שטײַגן פון דער ערד / אין פײַער־וואָגן — / אַלע מײַנע ליבסטע". דאָס תחית־המתים־פאָלק קומט־אויף אין דער ווונדער־זעונג: "...באַלד / מיר פליִען / צו־זאַמען מיט דער שטאָט" צום מיסטישן כּרמל. דאָ ליגט דער ענטפער אויף דער שאלה, אין דער ערשטער שורה: "פון וואַנען קומט דער שטורעם אויפן כּרמל?" (־אַ זעונג־, ז׳ 21־22): פון שטורעם "אויפגעשפּאָלטן איז די שטאָט", ווי "דער פעלדז" — —

□

די קלאָר־געצייכנטע שליחות פון די פײַער־וואָגן־לידער: אַרויסברענגען די אידעאַלן פון גאולה און קיבוץ־גלויות, אויך מיטן אַרײַננעמען אין דעם קאָנצעפּט די געפאַלענע אין געטאָ־פײַער און אין די שלאַכטן פאַר ישׂראלס פרײַהייט. די דאָזיקע עכאָס, וואָס האָבן נאָך פריש געציטערט אין זײַן געהער, האָט סוצקעווער צוזאַמענגעשמידט אין לידער־רינגען, וווּ עבֿר און הווה קומען צו אַ מזיגה. די גײַסטיק־הימלדיקע און קול־טור־ערדישע "ייִדנוועלט" איז איין אָרגאַנישער סובסטאַנץ פון היסטאָרישן ייִד־המשך: "נבֿיאים גיבן זיך די הענט מיט שפּאַנענדיקע עולים, / ווי קאָנען זיך פון אייביקייטן אײַנליגן דערנעבן?" — "אַ וואָלקנזײַל פון אומקום און אַ פלאַמענזײַל פון לעבן".

(דאַרטן, ז׳ 10). דאָ האָט דער דיכטער ניט נאָר תּקופות פֿאַרבונדן, נײַערט אויך בײדע פּראָנטן וואָס האָבן געקעמפּט פֿאַרן ייִדישן כּבֿוד און פֿרײַהייט.
דער אַחדותדיקער פּענאָמען פֿון ייִדישער גבֿורה וואַקסט אַרויס, אין וואַרשע און אין ירושלים פֿון איין פֿאָלקשטאַם. "פּאַרליבטע" (טיטל): דאָס בילדעריש שטאַרקע און קורצע געמעל סימבאָליזירט עס צום בעסטן:

אויף די פֿעלדזנוועגט פֿון עיר־הקודש,
טראָגט אַ בחור אַ פֿאַרווונדיקט מיידל,
ווי אַ הירש אַ רויזנקוסט אויף הערנער.
לבֿנה קלײַבט די טראָפּנס טריט בײַ טריט.

דער בחור זינגט דעם פּאַרטיזאַנער־הימען,
די פֿעלדזן פֿון יהודה זינגען מיט.

די מיידל־אָרעמס — אָרום האַלדז פֿון בחור.
אמתדיקער: אָרום האַלדז פֿון שטאַם.
איר בליק —
דער ניגון פֿון די בערג און טאָלן
וועט אין אונדזער אַפּל זײַן פֿאַרהיט.

דער בחור זינגט דעם פּאַרטיזאַנער־הימען,
דעם מיידלס טויטע ליפּן זינגען מיט.
(דאַרטן, ז׳ 84)

מיר האָבן דאָ געגעבן דאָס גאַנצע ליד, ווײַל ווי נאָך אמתדיקער, נאָך קרעפּטיקער און מיט נאָך מער שטאָלצן טרויער האָט אַ דיכטער געקאָנט שרײַבן אַן עלעגיע אויף אַזאַ שותּפֿישער קרבן־גרייטקייט, אויף אַזאַ פֿאַרוואָרצלטקייט אין שטאַם פֿון ישׂראל, אויף אַזאַ קידוש־העם־לויכטיקייט און לויטערקייט. מ׳דאַרף אפֿשר גלייבן, אַז דאָס האָט סוצקעווער געשאַפֿן מיטן כּוח פֿון זײַן „עלפֿטן געבאָט — — ואהבֿת לאַרצך כּמוך", (דאַרטן, ז׳ 60), וואָס די "רײַטער מיט בלאַנקע טרומייטן, קלינגען אַרויס".
דער מהותדיקער חותם פֿון די לידער איז אפֿשר מער ווי אַלץ סוצקעווערס דערפֿילן זײַן בײַ־געבוירנשאַפֿט. די ליבע, וואָס איז אויפֿגעקומען ספּאָנטאַן נאָכן געטאָ־קאָש־מאַר, האָט מיט איין מאָל פֿאַרקניפּט זײַנע אַלע נשמה־פֿעדעם מיטן לאַנד. דער דיכטער, וואָס האָט געזויגן גאַל־און האָניק־עסענצן פֿון דער שפּראַך פֿון די ווילנער ענגע געטאָ־געסלעך, איז מיט אַ מאָל גרויס געוואָרן אין דעם לשון. ער האָט אויסגעשפּרייט ברייטע אָדלערישע פֿליגל צו אַ הייכן און ווײַטן פֿלי. זײַן פּערמאַנענטע יאָרן־לאַנגע שעפֿערישקייט און דער המשך אין דער יונגער ישׂראל, האָבן עס אומספּקדיק באַוויזן. זײַענדיק זעלבסטבאַוווסט פֿון זײַן ייִדיש־דיכטערישן ביז־הײַנטיקן וועג, פֿרעגט ער מיט איראָניע: "זאָל איך אײַנפֿלאַנצן מײַן צונג / און וואַרטן ביז פֿאַרוואַנדלען / וועט זי זיך אין אָבֿותדיקע / ראָזשינקעס מיט מאַנדלען?" מיט ביטערן חוזק פֿרעגט ער תּיכּף

אַפּ די רעזיגנאַציע, וואָס עמעץ וויל אַרויפצווינגען אויף אים: "וואָס פאַר אַ קאַטאַ־וועסדיקע / וויצן / דרשנט מײַן פּאָעזיע־ברודער מיט די באַקנבאַרדן, / אַז מײַן מאַמע־לשון גייט באַלד אונטער?" און מיט אַ מונטער־שפּאַסיקן געמיט פּסקנט דער ייִדיש־דיכטער אָפּ: "מיר וועלן נאָך אין הונדערט יאָר אַרום דאָ קענטיק זיצן / און פירן די דיסקוסיע בײַ דעם ירדן". נאָר אויב ס'איז יע אמת, טאָ זאָל ער מיר "אָנווײַזן וווהין די שפּראַך גייט אונטער? — — וועל איך דאָרט קומען — — און ווי אַ לייב / אַנגעטאָן אין פּײַערדיקן צונטער, / אײַנשלינגען דעם לשון וואָס גייט אונטער". (דאָרטן, ז' 33). דאָס ליד איז געשריבן אין 1948, און הײַנט, איבער 35 יאָר שפּעטער, איז סוצקעווערס פּראָגנאָז, אויף מער ווי אַ דריטל שוין מקוים געוואָרן. דער עיקר, וואָס סוצקעווער האָט זיך ניט אידענטיפיצירט מיט דער מחנה פון די שוואַך־גלייביקע. דרײַ יאָר שפּעטער (1951), זעט ער "ל"ג־בעומרדיקע ייִדן", וואָס לייגן "די קוויטלעך אויפן קבֿר פון ר' שמעון בן יוחאי" — — "און געחתמעט זענען זיי: /אינדיש, / ייִדיש, / אַראַמעיִש — און אַ קאַפּעטשקע העברעיִש". ר' שמעון בן יוחאי וויל "די ברכות ניט צעמישן. // און ער פרייט זיך, וואָס צעווישן / אינדיש /ייִדיש, / אַראַ־מעיִש, / איז נאָך דאָ אַ טראָפּ העברעיִש". (דאָרטן, זז' 31־32).

אַבֿרהם סוצקעווער איז געווען, און געבליבן, דער ייִדיש־שופר, וואָס האָט זיך הילכיק צעשאַלט אין ישׂראל און ווײַט אַריבער די ייִדישע ימען. מיט מוזיקאַלישער ווירטואָ־זיטעט האָט ער אויסגעשפּילט דעם ניגון פון באַנײַטן ישׂראל און פון איר נײַעם ייִד, אין ייִדיש, אויף זײַן אינסטרומענט פון בריליאַנטענער פּאָעזיע. אין די אַ לידער זענען פאַראַנקערט ייִדיש־גײַסטיקע און מענטשלעכע אַנטפּלעקונגען.

□

צוזאַמען מיט דער וויזיע פון לאַנד האָט סוצקעווער אויך דערפילט דעם רוף פון זײַן שליחות. ער האָט עס ניט געקאָנט פאַרלייקענען, ווײַל צו פיל עדות זענען געווען — זײַנע אייגענע לידער. האָט ער זיך געמוזט באַקענען צום דיכטער־גורל, און זיך לאָזן דערקענען אין זײַן מיסיע. ער האָט מער ניט געקאָנט בלײַבן די אַנאָנימע פּערזענ־לעכקייט, אויב אַפילו מחמת באַשיידנקייט, אין דער פּאָעטישער קליינער ייִדישוועלט. זי איז ניט בלויז געווען זײַן שעפערישע אַרענע, נאָר אויך דער פּעדעסטאַל, אויף וועלכן ער איז געשטאַנען אין איר מיט. אויפריכטיק און ווערדיק סומירט ער עס אין זײַנע ־קאָמענטאַרן צו אַ פּנים אין שפּיגל־: אַז ס'איז "פאַראַן אַ ביין צווישן אַלע ביינער, / וואָס אומבאַוואָרעמט בלײַבט ער איינער, איינער", איז עס מסתּמא דער ביין וואָס האַלט אויס די אײביקייט־פאַרבע. מיט פּאָעטישער גלייבהאַפטיקייט איז סוצקעווער מכריז: "פון יענעם ביין — איך וועל נאָך בײַ מײַן לעבן / אויסהאַקן מיט האַמער און מיט דלאָט / מײַן פּנים־דענקמאָל, וואָס אים זעט ניט קיינער". (דאָרטן, זז' 101־102). כּדי יע צו דערזען די אימאַזשינירטע און אינטעלעקטועלע קנייטשן פון סוצקעווערס אינע־ווייניקסטן פּנים־וועזן, דאַרף מען דעשיפרירן זײַנע צייכנס דורך מגלה זײַן דעם אור הגנוז, די פאַרבאָרגענע שײַן וואָס ליגט פאַרהוילן אין די לידער.

אין ישׂראל האָט סוצקעווער געשטעלט זײַנע שהחיינו־טריט צום באַרג־אַרויף. זײַן אויסגעשפּרייטע יצירה־מאַפּע איז נאָך געווען פֿול מיט ווײַסע פֿלעקן, הגם ער האָט געהאַט אויסגעמײַסטערט אַ היפּשע צאָל, לאָמיר עס רופֿן, לידער־סקולפּטורן. אין שפּעטערדיקע יאָרן איז זײַן גאַלעריע צעשפּאַרט געוואָרן מיט אָנצאָליקע קונסט־שאַפֿונגען — און צו זיי קומען מיר נאָך. אין די געזאַנגען האָט ער אַרײַנגעטעסעט, ביודעים צי בלא־יודעים, די נשמה־שטריכן צו זײַן גײַסטיקער פּיזיאָנאָמיע. די וואָרט־מיסטעריע האָט זיך אונטערגעגעבן זײַן רצון — ער האָט געהאַט זײַן דרך און זײַן סוד ווי זי צו באַצווינגען. ברוזיקע בענקשאַפֿטן צו נאָך ניט געבוירענע ווערק האָבן פֿון אים געמאָנט אַ תּיקון. מיט אינטענסיוון גײַסטיקן אימפּעט האָט סוצקעווער אָנגעהויבן געשטאַלטיקן אַלץ מער נײַערע ווערק — און ישׂראל איז געוואָרן די פּרוכטיקסטע און רײַכסטע יצירה־תּקופֿה פֿון זײַן פּאָעטישן אויפֿשטײַג.

□

סוצקעווער האָט דעם דמות־החלום אַרײַנגעקנאָטן אין דמות־הגוף. ער האָט געזוכט די אינעווייניקסטע ליכטיקייט פֿון ווערטער, ווי דער מוזיקער וואָס זוכט אַרויסצוציבערן די קלאַנגען פֿון דער אָנטשוויגענער סטרונע. מיטן כּישוף פֿון וואָרט האָט סוצקעווער געוואָלט באַליכטיקן די נשמה פֿון חלום — "ווי די אַנטהילונג פֿונעם ביז איצט ניט־דערקענטן!". איז ער געבליבן, אַפֿילו אין די ניכטערסטע לידער, דער אומגעזעטיקטער חלומות־זוכער, וואָס מיינט: דער פּאָעט פֿאַר עקסעלאַנס. זײַנע טיף־איכיקע און אינזיכיקע יסודות איז אַ מין סוצקעוועריזם פֿאַר זיך, וואָס איז בחוש ניט סובֿל אומאייגנקייט, מה דאָך פֿרעמדע עלעמענטן. אָט קומט סוצקעווער "מיט אַרכעאָלאָגן", צו זייערע אויסגראָבונגען, און איידער וואָס־ווען באַמערקט ער שוין, אַז "אונטערן ווײַסן צעשניטענעם היגל / חלומט אַ שטאָט, ווי אַ קינד אין אַ וויגל". זײַן בליק גליטשט זיך איבער די "שטילקייטן" און ער באַדויערט, וואָס "ניט קיין נשמות פֿון מענטשן, פֿון זונען, — / עמעץ האָט ווידער אַ שערבל געפֿונען". איז דער מוסר־השׂכּל: " — נישטיקייט, ברידער, ס'איז הבֿל הבֿלים, / כּל־זמן איר וועט ניט געפֿינען דעם חלום. (דאָרטן, ז' 47).

סוצקעווער האָט זײַן חלום אַרײַנגעקוקט אין די אויגן און ער האָט דערזען אים אַנדערש־פּנימדיק. ער האָט די כּמו־אידענטישקייט געזען ווי אַ קאָפּיע פֿון די זעלבע פּנימער, אַ קללה פֿון ניוועלירן יחידים צו אומדערקענטקייט. ער דערציילט אונדז, אַז ער האָט עס אַרויסגעלערנט פֿון אַ פּסוק אין קאָראַן, אַז "די רשעים וועט מען אין גיהנום — — אײַנשמירן די פּנימער / מיט ברענעדיקן שוועבל און מיט ליים, / אַז איינער וועט צום אַנדערן זײַן ענלעך". און סוצקעווער רופֿט אויס: „אַזאַ מין אָפּקום: בלײַבן אומפּערזענלעך / אָט דעם פּסוק וועל איך ניט פֿאַרגעסן". (דאָרטן, ז' 161). און אַזוי ווויל איז צו אים, וואָס ער האָט אים קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן. ער האָט מיט אמתדיקער פּאָעטישער פֿרומקייט אויפֿגעהיט זײַן עקסקלוזיוון פּנים, זײַן גײַסטיקע פּערזענלעכקייט, זײַן אָריגינעל־אַנדערשדיקן חלום, מיט איין וואָרט — זײַן ס ו צ ק ע ו ו ע ר י ז ם.

די חלום־פֿונקען האָט ער אַרײַנגעגליט אין זײַנע שורות און אויסגעפּרוּווט אין שעפּערישן טיגל זייער עכטקייט און דינקייט. אין זײַן גרונטעוועזן זיך צו אַבסאָלוטע פֿאָרמען

און אויסדרוקן, איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן בהדרגהדיקן שטײַגן, צו העכערע גראַדן פון שלמות, אין זײַן יצירה.

□

אײנע פון די עיקרדיקע מדרגות, צו וועלכער סוצקעווער זוכט אַן אויפשטײַג און אַ פּתר, איז די שטילקייט. אין זײַנע לידער איז דער דאָזיקער אָביעקט אין אַן אַ שיעור פאַרשיידנאַרטיקע פילונגען און שפּירונגען דעפינירט, אַז מ׳וואָלט געקאָנט אָנשרײַבן אַ גאַנצן קאַפּיטל וועגן דעם. אויך אין אָנהייב פון זײַן שהחיינו־ערע זוכט ער שוין אַרײַנצודרינגען אין דער ספערע, ווו שטילקייט ראַנגלט זיך מיט שווײַגן. ער וויל אפשר אויף דעם אופן אַרויסאַנטפּלעקן ״די נשמה פון ים״. דעם גערעַנגל קאָן ער ניט בײַקומען מיטן פאַקט פון ״אײַנצושלינגען רויגן פון געזאַנג״, וואָס ער ציט אַרויס פון דיכטערישן ״ווערטער־ים״, ווײַל — קומט ער צו דער קאָנקלוזיע — ״מע דאַרף אָבער זײַן ווי דער ים, / די נשמה פון ים צו דערהערן״. (דאָרטן, ז׳ 37).
דאָך דערהערן מיר אין די לידער די ״מוזיק פון אַליין זיך־באַשאַפענער שטילקייט״, ווען עס ״ליגן שטורעמס געפאַנגענע, / מיט באַפּערלטע, גלוסטיקע פּנימער, / און הערן, און פילן — / קאָנען זיך קוים צו זײַן בענקשאַפט דערבענקען, / מיט איר שטילקייט / די שטילקייט די אייגענע / שטילן״. דאָס איז אַ ליד וועגן ״די בענקשאַפט פון יהודה הלוי״ (דאָרטן, ז׳ 39). מיר טרעפן זי אויך, די סוצקעווערישע שטילקייט, אויף ״אַ פאַרזאַמלונג פון שטילקייטן, אַלע אין בלאָ״, ווען דער פּאָעט האָט ״אונטערגעהערט זייער זויבערע שטומקייט, / ווי ס׳בלוט אין פאַרזיגלטע פידלען״. דאָס זענען אַזעלכע אויסטערליש־מיסטעריעזע שטילקייטן, אַז ״באַשרײַבן זיי קאָן איך ניט. סײַדן דאָס האַרץ וועט זיך אָפּשטעלן״. אַוודאי ווילן מיר ניט הערן די טויטע שטילקייט פון אַ האַרץ, אָבער סײַ ווי זענען דאָ אַלע לעבעדיקע וועזנס, ״אין אילת״, — די שלאַנג, דער הינד, דאָס ווינטל, אַפילו דער ״אָדלער אין הימל״ — ווי פאַרגליווערט ״אָן באַוועגונג״. און פּלוצלינג הערן מיר: ״נאָר ס׳באַוועגט זיך ווער יאָ / איבער טיגערנע תהומען / און די שטילקייטן דאָ / בלויז געדענקען זײַן נאָמען״, (דאָרטן, זז׳ 51־52). די גע־פּרעסטע שטילקייט געדענקט אַוודאי זײַן נאָמען, ווײַל דאָ, ״לעבן סיני, האַלבע נאַכט, / ווו שטילקייט ראַנגלט זיך מיט שווײַגן״, האָט זי א י ם באַשאַפן. ״צו דעם דאָרן אין געפלאַם — אַפילו שטומקייט קאָן ניט שטום זײַן״. (דאָרטן, ז׳ 59).
אינטערעסאַנט איז ווי סוצקעווער מאַכט שײַכותדיק חומשדיקע אַסאָציאַציעס פון ״גלעקלעך פון קעמלען״ מיטן ייִדיש־היימישן נעכטן. ער וויל פאַרגאַנצן די צווייקייט: ״לאָמיר זיך לייגן אין היימישע גראָז, / לאָמיר, צעהאַלבטע, זיך גאַנצענען פאָרט!״. און גלײַך קומט דער אָריענטאַליש פאַרבענקטער רעפריין: ״גלעקלעך פון קעמלען / קלינגען אין דרעמלען: / רו. / שטערן מיליאַרדן / דעקן דעם ירדן / צו. (דאָרטן, זז׳ 57־58).
אין די ווײַטערדיקע אָפּטיילונגען — לידער פון נגבֿ: 15 דרײַ־סטראָפיקע 4־שורות־לידער און ה קאַפּיטלעך קליינע הימנען צו סדום — פינקלט די דיכטערישע וויזיע מיט בראשיתדיקע אורבילדער, געצייכנט מיט קרעפטיקע וואָרט־קאָלירן. אין די מאָדערניסטישע שילדערונגען זאַפּט זיך קוים דורך דער חומש־ריח. דער אָפּטייל ירושלים הייבט זיך אָן מיט אַ וועגווײַזערישן אַרײַנפיר־ליד — ״אויב זען ווילסטו איין מאָל די

אייביקייט / פּנים אל פּנים״, איז ״די אויגן באַהאַלט, / דריי אַראָפּ זיי / ווי קנויטן אין שאַרבן. — — און גיב זיך אַן עפן / אַנטקעגן די פעלדזענע שפּיגלען פון ירושלים״. (דאָרטן, ז׳ 80). אין דעם אָפּטייל איז פאַראַן אַ פּאָעמע, אין באַחנטע ריטמישע פערזן, מיטן קאָלאָריט פון די מיזרח־עדות: ״די צוואה פון נסים לאַניאַדאָ״ (דאָרטן, זז׳ 90־94). דער אָנרעג: ״אַ זעלטן געשריפטס״, וואָס דער דיכטער זאָל האָבן ״געפונען״ ערגעץ ״אין אַ ווינקל אויף מאה שערים״. ביז אַהער לידער פון ישׂראל־טעמאַטיק.

אַלע לידער זענען דורכגעזאַפּט מיט פּערזענלעכע איבערלעבונגען, עמאָציאָנעלע שפּאַנונגען און שטימונגען, וואָס זענען טראַנספּערירט אין סימבאָלן און אַלעגאָרישע רמזים. ס׳איז אַ לעבעדיקער קוואַל פון חזיונות און חלומות, ווו סוצקעווערס זוניקע, מיט שאָטנס פאַרוועבטע, פּאָעזיע, פינקלט אויף דער ישׂראל־לאַנדשאַפט. מדינת־ישׂראל איז דאָ דער ערשטער שטאַפּל צו אַ נײַער דיכטערישער עליה און דערקענטעניש צום לאַנד. די ערשטע פיר יאָר פון זײַן ישׂראל־יונגשאַפט — 1947־1951.

די קאַרש פון דערמאָנונג (דאָרטן, זז׳ 95־141) נעמט אַרײַן די לידער אויף טעמעס פון עבֿר: היים און געטאָ. סוצקעווערס קאַרש־סימבאָליק, צו מאָל ראָמאַנטיש באַהויכט, גייט ווײַט צוריק, ביז צו זײַנע ערשטע דיכטערישע יאָרן. ער — אַ קאַרש־פאַרליבטער, איז זי — זײַן חלום — תּמיד לעבעדיק־זאַפטיק און יונג־פאַרביק. אין זײַן גײַסטיק אויג איז זי אויך רייצנדיקער און שענער, ווי אויפן פּראָזאַישן בוים. אין דעם ציקל לידער קומט זי ווידער, און מיט איר — אַ נײַער אימאַזש פון סוצקעווערישן ״אויטאָפּאָרטרעט״. צו ערשט זעען מיר דעם גוף, ווי פון גורל באַוועגט, דינאַמיש, מיט אַ רעפריין: ״און איך בין געגאַנגען״. דאָס איז מסתּמא דער ג אַ נ ג צו געפינען די נשמה, וואָס דערפירט ביז צום פאַטאַלן סוף: ״בײַם גרענעץ פון גלאָז״. אפשר איז עס די זעלבע גלאָז־מחיצה, ווי אין גרינער אַקוואַריום, ווו ס׳הייבט זיך אָן דער אומוואָרי־קער וועג פון טויט צו דמיונדיקן לעבן. דאָ האַקט זיך דער וועג פלוצלינג אָפּ.

אַקאָרדן פון שטאָלצן וואַלד (דאָרטן, זז׳ 142־154): ס׳בינטל לידער איז אַ געזאַנג וועגן דער גבֿורה און מוט, וועגן מאַרטירערשאַפט און מסירת־נפש פון ייִד אין קאַמף און סכּנה. סוצקעווער האָט די העלדישע מעשׂים פון די פּאַרטיזאַנער טראַנספּערירט אין פערזיקער קונסט און אָנגעטאָן דעם וואַלד די קרוין פון גלאָריע און קדושה, פּאָר באַשיצן אין זײַנע פאַרטונקלטע באַהעלטענישן די געיאָגטע מענטשן: ״מײַנע קלאַנגען־לעגענדעס באַצויגן מיט פײַער; / פּאַרטיזאַנער! אָ, ווײַטע, פאַרשניטע געשטאַלטן — —״. די אָ וווּנדער־געשטאַלטן פון יענעם טאָגבוך פון שניי ל ע ב ן ווײַטער אין סוצקעווערס אַ נ ד ע ר ש ד י ק ן וואַלד.

אַ בריוו צו די גראָזן (דאָרטן, זז׳ 155־161) איז אַ מגילה פון גראָזיקער וואָרהאַפטיקייט און וואָרטהאַפטיקייט. די שורות — אַ צונויפגעמישטער פון ווערטער, געדאַנקען, מעדיטאַציעס, אימאַזשן און מעטאַפאָרן, וואָס שטעלן צוזאַמען אַ סעריע — 14 — קליינע, שיינע געזאַנגען. ״אויב די האַנט פון פּאָעט איז אַ מ ע נ ט ש״, מעג מען דרינגען אַז דאָס אויג פון פּאָעט איז אַ מאַגנעטישער בליציקער שטערן.

# אָדע צו דער טויב*

אַבֿרהם סוצקעווער האָט ניט אַרויסגעשניטן די טויב פון איר אוניווערסאַלן קאָנטעקסט, ווי אַ צייכן פון ליבע, נאָר זי איז דאָ געוואָרן דער סינאָנים פון זײַן אייגענעם שעפערישן מהות. מיטן צוטיילן איר די קרעאַטיווע דימענסיע פון זײַן פּאָעטישער ליבשאַפט, האָט ער זי באַשטימט פאַר זײַן אינדיווידועלן סימבאָל. די אָדער צו דער טויב (דאָרטן זז׳ 165־174) איז, אין אַנדערע ווערטער, אַ סערענאַדע צו זיך אַליין, צום פּאָעטישן עגאָ וואָס פילט אַ באַדערפעניש געצערטלט און געליבט צו זײַן. ס׳איז דאָס געזאַנג פאַר איר גנאָד, מיטן געבן אים די טײַערסטע מתנה: זאָלבן אים פאַר אַ דיכטער. ער פילט, מיט אַלע חושים, די גוטסקייט וואָס זײַן טויב האָט אין אַלע צײַטן אויסגעשפּרייט איבער אים. אין דעם אָ עקזאַלטירטן לויבליד טראָגט ער איר צו דעם פולן ט ו י ב ן ־ ש כ ר וואָס זי האָט זיך פאַרדינט. דערפאַר קלינגט די פּאָעמע מענטשלעך־וואַרעם, מיט רירנדי־קער אמתדיקייט. ווי די סימבאָלישע טויב איז ריין אין איר גאַנצקייט, אַזוי אויך איז די אָדע אַרײַנגעזונגען אין שלמותדיקע סטראָפיקע פאָרמען — X קאַפּיטלען פון פיר מאָל פיר שורות. דער ריטמישער מעטער איז מיט מוזיקאַלישער פּערפעקציע אויסגע־וואָגן, אין מוסטער פון מעלאָדיש סוצקעווערישן פערזן־געשליף. די ווערטער — פאַרביק, פליגלדיק־שוועבנדיק, און דער סימבאָליזם — לײַכט פאַרשטענדיק. עס לייענט זיך מיט הנאה, פליסיק, און דערוואַרעמט ס׳געמיט. מ׳ווערט פשוט צוגעצויגן צו איר צאַרטקייט, צו איר אויסגעוואָרקעטע ליבשאַפט, ווי צו אַ טויב של ממש.

די ״פעדער״, וואָס די טויב האָט „איבערן היימישן קוימען אַ סימן געלאָזן״, איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין ״וווּנדער! אַ טויב איז די פעדער אין שנייען־מאַגנעט פון באַגי־נען״. ווערט עס אַוודאי קיין וווּנדער ניט זײַן, אַז די זעלביקע פעדער האָט שוין אין סוצ־קעווערס שעפערישן באַגינען אויסגעקריצט די מאַגנעטישע פּאָעמע סיביר, איבער וועלכער עס פלאַטערט טאַקע דער שאָטן פון ערשטער קינדישער ליבשאַפט צו מוזיק, די ערשטע צאַפּלענישן פון אַ ליכטיקער טויבישער בשורה.

אין ערשטן ראַנדעווו מיט זײַן געטרײַער טויב, באַט זי אים אָן כּל הגוטסן פון דער וועלט. ״דער ייִנגל״, וואָס האַלט אין זײַנע ״פינגערשע נעסטן״ — „אירע שנייִקע פּליושן״, הגם ער איז ״בגילופין״, דערפילט תּיכּף דעם זינען פון זײַן שליחות — איז זײַן בקשה: ...״מײַן ליבינקע, בין איך דיר טײַער, / קום, אַז אַ מאָל כ׳וועל דיך רופן אין רעגן אין שניי און אין פײַער״. (דאָרטן, ז׳ 165). די טויב, די מוזע, ווי זי איז באַקאַנט פון אַלטע צײַטן, וואָס האָט אים אין זײַן קינדהייט איר פעדער געשאָנקען, ווערט סוצ־קעווערס שפּרודלדיקער קוואַל פאַר אַ לעבן פון פּאָעזיע:

> — טײַבעלע, קינד פון דער קינדהייט, גיב לשון די ליפּן, גיב לשון,
> הער דאָס געוויין פון די קלאַנגען, אַניט איז אַ חלום פאַרלאָשן...

* אָדע צו דער טויב. תּל־אָבֿיבֿ, די גאָלדענע קייט, 1955, 129 זז׳.

די טויב צינדט אָן זײַן דיכטערישן טרוים, וועלכן ער לייזט אויס פון זײַן "שטומקייט". אויף דעם רוף פון דיכטער, גיט די טויב אַ פּישופדיקן פלאַטער צו אים:

**פּלוצעם —**

אַ קוש מײַנע ליפּן. ווער בין איך, ווו בין איך? די שלעסער
שליסן אַליין זיך פונאַנדער. די שטומקייט — צעשניטן פון מעסער.
פּערל און פּערל און פּערל, מיט ימיקע רוישן געהיימע,
רעגענען שויך פון די ליפּן, ס'באַפאַלט מיך אַ פּערלנע אימה.
(דאָרטן, ז' 166)

איז טאַקע, "ווער האָט פאַרשיכּורט די פינגער, זיי זאָלן באַשאַפן" אַזוי פיל וווּנדערלעכע אימאַזשן, אויב ניט די געבענטשטע טויב? "— טײַבעלע, האָסט מיר געשאָנקען אַ בלעטל פּאַפּיר ווי אַ שפּיגל, / האָסט מײַנע ווערטער וואָס בלאַנקען מיר איבערגעשפּרייט מיט די פליגל!" (דאָרטן, ז' 166). און ס'וועט ניט זײַן קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די שפּאַנונג אין דער פאָעמע וואַקסט, שטײַגט כּסדר, מ'ווערט מיטגעריסן מיטן שטראָם פון די בילדער. מ'ציילט די צאַפּלדיקע טראָפּעען וואָס די טויב ברענגט. מ'האַלט אײַן אײַן שפּאַנונג דעם אָטעם. אין דער שיין צעשײַנטער פאָעמע בליצן די מעטאַפאָרן און סימבאָלן, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף זיי אין פריִערדיקע לידער, מיט מער גע־שימער און קראַפט: "בלעטל פּאַפּיר, ביסט אַ דענקמאָל, אַ נעסט בויט די טויב אין דײַן חומר, / בלעטל, אין דיר, ניט אין מאַרמאָר, איז אײביק דאָס פּנים פון טרוימער", דאָס פּאַפּיר האָט מיט אַ מאָל פאַרביטן דעם מאַרמאָר, וואָס איז אַזאַ באַליבט מאַטעריאַל אין סוצקעווערס לידער פון סקולפּטורן און דענקמעלער. און אָט האָבן מיר דעם פּירוש פון דער פּאַפּיר־יצירה, ווען "דאָ, מיט דער פּען, דיריזשיר איך אָן אייגענע, שטילע קאַפּעליע":

זונפאַרגאַנג זינגט אין אַ לעמפּל. און אונטערן מאַגישן לעמפּל
בוי איך פון בײנערנע קלאַנגען, באַגאָסן מיט בלוט מײַנס, — אַ טעמפּל.
(דאָרטן, ז' 167)

פאַר וואָר, סוצקעווערס היכל־השירה איז געזאַלבט מיט דער צויבערפּראַכט פון זײַן שעפעריש בלוט און שוויס.

מיטן לייענען ווערט מען אַרײַנגעצויגן אין דער ליכטיקער צעזונגענקייט פון די סטראָפעס. דאָ לאָזט זיך לײַכט פאַראַפראַזירן דעם דיכטערס "ס'באַפאַלט מיך אַ פּערל־נע אימה", ווען דעם לייענער באַפאַלט אַ פּ ע ר ל נ ע ש ײ נ ק ײ ט. די אַ פּערלנע שיינקייט פלעכט זיך פון שורה צו שורה, ווי שניר פּערלנע ווערטער. דאָס זענען די באַקאַנטע זוניקע ציגל, מיט וועלכע סוצקעווער האָט אויפגעשטעלט דאָס געבײַ פון זײַן "טעמפּל", ווו עס "גליט דער ווולקאַן פון פּאָעזיע פאַרזיגלט אין בראַנדזענע טיפן". און בעת עבֿר און הווה טרעפן זיך דאָ צוזאַמען, פּאַסירן די ווונדערלעכסטע זאַכן: אויפן "באַפעל" פון קינסטלערס וואָרט "בײַטן" סימבאָלן און אַפילו אָרגאַניזמען "די ערטער"

— "קאַרשן, פאַרמויערט אין ביימער, באַפעל איך צו בײַטן די ערטער, / קומען אויף פורפורנע פיסלעך צו לעבן ווי קאַרשן אין ווערטער". (דאָרטן, ז' 167).

דער "פען"־דיריגענט, וואָס דיריזשירט זײַן "שטילע קאַפעליע", איז דערבײַ מקיים דאָס געבאָט פון אויפהאַלטן בײַם לעבן זײַן מוזע: "זאָמל איך זילבערנע זילבן, צו קענען מײַן טײַבעלע קאָרמען". דאָס זענען הימלישע ווערטער, אָרקעסטרירט אין האַר־מאָניע, פון דער טײַבעלעס כּבֿוד וועגן. די טויב רופט צו אַ העכערן טאָנגעבער, ער זאָל זײַן דער אָפּשאַצער פון דער יצירה: "וואָרקעט די טויב ווי אַ שוועסטער: באַ־פעל, זאָלן קומען די קאַרשן, / ד ו ביסט די מאָס און דער מעסטער, פאַרשווונדענע זעונגען ירשן!" (דאָרטן, ז' 167).

אין זעלבן ריטעם קלינגט פלוצלינג אויף אַ פאַנטאַסטישע לבֿנה־כאָרעאָגראַפיע, בעת דער פּאָעט שטעלט פאָר זײַן טענצערין: "טענצערין מײַנע, ווער ביסטו, צי האָט דיך געבוירן אַ פידל? / אונטער דײַן טאַנץ ווערט צעגראָבן מײַן גאָרטנדיק לײַב מיט אַ רידל" (דאָרטן, ז' 168). דער ראָמאַן ווערט אינטערעסאַנטער און קאָמפּליצירטער, ווען עס "האָט אַ לבֿנהדיק יִינגל פאַרליבט זיך דערווײַל אין מײַן ליבער". ס'איז אַ קאַפּיטל פון זעכצן שורות, וואָס איז באמת אַ קינסטלערישער שעדעווער. דאָ זעט מען, לבֿנהדיק־דורכזיכטיק, דעם גאַנצן ליבע־קאָנפליקט: דעם פּאָעטס יאָגן זיך נאָך דער קאַפּריזנער טענצערין, שטײַגערט די דראַמאַטישע אַקציע. דער פאַרליבטער וויל "שיצן מײַן גליק פון די מענער..." — "נאָר י ע נ ע ר שלינגט זי אַרויס פון די שויבן", און דאָ טאָקע ווערט זי דער פאַנג פון י ע נ ע ר העכערער שײַן: "אײדער צו טאַנצן אין טעמפּל שוין טאַנצט זי בײַם ראַנד פון לבֿנה". אָבער דער פּאָעט גיט ניט נאָך, ער וויל זי אַרויסקריגן פון דער נעץ פון די פאַרפירערישע ליכטמאַניעס. אין קאַמף מיט די נאַטור־כּוחות, פילט ער, קאָן זי פאַלן אַ קרבן: "זאָל זי ניט פאַלן אויף דערנער, אויב יאָ — אויף מײַן ברוסט זאָל זי פאַלן". (דאָרטן, ז' 168). ס'איז אַ ווונדערלעך־פאַר־טראַכטע אַלעגאָריע אין דער סאַמע קאָנדענסירטקייט פון שורות.

און ווידער נעמט זיך סוצקעווער "בויען דעם טעמפּל, מיט זוניקן שׂכל אים בויען!" אָבער דאָ קומען אויף שווערע פּרוּוונגען: "קומט אין אַ פײַער דער טײַוול צו ברענגען מײַן טויב צום נסיון", און די סכּנה וואַקסט: "איבערגעבערענט איז דער טעמפּל, ס'אַנט־לויפן די זײַלן ווי חיות". דער טײַוול טוט ווײַטער זײַן צעשטער־אַרבעט: "קינדער, ווי גאָלדענע פייגל, צעלייגט ער אַצינד אין סקעלעטן, / סם אויף די ליפּן פון קלאַנגען, זיי זאָלן פאַרסמען פּאָעטן". נאָר פון דעם כּוח־פאַרמעסט מיטן טײַוול גייט דער דיכ־טער אַרויס מיט נצחון: "בלויז אין די גלייביקע פינגער דאָס בלעטל פּאַפּיר דאָס פאַרהיטע, / מוזן די פײַערן קניִען, זיי האָבן אויף דעם ניט קיין שליטה". איז ווידער "זאָמל איך זילבערנע זילבן צו קענען מײַן טײַבעלע קאָרמען". (דאָרטן, ז' 169).

דער ראָמאַן ציט זיך ווײַטער: דעם דיכטער באַפאַלן עבֿר־שטימונגען און ער האָט חרטה אויף זײַן פאַרלאַנגטן ראַנדעוווּ מיט דער טענצערין. זײַן טײַבעלע פאַרזיכערט אים, אַז ער איז "ניט שולדיק", אָבער אײדער דער יִיאוש באַצווינגט אים, טוט דער אָפּטימיזם אים אַ פאַרפלייץ: "ביסט ניט בײַם טויט אין אַרענדע, די טעג וועלן קרײַזן און קרײַזן, / אייביק איז בלויז די לעגענדע און זי וועט אַ שמייכל באַווײַזן". (דאָרטן,

ד׳ 170). פון שמייכל איבערגענומען, ווערט עס זײַן װעגװײַזער אין אַ װעלט װאָס ער דעפינירט זי אַזוי:

װעלט. װאָס איז װעלט? בלויז איר ניגון איז כוואַליק און װאַלדיק און װעלטיק,
יאָמערט איר געטלעכער ניגון אין אָדערן מײַנע: געװעלטיק!״
(דאָרטן, ד׳ 171).

דאָס קאָסמישע װעלטגעפיל פירט אים איבער ״שטעט אומבאַקאַנטע״ און זײַן ״טויב״, די ״געטרײַע״, אים ״באַגלייט מיט אַ פלייט איבער לענדער...״.

אין זוכעניש פון דער פאַרשװוּנדענער טענצעריק, באַשיט ער ״דאָס בלעטל פּאַפּיר״ מיט בילדערישע פראַגעס. ער פּרוּװט זיך צום סוף אַרויספּלאָנטערן מיט די צװיי לעצטע שאלות: ״װעט מיר ניט ענטפערן קיינער? צי ברענען אין מיר משוגעתן?״ (דאָרטן, ד׳ 172). איצט לויפט דער פּאָעט געפינען דעם ניגון: ״װײַט אין דער װעלט איז געפאַלן אַ שטיין־מעטעאָר, און זײַן ניגון האָט מיך געצװיגן דורך דזשונגלען״. דער שטיין איז ״פול מיטן ריח פון שטערן״ — װאָס איז ״מוזיק אונטער גאָלדענע ריפּן״. אין דער פּישופדיקער נעץ פון אימאַזשן און בילדער געפינט ער זײַן טענצעריק, װאָס נעמט אים אויף מיט פרייד ״—איך בין די טענצעריק, פרעג ניט... אַ לויב צו דעם לייב מיט זײַן ברומען! / אָנגעזאָגט האָט מיר דער קיניג דײַן קומען, דײַן קומען, דײַן קומען״. (דאָרטן, ד׳ 173). אין טראַנס פון דער עקספּיריענץ, ״ביז װאַנען מײַן גוף, דער אין ליבע פאַרברענטער, אויסלעשן װעט זיך אין גאַנצן״ און ״איידער עס װעט די לבֿנה מיר זײַן אַ מצבֿה צוקאָפּנס״, צייכנט דער פּאָעט אָן די סימבאָלן, װי מײַלשטיינער פון זײַן עבֿר, װאָס זענען פאַרקריצט אין נצח מיט פאַנטעזיסטישע סימנים:

איך בין די שנייען־לאַװינע, די װײַסע בעריאָזע, דער שפּיגל,
איך בין דער אָפּהילך פון שטילקייט, װאָס נעמט דיך אַרום אין אַן עיגול.
(דאָרטן, ד׳ 173)

נאָכן פאַרגרונטפעסטיקן די אַלװעלט־דאָקטרין קומט דער פאַרזאָג פון זײַן קינסטלער־שליחות, דער באַרוף צו זײַן אַ פּאָעט:

זאַמל די קלאַנגען, די בילדער, אַ הונגער װעט צינדן דײַן געגנט...
לעב זיי, באַלעב זיי און שילדער!
אַזוי האָבן מיר זיך געזעגנט.
(דאָרטן, ד׳ 173)

פאַרשטייט זיך, אַז די געזעגענונג מיט דער טויב איז דאָ נאָר אַ לפּנימדיקע, אָבער דער־פאַר איז עס אַ טיפערע און מער פילעװדיקע געזעגענונג מיט יענער פאַרגאַנגענער תקופה, װו ער זעט אויך די יאָרן זײַנע, סימבאָליש: ״װוּ זענען מ ײַ נ ע פיר צענדליק,

אין מידבר, צוזאַמען מיט יענע?" אין דער נײַער סבֿיבֿה, אין דער איבערגעאַנדערשטער צײַט, קלינגט שוין אַ נײַער ניגון:

אונטער אַ בוים לעבן ים־סוף. די כוואַליעס דערקלינגען מײַן אָדע.
שטיל. אין זײַן שאָטן — אַ מילשטיין, געדרייט פון דער זון מיט התמדה.
(דאָרטן, ז' 174)

אין דער אומאויפהעריקער צײַט קומט אָן אַ נײַער טאָג און עס "וואָרקעט די טויב אויף מײַן אַקסל: גוט־מאָרגן!". איז עס טאַקע אַ נײַער מאָרגן פאַר סוצקעווערן און זײַן פּאָעזיע: אַ "תּחיית־המתים פון זאַנגען, און אויבן — אַ וואָלקן מיט סטרונעס!"
לסוף וויל נאָך דער דיכטער הערן דעם פּסק פון זײַן טויב, און אויך איר מוטיקן אים ממשיך צו זײַן — פרעגט ער: "זאָל איך דאָ בויען מײַן טעמפּל, ווי איך האָב געבויט אים טאָג־טעגלעך? / זאָל איך מײַן צװיבערדיק לעמפּל צעגרינען אויף ס'נײַ און צעבלויען?" און עס קומט די פּאָזיטיווע און פעסטע תּשובֿה: "— בויען און בויען דעם טעמפּל, מיט זוניקן שׂכל אים בויען!" (דאָרטן, ז' 174).
דאָס דאָזיקע אַקצענטירטע "בויען און בויען", איז דער פּאָעטישער קרעדאָ פון אַבֿרהם סוצקעווער. דאָס איז תּמיד געווען זײַן לעבנסרוף צו זיך אַליין: ניט אַרויסלאָזן די פּען פון האַנט אין אַלע צײַטן און בײַ אַלע באַדינגונגען. די אָדע צו דער טויב איז אפשר, באַוווּסט צי אומבאַוווּסט, פּראָגראַמירט פון אַן אינעווייניקסטן פאַרלאַנג וואָס צילט צו אַ גײַסטיק סטאַבילן פּאָעטישן און אינטעלעקטועלן דויער. אַזוי אַרום איז די פּאָעמע דער שפּיגל פון די נשמה־ראַנגלענישן, וואָס דער טויב־סימבאָל רעפלעקטירט אים אַזוי קלאָר און ריין און שיין. אין פּאָדערגרונט קומט דאָ בולט אַרויס אַ סוצקעווערישׁ שעפערישער דאַקטרין: ל ע ב ן  א י ן  אַ ק ט  פ ו ן  ג ע ז אַ נ ג  א ו ן  מ י ט  ג ע ז אַ נ ג!
אין די צען קאַפּיטלען פון דער פּאָעמע פּראָקלאַמירט עס דער סוצקעווער־"ספּיקער", בצורת טויב, אין אַלערליי וואַריאַציעס. פון אירע רייד פאַרשטייען מיר קלאָר, אַז דאָס געזאַנג מוז זײַן צילבאַוווּסט און באַשטראַלט מיט רוח־הקודש. די דאָזיקע שליחות פון דער הערלעכער שיינקייט פון וואָרט, פירט סוצקעווער אויס מיט קינסטלערישער פּליכטווילִיקייט. אין דער אָדע צו דער טויב פילן מיר די צאַפּלדיקע חדווה מיטן שלמותדיקן וואָרט, אָבער אויך דעם ערלעכן ציטער ניט ניזוק צו ווערן בײַם „בויען דעם טעמפּל", ווען עס "קומט אין אַ פײַער דער טײַוול צו ברענגען מײַן טויב צום נסיון".
דער טעמפּל פון ליכטיקן וואָרט איז אַבסאָלוט בכּוח געווען אויסצוהאַלטן דעם נסיון. דער סוצקעווער־גײַסט האָט זיך ניט אײַנגעבראָכן און די פּאָעטישע וויזיע האָט אויך דעמאָלט געשטראַלט מיט אמונה, אַז ס'פײַער פון וואָרט האָט פאַרצערט דעם חושך. "ס'קלינגען בית־עלמינס — מע הערט ניט..." סוצקעווער האָט אָבער יע געהערט, ווײַל פאַר אים "זענען זיי אַן אכסניא" געווען. זייער ק ו ל האָט ער איבערגעטראָגן אין געזאַנג ווען "מענטשן..." וואָס זענען מער ניטאָ, אָבער "מקנא זײַן דאַרף מען די שטויבן" זייערע. דעם צעגליטן ווערטערשטויב, "זייער גײַסט, זייער גלויבן", האָט סוצקעווער פאַרבויט אין זײַן טעמפּל, און דערפאַר אַ לויבגעזאַנג דער טויב, פאַר דעם רוח־השירה וואָס זי האָט דאָרטן צעפלאַטערט.

# העלפֿאַנדן בײַ נאַכט

## דער אַפֿריקע־קאָלאָס אין סוצקעווערס ליד

סוצקעווער האָט פֿאַר זײַן "נסיעה איבער אַפֿריקע, 1950", אויסגעקליבן ווי אַ קאָד: העלפֿאַנדן. איז אין אַפֿריקע פֿאַראַן דער מלך פֿון די חיות, דער לייב, און ניט ווייניק אַנדערע פֿון זײַן מין, האָט סוצקעווער, דאַכט מיר, גוט און קלוג צוגעטראָפֿן מיטן העלפֿאַנד, ווי אַ סינאָנים פֿאַר דעם סוב־קאָנטינענט וואָס ליגט אין שפּיץ פֿון דרום. אויב דער טיטל זאָגט טאַקע ניט פֿיל וועגן גאַנצן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען פֿון גרויסן און שטאַרק־דיסקוטירטן לאַנד דרום־אַפֿריקע, איז עס אָבער דער ריכטיקסטער רעפֿלעקס אין די אויגן פֿון אַ פּאָעט, וואָס כאַפּט אויף צום ערשטן מאָל די דימענסיע פֿון אַפֿריקע־קאָלאָס: דער אָ ריזיקער בעל־חי איז זײַן בעסטער סימבאָל. מיט אַ וואַכן חוש און אַ געניט אויג האָט סוצקעווער דערפֿילט און דערזען די העלפֿאַנד־דערשײַנונג, וואָס זײַן פֿלעגמאַטישע נאַטור סימבאָליזירט אַמבעסטן די פּרימיטיווע מענטשן פֿון די שבֿטים אויף די טויזנטער קילאָמעטערס לאַנד־שטחים. און העלפֿאַנדן בײַ נאַכט (דאָרטן, ז״ז 175־226), וואָס זייער שאָטן שפּרייט זיך אין די לידער פֿון סוצקעווערן, זעען אויס מיסטישער און כּישופֿדיקער אין לבֿנה־שײַן פֿון די דזשאָנגלען.

סוצקעווערס העלפֿאַנדן, און די אַנדערע דזשאָנגל בעלי־חיים, אין די לידער, באַוועגן זיך אין אַ חלום־וועלט פֿון דיכטערישער פֿאַנטאַזיע, אײַנגעראַמט אין שבֿטים־מיטאָס און מעשׂהלעך. עס ברענגט אונדז אַרײַן אין אַ נײַע כּמעט לעגענדאַרע וועלט, וווּ אַלץ ליגט אײַנגעדרעמלט אין אילוזאָרישער פֿאַרשטילטקייט, ווי אין עולם־הדמיון: "אַלע רוישן, אַלע קלאַנגען שלאָפֿן / אין די אויגן צוויי וואָס זענען אָפֿן — / אויגן צוויי פֿון גאָט וואָס זענען אָפֿן". (דאָרטן, ז׳ 175). דאָ, אין דער מענטשן־אויסגעליידיקטער ברייטקייט, האָט סוצקעווער דערזען די אויגן פֿון דעם, וואָס וואַכט און היט די שלאָפֿנדיקע דזשאָנגלוועלט: דער גאָט וואָס "איז ניט ווײַס, / ניט שוואַרץ, / ער האָט קיין פֿאַרב ניט". די וועלט פֿון און אַרום די דזשאָנגלען — ווילדע חיות, שוואַרצע מענטשן, קיניגן פֿון שבֿטים, נאַטור — האָט סוצקעווער מיט וווּנדערלעכער אָריגינעלקייט געמאָלן. פֿון די לידער אָטעמט די אַטמאָספֿער פֿון אַפֿריקע־קאָנטינענט. אָט: "העלפֿאַנדן בײַ נאַכט, ווי שוואַרצע גײַסטער / וואָס קומען אײנער נאָכן צווייטן / באָדן זיך אין טײַך". אין דעם "יעגערליד", ווי עס איז באַצייכנט אין אונטער־קעפּל, פֿאַרוואַנדלען זיך "זיבן לבֿנהדיקע העלפֿאַנדן", וואָס דער יעגער האָט "נאָכגעלויערט", אין "זיבן מיידלעך (וואָס שנײַדן־אויף דאָס וואַסער מיט די בריסט". ער באַהאַלט אין "העלפֿאַנדישע מאַסקע" וואָס זיי האָבן "אויסגעטאָן", און בײַם צוריק זיך "אָנטאָן אין די העלפֿאַנדקליידער — — האָט פֿאַר אײנער אויסגעפֿעלט אַ מאַסקע" — — "און איך, דער יעגער, / האָב חתונה געהאַט מיט איר — אַ מיידל אָן אַ מאַסקע". ("העלפֿאַנדן בײַ נאַכט", דאָרטן, ז״ז 185־187).

די אַנדערע לידער, אויך געשריבן אין זעלבן זשאַנער, און צוגעווירצט מיטן פֿאָלקלאָר פֿון די שוואַרצע און זייערע אײַנגלייבענישן, האָבן, ווי אַ צוגאָב, המצאהדיקע אײַנפֿאַלן

און בליצן פון סוצקעווערישער פאַנטאַזיע. אָט "טאַנצן אין לבֿנה־צירק פּיגמייען פון סאַכאַרע" — — זיי "טאַנצן־אויס נקמה קעגן הויכקייט":

הויכקייט מוז צעשניטן ווערן מיט די רויטע מעסערס.
הויכקייט איז די נאַרישקייט, וואָס וויל דערגרייכן גאָט.
מיר, די קליינגעוויקסיקע, ווי היישעריקן־פּרעסערס —
וועלן אַלע הויכקייטן צעפּרעסן ביזן טראָט.
(דאָרטן, ז' 180)

דאָס דערציילט דער "פּיגמייען־טאַנץ".

דעם צוזאַמענטרעף פון דיכטער מיט "אַ מעטעאָר אין מידבר קאַלאַהאַרי", לעבט ער איבער ווי אַ סענסאַציע: "צום ערשטן מאָל דערפילסטו גלי פון מענטש / און איך באַריר צום ערשטן מאָל די גלידער פון אַ גײַסט". (דאָרטן, ז' 181).
"אַזיס" (דאָרטן, זז' 182־183) איז דער פּינקטלעכער און פּיל־זאָגנדיקער טיטל, אויפן ראַנד פון דעם קאָנטינענט. סוצקעווער האָט געגעבן אַ געפּרעסטן בילד פון אַ אַ ז י ס און דעם "שיינעם באַנטו־נעגער", וואָס "אַ שלאַנג" האָט מיט איר "סם" אים "טאָ־טויִרט": "אַ לאַנד וווביימער זעען אויס באַבלעטערטע חלומות... // אונטער זיי — אַ מאַן פון שוואַרצן מירמל". חיה און פויגל האָבן "מורא פאַרן סם": ניט "די נאַכטיקע היענע", ניט "די שוואַרצע קראָ" — "דערוועגט זיך ניט דערנענטערן". נאָר "פּלוצעם קומען יום־טובֿדיקע פייגל אין אַזיס. / גאָלדענע! / זיי פליִען אויף אַ חתונה אַצינד". און זיי "נעמען אויף דער חתונה / דעם שיינעם, טויטן רײַטער". אויך דאָס ליד איז שיין, וווּנדערשיין מיט זײַנע אַפריקע־קלאַנגען, אויף ייִדיש!

□

דער ערשטער מענטש, דער "שוואַרצער", שטאַמט טאַקע אָפּ פון העלפאַנד. אַזוי איז זײַן בראשית, "אין אַנהייב": "אין אַנהייב איז געווען אַ שוואַרצער העלפאַנד". "פאַרן שטאַרבן האָט ער אין אַ טײַך / אַ העלפאַנדביין פאַרלוירן. — — ס'האָט אין טײַך געבאָדן זיך אַ רעגן־בויגן — / האָבן זײַנע פינגער אָנגעכאַפּט דעם העלפאַנדביין", וואָס איז "געוועזן שוואַרץ". "אויס דאַנקשאַפט האָט דער רעגן־בויגן / אים געטאָן אַ קוש", פון דעם העלפאַנדביין "איז געוואָרן מ ע נ ט ש — / דער עלטסטער פון די מענטשן — — שוואַרץ, ווי יענער העלפאַנדביין, / און רעגן־בויגן־ליכטיק". דאָס איז דער ערשטער אָדם, באַשאַפן פון שוואַרצן העלפאַנד. (דאָרטן, ז' 184).
און ווי דער שוואַרצער מענטש זענען אויך די לידער רעגן־בויגן־ליכטיק, געשליפן מיטן גלאַנץ פון עקזאָטישער נאַטור און שבֿטים־פאָלקלאָר. אַזעלכע בילדערישע אַפרי־קע־לידער, מיט צייכענונגען פון אַ שוואַרצן מאָלער, אין דער איבערזעצונג פון איינעם פון די פאַרשפּרייטע דיאַלעקטן פון די אַפריקע־שבֿטים, וואָלטן אַוודאי געווען אַ וואַר־טיקער ייִדישער בײַטראָג צו אַ מער ראַפינירטער מאָדערנער אַפריקע־פּאָעזיע. אַדרבא, זאָלן דעם לידער־אוצר פון מער ווי פּערציק, צי אַ טייל פון דעם, זען און לייענען די

שוואַרצע אינטעליגענץ, לערער און תּלמידים, ווי אַ ייִדישער פּאָעט האָט אויפֿגעכאַפּט דעם גײַסט פֿון זייער לאַנד, ווי גאָלדיק העל ער האָט געמאָלן די מענטשן פֿון די שוואַרצע אור־שבֿטים. און טאַקע ווײַל ס'איז ניט קיין רײַזע־באַשרײַבונג, צי אײַנדרוקן פֿון אַ טוריסט, האָט עס אַן אומאָפּשאַצנדיקן קולטור־ליטעראַרישן ווערט.

מיט אַ מערקווירדיקן חוש האָט סוצקעווער אײַנגעזאַפּט די אַפֿריקע־אַטמאָספֿער, זײַן אויג האָט אײַנגעזויגן אירע פּייסאַזשן און עס אַרויסגעשפּיגלט אין זאַפּטיק טויִקע ייִדיש־לידער. זיי זענען פֿול מיט עסענציאַלן געפּרעסטן תּוכן און מיט פֿאַרשיידנסטער פֿאַרביקער טעמאַטיק. סוצקעווער האָט, אין די עטלעכע חדשים פֿון זײַן אַפֿריקע־רײַזע, זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער שוואַרצער וועלט פֿון מענטש און מיט דער גרינער זאָאָלאָגישער וועלט פֿון חיה און זיי אַרײַנגעוועבט אין דער קאַנווע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. דער אוניקאַלער לידער־ציקל, אָנגעשריבן אין די יאָרן 1950־1954, איז אַ שעדעווער פֿון אויסגעקריסטאַליזירטע אַפֿריקע־מאָטיוון, ווו פּרימיטיוויזם, קינדישע נאַיִווטעט און פֿאַנטאַזיע גייען האַנט אין האַנט. אָט אַ שטייגער, "דער שוואַרצער קיניג", איז אַ שוואַרצער פּערל, אין ייִדיש, פֿון אַפֿריקע־סוזשעט. זײַן פֿילאָסאָפֿיע איז ניט פֿינצטער־קהלתדיק, נאָר אומעטיק־פּאַטעטיש, ווי "דער אַלטער שוואַרצער קיניג" וואָלט זיך אויסווייינען אַ זינגעוודיקן טויט — און "דער שוואַרצער קיניג וויינט ניט מער. / איצט וויינען זײַנע לידער". (דאָרטן, זז' 190־191). אין זײַן שוואַרצן שפּיגל רעפֿלעקטירט די אָנגעזאַמלטע קלוגשאַפֿט פֿון לעבן, פֿון דורות, אין קאַמף מיט דער נאַטור.

נאַטור, וועלט, מענטש, קומען דאָ ניט אין אַ ראַפֿינירטן אויפֿנעם, ווי אַבסטראַקטע באַגריפֿן, נאָר אין די טערמינען פֿון די באַזונדערע אָריגינעלע פֿאָרשטעלונגען פֿון שוואַרצן. די דאָזיקע פֿאָרשטעלונגען, צו מאָל אין זייער אַלעגאָרישן פֿאָלקלאָר, האָט סוצקעווער אין די מאָדערנע פֿאָרמען פֿון זײַנע לידער אַרײַנגעפּרעסט. אָבער ס'איז ניט נאָר אַנדערשקייט און באַזונדערקייט פֿון פֿאָרעם, נײַערט אויך פֿיל־קאָליריקייט און פֿיל־מאָסיקייט פֿון מעשׂה־שטאָף, וואָס סוצקעווער האָט מיט קינסטלערישער געניטשאַפֿט אויסגענוצט. דער אַרומנעם פֿון אַזוי פֿיל אַספּעקטן פֿון דעם אַפֿריקע־פּענאָמען, ווי ער קומט צום אויסדרוק אין סוצקעווערס העלפֿאַנדן בײַ נאַכט, וואָלט קלעקן פֿאַר אַן אַפֿריקאָלאָג צו פֿאָרשן און אַנאַליזירן אַ ייִדיש אייגנאַרטיקן אַפֿריקע־קאָנצעפּט. סוצקעווער האָט דעם גאַנצן אַפֿריקע־קאָנטינענט פֿאַרפֿלאָכטן אין זײַן אָרנאַמענטיק פֿון ליד. ער האָט פֿאַרגאָסן דעם ווילדן קאָנטינענט מיט ליכט, קאָלירן, עקזאָטישע רעגן־בויגנס און גאָלדיק־זוניקע האָריזאָנטן, וואָס זענען מיט אַזאַ פֿאַרשווענדערישקייט פֿון בילדער און פֿאַרבן געמאָלן. די אַפֿריקע־לידער האָט דער פּאָעט דורכגעפֿילטרירט דורך זײַן גײַסטיק אויג און באַשאַפֿן, אויף ייִדיש, אַ נײַע אַפֿריקע־וועלט. דער סאַמע ווונדער פֿון די אַלע לידער איז, וואָס דער שווער־פֿיסיקער העלפֿאַנד־קאָמפּלעקס "גייט" דורך זיי אַזוי לײַכט, כּמעט שוועבנדיק, ווי די מיידל־פֿיגור אין וועלכער די "לבֿנהדיקע העלפֿאַנדן" זענען פֿאַרקליידט.

זאָל באַזונדערס אַקצענטירט ווערן די ח כ מ ה פֿון פּאָעט, לחלוטין ניט צו "באַמערקן" אין דער אַפֿריקע־קאָנצענטראַציע דעם ווײַסן מענטש!

# גרינער אַקוואַריום *

## קורצע באַשרײַבונגען

דאָס איז איינע פון די ווונדערלעכסטע אַנטפּלעקונגען פון סוצקעווערס פּעדער, וואָס
האָט אַ פרישן שטריך אין זײַן קרעאַטיוון פּנים אַרײַנגעקריצט: פּראָזע. מיטן דאָזיקן
נײַעם אינסטרומענט פּרוּווט ער אויס כּמו־ערדישע טעמעס, וואָס זייער סימן איז "גרין.
גרין", און דער פּירוש: "אַ גרינער מעסער האָט אויפגעשניטן די ערד" — און פון
דער ערד אַרויס וואַקסן חלום און טראַגיק און פאַנטאַזיע. דאָ קומט פאָר דער מעטאַר־
מאָפאָז פון "פּנימער", וואָס "דער טויט האָט זיי געזאַלבט מיט אַ גרינער עקסיסטענץ".
ווי אַ רעזולטאַט פון דעם פאַרלירן זיי די חומרדיקע אַטריבוטן און "אַלע שווימען זיי
אינעם גרינעם אַקוואַריום, אין אַ מין זײַדענער, לופטיקער מוזיק". אין דעם אַקוואַריום,
ווו עס "לעבן די טויטע!", האָט דער פּאָעט זיך אַרײַנגעבראָכן און די "ריזיקע פלאַס־
טישע מאַפּע" האָט זיך אומגעוואַנדלט אין אַ וועלט פון "פּנימער". דאָ איז עס די נאַ־
טירלעכע וועלט פון טויט. און דער דיכטער דערקענט "איין פּנים" און
שטעלט פעסט: "אָט איז דער חלום פון מײַן חלום — — —" — טויט וואָס איז געוואָרן
חלום — חלום פון "גרינער עקסיסטענץ".

□

סוצקעווער האָט זיך פּאָעטיש פאַרבאַריקאַדירט הינטער דער "קרישטאָלענער צעל" ווו
ס'ליגן זײַנע "געשמידטע ווערטער" — "די שולדיקע" און "די אומשולדיקע".
ער וויל, זעט אויס, לחלוטין עלימינירן זייער גרילציק־אויפרײַסיקע מוזיק: "— גיי
איבער ווערטער ווי איבער אַ מינענפעלד: איין פאַלשער טראָט — — און אַלע ווער־
טער — — וועלן צעפליקט ווערן מיט דיר צוזאַמען —". די התראה, אין סכּנה פון
געראַנגל מיטן וואָרט, לאָזט סוצקעווערן ניט אָפּ. אין בויען און אויסקריסטאַליזירן די
אַקוואַריום־יצירה, האָט ער אַ פּנים געוואָלט שטאַרק אָפּהיטן דעם דאָזיקן כּלל. סוצקע־
ווער, איינער פון די בעסטע שווימערס אין ים פון לשון, וואָס קאָן פון זײַנע טיפן
אַרויפברענגען די ליכטיקסטע פּערל אָן געניזוקט צו ווערן, האָט אַן איבעריק מאָל,
דווקא אין ליכט פון גרינעם אַקוואַריום, געוואָלט פּרוּוון זייער עכטקייט און ריינקייט.
דאָ האָט אַ רגע זיך אַרײַנגעכאַפּט דער ספק, צי דער כּוח פון וואָרט וועט קאָנען פאַר־
אמתן די אַקוואַריום־אידעע, ווי ער האָט זי זיך אָנגעצייכנט. און סוצקעווער האָט זיך
מוטיק גענומען צום פּאָעטישן נסיון: אַ ראַנדעווו מיט די טויטע. אין דער פּאָע־
טישער אַוואַנטורע איז ער דעם נסיון בײַגעשטאַנען. די יסודותדיקע כאַראַק־
טעריסטיק פון די "קורצע באַשרײַבונגען", ווי סוצקעווער באַצייכנט זיי, איז לעבן

* פּאָעטישע ווערק, באַנד צוויי. זז׳ 227־272.

אין אַ וועלט פון טויט — און דאָס בלויז מיט פּאָעטישע סגולות פון אימאַזשן און סימבאָלן. לעולם קאָן זיך דאַכטן, אַז זיי פּאַרטונקלען דעם פּשוטן שׂכל, אָבער ווען סוצקעווער צינדט אָן איבער די ביזאַרע חלום־וועלטן די רעאַליסטישע רעטראָספּעק־טיווע פּראָזשעקטאָרן, לויכט אויף מיט פּראַכט און טרויער דאָס צוריקוועגיקע לעבן. אין אַנדערע ווערטער: די טויטע געשיכטעס פּאַרוואַנדלען זיך אין לעבעדיקער רעאַ־ליסטיק — די רעאַליסטיק פון פּותר־חלום זײַן.

□

דער שפּעפערישער פּאָטער פון די אויסגעחלומטע פּערצן דערציילונגען, האָט, קענטיק, לכתחילה ניט געפּילט די באַרעכטיקונג זיך אַרײַנצורײַסן אין אָפּגעשיידטן תּחום פון די טויטע אָן אַ לעגיטימע אײַנטריט־קאַרטל. די ערשטע דערציילונג, ווי דער הויפּטטיטל, "גרינער אַקוואַריום", דינט טאַקע ווי אַ מין נאַראַטאָרישע הודאה ברבים פון זײַן פּסי־כיש־גײַסטיקן מצבֿ: ער איז אין אַ געפּעכט מיט וואָרט און מיט זיך אײדער ער נעמט זיך אויספירן זײַן אומגעוויינלעכן עקספּערימענט. "אויף די קני" בעטלט ער אויס בײַ דעם "איבערהאַר"־וואָרט די בקשה: "— כ'וויל זען די טויטע!". און דאָ ווערט מיט אַ מאָל די גאַנצע מיסטעריע אומגעוואַנדלט אין אַ מין חלום־וואָר. דאָ פילן מיר שטאַר־קער דעם פּאַראַדאָקס פון בעל־הבית איבערן וואָרט און פון זײַן געהאָרכיקן קנעכט, אָבער ס'איז מער אַחריות און באַוווסטקייט פון איינעם וואָס בלײַבט סײַ ווי אי דער שעפער, אי דער געביטער פון וואָרט. מיטן כּוח פון האַר וואָרט און זײַן הסכּמה מוז "די גרענעץ — — פאַרשווינדן, אָט צעזעץ איך די גרינע שויב מיטן קאָפּ — — ".

□

ווי קאָן מען פאַרשטיין און דערקלערן סוצקעווערס שעפערישע הצלחה אין פּאָעטישן שפּיל מיטן טויט. לויט דער מיינונג פון דער שרײַבער פון דער מאָנאָגראַפיע, האָט סוצקע־ווער, אין דער אומוואַנדלונג, פאַרשטעלט זײַן אַמאָליקן יונגן וואַלדיקס אין אַ טויט־גרינקייט. אַזוי האָט עס געמוזט געשען. ווי אַנדערש? דער דירעקטער וועג פון סוצקעווערס בליפרייד, דעמאָלט, פירט צו דער הערמעטיש־פאַרשלאָסענער שויב־מחיצה, אַצינדערט, אין דער "פעסטונג" פון די "יענוועלטיקע מאָנבלומען". ס'איז דער דערבנערוועג פון וואַלדיקס צום לאַנד פון טויט, וואָס דער פּאָעט האָט אַליין דורכגע־שפּאַנט. ס'איז דער איבערגעקערטער וואַלדיקס, וואָס שפּראָצט אַרויס אין חלום־גרין — פאַקטיש, נאָר אַ דערבײַיקע סטאַנציע, וואָס צײַט האָט עס פונאַנדערגעטיילט. דעריבער האָט עס טאַקע גענומען עטלעכע יאָר, ביז דער מײַסטער פון אַקוואַריום האָט געפונען דאָס וואָרט, די מיטלען און פאָרמען, און דער עיקר — דעם כּוח, צו גיין דעם וועג צוריק און אײַנוויקלען דעם טויט אין די גרינע תּכריכים פון וואַלדיקס.

דער פּאָעט דערציילט: "אַגוסטן, אין מיטן העלן טאָג, ווען כ'בין געלעגן אין גאָרטן — — האָב איך דערפילט אַ באַוועגונג אין דער נשמה. אָהאָ, מײַנע ווערטער קלײַבן זיך אין וועג אַריין..." און מיט אַ מאָל איז "גרינקייט" געוועזן אומעטום: "גרינקייטן שטראָמען אין גרינקייטן". און דער טויט האָט אַרויסגעשפּראָצט, ווי אַ המשך פון

לעבן, פֿאַרוואַנדלט אין אַ גרינעם חלום. ס'איז ניט געווען דער קאָשמאַר פֿון טויט, נאָר די גרינע דראַמע: פֿון צעפּלאַצטן אַקוואַריום קומען־אויף די טויטע פּערסאָנאַזשן. אין די אויסטערלישע דערציילונגען איז דער מחבר זייערער פֿאַרוויקלט אין לעבן און מעשׂים פֿון די העלדן. בפֿועל־ממש פֿילט מען ווי דאָ שפּיגלט זיך צוריק דאָס געמיט און פֿאַנטאַזיע פֿון דיכטער, וואָס איז אַ מאָל, אין "דער שחיטה־צײַט — — געזעסן אין אַ טונקל חדרל און געשריבן". איצט, אַ צענדלינג יאָרן שפּעטער, האָט ער דעם מאַנוסקריפּט אויסגעפּאַרטיקט אין אַ נײַעם נוסח: חלום־פּאַקטן. די געשטאַלטן מיט זייערע ניט פֿאַרענדיקטע חלומות זענען געצייכנט מיט קלאַנגיקע ליניעס, ווי שטילע מעטאַלענע עכאָס, וואָס לויפֿן זיך צונויפֿ צו אַ פּונקט ווו זיי צעוויגן די לופֿט, "ווי די העגנענדיקע צונג אין אַ גלאָק". די גלאָקצונג, פֿון יענעם "חדרל", צאַפּלט מיטן קול פֿון סוצקעווערן אין אַלע דערציילונגען: זײַנע רייד, זײַנע שטימונגען, זײַנע האַלוציגאַציעס, זײַנע וויזיעס פֿון גבֿורה און פּחד. סוצקעווערס פּיזיאָנאָמיע איז דאָ אַרויפֿגעקריצט אויף יעדן פּנים וואָס ער באַלעבט. ער איז דער טאָפּלריידער אין די אויסגעחלומטע דיאַלאָגן. איז אפֿשר איבעריק צו געבן אַ קווערשניט פֿון די חלום־העלדן, מען דאַרף בלויז זיך באַקענען מיטן קאָנצענטראַט פֿון זייער עקסיסטירנדיקן יש — אַבֿרהם סוצקעווער, בײַם געפֿינען דעם חלום פֿון חלום: "דאָס בין איך, טײַערע, איך, איך".

גרינער אַקוואַריום איז איינע פֿון די בעסטע ווערק, געשריבן אויף אַ חורבן־טעמע, 1953־1954, אין אַ קינסטלעריש אוניקאַלער און נײַער פֿאָרעם. אַ שאָד נאָר, וואָס אונדזער שיטה בײַם שרײַבן די מאָנאָגראַפֿיע, איז ניט עוסק פּרטימדיק אין אַנאַליז פֿון די פֿאָרמען פֿון סוצקעווערס שאַפֿן. צו פֿיל איז אָנגעוואַקסן דער קאָנגלאָמעראַט פֿון זײַנע ווערק, מ'זאָל זיך קאָנען אויסברייטערן אויף אַלע שטחים. אָבער יעדער לייענער פֿון ערנסטער ליטעראַטור קאָן גלײַך דערפֿילן די אומגעוויינלעכע דימענסיע פֿון גײַסט און פֿיבערדיקער דמיון וואָס שפּרייט זיך, ברייט און טיף, אין די דערציילונגען. מ'פֿילט אויך דעם באַוועג פֿון דעם אינעווייניקסטן ריטעם, וואָס מאַכט זיי מוזיקאַליש און באַשאַפֿט במילא דעם קלימאַט זייערן, ווי די סטאַנצן, שורות און זאַצן וואָלטן געווען אויסגעשטעלט לויט די כּללים פֿון ריטמיק. מען פֿילט די פֿײַערלעכקייט פֿון דער ווערטער־שטילקייט, ווי אַ שווײַגעוודיקע פּראָצעסיע וואָס לאָזט אין דער לופֿט בילדער און נאָכקלאַנגען. בײַ יעדער דערציילונג שטײַגן די עמאָציאָנעלע און פּסיכישע רעפֿלעקסן, אין פּראָצעס פֿון לייענען: דאָס מ י ט ל ע ב ן מיט די טויט־פּולסירנדיקע געשעענישן. סוצקעווער האָט נאָרמירט דעם טעקסט אפֿשר מער סענסיטיוו, בחוש, ווי אויסגערעכנט און אויסגעמאָסטן, אָבער סײַ ווי באַקומט זיך די קינסטלערישע עלעגאַנץ וואָס איר אמתער נאָמען איז פּ אָ ע ז י ע א י ן פּ ר אָ ז ע. דאָס איז אַן עקסקלוזיווער פּראָזע־פּלאַנעט אַלאַ סוצקעווער, — ער האָט אים באַשאַפֿן, — מיט זײַן אייגענער אַטמאָספֿער, מיט אייגענע ליכט־און־שאָטן, ועל הכּל — מיט אייגענעם סטיל און אָריגינעלן אינהאַלט. דאָס איז אַ פֿרישער חלום־צווײַג פֿון זעלבן סוצקעווער־בוים, פֿון וואַלדיקס־המשך, וואָס הענגט ווי אַ דענקמאָל איבער דעם חורבן. די דאָזיקע קונסט־מצבֿה איז אויסגעטשעסעט פֿון צוויי גורל־קלאַנגען, וואָס סוצקעווער האָט זיי אין אַקוואַריום צוזאַמענגעשפּילט אין קינסטלערישער האַרמאָניע: ט ו י ט א ו ן ל ע ב ן א י ן ח ל ו ם ־ ל אַ נ ד.

□

דער גרונטקאָליר פון די דערציילונגען איז, ווי דער אַקוואַריום, גרין, אָבער אין דעם ספּעקטער ברעכן זיך כּלערליי פאַרבטענער, וועלכע סוצקעווער איז אַ מומחה צו דער־בליקן. חוץ גרוי און טונקל, פאַר דעם טרויער וואָס דעקט אַלץ צו, רײַסן זיך דורך סנאָפּעס ליכטיקע פריידן און יום־טובֿדיקע שטראַלן, ווען ער פאַרשרײַבט גליקלעכע פאַרחורבן־עפּיזאָדן. דער חלום־דופט, וואָס שמעקט מיטן ריח פון אַלערליי קאָלירן, איז אויסגעשפּרייט איבער אַלע דערציילונגען. צווישן די ״יענוועלטיקע מאַנבלומען״ זענען פאַראַן ״קרויטבלעטער אין שפּליטערס טוי, וואָס צעבלוטיקן די פינגער״, און ״אונטער צעשמאָלצענעם שניי — — אַ בלאָ בלימעלע״. דאָ קומען אויף ווי פון זיך די פאַרבן־אַסאָציאַציעס: בלוט — רויט, שניי — ווײַס, אַ בלימעלע — בלאָ. ווען מ׳פאַרטיפט זיך אין די פאַרב־קאָנטראַסטן דערפילט מען שאַרפער דעם נעכטן און דעם הײַנט, וואָס הויזן בײַאַנאַנד, ווי זייער מאָלער וואָלט זײַן אַ תּושב פון די צוויי דימענסיעס. ער האָט, קינסטלעריש, זיי ניט צעצווייט, נאָר זיי סינטעזירט אין איין עלעמענט — אַקוואַריום־גרין — און אַ דאַנק דעם איז אים געראָטן צו פאַר־איינסן דעם קאָלאָריט פון די חלומות און איבערלעבונגען. מיטן אַקט פון צעזעצן ״די גרינע שויב״ איז דורכגעבראָכן געוואָרן די כּמו־פיזישע מחיצה צווישן דער אונטער־ערדישער וועלט פון טויט און דער איבערערדישער וועלט פון חלום, און ס׳איז באַשאַפן געוואָרן איין גײַסטיקע פרייע זאָנע. ״אַרום אַ קבֿר״, וואָס איז ״באַזיימט — אין פײַער־לעכע גרינקייט פון גראָזן״, איז שוין ניטאָ ״די ברירה״, וואָס ״דער מלאך פון שירה״ האָט אים געגעבן אויף צו ״באַשיצן״ אים. דאָ בלײַבט איבער בלויז נסיון, וואָס מיינט: סוביעקטיווער שטאַרקער ווילן — און סוצקעווער האָט זיך פרײַוויליק געשטעלט צום שעפערישן נסיון.

סוצקעווערן איז אַנטקעגנגעקומען, ווי דערמאָנט, דער נס און דער זכות פון וואָלדיקס, ווו ער איז פון פריִער שוין געווען אָרגאַניש פאַרוואָרצלט. דעם גראָזיק־ערדישן עלע־מענט האָט ער פאַרוואַנדלט אין סימבאָל פון טויט, און אויפגעוועקט דעם חלום וואָס איז אין אים געשלאָפן. אין דער קינסטלערישער דימענסיע עקסיסטירט דער טויט מיטן ווײַטערדיקן שפּראָצן פון לעבן, ווי זײַן קאָנטינויִטעט. ער ציט דעם פאָדעם פון וואָלדיקס, וואָס איז געבליבן אַ וואַקוום, אַ ליידיק אָרט: ״ניטאָ קיינער״, שטעלט ער פעסט נאָכן פלאַצן פון אַקוואַריום. ער זוכט אַפילו די טויטע: ״און די טויטע, די טויטע, — זענען זיי געשטאָרבן?״ און באותו רגע קומט פאַר די אומוואַנדלונג: ״אַנט־קעגן מיר — גראָז. און אויבן — אַ צווײַג מאַראַנצן, אָדער קינדער שפּילן זיך מיט גאָלדענע זייפנבלאָזן״. דאָ גייט דאָס לעבן כּסדר ווײַטער, מיט קינדער און מיט שפּיל, אויב אַפילו די גאָלדיקסטע זייפנבלאָזן מוזן פּלאַצן אין לעצטן סך־הכּל — און אין די דערציילונגען פּלאַצן ניט וויניק פון די זייפנבלאָזן־חלומות.

□

די דערציילונגען — די בילדער, די שאָטנס, די פּנימער — איז שווער צו פאַרגעסן. די פאַבולע איז ס׳רובֿ אַ לויזע, אָבער דערפאַר האָט סוצקעווער אַרויסגעפּאַנגען פון

אַקוואַריום אַן אַ שיעור שטיל־לעבנס און זיי פונאַנדערגעהאַנגען אין די ליכטיקע גאַ־לעריעס פון אונדזער געדענקשאַפט. די פאַרשטומטע שטיללעבנס גליווערן און ציטערן אין אונדזער אויג. אָט איז "די צוויי־גאָרנדיקע גאַלעריע" פון יאַנקל שער: "אַן אָדלער איבער אַן אָדלער!". "בײַ די בראַנדזענע פיס פונעם אייבערשטן אָדלער — — אַ באַ־האַלטן מענטשעלע". און אָט: "קינדערשע הענטלעך" אויף אַ "פאַרפרוירענע שויב אין אַ קעלער". "דערבײַ, אין אַ טאָפּ זאַמד — אַ פאַרגליווערטע, וואַקסענע ליכט".

די בילדער קוקן שווײַגעוודיק פון אַלע ווינקלען, פּרטימדיק פּאַראַייביקט.

סוצקעווער דערציילט די עפּיק פון געהיימשטאָט אין געזאַנג־קאַפּיטלען, די גרינער אַקוואַריום־עפּיזאָדן — אין זינגעוודיקער פּראָזע. אָבער סײַ די ערשטע און סײַ די צווייטע זענען עכטע נאָרמעס פון דער צײַטס דראַמאַטישער טעמאַטיק. די געשיכטע האָט ביז הײַנט פאַרפּיקסירט די כראָניק פונעם עקסטערמינאַציע־אימפּאַקט — וועלטישער און יידישער — בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. סוצקעווער האָט מיט זײַנע צוויי דאָ־דערמאָנטע ווערק, געגעבן די דימענסיע פון קונסט. ניטאָ דערווײַל די דערוואַרטע עפּאָ־פּעע פון קלאַסישן זשאַנער, וואָס זאָל, האַריזאָנטאַל, אַרומנעמען די גאַנצע עפּאָכע. סוצ־קעווערס דערציילונגען זענען ווערטיקאַל, אין דער טיף פון יחידס אינעווייניקסטן מהות, פון זײַנע חלומות, בענקשאַפטן און גאַרונגען צו אַ צ ו ו י י ט ן ל ע ב ן. סוצקעווער מאַלט ניט געזעלשאַפטלעכע ברייטע האַריזאָנטן, ניט די מאַסע, אירע קאָנפליקטן און פּראָב־לעמען, אָבער דאָס גוראַנגל פון מענטש קומט במילא פאַר אויפן ראַנד פון סאָציאַלן גורל וואָס די וועלט־מלחמה האָט געבראַכט. אין אַ געוויסן פונקט, צווישן לעבן און טויט, פאַלט דער אַנקער פון סוצקעווערס העלדן אויפן גרונט פון אַ בלוטיקן ים, און דאָ הייבט זיך אָן באַוועגן אַ דערציילערישע רינגען־כוואַליע אַרום דעם פּערזאָן און זײַן אָפּגעשניטענעם לעבן. די ר י נ ג ־ ד ע ר צ י י ל ו נ ג ע ן אַרום די מענטשן, ווי קליין און פראַגמענטאַריש זיי זאָלן ניט אויסקוקן, באַלויכטן אָבער די פּסיכישע ווינקלען, שאָטנ־דיקע און שטראַליקע, פון זײַן נשמה, זײַנע מעשים, זײַן גורל. לעבן און טויט ווערן אַרויסגעפּירט אויף דער אַרענע, מיט אומפּאַרגלײַכיקער קראַפט. דאָס איז די נײַע קאַטעגאָריע פון סוצקעווערס דערצייל־קונסט — אַ מין פאַנטאַסטישע עקסקורסיע פון אַ טויטער וועלט צום לעבעדיקן חלום.

די אַלע טויטע לעבנס זענען אפשר געצייכנט מיטן "פּענדזל", וואָס יאַנקל שער "האַלט אין זײַנע ציין (און) זעט אויס ווי אַ חלף". דער צונויפזאַמל פון די אַלע בילדער איז די הייליקסטע, שפּעערישע מצבֿה אויפן חרובֿן לעבן, און במילא אַ קינסט־לערישער דענקמאָל פאַר דעם דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער. בײַם קאָנסטרויִרן די חלו־מות און קאָשמאַרן פון גרינער אַקוואַריום, זאָגט ער עדות אויף זיך אַליין: "...פון דעמאָלט אָן, ווען אין חלום, ווו קלאַנגען גייען אַרום ווי מענטשן, אַנטפּלעקט זיך מיר אַ ליד, אַן אויסגעבענקט ליד וואָס כ׳האָב ליב, נאָר בײַם אויפוואַכן ווערט דאָס ליד נעלם — — נעם איך זעצן מיט אַ שטיין פון ווערטער זיך אין האַרצן אַרײַן, זעצן אַזוי לאַנג, ביז דער שטיין צעקרישלט זיך, ביז איך פאַל מיטן לעצטן אָטעם אויף דר׳ערד". (דאָרטן, ז׳ 249).

פון די אַ ש ט י י נ ע ר האָט ער אויסגעבויט דעם קינסטלעריש־סאָלידן פּיראַמיד גרינער אַקוואַריום.

# אין מידבר סיני *

מיטן סדר פון די פּאָעטישע ווערק פון אַבֿרהם סוצקעווער, מיט וועלכן מיר גייען, קומען מיר אין מידבר סיני (זז׳ 275־351). דאָס בוך איז אַ צווייטער העכערער שטאַפּל פון אַ שטײַגערישער פּאָעטישער עליה, נאָכן מאַכן שהחיינו, בעתן אָנקום אין לאַנד, מיט נײַן יאָר פריִער. מידבר סיני דאַרף מען אַרכעאָלאָגיש ניט אויסגראָבן פון פאַרגעסנקייט, דאָס איז די גוט־באַקאַנטע מאַפּע פון חומש, געשיכטע, די פאָלקסטימלעכע וואָר פון ארץ־ישׂראל, אין גלות. אָבער סוצקעווער האָט זײַן מידבר סיני אויסגעפורעמט אין פּאָעטישע פּרשיות, י געמאָסטענע מוזיקאַלישע סטראָפעס, צו צוועלף שורות אין יעדע. ער האָט דעם פּאָעטישן מאַרשרוט ניט געמאַכט אין דעם אַנטיקן חומש־וואַנדער פון פאָלק, נאָר איז געקומען צו אַ "פאַרטיקן" סיני, נאָך דער ישׂראל־עגיפּטישער מלחמה אין 1956. (די פּאָעמע איז דאַטירט אין זעלבן יאָר, נאָוועמבער). ער פאַרצייכנט: "מיט יונגן צה"ל קלעטער איך צוזאַמען. / קאָראַלענע די בערד. אין שטויב דער לאָגל. / אַז דו וועסט אומעטום אַ שעה זיך זאַמען, / געדויערן וועט פערציק יאָר דער וואָגל". ווײַטער: "און מיר — מיר שטײַגן, / און ס'גייט אַ וואָלקנזײַל פאָרויס דעם צה"ל". און טאַקע דאָ, "אין מידבר סיני ווערט דײַן אומה ייִנגער, / און דײַן געבאָט, אין בלעטער פעלדז — דײַן פּינקס, / פאַרקריצן מיט אַ פײַערדיקן פינגער / סקעלעטן פון די געטאָס און טרעבלינקעס". (דאָרטן, ז׳ 276). דאָ האָט דער דיכטער ווידער אַ מאָל פאַרקניפּט די גורלות פון פאָלקישן קאַמף, ווי ער האָט עס שוין געטאָן בעתן מאַכן שהחיינו.

זײַן קומען צו מידבר סיני וועקט בײַם פּאָעט אַלטע ייִדישע בענקשאַפטן:

די טרער די בענקענדיקע אויף מײַן וויִע
איז אַלט ווי דו. פון דור־המידבר שטאַמט זי.
אַ לויב דער קליינער טרער, וואָס האָט די זכיה
צו זען, אַז אויך אין דײַן זכּרון פלאַמט זי.
(דאָרטן, ז׳ 275)

ער דערמאָנט דעם פאַרצײַטישן עבֿר מיט נײַע פרישע טענער, ניט מיט דעם אַלטן אומעטיק סקאַרבאָוון ניגון, וואָס מ'איז געווען געוווינט צו הערן אין אַזעלכע טעמעס. סוצקעווער באַטעמט די אַלטע תּנכישע לאַנדשאַפט מיט נײַקייט, די "אייביקייט" ווערט פאַרהײַנטיקט. ער זעט זי טאַקע אין טראַדיציאָנעלן אונטערשלאַק, אָבער פון דער אויטענטישער מידבר־אַנטפּלעקונג שעפּט ער פולע הויפנס עמאָציאָנעלע שפּירונגען און אָנונגען. דער גײַסטיקער קלימאַט אין זאַמדיקן שטח איז נאָך אַלץ נצח־לופט, אָבער ניט פון פאַרדומפּטע חדר־פּסוקים. עס אָטעמט מיט פּאָעטישער שיינקייט, וואָס ער

---

* אין מידבר סיני. תּל־אָבֿיבֿ, פאַרלאַג פּרץ־ביבליאָטעק, 1957. 98 זז׳.

זאָפּט אײַן און אָטעמט זי אַרויס אין זײַנע שורות: ״דײַן פּראַכט איז אַ פֿאַרצערנדיקער פֿײַער. / און ווי אַ מאָל איך קני בײַם נחל פּאָרן / און טרינק די שטאַרקע אײביקייט אויף הײַיאָר״. נאָך די שלאַכטן, וואָס זענען ערשט פֿאַרשטילט געוואָרן, הערן מיר ניט דאָס שאַלן פֿון טרומייטן, נאָר די ליריש דורכגעלעבטע שפּילעוודיקייט פֿון סוצקעווערישע בילדער, מיט זייער ליכט און קלאַנג און פֿאַרב. אָט איז עס: ״אין ים־סוף האָט אַ פּורפּורנע פּמליא / געשפּילט אויף מײַנע פֿינגער ליב און פֿריידיק. / און ווײַטער, ווײַטער האָט עס מיך געצויגן, — צום לעבעדיקן קוואַל פֿון קלאַנג און ליניע — — און מלכּת־שבֿאָ — — — קומט אָן פֿון אַבעסיניע״. (דאָרטן, ז׳ 275).

צו אונדזערע אויערן דערגייען שטיל־אײַנגעהערטע מיזרח־קלאַנגען, וואָס קומען צונויף זאַמען מיט די בעלי־חי און סאָלדאַטן אויפֿן סיני־האָריזאָנט: ״עס וויל דעריאָגן אירע פֿיס אַן אינדיין — / זיי זענען ווײַטער פֿון איר בליק און דינער. / און דין־דין קלינגט אַ גאָלדן גלעקל, דין־דין — / אַ קעמל רופֿט זײַן טויטן בעדויִנער״. (דאָרטן, ז׳ 276).

סוצקעווער מאָלט די מידבר־לאַנדשאַפֿט מיט קלאַנג, מיט קאָלירקע אימאַזשן און אויך מיטן ריח אירן, ווו ״די שטילקייט בליט מיט בשׂמים פֿון אַלע דורות״. דאָ מישן זיך חומשדיקע געאָגראַפֿיע מיט אַראַבישע אָרטשאַפֿטן: ״און ווי אַ לייבינטע וועט ברומען לייביק / פֿון ראַס־אַל־נקב דורך קדש־ברנע —״.

פּלוצלינג קומט דער דיכטער אַנטקעגן דעם באַרג, וואָס ״בלינדערהייט וואָלט איך צו דיר געטראָפֿן!״. ווי אילומינירטע בליצן די שורות. מיט פֿאַרשטילטער עקזאַלטאַציע פֿון פֿריידיקן און, אפֿשר, רעליגיעזן ציטער קומט זײַן באַפֿעל צו זיך:

— טו אויס די שיך און שטעל זיך אין אַ שורה,
טו אויס די שיך און זאָל דאָס זאַמד דיך שווענקען.
אַצינד איז דאָ די צײַט פֿון מתּן־גבֿורה.
די שטילקייט איז אַ תּהום. אַ תּהום פֿון בענקען.
(דאָרטן, ז׳ 279)

נאָך דעם קומט די ברכה, צי תּפֿילה פֿון בעל־השיר: ״זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער. / פֿון באַרג אין סיני — בלאָז אָוועק די שׂינאה. / פֿאַרשנײַד אויף ס׳נײַ אַ בונד מיט דײַנע קינדער, / און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע!״ און בײַם קלאַנג פֿון די טרומייטערס, נאָכן ניצחון, קומט דער אויסקלאַנג פֿון די לעצטע שורות, וואָס פֿאַרזיניקן די רעאַליסטישע שטימונגען פֿון דער מיסטיש צעציטערטער פּאָעמע:

און ווער עס האָט געזען די נאַכט אין סיני,
געדענקען וועט דער סיני אויך זײַן נאָמען.
און ווער עס האָט געזען די פּראַכט אין סיני,
וועט קענען טויזנט יאָר דערציילן. אָמן.
(דאָרטן, ז׳ 279)

ניט איבערדרײַסנדיק אונדזער לידערגאַנג, קומען מיר נאָך מידבר סיני, צו אַ ציקל לידער: גערדאַנקען פון אַ הירש (דאָרטן, זז׳ 280־293). דאָס ערשטע ליד, מיטן זעלבן טיטל, אין דרײַ פיר־שורהדיקע סטראָפעס, איז "פאַר ה. לייוויק". אפשר איז עס דער זעלבער מחשבֿה־אידענטישער הירש, וואָס "אַ שניי האָט ביידן אונדז געפאַנגען" — דעם זיבן־יעריקן סוצקעווערן און דעם דעמאָלט קוים צוואַנציק־יעריקן לייוויקן — ביידן אין סיבירער טײַגע. דעם ערשטן — אין אַ נעפּל פון קינדישע שניי־צעבליטע חלומות, דעם צווייטן — אין קייטן געשמידט, אים און זײַן חלום פון משיחישער גאולה פאַר וועלט און מענטש. אפשר האָט דער גערדאַנק פון הירש און בליאַסק פון שניי — "זײַן פורפורנע מדינה" — אויפגעוועקט אין סוצקעווערן די אַסאָציאַציע וועגן לייוויקן, בײַם שרײַבן דאָס ליד. אָבער סײַ ווי וויל דער דיכטער זיך אַוועקרײַסן פון אויסגעדאַכטן טרוים, דער גערדאַנק פון הירש, בעת "ער מיינט, אַז איך בין גאָט". ער וואָלט ליבער זיך וועלן אידענטיפיצירן מיט זײַן נײַער היים און ער זאָגט צום הירש: "אָ, טרינק מײַן סיני־בלוט און יאָג פון טרוים / צו דעם וואָס איך בין ניט. און זוך אין מידבר זײַנע קלאַנגען". (דאָרטן, ז׳ 280).

דאָס ליד נאָך דעם, ־פאַטאַ־מאָרגאַנאַ־, איז אַ צונויפהעפט פון בענקשאַפט צום אַמאָל און די נײַע וואָר: די מלחמה. דעמאָלט "געשען איז דאָס — — לעבן דיר־אל־באַלאַח", און געקומען איז עס "אומגעריכט — אַ נאָנטער ניגון אינעם סאַמע פלאַקער". אילוזאָריש — די בילדער, און פאַרפירעריש — דער קלאַנג און ריח: "דער אָפקלאַנג פון אַ קוזניע. און אַ ריח אַ געשמאַקער // פון שוואַרצן ברויט געבאַקענעם אויף בלעטער פון די קליאָנען. / און אָט איז אויך מײַן הײַזקע מיט די שוואַלבן און וואַזאָנען". די צוויי־שורהדיקע סטראָפעס זינגען מיט טאַטע־בענקשאַפט, מיטן "אָפקלאַנג" פון טאַטנס "שווערן" האַמער צום גרינגן "יינגל־האַמער", ביז די האַלוציניאַציע פאַרשווינדט: "מיר לייגן זיך אַ ווײַל אין גראָז, די האַמערס ליגן פּאַזע, / און מיט אַ מאָל איך הער אַ קול: מיר זענען שוין אין עזה!" (דאָרטן, זז׳ 281־282).

און ווידער אין מידבר — ־דער קוואַל פון נבֿואה־ — און אַ "בת־קול" — "רופט עס מיך בײַם נאָמען". און — "אייביק מוז עמעץ ענטפערן: הנני..." (דאָרטן, ז׳ 283). און אָט, בײַם ים־המלח, בײַ "די זאַלצבערג סדומער", ווו "אַן אָדלער אויסגעשמידט פון זאַלץ פאַרשליסט אין מיר די נעגל". און דאָ זינגט סוצקעווער אַן ־אָדע צום היישעריק־, וואָס ער זעט אים ווי אַ "רויטער מיראַזש פון נקמה". און דערבײַ איז טאַקע ־ירושלים־, ווו "די שטיינער דײַנע — פול מיט אויגן". (דאָרטן, זז׳ 285־286).

□

דריי יאָר שפּעטער (1957), אין ירושלים, ווו ער שרײַבט אַן עלעגיע אויף דער וווּנדערלעכער געשטאַלט פון ־עלזע לאַסקער־שילער־, ס׳קלאָגן אויף איר טויט אויך די בעלי־חיים: "געבויגענע ווײַנען די אייזלען אין ירושלים, / ניטאָ מער די הייליקע זקנה, די

זינגעריַן עלזע״ ס׳איז אַ בילד פון איר גוטסקייט און באַהילפיקייט — און אַלע, די גאַנצע נאַטור בעט פאַר איר. און ״עס גוסטן רויִק בײַם שפּילן די אַשיקע פינגער. זי טאָר נאָך ניט שטאַרבן!״ מיט פיעטעט און ליבשאַפט זענען די טרויער־שורות געשריבן:

אַצינד איז די זקנה אַ שטערן און שוועבט איבערן מויערן.
אַ בלויער קלאַוויר איז די שטאָט. אַ פאַרשלייערטע כּלה.
איך שפּאַן אויפן שטיינערנעם טעפּעך צוזאַמען מיט עלזען,
פאַרשיכּורט פון בלויען קלאַוויר און צעשניטן פון העלזען.
(דאַרטן, ז׳ 288)

ס׳לעצטע ליד אין דעם אַפּטייל איז ״פאַרגאַנגענהייט אין צפת״: די קאַפּיטלעך מיט סימבאָלן, סבֿיבֿה, מיט אירע קינסטלער. עפּעס פּאַסירט: ״עס האָט אַ האָן אַ קריי געטאָן אין צפת״ און אין דעם ״היימיש קרייען״ האָט זיך שוין צונויפגעפּאָרט ״מײַן היים און גאַס און איך און דו, פאַרגאַנגענהייט, אין צווייען״. פאַרשטייט מען שוין: צפת־ווילנע. אָט האָבן מיר עס קלאָר: ״די זון איז יונג, / זי שטעלט דעם ערשטן טראָט. / אַ וואָלקן מיטן אויסזען פון מײַן שטאָט / מאַכט לעבעדיק און ליב די פּאַנאָ־ראַמע״. און ״דער מאַן פון פוילן אַריה״, ״קלאַפּט אויס אין דינעם קופּער אויף די קני״ — ״אונדזער שטעטל״ — — ״און מיטן קלאַנג פון העמערל אין קופּער — / עס קומט דאָ די פאַרגאַנגענהייט צו גיין״. (דאַרטן, ז׳ 290־293).

## דער קרײַז פון די נאָענטע

דער אַפּטייל (דאַרטן, ז׳ 294־327) לאָזט זיך ניט אַריבערהיפּן אין אַ מאָנאָגראַפיע וועגן סוצקעווערן, די 34 לידער־בלעטער פון סוצקעווערס אייגן לעבן: משפּחה, נאָענטע און באַקאַנטע, זײַן שטאָט און דיכטערוועלט, ווו ער און זײַן ליד האָבן אויפגעשײַנט. אין דעם איצט אויסגעלאָשענעם אָרביט האָט ער געקרײַזט מיט יונגע צאַפּלענישן און חלומות. אין די סימבאָלן טוען אַ בליץ די ערשטיקע קינדערישע היימען זײַנע און ער אַליין, וואָס סינטעזירטביידן: ״מײַן טאַטע איז אַ קריִע אויף די טײַכן פון סיביר, — / מײַן מאַמע איז אַ שײַטער־הויפן לעבן דער ווילִיע, / נאָר ביידע זענען זיי אין מיר, / דער שײַטער־הויפן און די קריִע״. (ז׳ 294). ער זעט ווי ״עס קומען די צעפּ פון מײַן שוועסטער / בײַ נאַכט אין מײַן צימער ווי פליגל״, און ווען ער וויל זיי ״אַ קוש טאָן — — ווערן זיי בלוט אינעם שפּיגל״. און דורך בלוט גיט זיך די ירושה איבער: ״פאַרלאָרן האָט זי אין אַ געפּל / אַ סטענגע, וואָס מאָרגן וועט פריידיק / מײַן קינד עס אַרײַנטאָן אין צעפּל״ (דאַרטן, ז׳ 295). און אָט קומט ער אַליין — ״טאַטע און קינד־פּאָעט און טאָכטער — אין דרײַ קליינע שפּילעוודיקע לידער וועגן קינדער־חכמה און קינדער־טרויער. (דאַרטן, ז׳ 296־298).

דאָ ווערט אויסגעברייטערט דער קרײַז פֿון די נאָענטע: לידער ־צום טויט פֿון מײַן רעטעריןּ — "דעם אָנדענק פֿון יאַנאָווֹאַ באַרטאָשעוויטש", "פֿאַר יעקבֿ גלאַטשטיין צו זײַן זעכציקסטן געבוירן־טאָג", "פֿאַר לייב ראָכמאַן", לידער: ־פּרץ מאַרקיש־ און ־צו א. וואָגלער־. צום סוף, נאָך אַ גאַנצע ריי לידער, צווישן זיי, ־ווילנע־, ־בײַם לייענען שעק־ ספּיר־, ־רעמבראַנדט־ א״אַ, קומט די ־באַלאַדע פֿון יונג־ווילנע־, געשריבן אין 1956. סוצקעווער מאַכט דעם חשבון פֿון חבֿרים־דיכטער־און־שרײַבער, וואָס זענען מער ניטאָ און די "געבליבענע": "אַ, ברידער לעצט־געבליבענע, איר פֿינגער אָן אַ האַנט, / און די וואָס זענען אַש אין ווינט — קומט אַלע צו מײַן סעודה". מיט נאָסטאַלגיע און ליב־ שאַפֿט דערמאָנט ער יעדן איינעם מיטן נאָמען, זײַנע מעלות, סבֿיבֿה, באַקרוינטקייט. און אין שימער פֿון די ניט־פּאַראַניקע חורבן־"שויבן" פֿאַרענדיקט ער, די לעצטע צענטע סטראָפֿע, מיט בטחון:

> און ווילנע קומט, און די ווילִיע, מיטן זעלבן שטעג,
> זי שטעלט אַרײַן איר בלויקייט אין די אויסגעפּיקטע שויבן.
> און ווידער שליסן מיר אַ בונד ווי אין די יונגע טעג,
> און ווידער הייבן מיר די כּוסות מיט באַנײַטן גלויבן.
> (דאָרטן, ז' 326־327)

אָבער פֿון גאָר אַ סך סוצקעווערס לידער — ניט דווקא די סעלעקטירטע, געווידמעטע די נאָענטסטע, קוקן אַרויס פֿון הינטער די שורות פּנימער, אויגן, כאַראַקטער־שטריכן פֿון מענטשן, וואָס זענען אַרײַן אינקאָגניטאָ אין די פּערזן און דאָרטן געבליבן. גוטע לייע־ נער און פֿאַרשטייער קאָנען די צייכנס דערקענען, און אידענטיפֿיצירן אַזאַ איינעם. סוצקעווערס לידער־האַריזאָנט איז צו מאָל געדיכט באַמאָלן מיט כּמו־סימבאָלישע און רעאַליסטישע געשטאַלטן, זיי קומען אין פֿאַרשיידענע פּאָזעס און שטימונגען. ס'רובֿ צייכנט דער דיכטער באַליבטע פּנימער, די אומסימפּאַטישע זענען גוט מאַסקירט.

## פֿון זיך צו זיך

די שענסטע און טיפֿסטע אַנטפּלעקונגען אין סוצקעווערס לידער איז זײַן וואַנדער אין זיך, פֿון זיך אַליין געזען און דערקענט. דאָס איז בעצם דער גאַנג פֿון זיך צו זיך (דאָרטן, ז' 328־351), ווי ער באַטיטלט דעם אָפּטייל. דאָ וויל ער דערזען זײַן אייגן פּנים און דערהערן ס'אייגענע קול. אין ערשטן ליד טוט ער אַפֿילו ־תּפֿילה צו זיך אַליין־ (טיטל), אין מיסטישער זוכעניש, מער אַבסטראַקט ווי ממשות. אין דער תּפֿילה, ווו "מײַנע אויגן (זענען) איבערפֿול מיט זינגענדיקער זעונג", פֿרעגט ער: "פֿאַר וועמען די מוזיק פֿון דײַנע ניט־אַנטפּלעקטע סודות?". ס'איז מוזיק פֿון מענטש און נאַטור: "מוזיק פֿון הענט און ליפּן" און "מוזיק פֿון רעגן, רעגן־בויגן", און צו דעם ד ו ניטאָ קיין צוטריט, ווײַל "דו ביסט אַ בינשטאָק הינטער פֿײַער און איך קום ניט נענטער".

בלויז "אָפּגעהאַקטע קלאַנגען" פון "שיינקייט" דערגייען צו אים, ווײַל "ס'איז יעדער קלאַנג און אָפּקלאַנג פון דער תּהומיקער מיסטעריע". און די "שיינקייט" פון דער "מיס־טעריע" איז פּאַרסימבאַליזירט אין ליד, וואָס הייסט טאַקע "שיינקייט" און מאַכט נאָך מער קלאָר דעם דיכטערס תּפילה. אין דער אַלעגאָריע קומט אויף אין זכרון "די שוואַר־צע קוזיניע לעבן פלאַנקען", פון ווו "די דערמאָנונג" וועגן "שמידיאַל" — די געשטאַלט פון שמיד־קינסטלער — "קלינגט פונאַנד זײַן האַמער" און "צויבערט קלאַנג נאָך קלאַנג". דער "שמידער" קלאַפּט אויס אין דיכטער די "שיינקייט", וואָס "זי איז מײַן אייביקע מינוט. / אָ, שוואַרצע קוזניע לעבן פלאַנקען, / דײַן האַמער טאַנצט בײַ מיר אין בלוט!" (דאָרטן, ז' 329).

סוצקעווערס וועג "פון זיך צו זיך" (דאָרטן, ז' 337), מיינט: אַרויסגרונטעווען פון זיך די "שיינקייט" פון דער יצירה, די "אייביקע מינוט". ער מעסט דעם שעפערישן וועג מיט אַנדערע מאָסן — "דער גאַנג" איז מסתּמא נאָר אַ מזל־זאַך און "דער וועג — — אַ מאָל אַ האַלבע רגע דאַרף געדויערן", אָבער ווען ס'קומען מיכשולים "אויף דער סטעזשקע צווישן בײדע טויערן", קאָן עס "זיבן וועלטן" דויערן. אין דעם שעפערישן מהלך וואָס ער האָט דורכגעשפּרײַזט, האָט ער אַ פּנים געהאַט מזל מיט "האַלבע רגע"־שפּרונגען — זײַן ריזיקער לידער־כּמות זאָגט קלאָר עדות אויף דעם.

ס'לעצטע ליד פון דעם אָפּטייל, "די פּאַרפּרוירענע שיף", איז אויך וועגן וועג וואָס האָט דעם דיכטער געפירט און דערפירט צו דעם נײַעם הײַנט און נײַעם לאַנד. אין זיבן זעקס־שורהדיקע סטראָפעס מאַכן מיר דורך דעם וועג, הגם די שיף געפינט זיך די גאַנצע צײַט "אין סיביר", / אָט נעכטן — ווען איך בין געווען אַ יאָר פיר". די שיף בלײַבט "אויפן אירטיש" ביז דער לעצטער סטראָפע. "פאַרזשמורע די אויגן און וועסט זי דערזען", אָט איז זי:

> איר פּאָן איז אַ פידל, איר אַנקער — אַ סמיק.
> זי האָט אין ווילי געבראַכט דײַן מוזיק.
> זי האָט מיטן ניעמאַן פאַרלענגערט דײַן רום.
> זי שווימט מיטן ירדן אַרום און אַרום.
> (דאָרטן, ז' 351).

מיט אַ פּראַכטיק־לירישן פּאַדעם האָט דאָ סוצקעווער צונויפגעקניפּט גלאַבאַלע אַנ־דערשקייטן און ווײַטקייטן אין איין גײַסטיק־עמאָציאָנעלן בונד. סיביר, דער אירטיש און ווילי, ניעמאַן און ירדן, זענען דאָ ניט נאָר די פיזישע יאָרן־סטאַנציעס פון פּאָעט, נאָר מער נאָך — דער נס פון "די פּאַרפרוירענע שיף", וואָס דער "בליציקער פינגער (פון דער השגחה) האָט אָנגעזאָגט" איר אַנטפּרוירנקייט. "די שיף מיט דײַן טרער זאָל אָוועק ווו זי וויל". אין איר, דער סימבאָלישער שיף האָט שוין איר פּאַסאַזשיר, אַבֿרהם סוצקעווער, א י ן ז י ך געטראָגן דעם אומזעעוודיקן אוצר פון זײַן עתיד: "און אויפן אירטיש, מיטן פינגער באַגלײַך, / אַ גאָלדענע טראָגט זיך די שיף מיטן טײַך. / דײַן טרער האַלט די וועסלע, ווי דו האַלטסט די פען — " און די פאַרמשלטע כּישוף־שיף שווימט נאָך — דורך יאָרן און סטאַנציעס — מיטן דיכטער און זײַן פען.

# אָאַזיס *

ס׳איז קיין ווּנדער ניט, אַז אין סוצקעווערס לידער, אָאַזיס (פּאָעטישע ווערק, באַנד צוויי, זז׳ 355־415), איז זיך גוט אָפּצורוען: ער פאַרמאָגט שטילקייטן, ברילאַנטענע געדאַנקען און אַנדערע נאַטור־גוטיקייטן. די סעריע לידער איז געשריבן אין די 50קער יאָרן. דער ערשטער אָפּטייל פון מער ווי צוואַנציק לידער, ווערטער און שוויגנס, איז אַ פײַנער פּאָעטישער שפּיל פון געדאַנקען און מעדיטאַציעס וועגן וואָרט און קונסט. דאָס זענען נײַע וואַריאַציעס וועגן אַ טעמע, צו וועלכער סוצקעווער קערט זיך כּסדר אום. מיט דיגע עמאָציאָנעלע שפּירונגען און טראַכטונגען, סורפּריזן און פאַרגלײַכן, קאָנ־פראָנטירט ער דעם סוצקעווער אין זיך, ווײַל ער איז אַליין דער ״אָאַזיס אויפגעגאַנגענער פון אייגן לײַב״. אין דעם אינזיכיקן אָאַזיס פרווווט ער אויס דעם כּוח פון ״ווערטער״ און די שטילקייט, וואָס פון איר שפּראָצט שאַפונג. דאָ בינדט זיך ליריק מיט חכמה, משלדיק, אָט: ״דער ווײַנשטאָק״: ״לערן זיך בײַם ווײַנשטאָק: שאַפן, שאַפן, / אײַנזאַפּן דעם גאַנצן ווײַן פון איטלעכער מינוט״ און — ״שטילערהייט באַגיסן זיך מיט אייגן בלוט / און — שאַפן״. (דאָרטן, ז׳ 355). אין נאָך אַ ליד זענען שוין די — ״ווער־טער, ווערטער! אויסדרעסירטע חיות הינטער שטײַגן, / כ׳לאָז אײַך פרײַ״. און דער דיכטער גייט נײַע ווערטער זוכן: ״אויסגעפינען וועל איך צווישן מידברדיקע סקאָ־לעס / יענעם אַלף־בית אָן ווערטער״ — דעם פון דער נאַטור. און דעמאָלט: ״לייענען מײַן דיכטונג וועלן שטאָפן, מינעראַלן, / פײַערן, וואָס עסנדיק אַ צוויטן — ווערן אַש״. (דאָרטן, ז׳ 356). פון מאָל צו מאָל, דורך אַ סך יאָרן, באַגעגענען מיר אין סוצקעווערס לידער דעם דאָזיקן כּמו־פּאַנטעיִסטישן ווּנטש פון אַ האָמאָגענער מענטשן־גלײַכער נאַטור, ווו ״טויטע וועלן ענטפערן און שמײכלען וועט אַ שטיין״. אָבער ניט וואַרטנדיק אויף דעם נס אין דער נאַטור, ווערט די בילדערישע סימבאָליק אַלץ מער ראַפינירטער, און די קאָלירן — פולער, געזאַנגיק. דער ״שאַגאַלישער גאָרטן״ דערציילט עס: ״היִנ־טערן טויער, אין אַכצנקאַראַטיקע טויען / באָדט זיך דײַן כּלה — — ס׳ווערט דײַן חזיון אַ גאָרטן. אָ, נאַכט נאַכטיגאַלע״. איז ווו ״ס׳קושן זיך פאַרבן״, דאָרטן איז ער אַליין, דער מײַסטער, און ״זײַנע קאָלירן באַפרײַען דאָס גוטס, וואָס דער גאָרטן באַהאַלט אין אַ נעפּל״. (דאָרטן, ז׳ 357). די מאָדעלן פון צוויי, דרײַ און פיר לידער־סטראָפעס זענען פײַן סטיליזירטע נאַטור־בילדער און אין יעדן ליד געפינען מיר אַ פּאָר אָדער מער מעטאַפאָרן, וואָס זענען דערפינדעריש־אָריגינעל. די זאַפטיקע קלוגשאַפט פון די שורות גיט צו מאָל אַ בליץ מיט אַן אַפאָריזם פון סוצקעווערישן שטייגער, פון אַן אינטעלעקט מיט אַ שאַרף אויג. די בילדער זענען פול מיט סימבאָלישע פאַרבאָרגענישן, וואָס בײַם לייענען קלאָרט זיך אויס זייער מהות און מיין. נעאָלאָגיזמען און אַסאָנאַנסן קומען אַ פּנים צו סוצקעווערן, ווי צו אונדז, ווי אַן איבערראַשונג: ״נעכטן, אין אַ נאַכטיקער מינוט, / האָב איך אין מײַן אינגעווייד / און זינגעווייד / פאַרנומען / קלאַנגען״. — — ״עס טרינקט זיך דער באַשעפער אין מײַן בלוט!״ (דאָרטן, ז׳ 364).

---

* אָאַזיס. תּל־אָבֿיבֿ, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1960. צייכענונגען פון פּנחס שער. 88 זז׳.

מיר פֿאַרצײכענען די באַלאַדעס (דאָרטן, ז״ 381־376), וואָס גיבן צו אַ געװיסן שטריך צו סוקצעוועדס ביאָגראַפֿיע. די ערשטע: ״באַלאַדע פֿון זעקסטן פֿינגער״, דערציילט אַז ״זעקס פֿינגער האָט געהאַט מײַן טאַטע״. דאָס האָט זיך אײַנגעקריצט אין זכּרון פֿון קינד: ״פֿון זינט איך פֿיל דעם עפּל־ריח פֿון מײַן צײַט, / געדענק איך / דעם קאַרליק בײַ מײַן טאַטנס גראָבן פֿינגער״. ס׳איז געווען אַ ירושה־זאַך: ״אַזוי פֿון דורי־דורות, / אויך זײַן טאַטע און זײַן זיידע״. בײַ נאַכט, ווען ״אַלע שלאָפֿן״, באַווײַזט זיך דער ״קאַרליק״־פֿינגער אין די ״שפּיגלען״ פֿון ״די ווײַסע, אויסגעקאַלכטע ווענט״. ער רייצט זיך מיטן קינד, וואָס באַפֿאַלט אים מיטן מעסער וואָס ״אָטעמט אויפֿן טיש״. און דער פֿינאַל קומט ״פּלוצעם״, ווי אַ מיראַזש: ״און פֿאַרגליווערט אין די שפּיגלען — מײַן זעקספֿינגערדיקער טאַטע...״ (דאָרטן, ז׳ 378).

די צווייטע באַלאַדע איז ״דאָס רויטע פּיסל״. אַן אײַסטערלישער אורח קומט אָנגעפֿלויגן אויף אַ צעיושעטן פֿערד. אין אײַלעניש לאָזט ער איבער ״מײַן מיידל, מײַן פֿרוי, און איר נאָמען איז בינאַ״. און איידער וואָס־ווען ווערט ער נעלם. ״דער איינציקער דאָקטער פֿון געגנט״, וואָס מ׳דערוואַרט אים דאָ שוין פֿון לאַנג, ״געקומען איז ענדלעך״. דער דאָקטאָר קאָן שוין ניט העלפֿן דעם טאַטן: ״אומלעבעדיק, אויסער דעם גאַנצן באַשטאַנד, איז דער טאַטע — — —״ און ״די מאַמע און דאָקטער — — ביידע אַ טונקעלן מענטשעלע ציִען אַלץ העכער״. די שאָטנדיקע גײַסטער־דראַמע שפּילט זיך אָפּ ״הינטער אַ הויטיקן לײַלעך, / ווו אײַנקוואַרטירט האָט זיך די איבערגעלאָזענע בינאַ״. דאָס קינד, וואָס ליגט ״אַ באָרוועסער״ לעבן טאַטן, ״דעם בר־מינן״, נעמט ״יאָגן צום לײַלעך. / בײַם גרענעץ באַשווענקט מײַנס אַ פּיסל דאָס בלוט פֿונעם שטורעם. / און באָרוועס אַנטלויף איך אין דרויסן — — און ביז הײַנט־צו־טאָג, הינטער מיר, יאָגט דאָס פּיסל דאָס רויטע״. (דאָרטן, ז׳ 381). ס׳איז צו שטוינען ווי מאָדנע שאַרף די צוויי אומגעווײנלעכע עפּיזאָדן, וואָס האָבן מסתּמא פּאַסירט מיט אַ האַלבן יאָר הונדערט צוריק, איידער ס׳ליד איז געשריבן, האָבן זיך אײַנגעקריצט אין דער פּסיכישער געדענקשאַפֿט פֿון קינד, ביז דער באַלאַדיש־רעליעפֿער שילדערונג.

איבער מײַן זכּרון איז אַ קלײנער אָפּטײל פֿון פֿיר לידער. דאָס ערשטע, ״די קוימענקערער״, איז ״פֿאַר מאַקס ווײַנרײַך״. דאָ ווערט געמאָלן אַ געטאָבילד, ווי עס ״קלעטערן בײַ נאַכט״ — — ״איבער קאָסע דעכער מיט באַהאַנגענע חלפֿים — — קלײנע קוימען־קערער, ווי זעקספֿליגלדיקע שׂרפֿים, / ראַטעווען די זויגלינגען אין שטאָט פֿון ווילנער גאון״. (דאָרטן, ז׳ 382). דאָס צווייטע ליד: ״אַ שוואַלב מיט אַ זײַדענעם שנעבל״, וועט קומען אַ טאָג, ״אין אייביקער היים״, מאָנען יושר בײַם דיכטער: ״— גזלן, דו האָסט מיך פֿאַרצוקן געוואָלט, / ווי ברויט אַ וואַרעמען לעבל״. (דאָרטן, ז׳ 384־383). ״דער ברִיוּר״ איז אַ ליד מיט עכאָ־דערמאָנונגען, ״נאָך אַזאַ לאַנגער הזכּרה״. און ״ווו האָט די טויטע גענומען פּאַפּיר? / ניין, ס׳איז בעריאָזעווע קאָרע...״ (דאָרטן, ז׳ 385) ס׳לעצטע ליד פֿון אָפּטײל: ״אַ ווינטערנאַכט״ און ״אונטער שניי — אַ מינענפֿעלד״. דער דיכטער ראַטעוועט זײַן ניגון דאָ. (דאָרטן, ז׳ 386).

באַרעגנטע ליפּן: אין דער סעריע פון 13 קורצע ישׂראל־לידער, קומען דעם דיכטערס שטימונגען אין ערשטיקער באַגעגעניש מיט דער סבֿיבֿה. סוצקעווערס אויג פּאַנגט אַרויס אויסטערלישע בילדער און אָריגינעלע אימאַזשן אין די לידער. ס׳ליד “פּאַר זלמן שזר” — ־דער מירטנוואַלד־, וואָס “אַנטקעגן צפת, ביים וואַדי אויף הר מירון”, ברענגט צום דיכטער דעם “קינדהייט־ריח”. ער זוכט “דעם קוואַל ווו דיינע ווערטער טרינקען וווּנדער! / געפינסט דעם קוואַל אין דיר, אין דיינע טרערן”. (דאָרטן, ז׳ 390). סוצקעווער שפּאַנט געהיט איבער זיינע אַלע לידערוועגן פון זיך צו זיך. ער איז ניזהר מיטן וואָרט, “פינקטלעך אויף אַ קאָמע”. ווייל, איז ער עס איראָניש מפרש: “ס׳זאָל ניט הייסן: צוליב פּיס פאַרשפּילט מען די נשמה...” און ווייל אָט אַזוי ווי אַ מינעפעלד, קאָן אויך זיין “אונטער גראָז — אַ לידערפעלד”. (דאָרטן, ז׳ 386).

□

־אָזיס־ איז אַ ג קאַפּיטלעך קליינע פּאָעמע — דאָס טיטלליד פון דעם גאַנצן אָפּטייל. דאָס דאַרף זיין דער “אָזיס פון פריינדשאַפט” מיט “ביימער”, וואָס דער דיכטער פרעגט זיך אויף זייער נאָמען: מיט “אַ מילגרוים נאָך אַ שטורעם”, וואָס “איז דער ערשטער שמייכל”, און מיט “די דרימלענדיקע פייגל”. ס׳איז דער דיכטערישער איך־אָזיס, וואָס “באַבלעטערט האָסטו מיט אַ פּיכטן, זינגעוודיקן זאָמען מיין אָפּגעברענטע צייט”. (דאָרטן, ז׳ 407). און ער טאָר ניט און קאָן ניט דעזערטירן פון ווערטערפּראָנט: “נאָר וועט אַ מאָל באַפאַלן דיך אין אייגן הויז אַ האָגל — / אַנטלויף ניט, בלייב! / דאָס זענען מיינע ווערטער, די פאַרפרוירענע אין וואָגל, / זיי ווילן זיך דערוואַרעמען און אויסגיין אויף דיין לייב”. (דאָרטן, ז׳ 408).

־אין ווינקעלער־ איז אַ גרעסערע ליד “פּאַר מיכאל אַסטור”. סוצקעווער האָט “געגנידערט — פּערציק זעקס — — טרעפּ”, צי יאָרצענדלינגער, ביז “אין ווינקעלער פון צייט”. ווו “גליווערדיקע שמייכלען דאָ סקעלעטן”, קומט ער צו די וויינען פון זיין צייט: “וויסער ווין פון קינדהייט, פּריש, קדמוניש. /נאָנטע נעכטן־ריחות — — שיכּור בין איך? איז דאָס משוגעת?”. און ער דערפּילט דעם “וווּנדער! אויך סקעלעטן הוליען פריילעך”. דער צייט־באַקכוס גיט אים פאַרזוכן פון יעדן מין “— — רויטער ווין פון ליבע. גלייך־שוואַרצער ווייגענדיקער ווין פון טויט” און דאָ — ווידער “גאָלדיק ציט פאַרביי די צייט — אַ בין”. מיט עפּעס דערמאָנט עס, אַסאָציאַטיוו, אַ גרייסע פּאָעמע פון זיינע ערשטע דיכטערישע יאָרן, ־אין אַ דיכטער־שענק־, וואָס מ׳וואָלט געקאָנט צווישן די ביידע מאַכן אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע פּסיכאָ־דיכטערישע אַנאַלאָגיע, וואָס דער תּהום פון צוואַנציק יאָר צווישן די צוויי האָט אַרויסגעקלאָרט. דאָרטן איז נאָך סוצקעווער “אַ רויבער פון צייט — — און בלויז דער טויט איז ווערט אַ שפּיי”. אַ פאַרשיכּורטער פון אייגענער בראַוואַדאָ, רופט ער דאָרטן אויס מיט עקזאַלטאַציע: “חבֿרים, גיסט די בעכערס אָן, לחיים פאַר דער זון, לחיים!” היינט איז ער שוין איינער פון “י ע נ ע (וואָס) האָבן שוין געצאַפּט די פּעסער”, ועל־כּן “וואָלקענען אין מיר די פּחדים גרעסער”. און קעגן אַלע שרעקן וועקט זיך אין דיכטער די מוטיקייט פון יוגנטלעכן ריזיקאַנט: “אָבער איך וועל טועם זיין, איך מוז!” — ווייל ער איז דער ניכטערער דיכטער, וואָס אַלע צייטווייַנען פאַרשיכּורן אים און זיין ליד.

# גײסטיקע ערד *

די פּאָעמע פֿון 80 זײַטן (דאָרטן, ז׳ 419־500), געשריבן אין ״תּל־אָבֿיבֿ, 1958־1960״, איז געבויט אין גלײַכמאָסיקע צען שורהדיקע סטראָפֿעס, חוץ אין מיטן ערשטן פּרק, ווו ס׳קומען אַרײַן זיבן זײַטן טעקסט, אין פּראָזע, אין וועלכע ס׳ווערן פֿאָרגעשטעלט די הויפּט־פּערסאָנאַזשן פֿון דער פּאָעמע. די נומערן פֿון די סטראָפֿעס זענען באַצייכנט מיט איינס, צוויי אאַ״וו. דער אינהאַלט וויקלט זיך אָפּ מיטן פּליסיקן ריטעם פֿון די פּערזן, אין שטײַגנדיקער דראַמאַטישער האַנדלונג. די פֿאַבולע און סימבאָליק איז קלאָר און פֿאַרשטענדיק. דער נאַראַטיוו פֿאַרמאָגט עלעמענטן פֿון באַוועגלעכן סצעניש איינ־האַלט, דעריבער איז עס אַ ווונדער פֿאַר וואָס דאָס איז ניט אויסגענוצט געוואָרן פֿון טעאַטער. אַנדערע סוצקעווער־שאַפֿונגען פֿאַרמאָגן אויך דעם טעאַטער־עלעמענט.

אויפֿן ים, בײַם געבורט פֿון לעגענדעס, איז דער טיטל פֿון ערשטן טייל, פֿון צוואַנציק סטראָפֿעס, און דער עפּילאָג — נײַנצן. כּפֿלענדיק די אַלע סטראָפֿעס אויף צען, באַקומט זיך קרובֿ אַנדערטהאַלבן טויזנט שורות. דער דאָזיקער כּמותדיקער ציפֿער ווירקט נאָך שטאַרקער אין די מהותדיקע טערמינען פֿון פּאָעטישן און קינסטלערישן אויסמעסט. די עפּיק פֿון גײַסטיקע ערד איז — מיטן עפּילאָג — אַ פֿיר גאָרנדיקער מאָנאָליט, וואָס דערהייבט זיך איבער די ברייטע האָריזאָנטן פֿון ים. די צײַט: ״סעפּטעמבער פֿערציק זיבן״. אָרט: ״בלויז ים און ים״. בינע: ״פּאַטריאַ״. אַקטיאָרן: ״פּליטים״. די ״נעמען״ — ״אַ בינטל אותיות־פֿורחות פֿון אַ תּפֿילה, / אַנטרונען פֿון אַ פֿאַרמעטענעם שײַטער״ (421). און די אַקציע: דעררודערן מיט ״די ׳פּאַטריאַ׳ (וואָס איז כּולו בליאַסק אין זשאַווער״ צו דעם אויסגעבענקטן ברעג פֿון נײַעם ש ה ח י י נ ו. אויב סוצקעווער האָט זײַן פּאָעטישן שהחיינו מיט צען יאָר צוריק געמאַכט ביחידות, מאַכט ער עס איצט בציבור, מיט זײַנע פֿאַראייביקטע פּראָטאָטיפּן פֿון דעם גרויסן ייִדישן חורבן. ער האָט אויסגעווײלט שליחים פֿון אומקום, וואָס שפּילן זײַן ״אָדיסייע״. דאָס איז די סאַגע פֿון אַ מנין ״פּאַסאַזשירן — — אין אַ דעמפּיקער קאַבינע״, וואָס וואַנדערן צוריק מיט זייערע געדאַנקען און זכרונות צו דעם נאַכטלאַנד פֿון נעכטן, און מיט זייערע האָפֿענונגען — צום לאַנד פֿון מאָרגן, צום אויסגעחלומטן האַפֿן פֿון זייערע בענקשאַפֿטן.

און אָט איז חיפֿה. אָנגעגליטער קעסל.
דער ים־שטאָל איז איר דעק. און ס׳איז געגליכן
צו זשיפּענדיקער לאַווע גאָס און געסל,
פֿאַרגליווערט אינעם שפּרונג צום ים־התּיכון.
(דאָרטן, ז׳ 439)

---

* גײַסטיקע ערד. דער קוואַל, תּשכ״א, 1961. אָריגינאַל־האַלצשניטן: אַ. קאַלניק.

□

די דראַמע פון גײַסטיקע ערד שפּילט זיך אָפּ אין אַ קלימאַט פון געהעכערטער נאַציאָנאַלער טעמפּעראַטור. אויף דער פאָן פון נעכטיקע לײַדן ווערט אַלץ בולטער דער פענאָמען פון יענע סוף פערציקער יאָרן, וואָס קומט אין בהדרגהדיקע עטאַפּן. די בריחה־פּליטים אויף דער "פּאַטריאַ" און דער אַנקום אין זייער חלום־לאַנד: "אַראָפּגעלאָזן שוין אין ים דער אַנקער. / צי האָט אַ דנאָ אַ חלום? ווײַסע שטיבלעך. / אַ פּאַלמע. און אַ זאַמד אַ זוניק בלאַנקער / און הענט ווי טויבן פלאַטערן דאָרט ליבלעך". (דאָרטן, ז' 435). און ווי נאָר געקומען אין לאַנד, ווו די סאַבראַס בליִען, מאַכט דער דיכטער זײַן ערשטן שהחיינו צו "אַ פּײַגנבוים", וואָס "בלחש קומט אין צימער דורכן פענצטער". דאָ וואַקסט פונאַנדער די עפּאָפּעע פונקט ווי דער פאַרוואַנדלטער פּײַגנבוים: "אַ פּײַגנבוים? דאָס איז דער עץ־החיים, / באַבלעטערט מיט אַ לעבעדיקן ייִדן־דור אַ נײַעם. (דאָרטן, ז' 436). און דער דיכטער לאָזט זיך אין וועג אַרײַן מיט אַ חבֿר, אַליין צו זען און אונדז צו ווײַזן לעבעדיקע מענטשן, די נאַטור און די לאַנדשאַפט. ס'איז לעגענדע געמישט מיט וואָר, מיט קאַמף, מיט מלחמת־העצמאות, אין הינטערגרונט, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין פּאָעטישער וויזיע; מיט אַ חלום פון אַ גאָלדשמיד, (דאָרטן, זז' 471־490), זײַן פּסוק: "נאָר ס'לעבט אַ ייִד אין פײַער פון נחמה".

די עקסקורסיע איבערן לאַנד צעוויקלט די מאַפּע פון ישׂראל, איר גראַנגל און אויפבוי. עס צעפּאַרביקט זיך דער קאַליידאָסקאָפּ, און דער האַרטער קאַמף עכאָט אָפּ אין די שורות מיטן קלימאַקס פון נצחון. אין עפּילאָג טרעפט מען זיך אין מצדה. דאָ איז אויך פאַראַן אַלוף שׂדה, צום צווייטן מאָל אין דער פּאָעמע — ס'ערשטע מאָל אויף אַ "הײמישע מסיבה" —: "און ס'גיט אַ זאָג דער גיבור: / — 'פּאָעט, ווי הויך דײַן ייִדיש איז געשטיגן!' / געווען דאָס זענען אויף מצדהס בלאָקן / די לעצטע שיינע ווערטער, וואָס איך האָב געהערט פון 'זקן'". (דאָרטן, ז' 499).

די דאַטע: "ס'איז נײַנצנטער אַפּריל. יאָר נײַנצן הונדערט / און פערציק נײַן", און ס'איז די אַלטע פעסטונג, וואָס "האָסט אויסגעשטרעקט אַ ברודערהאַנט, אַ שטעגל, / צו געטאָ־קעמפער, דיכטער נע־ונדע / און זעלנער... אַלע זענען עולה־רגל / צו דײַנע הייכן, מורדישע מצדה". (ז' 498). אַלע, די זין פון ישׂראל און די נעכטיקע פּליטים זענען צוזאַמענגעשלאָסן אין קאַמף, ווי אין אויפבוי. מיטן "געבורט פון לעגענדעס" איז סוצקעווער אויף ס'נײַ געבוירן, און אין דער פּאָעמע האָט ער פאַרשריבן מיט מוזיקאַלישער פרישקייט די ראַפּסאָדיע פון די כוואַליעס, וואָס באַוועגן דעם ים און זײַן האַרץ: זיי "ווילן אויפהייבן דעם ים! נאָר קענטיק, / זײַן טרויער וועגט ווי מײַנער, און זיי פאַלן מיד, אָפּהענטיק". אָבער סוצקעווערס שווערער טרויער האָט אים פאַרזענלעך ניט געמאַכט שוואַך און אָפּהענטיק, להיפוך גאָר — ער האָט צעוויגט ווי "די כוואַליעס" — "אָדלער־פליגל בליציק־בלויע", און אויך מער קאָליריקע, פאַר אַ נײַעם המשך אין ישׂראל:

> נאָך הוידעט זיך די ערד, און ס'האָט קיין דעה
> די צײַט ניט אויף דעם שטענדיקן זכרון.

אין זײַנע כוואַליעס ציט מײַן אָדיסייע
צוזאַמען מיט די יאָרן, יאָרן, יאָרן.
(דאָרטן, ז׳ 419)

אין די אַ פיר שורות פון דער פּאָעמע, נאָך אויפן ים, איז סוצקעווער געווען זיכער, אַז דער ברילײאַנטענער פּאָעטישער זכרון וועט אים נאָך דינען גאָר אַ סך יאָרן — יאָרן פון אומדערמידיקן האַרטנעקיקן גאַנג פון אַ ייִדישן פּאָעט. קוקט ער אונדז טאַקע אויס ווי אַ פּראָטאָטיפּ פון זײַן גאָלדשמיד, וואָס קריצט אַ פּסוק אויף אַ בעכער: ״פּאַר־עקשנט ווי אין אַלט־ירושלים / דער מײַנסטער, צו געשטאַלטיקן זײַן בעכער / און אַנטרינקען מיט ווײַן אַנשטאָט מיט בלײַ אים״. (דאָרטן, ז׳ 471). די נײַע אַגדה פון ישׂראל, גײַסטיקע ערד, איז דער בעכער ווײַן וואָס סוצקעווער האָט איבער אים שהחיינו געמאַכט, מיט זײַנע אַנדערע העלדן צוזאַמען.

□

איז לאָמיר טאַקע כאַפּן אַ בליק אויף די אַנדערע ״פּנימער״, אין ״פּאַטריאַ״, און געבן אַ קיצור פון אינהאַלט. דאָ זעען מיר ווידער סוצקעווערס אַ באַקאַנט בילד, וואָס שפּיגלט אָפּ זײַן הימבענקשאַפט: ״דער זונפּאַרגאַנג — מײַן שטאָט! איך זע זי בולט. / האָב זי געקושט אין פײַער, איצט — אין וואַסער, / און ביידע מאָל איז זי אין מיר גע־קוילעט — — —״. (דאָרטן, ז׳ 421). נאַטירלעך, דאָס איז ״דער זעלבער זונפּאַרגאַנג (וואָס) ציט אויך היפּנאָטיש / די גליווערדיקע פּאַסאַזשירן אויבן. / און יעדער זעט, ווי אַלט־באַקאַנט און שטאָטיש / פּאַרגייט די זון אין זײַנע אַלטע שויבן״. (ז׳ 421). און דער נאַראַטאָר דערציילט וועגן די פּאַסאַזשירן און זייער קרומען גורל, וואָס זענען געבליבן ווי פּאַרשטילטע גראַטעסקע שאָטנס אויפן הינטערגרונט פון דער חורבן־וועלט. אָט זענען זיי: ״...גרשוני האָט געברענט אין בערגען־בעלזען / די מתים. אַ געוועזע־נער פּאַרטייער / איז לוקאַ. — — זײַן ווײַב איז לענאַ. — — שולמית האָט געשפּילט אין ׳ווילנער טרופּע׳ — — מאַיאָר גאַליצקי טראָגט אַ פּויליש היטל״. ״און מאַטלע איז אַ הויקערדיקע זקנה״, וואָס דערציילט: ״— געבליבן בין איך ווינציקער ווי איינע, / אַנשטאָט די אייניקלעך האָב איך פון סלאָנים / גערעטעוועט אַ ליאַלקע. אַ מתנה / דער מאַמע רחל״. (דאָרטן, ז׳ 422).

יעדער פון די אַ טראַגיש־משונהדיקע פּאַסאַזשירן, וואָס אַפילו די ״לבֿנה האָט נאָך ניט געזען אַזאַ מין שיף מיט גײַסטער״, פירט זײַן סימבאָליש־ביזאַרן חורבן־סוועניר — אַ מתנה דעם לאַנד. און די ״וואָריקע לעגענדעס״ פון די אויבן אויסגערעכנטע העלדן גייען אַזוי — ״לאָמיר הערן״: ג ר ש ו נ י איז אַ באַטאַניקער און רעדט טאַקע אין אַ בלומענשפּראַך. ער זאָגט: ״איך וואָלט קענען אָנשרײַבן אַ ספר, מיט די פּיוטים פון זייערע פּאַרביקע תּפֿילות״ — פון ״בלומען, גראָזן, געוויקסן״. און ״מיט קייטן אויף די פּיס, בײַם טראָגן מתים צום געציקן שײַטער־הויפן, האָב איך זיי תּמיד גע־זאַמלט״, ביז איין טאָג געפינט ער אַ ״בלום (וואָס) איז גאָר אַ מעדאַליאָן אויף אַ נאַ־קעטן קערפּער״. ער ״דערקענט דעם מעדאַליאָן — — מײַן כלה! מײַן כלה! — —

איך אַליין האָב איר געשאָנקען דעם מעדאַליאָן בײַ דער פּאַרקנסונג. — — און דאָס איז די מתּנה, וואָס איך ברענג דעם אויסגעבענקטן לאַנד...“ (זז׳ 424־426).

לוקאַ איז „זיבן יאָר אויף אַ קרוּע — — געשווומען — — איבערן אײַז־ים“. איז „בײַם ענד פון זיבעטן יאָר, האָט אַ ווילדער שניישטורעם זיך צעטאַנצט איבער דער קרוּע — און דעמאָלט — — האָט זיך באַוויזן אַ געשטאַלט: מײַן מאַמע. און אַ בעכער מיט וויַין האָט די מאַמע געגעבנט צו מײַנע ליפּן: — זון מײַנער, טרינק, ס׳איז דער וויַין פון לעבן!“. די בשׂורה פון לעבן איז געווען די פאַרוואַנדלונג — „לענאַ!“ — „איר טאַטע, אַי־דאַי־ביקע — אַן עסקימאָס, האָט מיך אויסבאַהאַלטן“. — — „און אָט בין איך צוזאַמען מיט מײַן ווײַב אויף דער ׳פּאַטריאַ׳, און דאָס קינד אין לענאַס בויך — איז די מתּנה“. (דאָרטן, זז׳ 426־428).

שולמית דערציילט, ווי „בײַם שפּילן אין געטאָ די ׳גרינע פעלדער׳ — — און אַנשטאָט מענטשן זענען געזעסן אויף די שטולן — ביקסן“, זענען אירע „שוואַרצע האָר“ געוואָרן „גראָ, ניין — ווײַס, ווי באַשנייטע צווײַגן“. און ווען די „פּרויען“ האָבן שפּעטער, „אויפן שולהויף“ זיך „אײַנגעהילט אין טליתים און געזאָגט קדיש נאָך די אייגענע לעבנס — — זענען צוריק שוואַרץ געוואָרן מײַנע ווײַסע האָר, ווײַל ווערן ווײַסער האָבן זיי שוין ניט געקאָנט...“ (דאָרטן, זז׳ 429־430).

גאַליצקי זאָגט: „— דאָס זענען די גילזן פון מײַן ביקס. אַזוי פיל שדים האָב איך באַרוּיקט אין וואַרשעווער אויפשטאַנד...“. און ער בעט שולמיתן: „זינגט עפּעס אַ היימיש לידל“. (ז׳ 430). די אַלע פאַרשוינען ווערן נאָענט פאַרקרובֿיט בעת אַ שטורעם שלײַדערט די שיף. פּלוצלינג ווערט שטיל — „אַ קינדגעוויין האָט אָפּגעטאָן דעם צויבער פון שטורעם־קעניג“.

□

דאָס איז די דראַמע פון אַ לעבעדיקער לעגענדע ביז צום קלימאַקס פון דערשיפן זיך צום ערד־חלום, ווו דער פאָרהאַנג פאַלט איבערן ים. „די סאַבּרעס בליִען“ שוין דאָ. אַן אויספלוג איבער חיפה, מיט „חבֿר זמירי“. אַ וויזיט בײַ אַרנאָלד צווײַג, אין האַרציק טרויעריקער שטימונג דערציילט. אַן אײַליקער שפּרונג צו תּל־אָבֿיבֿ, באַגעגענישן, קאַפעהײַזער און אַ קבלת־פּנים אין „ביאַליק־הויז“. ירושלים. כּותל־מערבֿי, און צו לעצט דער חרמון. דאָס איז בלויז די כראָניקאַלע פאַרצייכענונג פון דעם מאַרשרוט איבערן לאַנד, און דעם פּאָעטישן תּמצית מוז דער לייענער אַליין אַרויסזייגן פון תּוכן. די פּאָעטישע צײַט איז, ווען „צונויפגעקלעמטע סאַברעס בליִען, בליִען“.

דער ווײַטערדיקער גאַנג — אַ חלום פון אַ גאָלדשמיד, אין אַלט־ירושלים, ווו ס׳ווערט סימבאָליש אויסגעשמידט די נײַע מדינה. מיר קומען מיטן פּאָעט „צו רחלס קבֿר“; אין זײַן „שטוב — — אינעם שפּאָגל / נײַ־זילבערנעם קוואַרטאַל, וואָס איז אַ היטער / פון תּל־אָבֿיבֿ, אַ היים נאָך אַל מײַן וואָגל“ (דאָרטן, ז׳ 477). גליל. צפֿת — „אַן אָד־לערנעסט אַ הויכע“. און בעת „אַ רעגן איבער צפֿת. די וואָלקנס גייען / אין שטאָט, און שפּרייטן ווײַנען־ריחות גרינע“. און „דורך באַלקאָנען, שויבן, טירלעך / די וואָלקנס

קלײַבן זיך אַרײַן אין שטיבער״, דעמאָלט ״איעדער װאָלקן ברענגט אין שטוב אַ חלום / צוזאַמען מיט אַן אײלבערטבלאַט, און מ׳זרמלט: שלום, שלום...״ (ז׳ 490).

אין עפּילאָג װערט אונדז באַשײדט דאָס רעטעניש צו גײַסטיקע ערד, מיט אַן עכאָ פון פאַרצײַטישן תּנכישן װאַנדער, װען ״אַבֿרהם האָט ניט אױפגעהערט צו שפּאַנען״. און ״חבֿרים פרעגן: ׳װעמען זעסטו, װעמען?׳ / — איך זע דעם נגבֿ־גײַסט און זינג, אַז מידבר זאָל פאַרנעמען״ — און דאָ קומט מצדה, סדום, און בײַם ים־המלח, װען ״אַ רעגן, װײַס־און־בלױ, איז עולה־רגל / און שפּרײט אַ שפּריי, אַ הײלנדיקע רו דאָ״, זענען די צװײ װײַטערדיקע שורות, מיט פּעטן שריפט, דער סאַמע ניכטערסטער סך־הכּל צום היסטאָרישן באַלאַנס פון חורבן־דור און זײַן דערגײ און דערהײב צו גײַסטיקע ערד; װײַל דאָ, מיטן פאָלק ישׂראל אין זײַן לאַנד, —

דער טױטער ים װעט מער ניט זײַן קײן טױטער,
נאָר בלײַבן װעט אין האָרץ אַ ים־המות — —
(דאָרטן, ז׳ 500)

**דאָ איז דער פּאָעט געבליבן ״געהאָרכיק״ צו זײַן ייִדישן האַרצס ״מחשבֿות״.**

□

געשלאָסענער ציקל (דאָרטן, זז׳ 503־524) **איז דער לעצטער אָפּטײל פון נײַן לידער, װאָס מיט זײ איז פאַרענדיקט פּאָעטישע װערק, באַנד צװײ. די לידער־דאַטעס: 1961־1962. װעלן מיר גײן מיט אַ סדר צום סיום פון לידער־ציקל, װאָס מײנט אין צײַט: דרײַסיק יאָר סוצקעװער־שעפערישקײט. דער סך־הכּל: צװײ גרױס־פאָרמאַטיקע בענד, מער װי 1100 זײַטן, װאָס איז אַ היפּשער אוצר פון פּאָעזיע, ניט בלױז אין כּמות נאָר מער נאָך אין איכות, אין קינסטלערישן אױסדרוק און אין לשון באַרײַכערונג. דאָס ערשטע ליד, װו סוצקעװער לעבט איבער די עקספּיריענץ פון זײַן בראשית־דיכטערישקײט, איז ״פּאָר מײַנע חבֿרים פון יונג־ישׂראל״. עס שיקט זיך טאָקע אַז אַ ״יונג־װילנע״־פּאָעט זאָל צונױפבינדן מיט אַ לידערישן רינג די פּאָעטישע קײט װאָס ציט זיך װײַטער, אין ישׂראל. דער אינהאַלט: ״אין יענער בוידעמדיקער נאַכט״, װאָס ״באַלױכטן איז מיט נס־קאָליר פון חנוכּה״, האָט ״אַרומגעפלעמלט גאָר אַן אַנדער יום־טובֿ״. ס׳איז געװען דער דעביוט פון ״קינדישע געגראַמטע שפּורן (װאָס) זענען אַנגעלאָפן מיט שקאַצישער מוזיק״. ער דערמאָנט זיך מיט בענקשאַפט דעם ״פּאָרטרעט״ פון דער מאַמען, ״אין אַלטן ראַם פון אױפגעמאַכטער טיר״. די מאַמע האָט זיך קענטיק געכאַפּט װעגן װאָס דאָ גײט און זי גיט אים איר ברכה, דערמאָנענדיק דערבײַ דעם זײדן, װאָס ״האָט געשריבן דרײַסיק יאָר אַ ספר״: ״זאָל איעדער געשריבן װאָרט, אַ לעבן לאַנג, דיך שטאַרקן װי דײַן זײדן״. און ״זי װיקלט אױס אַ פּעדער — —״ אַ ירושה פון זײדן. (דאָרטן, ז׳ 505). דער מאַמעס ברכה האָט זיך טאָקע אָנגענומען אױף ״אַ לעבן לאַנג״.**

גערשלאָסענער ציקל איז כּולל צען קאַפּיטלען פֿון דרײַ סטראָפֿיקעס, פֿיר שורהדיקע לידער. אין די ליריש־באַהויכטע פֿערזן האָט סוצקעווער מפֿרש געווען, מער אין סימבאַליק־צייכנס, די עמאָציעס און שטימונגען וואָס קומען איבער אים. ער וויל זיך אַליין קלאָר מאַכן זייער מהות, אַרײַנבליקן אין זייער טיפֿער. ס'פֿירט אים גלײַך צום אָנהייבפּונקט: היים — אַזוי הייבט זיך אָן איינס: “נאָך גוט וואָס ערד איז קײַלעכדיק: דו קומסט אַהיים. אַניט — / פֿאַר וועמען וואָלסטו אָנגעסיליעט אויף זכרונס פֿאָדעם / אַ שמייכל, צי אַ זונפֿאַרגאַנג באַהאַלטן אין גראַניט?” (דאָרטן, ז' 515). די אַלע היימשײַכותן ציטערן מיט דער וואַרעמקייט פֿון איינעם, וואָס פֿאַרמאָגט שוין זײַנע אייגענע “דלד־אמות”, זײַן “רעכט”, אַפֿילו “צו זײַן שעקספּיר”, און זײַנע אַקסעסואַרן: “אַזוי: איז גרייט אַן אָוונטברויט — אַ טינטער און פּאַפּיר, / און גאָפּל־מעסער אויך — אַ פּען, אַ בלײַער” — צו דער עבֿודה פֿון שאַפֿן. דער עיקר: אויפֿהיטן אין אַלע פֿיזישע און גײַסטיקע בײַטענישן דעם אויטענטישן איך, ווי ס'האָט פֿאַר צײַטן “געזאָגט אַ קלוגער גריך”: “— דעם הימל בײַט אַ וואַנדערער, דעם הימל — ניט זײַן איך”. בײַם “באַטראַכט” פֿון מענטש און נאַטור, קומען אַ צאָל לידער מיט מוסר־השׂכּל, למשל, “אַ בעטלער אין באָמביי”, וואָס “קויפֿט פֿאַרן בעטלערגעלט אין מאַרק אַ בינטל קלײַען / און קאָרמעט אָן אַ קניִעדיקע, דאַרע, קוואַרע קו / בײַם בודאַ־טעמפּל”. איז דאָס אַ נימשל פֿאַרן “פּאָעט”, וואָס קריגט “געשאָנקען זילבערלעך געהיימע”: “באַנוגן זיך מיט זיי, ווי יענער בעטלער דער אַסקעט, / און קאָרמע־אָן אַ זונפֿאַרגאַנג, אַ בעטלער, אַ בהמה”. (דאָרטן, ז' 516). און בײַ די וואָס “איז אין סאָד אַ קראַנקן־שוועסטער”, — “מיט רעגנדיקער גיס־קאַן”, — בעט זיך דער דיכטער: “אָ, קראַנקן־שוועסטער, אויב ס'איז דיר געבליבן אויפֿן דעק / אַ טראָפּן ליבשאַפֿט — בין איך מינער פֿונעם בוים אַ שטייגער”. און — “וועסט לינדערן אַ וווּנד אין דער נשמה פֿון מײַן זייגער”. (דאָרטן, ז' 517).

אין קאַפּיטל פֿיר רעדט ער “צו טויטע” — ער וויל זיי “דערפֿרייען” מיט זײַן “געזאַנג”. און כּדי עס צו טאָן, זוכט ער אין “מידבר־שטילקייט” דעם “וווּנדער־צייכן”: — “אַ סימן, ווו עס קוואַלט אַרויס דער אָנהייב פֿון יצירה, / און איך וועל הײַנט פֿאַרשנײַדן מיט די טויטע וואָס כ'האָב ליב, / אַ בונד פֿון שלום און אַ בונד פֿון שירה”. (דאָרטן, ז' 518). דעם בונד האָט סוצקעווער שוין לאַנג פֿאַרשניטן.

□

סוצקעווער פּרוּווט דאָ אויך אויס איבער זיך, ווי אין פֿריִערדיקע לידער, זיך צו דערגראָבן און טיפֿער דערפֿילן די פּענאָמענען פֿון לעבן און טויט. די עמאָציעס וויל ער כּמו־פֿיזיש אַליין איבערלעבן:

אַראָפּגעקוילערט האָט זיך איבער מיר אין מיטן גאַנג
אַן אַשיקע, פֿון שאַרבנס אַ געבויטע פּיראַמידע,
ווו אינעווייניק איז ניטאָ קיין טרויער, קיין פֿאַרלאַנג...
מיך צוגעדעקט מיט ג אָ ר נ י ט אין אַ תּהומיקער ירידה.
(דאָרטן, ז' 519)

ער כאַפּט זיך אַ פּנים, אַז דער מצבֿ פון דעפיניטיוון "גאַרניט" איז פאַר אים, וואָס האָט פאַרשניטן "אַ בונד" מיט די "טויטע", פשוט ניט נאַטירלעך, און מיט קלוגשאַפט צעשפּאַלט ער דעם וואָרט און ס'קומט אַרויס אַ נײַע פאָרמל, דאָס נעגאַטיווע פאַלט אָפּ און ס'בלײַבט דאָס פּאָזיטיווע: "נאָר פלוצעם טיילט זיך אָפּ דער ניט פון גאָרניט. ס'בלײַבט אַ גאָר" (ז' 519). דער נײַ־רעקאָנסטרויִרטער גאָר לעבט אויף "מיט גרינעם גאָלד", און די "שטויבן זינגען אין אַ כאָר: — דאָ וווינט דײַן מאַמע — — —". און אויך דער טרויער ווערט פאַרביטן, אין זכות פון טויט וואָס בײַט זײַן פּנים אין אַן אַנדערשדיקער ערדישער מעטאַמאָרפאָז.

די ליבשאַפט צום פאַרגאַנגענעם לעבן, צו "די טויטע וואָס כ'האָב ליב" און צו דער "מאַמע" וואָס "וווינט" צווישן זיי, האָט גרײַלעך געקאָנט אויפוועקן, באַוווסט צי אומ־באַוווסט פאַרן דיכטער, דאָס געפיל פון נקמה. כמעט פסיכאָ־טעלעפּאַטיש קומט דער אויפקלאַנג — נקמה — אין אָנהייב פון קאַפּיטל זעקס, נאָכן פאַרקלינגען פון לעצטן וואָרט — מאַמע — בײַם סוף קאַפּיטל פינף. סוצקעווער גרונטעוועט זיך צו אַ טיפערן הסבר פון באַגריף נקמה, ווי בלויז דעם פיזישן געניוס פון רעהאַביליטירטער צופרידנ־קייט. און ער קומט צום אויספיר אַז אין נקמה־אַקט איז באַהאַלטן אַ מין מיסטעריעזער גײַסטיקער עלעמענט, ווײַל דער העכערער גראַד פון נקמה איז אַ דין־אמת פון אַ געטלעכן אימפּעראַטיוו:

> נקמה איז, מײַן פרײַנד, ניט זיס. נקמה איז ניט זיס.
> נאָר אַז נקמה בלײַבט אַ וואָרט — איז ביטער.
> ס'פאַרמאָגט דאָס וואָרט אַ גאָט, איז טרעט ניט ס'וואָרט מיט דײַנע פיס.
> אים אויסלייזן — אַזאַ איז דאָס געבאָט פון דײַן געביטער.
> (דאָרטן, ז' 520)

און דאָס — ווײַל "ס'לעבט אין וואָרט אַן אל־נקמות".

ווידער קייטלען זיך די אַסאָציאַציעס אין דעם לידער־ציקל. אָט: "אַ בוידעמטאָפּ", ווי אַ לעצטער סימבאָל פון טאָטאַלן חורבן, ווײַל קיין אַנדער זכר איז שוין ניט געב־בליבן. דער בוידעמטאָפּ איז געבליבן ווי "אַ קאָנצענטראַט פון שרעק", ווען אי די רעאַליטעטן און אי די חלומות זענען אַוועק: "— דו זעסט? ניטאָ דער בוידעם, און דער קאַרשנבוים — אַוועק. / ניטאָ דער טויבנשלאַק, ניטאָ דער לייטער. / געבליבן בלויז אַ בוידעמטאָפּ — אַ קאָנצענטראַט פון שרעק". און די שרעק ווערט אַ קיום־באַשטאַנד פון לעבן: "נאָר אייביק איז די שרעק — דעם לעבנס לעצטער עלעמענט, / אַחוץ דער שרעק איז אַלצדינג אַן אַגדה". (דאָרטן, ז' 521). ס'איז אַ קלוגער אַרײַנבליק אין קאָמפּלעקס פון אומקום און טויט.

סוצקעווער דערציילט, אַז אַזאַ איז אויך "מײַן שכן מיטן געטאָ־הויקער (וואָס) איז אַ פילאָסאָף". ער לייקנט אָפּ אַלע "אַטאָמען" און "מאַלפּע"־טעאָריעס, ווײַל די וויסנ־שאַפט האָט נאָך ניט געפונען "אַ שליסל צום אין־סוף". און "אַ גרעזעלע ווייס מער פון זיי די סודות פון זײַן גרין". און "אַפילו אַז דער גולם וועט שוין אָנקומען אַהין", צו "די צײַט וואָס איז פאַרשטעלט", וועט ער אַלץ ניט קאָנען באַשיידן דאָס רעטעניש.

און ער, דער פילאָסאָף, מאַכט אַן אַרויסרוף צו ״זיי״, וואָס ״מיינען״ אַז זיי באַזיצן גאָר די קלוגשאַפט: ״זאָלן זיי באַשאַפן, די חכמים פון דער וועלט, אין מיטנוואָך — אַ שבת!..״. פון דעם נעגאַציע־פונקט איז בלויז איין שריט צו אינטימיטעט מיט דער השגחה־פּרטית: ״פאַרזאַמל מיך פון אַלע העקן צײַט, פון שטאָק און שטיין, / פאַרטוליע מיר, ווי אותיות פון אַ ברענענדיקן סידור. / פאַרזאַמל־מיך־צוזאַמען — איך זאָל קענען זײַן אַליין, / אַליין מיט דיר, און דו — אין מײַנע גלידער״. (דאָרטן, ז׳ 523). דאָס איז אַ מאָדערנע עכט־ייִדישע תּפֿילה, אין גאַרונג נאָך באַהעפטונג מיטן יסוד פון נצח, מיטן אַבסאָלוטן לעבן. די שורות פון רצון זיך מקדיש צו זײַן אין פולער באַגלייבטקייט צום ד ו, שײַנען מיטן ליכט פון אָפּטימיזם.

פון דעם ד ו פירט ווידער אַ זוניקער שטעג צו ״דער יום־טובֿ און די שׂימחה פון אַ וואָרט אַ ניי־באַשאַפנס״. די לעצטע סטראָפע פון געשלאָסענער ציקל, קאַפּיטל צען, טוט פאַרסך־הכּלען די דאָמינאַציע פון פּאָעטישן יום־טובֿדיקן וואָרט, וואָס עס ״וועט נאָך דײַן טויט אַ ברודערוואָרט אים ירשענען״: ״גן־עדן־וואָרט, אין גיהנום איז דערגאַנגען מיר דײַן טעם... / אַן עדות איז דער מלאך איבער זיפּצנדיקן טויער. / אַרויסגעטריבן האָט ער מיך פון ׳גאָרטן׳ מיט זײַן פלאַם: / צום דימענטענעם יום־טובֿ — צו דעם וואָרט פון כּולו זוהר״. (דאָרטן, ז׳ 524).

אין וואָרט־צייכן פון כּ ו ל ו ז ו ה ר שטייען מיר בײַם אַריבערטרעטן די שוועל צו די ווײַטערדיקע צוואַנציק יאָר פון אַבֿרהם סוצקעווערס שאַפונג־פּעריאָד, כּדי אָפּצורונדיקן דעם קײַלעכדיקן בן־שבֿעים יום־טובֿ — און ווײַטער — —

מיטן פּרטימדיקן אינטערפּרעטירן די סימבאָלן און אַנאַליזירן די ליד־עלעמענטן אין געשלאָסענער ציקל, האָבן מיר מכוון געווען זיך לײַכטער צו מאַכן דאָס פאַרשטיין זײַן ווײַטערדיקע יצירה, ווײַל ס׳איז באַשײַמפּערלעך קלאָר, אַז סוצקעווערס פּאָעטישע קראַפט האָט זיך צעקוואַליקט מיט מחשבֿה און פאַרטיפקייט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, און זיך צעוואַקסן מיטן כּוח פון וואָרט. ס׳איז דאָס ״גן־עדן־וואָרט״, וואָס מיר וועלן זײַנע ריחות און זײַן טעם דאַרפן פאַרזוכן פון עץ־השירה אין פרוכטיקן לידער־גאָרטן פון אַבֿרהם סוצקעווער. ער האָט פאַרלייגט דעם יסוד צו דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע, ער איז איר בויער, און אין נאָרמאַלע צײַטן, ווען ס׳וואָלט געווען אַ נאַטירלעכער המשך, וואָלט ער זיך געקאָנט גרויסן צו זײַן דער פאָטער פון דער נײַער שול מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע. אָבער סײַ ווי איז ער עס. ער איז עס אין זײַן לאַנד, ישׂראל. דאַרפן מיר הײַנט ניט וואַנדערן צו ווײַט, איבער לענדער און פרעמדקייטן, כּדי צו געפינען דעם י שׂ ר א ל ־ ד י כ ט ע ר, זײַן היים און אַדרעס. אונדז בלײַבט דאָס איינציקע: מיט אים צו גיין איבער די לידער־ און דערציילונגען־וועגן פון די ווײַטערדיקע יאָרן, אין מדינת־ישׂראל, בראָש פון דער פמליא ייִדיש־שאַפערס, אין אַלע זשאַנערס. ער און זיי האָבן אַרײַנגעשפּילט נאָך איין פאָלקישן קלאַנג אין ניגון פון מדינת־ישׂראל. בזכותם ובזכות זײַן אייגענעם גרויסן אויפטו, די גאָלדענע קייט, איז די דימענסיע ייִדיש אַנזעעוודיק געוואָרן און איר גאָלדענער פאָדעם איז אַרײַנגעוועבט אין דער זינגעוודיקער לאַנדשאַפט־קאַנווע ע בֿ ר י ת. דאָס לשון הקודשים איז געבליבן אַ ניט־באַשעדיקטע כּלי, ווו עס איז אַרײַנגעזאַפּט דער טויזנטיאָריקער פאָלקסווײַן ייִ ד י ש.

• מיט דעם קומען מיר צום סוף פון דער ערשטער שעפערישער תקופה פון אבֿרהם סוצקעווער. זײַנע צוויי בענד פּאָעטישע ווערק, וואָס נעמען אַריין די לידער און פּאָעמעס פון 28 יאָר יצירה (1934־1962), זענען אויך די אָפּמערק־דאַטע פון אבֿרהם סוצקעווערס פופציקסטן געבוירן־טאָג. ווי אַ סיום צו דעם אָפּטייל ווערן דאָ געבראַכט צוויי מאמרים, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן צו יענער יום־טובֿדיקער געלעגנהייט: דער ערשטער — אין יאַנואַר, 1964, דער צווייטער — אין אַפּריל, 1964. דאָ קומען זיי געקירצט און מיט קליינע שינויים.

## I

אבֿרהם סוצקעווער איז דער מײַסטער פון צוויי דיכטערישע עלעמענטן — זמר און שיר — וואָס האָבן בײַ אים דערגרייכט קינסטלערישן מיזוג, אין זינגעוודיקער האַרמאָניע. דער זמר: די מוזיק, די ריטמיש דינע סטראָפּע, וואָס קלינגט־אויף ווי אַן אָנגעשטעלטער פּרעציזער אינסטרומענט; די שירה — דאָס געזאַנג פון אַ כּישופֿדיקן ווערטער־קאָנצערט, ווו ס׳מיניעט אַ זעלטענע קאָליר־גאַמע, ווי זונשטראַלן וואָס שטיפֿן אין ספּעקטער. ניט איין מאָל בלײַבן מיר פֿאַרגאַפֿטע פאַר דעם דאָזיקן ווונדער פון ווערטער און מוזיק, ווי דער פּאָעט וואָלט שפּילן אויף צויבער־קלאַווישן און פאַנגט אַרויס די קלאַנגען אין זייער פריש־געבוירנקייט, אין זייער ערשטיקן בלענד.

די איינקייט פון וואָרט און מוזיק האָט סוצקעווער דערפירט צו פּערפעקציע. ער שמעלצט צונויפֿ די דינסטע ניואַנסן פון זילב מיט דעם פײַנסטן אויפֿציטער פון קלאַנג: ער קאָמפּאָנירט די לידער דורך זײַן געמיט און דורך זײַן געהער. דאָס פאָדערט קינסטלערישע שלמות און דאָס דערגרונטעווען זיך צו די אויסערסטע שיינקייטן פון ייִדישן וואָרט. ער טוט שלײַפֿן, קנעטן, ראַפינירן און איבערגיסן אין אַ נײַעם פורעם דאָס ייִדיש־דיכטערישע וואָרט מיט אַזאַ כּשרון און פלײַס, ווי ס׳איז נאָך ביז אים ניט געטאָן געוואָרן. מיט די דורך אים געשאַפֿענע מיטלען שפּילט ער אויס זײַן סוצקעווערישע וואָרט־מוזיק גאַנץ און האַרמאָניש.

סוצקעווער איז דער דיכטער, וואָס האָט אַלע זײַנע טעמעס פאַרמוזיקט, פאַרניגונט, ווײַל יעדע גרויסע פּאָעזיע מוז זײַן מעלאָדיש. און געזאַנג איז ניט נאָר פרייד און גליק, נאָר קען אויך זײַן (בײַ סוצקעווערן — מוז אויך זײַן) טרויער און ליידן. דעריבער קען ער אויך זינגען אַ חורבן־קינה וואָס איז תּוכיק און מהותדיק צוזאַמענגעגאָסן מיטן זמר־יסוד. בלענדיקט טאַקע אַרויס מיט אַזאַ אייגנאַרטיקער קלאַנג־ראַפינירטקייט זײַן עפּאָס געהיימשטאָט — חורבן־יאָמער, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרויער־סימפאָניע. און פונקט ווי די גאַלעריע טיפֿן, וואָס יעדער פון זיי רעדט מיט זײַן אים אייגנטימלעכן טרויער פון פאַרגאַנג, אַזוי אויך שפּילט סוצקעווערס שורה, אי פידלדיק פאַרבענקט, אי באַסאָווע צאָרנדיק, און אויך ווי אַ ווײַנענדיקער קלאַרנעט. די אותיות פורחות פון מגילת־החורבן שוועבן איבער דעם געטאָ־פאַרגאַנג מיט דער לײַכטקייט פון קלאַנגען, ווי מ׳וואָלט פילן דאָס געפלאַטער פון די שורות.

סוצקעווערס פּאָעזיע, אָנהייבנדיק פון סיביר, ביז זײַן סאַמע לעצט־געגראַמטע שורה, איז איין גרויסער מוזיק־פעסטיוואַל פון ווערטער. אַ שורה פון סוצקעווערס אַ ליד לאָזט זיך ניט פאַרבײַטן — איר ריח און טעם איז ווי פון אַ רײַפע פרי אָנגעגאָסן מיט

די אייגענע זאַפטן. עס איז איר קאָלאָריט, אָבער דער עיקר — איר מוזיק, און ווער ס'האָט אַ חוש פאַר מוזיק וועט מיט הנאה זיך צוהערן צו סוצקעווערס לידער. ניט אומזיסט האָט מאַרק שאַגאַל, דער מוזיקער פון פאַרבן, דערפילט אַזאַ טיפע שייכות מיט סוצקעווערן, דעם מוזיקער פון וואָרט, און ער האָט אילוסטרירט זיין סיביר, מיט שאַגאַלישער בילדער־מוזיק.

אַבֿרהם סוצקעווער איז דער פרינץ פון יידישן ליד, דעם נעים־זמירות־יידיש, און דער כּתר־השירה פּאַסט צום בעסטן פאַר זיין קאָפּ. ער גייט זיין אייגענעם וועג. ער איז אָריגינעל, דערפינדעריש, יונג, ניי־צאַפּלדיק און פול ווי אַ מילגרוים מיט יידיש־זאַפטן. דער מלאך־השירה האָט אים פאַר דער יידישער ליטעראַטור אָפּגעהיט פון חורבן־אומקום און אים אונדז צוריקגעגעבן מיט נאָך מער זינגעוודיקער דינאַמישקייט.

אַבֿרהם סוצקעווער איז דער דיכטער, וואָס האָט דאָס יידישע ליד אָנגעיאָגט מיט דעם ריטעם פון דער מאָדערנער צייט; אָנגעטאָן די יידישע פּאָעזיע אין אַ לבֿוש פון אייראָ־פּעישער עלעגאַנץ און האָט זיינע יידיש־שורות פאַרשיכורט מיט דער שפּראַך פון אַלע מענטשן — מוזיק.

## II

אַבֿרהם סוצקעווער האָט דעביוטירט אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן, ווען דער האַקנ־קרייץ האָט שוין געטונקלט אויף די האָריזאָנטן פון דייטשלאַנד און אָנגעיאָגט אַן אימה אויף די יידן פון מיזרח־אייראָפּע. דווקא דעמאָלט האָט ער אַריינגעטאַנצט אין דער יידיש־פּאָעזיע, מיט דער לייכטקייט פון אַ צעטרילערט פייגעלע אין פרילינג. זיין ליד איז געוועזן זוניק, יונג און פריש. פון זיין ערשטן שריט איז ער געווען באַרופן צו זיין אַ פּאָעט.

ער איז געוואָרן דער פּאָעט פון יידיש לשון, אָבער ער וואָלט עס ניט ווייניקער געקענט זיין אין יעדער אַנדער שפּראַך. אויב היינט איז ער דער מייסטער פון יידישן ליד, איז עס ניט בלויז ווייל יידיש איז זיין שעפערישער מעדיום, נייערט — ובעיקר — ווייל ער פאַרמאָגט די קינסטלערישע אַטריבוטן פון אַ גרויסן לירישן טאַלאַנט.

דער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט געפירט צו אַ נייער ווענדונג אין סוצקעווערס פערזענלעכן און דיכטערישן גאַנג. ווי אַ פּועל־יוצא פון דער גרויסער יידישער קאַטאַסטראָפע זענען הונדערטער טויזנטער פון דער שארית־הפליטה געקומען קיין ארץ־ישׂראל. מיט דעם שטראָם איז אויך אַבֿרהם סוצ־קעווער געקומען, געקומען נאַקעט, ווי אַלע, אָבער אין זיין האַרצן האָט ער געטראָגן דעם פלאַם פון גלויבן אין פאָלק און לאַנד. ער האָט געפילט אין זיך אַ שליחות פון יענע יידיש־מאַסן, אין די פּאַנאַרס, טרעבלינקעס און אוישוויצעס, וועמעס יסורי־הגוף־והנפש ער האָט אויסגעזונגען. דורך דעם אומקום פון נעכטן האָט ער דערזען דעם אויפקום פון היינט, און אַן עקזאַלטירטער זיך געשטעלט במעמד הר־סיני, כּדי צו זינגען זיין יידיש־למנצח פאַר זיין נייער היים. ישׂראל איז געוואָרן די גייסטיקע ערד פון דיכטער

אַבֿרהם סוצקעווער שאַפט אין און פון ישׂראל. דער יידישער ווידעראויפקום איז גע־וואָרן אַן עיקר, דער קערן פון סוצקעווערס שאַפן. מיט זיין עליה, וואָס איז געוואָרן

זײַן אויפשטײַג צו ישׂראל, איז אויך געשטיגן זײַן ליד, וואָס איז געלײַטערט געוואָרן אין די פײַערן פון געטאָס און וועלדער. אין זײַנע ערשטע ישׂראל־לידער האָט ער שוין טיף־עמאָציאָנעל דורכגעפילט די גאולה־ווייען און דאָס געראַנגל פון פאָלק אין זײַן נײַ־געבוירנקייט. זײַן ליד זויגט די זאַפטן פון אַ נײַעם לעבן. זײַן אַני מאַמין איז איבער־צײַגנדיק און קרעפטיק. די בײַנאַנדיקייט ישׂראל־סוצקעווער ווערט פאַרזיגלט אין אַן אַ שיעור פראַקטיקע לידער — און לידער וואָס וועלן נאָך געבוירן ווערן.

אַבֿרהם סוצקעווער ווערט אַזוי אַרום דער דיכטער־פּאַטריאָט, בײַ וועמען ישׂראל איז געוואָרן דאָס עלפטע געבאָט: "ואָהבֿת לאַרצך כּמוך!" ער איז געוואָרן דער אויסדער־וויילטער יידישער דיכטער, וואָס איז פון די קאַנאַלן פון געהיימשטאָט אין ירושלים ד'ליטע, אויפגעשטיגן צו ירושלים פון דעם פאָלקס־משורר דוד מלך ישׂראל — דעם בעל־התהילים און דעם גרעסטן הימען־מײַסטער פון אַלע צײַטן — און געוואָרן דער מאָדערנער יידיש־משורר פון ירושלים ד'ישׂראל. דער נעכטן פון אומקום איז געוואָרן אַ שטאַפּל צום הײַנטיקן אויפקום. מיט אָריגינעל סוצקעווערישער אינטויציע האָט ער פאַרפלאָכטן אין זײַן ליד דעם עבֿר מיטן הווה, אַלט־פאַרגאַנגענע יסורים און אַ נײַ־צאַפּלדיק לעבן. מיט די גאָלדענע ווערטער־פעדעם שפּינט ער די גרויסע קאַנווע פון בלוטיקן נעכטן און הערואישן הײַנט. אין ביידע איז פאַראַן קאַמף און דראַנג צום לעבן, צו זעלבסבאַשטימונג. ער האָט סינטעזירט גלויבן און געראַנגל פון די צוויי פאַרברי־דערטע יידן — דעם נעכטיקן פאַרטיזאַן און דעם הײַנטיקן ישׂראל־זעלנער.

פאַרכאַפּט פון דער פּאָזיטיווער אַטמאָספער פון דער ישׂראל ווירקלעכקייט, — ווו האַרטע קריגערס זענען פשוטע חלוצים און שעפערס זענען העלדן, — האָט ער מיט באַגײַס־טערטער פרייד אויסגעשאַלט די אויסטערלישע אַנטפּלעקונגען פון נײַ־ישׂראל, פון אירע זין און טעכטער. ער האָט מיט די בעסטע דיכטערישע מיטלען, עמאָציאָנעל און טיף געדאַנקלעך, באַקרעפטיקט די דאָקטרין פון גורלדיקן המשך פון פאָלק ישׂראל אין מדינת־ישׂראל. אין די קאַנאַלן פון ווילנע און בונקערס פון וואַרשע, אין די פאַרטיזאַ־נער־וועלדער פון ווײַסרוסלאַנד און פוילן איז שוין געווען פאַרזייט דער זאָמען פון וועלכן די יידישע מדינה איז אויסגעוואַקסן. וואַרשע — די „טויטן־מדינה" — האָט שוין "געפורעמט די לעבעדיק־היימישע יונגע מדינה".

אַבֿרהם סוצקעווער פאַרמאָגט אַ גלענצנדיקן סטיל, אָריגינעלן סימבאָליזם, דערפינדערי־שע מעטאַפאָרן, בילדעריש פאַרחושימטע געדאַנקען און בליציקע סופּערלאַטיוון. זײַן יידיש־פערז איז אויסגעשליפן ביז דינסטער ראַפינירטקייט. דער ריטעם איז אויסגע־שפּילט מיט וווּנדערלעכער מעלאָדישקייט, ווי די שורות וואָלטן געווען סטרונעס פון אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט. זײַנע לידער זענען פײַן־געשניצטע סקולפּטורן, וואָס בעטן זיך צו צעשטעלן זיי אויף פעדעסטאַלן. סוצקעווער איז געוואָרן דער יידיש לידערקוואַל אין ישׂראל, וואָס פאַרבליפט מיט לירישער עכטקייט.

אַבֿרהם סוצקעווער איז דער מײַסטער פון מאָדערנעם יידישן ליד. ער האָט פאַר אים באַשאַפן יידיש־פליגל, און עס איז געוואָרן פּאָעזיע פון אַ גרויסן קאַליבער. אויפן יידיש קינסטלערישן מאָנפּאַרנאַס האָט סוצקעווער דערגרייכט כּבֿוד און רום פון אַ פּאָעט פאַר עקסעלאַנס. זײַנע ישׂראל־לידער שמעקן מיטן דופטיקן האָניק פון לאַנד.

## צווייטער טייל: 1984־1964

# לידער פון ים־המות *

דער טיטל אַליין מאַכט שוין קלאָר דעם תּוכן פון בוך. די לידער, געשריבן אין די יאָרן 1936־1966, זענען שוין געווען געדרוקט אין פריִערדיקע ביכער, דאָס רוב אין פּאָעטישע ווערק, יובֿל־אויסגאַבע; דער לעצטער אָפּטייל, זכר לגעטאָ, איז פון בוך פּירקאָנטיקע אותיות און מופתים, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1968. אַזוי אַרום האָט דאָס בוך אַרײַנגענומען דאָס שפּעריִשע כּמות אויף דער חורבן־טעמע ביזן יאָר 1968. דאָס בוך פון אַן ערך 200 לידער, שליסט אויך איַין די גרעסערע פּאָעמעס, צווישן זיי געהיימשטאָט, און די קורצע דערציילונגען גרינער אַקוואַריום, און איז דער בעסטער מעסטער צו סוצקעווערס קינסטלערישן בײַטראָג צו דער חורבן־טעמאַטיק.

ס'איז די ביטערע איראָניע פון דער אומקומצײַט, וואָס דער זעלבער סוצקעווער, וועלכער זוכט ניט זעלטן דעם מיסטישן באַרירפּונקט פון לעבן מיטן טויט, האָט די טויט־עקספּלאָזיע געפילט ווי אַן אַבסאָלוטן פענאָמען: דער ים פון טויט! דעם פּאַקטישן נאָך־טויט הייבט ער אָן שפּעטער זען ווי אַ מין ספּיריטועל־מעטאַפיזיש לעבן. דורכגעגליט אין שוואַרצן פײַער פון טויט איז יעדע פון זײַנע טויזנטער שורות, וואָס דער גורל האָט אים דערווײלט זיי אויסצוזינגען. אָבער ווי זינגט מען אויס דעם טויט פון אייגענעם פאָלק? כ'מיין, אַז דער זינגער אַליין האָט ניט די תּשובה. ער האָט אָבער דאָקומענטירט די צײַט אין שירה־לשון, אויג־אין־אויג מיטן טויט, וואָס דאָס אַליין איז רעוואָלט און בטחון און מוט. אַפילו די קאַלכגרוב (זע: באַגלייטוואָרט צום בוך) איז ניט געווען בכּוח צו פאַרברענען זײַן גוף און ליד. איז דער ים־המות געבליבן אין זײַן האַרץ ("נאָר בלײַבן וועט אין האַרץ אַ ים־המות — —"). און די לידער וועלן בלײַבן דאָס אייביקע פײַער אויפן מזבח פון ייִדן־עקדות.

אַבֿרהם סוצקעווער, אין באַגלייטוואָרט צום בוך, שרײַבט: "צווישן די טאָוולען פון 'לידער פון ים־המות' זענען צונויפגעזאַמלט מײַנע דאָרטנדיקע טעג און נעכט, פאַרוואַנדלטע אין לידער במשך דרײַסיק יאָר. — — אין אָט דעם אויפזאַמל קומען אַרײַן ווי מעגלעך אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, מײַנע מערסטע לידער און פּאָעמעס, וואָס די מעסערדיקע וואָר האָט ניט דערשניטן ביזן סוף פון זייער לעבעדיקן חלום".

---

* לידער פון ים־המות: פון ווילנער געטאָ, וואַלד און וואַנדער. תּל־אָבֿיבֿ־ניו־יאָרק, פאַרלאַג בערגען־בעלזען, וועלט־פאַרבאַנד פון די בערגען־בעלזענער "יזכּור־פּרײַז" ביבליאָטעק. 1968, 480 זז'

## פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים *

הינטער דעם בוך איז געבליבן פאַרסך־הכּלט 30 יאָר שאַפונג. פון אָט דער צײַט הייבט זיך אָן אַ נײַע תּקופה, וואָרעם סוצקעווער איז, ווי תּמיד, ניט געבליבן פאַרגליווערט אין אַ סטאַגנאַנטער ראָם. ווידער זוכט ער אַנדערשקייט, נײַקייט, מאָדערניזירטע טענער, וואָס מאַכן אים דעם כּסדרדיקן מאָדעלירער און פורעמער פון דער ייִדישער פּאָעזיע. אָבער איינצײַטיק טרעט ער ניט אָפּ אויף אַ שריט פון זײַן פּרימאַטן אימאַזש, פון זײַן ערשטיקן שעפערישן איך. אין די געזאַנגען פון נײַעם בוך איז אַרײַנגעקאַרבט זײַן שעפערישע געשטאַלט: מיר זעען אים אין געשטײַג, קלעטערן אויף די לידער־שטאַפּלען, כּדי אַרויסצוברענגען נײַע בריליאַנטענע אויסגעפינסן פון ייִדישן וואָרט, איבערראַשנדיקע וואַריאַציעס, סימבאָלן און געדאַנקען, אין אַ געשליפענעם סטיל. מיט די אָ מערוועדטיקע מעלות האָט ער אַריבערגעשפּרײַזט צו אַ נײַער דעקאַדע אין זײַן לעבן און שאַפן.

אפשר איז עס דער קוריאָז פון וואָס עלטער, אַלץ ייִנגער. זײַן ליד היט אויף דעם צאַפּלדיקן אָטעם פון פולסירנדיקן לעבן, וואָס דורך דעם באַווײַזט ער דעם כּישוף פון פאַרוואַנדלען די פּירקאַנטיקע אותיות אין וווּנדערלעכע לידער. ווײַל ווען סוצקעווער רעדט וועגן נעכטנס, ווערן די לידער איבערגעשפּיגלט אין מאָרגנס: זיי זענען שוין הײַנט די לידערישע מאָרגנס פון ייִדיש־פּאָעזיע. כוואַליעדיק שלאָגט אַרויס דאָס געזאַנג אין אויפקום פון „ערבֿ טאָג" (דאָרטן, ז' 21). על־פּי אינהאַלט אַ נאַטורליד, אָבער אַרײַנטיפנדיק זיך אין אַזאַ קליינער שאַפונג דערזעט מען, אַז יעדע שורה האָט אַן אַנדער פאַרב, אַ נײַ בילד און קלאַנג. סוצקעווער האָט דאָס לשון פון גײַסטיק־קרעאַטיוון ייִדישלאַנד אַרײַנגעזונגען אין אַ וועלט מיט ברייטערע האָריזאָנטן. ווײַל ס'איז ניט בלויז לשון, ווי קונסטיק און קונציק עס זאָל ניט זײַן, נאָר מער נאָך דאָס געפילי, נאָוואַטאָרישקייט און אויך איבערצײַטיקייט, ווי ער וואָלט אַרײַנשפּרינגען פון ערבֿ טאָג גלײַך אין ערבֿ מאָרגן. פון סאַמע ציטעריקן אָנהייב איז ער געבליבן דער זוכער, וואָס האָט געתּפילה'ט צום וואָרט, און טוט עס נאָך איצט: „שענק מיר ווערטער וואָס געשאָנקען האָסטו זיי ניט קיינעם". ער באַגערט מיט יעדן ליד זיך צו באַנײַען, ווי די נאַטור וואָס איז יעדן טאָג מחדש מעשׂה־בראשית. ער איז דער ייִדיש־„סטראַדיוואַריוס", וואָס קען „אַ שפּיל טאָן מיט אַזאַ מתיקות, אַז די זון די שווערע / פאַרלירן וועט איר וואָג / און ווערן טאָג". (דאָרטן, ז' 21). אין זײַן ליד באַשאַפט ער אַ נײַעם טאָג, אויף ייִדיש.

משמעות אַז דער זעלבער כּלל, ווי אין דער נאַטור, איז אויך גילטיק פאַרן וואָרט: אַרויסבליצן ווי אַן אַבסטראַקטער וווּנדער פון די געדאַנק־ און געפיל־ספערעס. מיט אַ פאַרבליפנדיקן גילוי איבערראַשט אונדז סוצקעווער מיט נײַע לידער, ווי טעג וואָס זענען ייִנגער און נײַער. די לידער — מײַלשטיינער אויף זײַן לאַנגן וועג, וואָס פירט

---

* פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים: לידער און פּאָעמעס 1964־1967. פאַרלאַג די גאָלדענע קייט, תּל־אָבֿיבֿ, 1968. פּאָרטרעט פון דיכטער: מאַרק שאַגאַל. 139 זז'.

פון סיביר ביז צו די נײַע פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים. אונטערן זעלבן טיטל קומט דאָס לעצטע ליד אין בוך, אַ ליד, געבוירן במעמד הכותל, אין סימן פון די "פּירקאַנטיקע שטיינער". די שורות פּיקן זיך אויס אין דער קדושה פון די פּירקאַנטיקע סימבאָלן, "ווי אויבן די יונה הומיה, זיך אויסגעפּיקט נאָר־וואָס פון חסד" (דאַרטן, ז׳ 139). ניט נאָר דאָס פאָלק מיט "די שטויביקע פּנימער" איז דאָ אויפגעקומען, נײַערט די גאַנצע בריאה, און "פון זעלביקן ליכט איז געבוירן די זון און דער שאָטן". די פּירקאַנטיקע היעראָגליפן דערמאָנען סוצקעווערן, אַז אַלץ איז דאָ פאַרפּירקאַנטיקט אין אייביקייט. דאָס זענען יידישע ליניעס, די צייכנס פון באַהעפטונג פון "שטויב פון פּירקאַנטיקע דורות". דאָ קומען אויך די חורבן־שטויבן: "דער שטויב פון מײַן מאַמען", און אַפילו "מײַן אייגע־נער שטויב (וואָס) איז געוואָרן גראַניט אין סוף־נאַכטיקן, זוניקן זוהר". און ס׳פאַר־ענדיקט זיך מיט דער אידעע פון אַ נײַער שליחות:

אַ האַנט איז געגאַנגען אין פײַער און האָט פון דער צײַט אייגנהאַנטיק
באַשאַפן אַן אייגענע רגע
פאַר דיר און פאַר מיר אין די אויגן.
(דאַרטן, ז׳ 139)

ס׳איז די רגע פון נס און באַנײַ און בטחון, וואָס סוצקעווער האָט דאָ אויסגעפורעמט און איבערגעשאַפן אין ליד.

□

סוצקעווער, ווי דער מײַסטער פון וואָרט, וויל אַרויסשפּיגלען פּערפּעקציע, געפינען אַ תיקון פאַר יעדן טראַף. ס׳איז די דיסציפּלין וואָס ער צווינגט אַרויף אויף דער שורה, כּדי אַלע וואָרט־צירופים זאָלן זיך צונויפשפּילן אין האַרמאָניע. אין די אַ קריטעריעס איז סוצקעווער אַ שטרענגער מקפּיד, ווײַל עס גייט וועגן שלמות, און דאָ מוז מען אָנווענדן מידת־הדין. ווי זאָגט זײַן פּראָטאָטיפּ דער מאָלער "בײַם פײַער שפּיגל": "נעם דײַן אַלטן שאַרבן און צעממית, / אַבי אַ קאָמפּאָזיציע זאָל זײַן פולקום ווי אַ טרער". ווײַל דאָ שטייט אין קאָן — "דער מאָלער און די שלמות. / איז מיט אַ לײַוונט ווייניקער. וואָס ווייניקער אַלץ מער". (דאַרטן ז׳ 31). דאָס איז סוצקעווערס קרעדאָ. און ער האָט טאַקע געשיקט זײַן וואָרט, ווי דער מאָלער "זײַן פּענדזל, אויסצוהאַלטן בײַ דער אייביקייט עקזאַמען".

אין אַנבליק פון סוצקעווערס שפּע, וואָלט אפשר דער זאָג געדאַרפט זײַן היפּוכדיק: וואָס מער אַלץ בעסער. די פיל שפּעפערישע יאָרן האָבן אָבער אויסגעברייטערט, אויס־געליכטיקט און אויסגעלײַטערט סוצקעווערס געזאַנג און פאַרטיפט זײַן באַטײַט. דער שטעמפּל זייערער איז נאָך אַלץ דער פולבלוטיקער ניגון פון וואָרט און מוזיק. די אָן אַ שיעור רעפלעקסיעס שײַנען אין זיך און פון זיך, ווי אַ שפּיגל אין אַ שפּיגל. און דאָס איכות פון די לידער־קאָמפּאָזיציעס איז, ווידער, כּישופדיקע אימאַזשן און פּראַכטיקע בילדער, ווו די שיינקייט פאַראַדירט ווי אַ פּילפאַרביקע לעבעדיקע פּאַווע. אָט אַ שטייגער מישט דורך דער דיכטער די פאַרבן אין אַ פאַנטאַסטישן נאַטורליד פון בלויז

אַכט ווערטער : "צעווישן ראָזן פויגלמילך / בײַם גרינעם עק פון זומער". (דאָרטן, ז' 12). אויף דער פּאַליטרע פון צוויי קליינע שורהלעך אַזאַ ליכטיקע פאַרבן־זיסקייט! און אָט, אַזאַ וווּנדערלעך שמעקעדיקע פּאַנאָראַמע :

— — אַן עפּלסאָד בײַם טײַך.
די עפּל רײַסט מען ניט. זיי פאַלן
פון ז י י ע ר ט װ ע ג ן.
(דאָרטן, ז' 12).

די רייציקע בונטקייט איז ווי אין אַ "מערכען", וועגן אַ פּרינצעסין, און דער עקזאָל־טירטער יינגל, "קוים בײַסט ער אָפּ פון פויגלמילך אַ שטענגל, / פאַרשיכּורט אים אַ זיסיקייט אַזאַ / וואָס קען דערמאָנען / אין זעלבן פרישן, פליסטערדיקן ריח / פון זוזע דעם אַפּטייקערס טאָכטער מיט די קליינע ליפּן". (דאָרטן, ז' 12־13). מיר פילן דעם ריח און חלום פון אַ קינדיש נאַיוו־פאַרזיסטע ראָמאַנטיק. דאָס ליד איז צו פאַר־דאַנקען די געבענטשטע גערענקשאַפט סוצקעווערס, פון "אַן אַלטע שורה / אַרויס־געבליט פון סאַמע האַרץ אין יונגשאַפט מײַנער". דער רעפלעקס פון דער שורה — "אין רויטן שײַן פון מײַן צעגליטן האַרץ" — האָט באַשאַפן די וווּנדערלעך־זיסע באַ־לאַדע, אין באַקאַנטן סוצקעווער־ליכט־און־נוסח.

□

אין סוצקעווערס ביכער, נאָכן באַזעצן זיך אין ישׂראל, קומען אַרײַן, אין אויסגעמיש, חוץ לידער פון היים־בענקשאַפט צום קינדערישן און יונגן אַמאָל, אויך די ציטעריקע לידער פון דער טראַגיק פון זײַן דור. ס'רובֿ זענען עס קאָשמאַריקע זעונגען, וואָס צאַפּ־לען מיט חלום, צוזאַמענגעפלאָכטן מיט די גאָלדענע פעדעם פון פאַרגאַנגענער שײַן. ער איז אומפאַרגלײַכלעך אָריגינעל אין דעם חורבן־זשאַנער, ווו ער אַליין פ אַ ר ־ ק ל ײ ד ט זיך אָפּט אין די געשטאַלטן פון אומקום, וואָס זייער אימאַזש טראָגט ער אין זיך, און שפּילט זייערע ראָלעס. אין שוין דערמאָנטן אַפּטייל פון בוך, זכר לגעטאָ, טוט ער עס ווידער. ער איז אַפילו צופרידן צו זײַן "אַנגעטאָן אין זעלבן בלויען העמד", ווי די "משוגעים" :

אַזוי מאַרשירן דורך דער גיהנום־גאַס פון מײַן זכּרון,
פון דולהויז צו דער געטאָ — משוגעים, אין אַ פרעמדער
יענוועלטיקייט, אין לאַנגע, בלויע העמדער,
אַזוי מאַרשירן יאָרן, יאָרן יאָרן.
(דאָרטן, ז' 54־55)

ווײַל "אַזאַ צונויפגעטוליעטקייט מיט ייִדן איז אַ זכיה. / האָב קיין מאָל ניט געפּילט אַזוי די ייִדנפרייד אין צער". (דאָרטן, ז' 54). איז ניט נאָר זייער ראָלע שפּילט ער, נאָר ער ווערט ממש אַבסאָרבירט אין זייער מיט, ווי איינער פון זיי. סוצקעווערס אידענטישקייט מיטן אומקום פון פאָלק איז טיף פאַרוואָרצלט, ווײַל ער אַליין שטעלט

דאָך פּאָר מיט זיך דעם זכר לגעטאָ. ער בעט: "קלעזמער, שפּיל מיר אַן איובֿדיקס / צו מײַן אויסגעברענט ווײַסן געביין, / וואָס צוקט אין דער טונקל מיט גליִעוודיקס / און אַ פּאַרמעט צווישן די ציין". (דאָרטן, ז' 53). אַבֿרהם סוצקעווער מיט זײַן קינה־פּאַרמעט, נאָך דעם אין ־רויך פֿון אויסגעברענטן וואַלד־, וואָס ער האָט געטאָן "מיט געוואַלד — — — פֿאַרוואַנדלען — — — אין אַלטן, לעבעדיקן וואַלד" (דאָרטן, ז' 62). דאָס איז דער צוריק אויפֿגעלעבטער וואַלד פֿון זײַן פּאָעזיע, ווײַל ס'איז געווען זײַן "זכיה" צו בלײַבן אין "צונויפֿגעטוליעטקייט" מיט אַ תּחית־המתימדיקער וועלט. אַזוי לייענען זיך סוצקעווערס לידער, ווי סיגנאַלן פֿון זײַן צײַט, און אויך פֿון דער צײַט וואָס קומט — סיגנאַלן נאַציאָנאַלע און סיגנאַלן אַלוועלטישע.

איז נאָך זכר לגעטאָ גוט אַרײַנצובליקן אין די לידער, ווו סוצקעווער וויל די צײַט דערפֿילן ־מיט הונדערטסטן חוש־. דער חוש, על־פּי סוצקעווער, איז אויך פֿאַר די דוממים: "אַ פֿידל איז בוים און איז וואַסער און שיף און מוזיק, / ווען ס'רודערט אַהיים, אָן די גרויסע פֿינגער, דעם סמיק. / אַזוי וועל איך קומען מיט הונדערטסטן חוש צו מײַן גליק". (דאָרטן, ז' 35). ער זוכט, אין זײַן ייִדיש ליד, די אוניווערסאַלע צײַט: "מיט הונדערטסטן חוש וועט מײַן צײַט, אומגעזעענער ווינט / געפֿינען איר קאָסמישע פֿאָרעם אין לײַבס לאַבירינט". די דאָזיקע חוש־סופּעריאָריטעט וועט פֿירן צו "פֿאַרלוירנקייט" — פֿון מענטש און נאַטור, גיט ער זיך אַ טראַגישע עצה אויך מיט דעם: "און ביידנס פֿאַרלוירנקייט וועל איך צעטיילן די הינט". אָבער ס'איז שטאַרק צו ספֿקן צי אַזאַ פֿאַנטאַסטישער דערגרייך דאַרף אין סך־הכּל פֿירן צו אַ הינטישער סעודה? סוצקעווער איז סײַ ווי אין אַ שטענדיקן פֿאַרמעסט מיט דער צײַט, ווו ער פֿאַרוואַנדלט חושימדיקע שפּירונגען אין סופֿער־פּאָעטישע נשמהדיקע פֿילונגען. די וויזיאָנעריש איבערלעבונגען, איבערגעפֿלאַנצט אין לידער, דאַרפֿן זײַן די סיגנאַלן ווו די קאָנקרעטע חושים־וועלט ווערט אומגעוואַנדלט אין מאָרגן־מוזיק — "מוזיק פֿון זעונג" אין "זייגערלעך פֿון פֿלייש" (דאָרטן, ז' 39). די נאַטור, דער וועלטאַל, אַלע אייביקע וווּנדערס זענען אײַנגעבויט אין אונדז גופֿא, לויט דער סוצקעווער־פֿאָרמל: "מיר זענען אַלע קינדער פֿון אַ קאָסמישער פֿאַמיליע". אַזוי אַרום ווערט ער דער סיגנאַליזאַטאָר פֿון אַ נײַ ליד, וואָס קומט פֿון אַנדערע ספֿערעס, בלויז די ווערטער זענען צופֿעליק ייִדישע.

אַבֿרהם סוצקעווער האָט פֿאַרבונדן זײַן סוביעקטיווע וועלט מיט צוויי אַבסטראַקטע עלעמענטן: אייביקייט און אוניווערסאַליזם. מיט דעם האָט זײַן ליד באַקומען דעם עספּרי, דעם גלאַנץ פֿון קלוגן אינטעלעקטואַליזם, מיט אַ צולאָג פֿון פֿאַנטאַזיע און פֿילאָסאָפֿישע ספּעקולאַציעס. ער, דער ייִדישער פּאָעט וואָס האָט די וועלט צוקאָפּנס, ניט געקוקט אויף אַלע הויך־פֿליִענדיקע לידער, קען זיך אָבער פֿון דער וועלט ניט אָפּרײַסן — ער און וועלט זענען אָרגאַניש איינע אין די אַנדערע פֿאַרוואָרצלט. אַפֿילו אויב "געשווינדער פֿונעם ליכטלויף — צו אַ נײַעם קיום שטײַג איך", איז אָבער ניטאָ קיין פּתרון פֿאַר דעם "וווהין". ס'בלײַבט די אַלטערנאַטיוו: "באַשערט איז מיר צו לעבן און צו שטאַרבן טאָפּל־וועלטיק, / באַשערט איז מיר זיך אָפּרײַסן פֿון ערדקויל, נאָר וווהין?" (דאָרטן, ז' 75). רײַסט זיך דער דיכטער אָפּ אויף קליינע לידער־סעסיעס פֿון אייגענעם ערדקויל און צוקאָפּנס ליגט די וועלט מיט אירע ימען, שטעט און לענדער און אַנדערע אויסטערלישע אָרטשאַפֿטן.

## צײַטיקע פּנימער *

אַבֿרהם סוצקעווער האָט אין דעם בוך דערגרייכט אַ העכערן שטאַפּל פון שלמות, צו וועלכן ס׳איז אָנגעצילט זײַן גאַנצער שעפערישער גאַנג: דער גרויסאַנגיקער האָריזאָנט איז דאָ באַטײַטיק אויסגעברייטערט, אויסגעמאָלן מיט אַן אָריגינעלן ס׳צקעווערישן קאָלאָריט, אין זײַן אייגענעם נוסח. דאָ שײַנט די נײַקייט פון די צײַטיקע פּנימער — היים, משפחה, דור — וואָס זענען רײַף געוואָרן אין פּערספּעקטיוו פון יאָרן. די צײַט, מיט סוצקעווערס באַהילפיקער האַנט, האָט אַרויפגעשטעמפּלט אויף זיי דעם חותם פון אַ ליכטיקן נצח. אין דעם גײַסט ווערן אַלע לידער, אַפילו די מיט פאַרשטומטע פּנימער, צי בכּלל פּנימלאָז, קלאָר און גוט פאַרשטאַנען. דאָך איז נייטיק אַ ביסל מפרש צו זײַן פּאַרטונקלטע ווינקלען און אויפליכטיקן שטריכן פון ה ע ל ד ן, הערן וואָס דער פּאָעט דערציילט, און זען — וואָס ער זעט.

די ערשטע און גרעסטע פּאָעמע, פון די פיר, אין בוך, איז ״מײַן זיידנס פּעדער״. זי איז געשריבן אין פאַרשיידענע ריטמען און זיך בײַטנדיקע פאָרמען, אָבער זי פאַרמאָגט אַ זינגעוודיק־מוזיקאַלישע לײַכטקייט. די גאַמעס שפּרינגען כּסדר איבער די שמאָלע מעלאָדישע שורות מיט פאַרכאַפּנדיקע שילדערונגען, צו ברייט־אָטעמדיקע עפּישע שורות, פון פולע זײַטן. פון אָט דער מוזיקאַלישער צעכוואַליעטקייט וואַקסט אַרויס די גראַנדיעזע און פולע געשטאַלט פון זיידן. די עפּאָפּעע — דער זיידע, און די פּעדער — דער סימבאָל פון דיכטערס גײַסטיקער ירושה. דעם זיידנס אימאַזש איז באַלויכטן מיטן רעטראָספּעקטיוון אָפּשײַן און אָפּגלאַנץ פון זײַן לויטערקייט, זײַן הדרת־פּנים.

דעם דיכטערס חלום און פאָרשטעלונג פון זיידן וויקלט זיך פונאַנדער, אינעם אינטע־רעסאַנטן סיפּור־המעשׂה, אין פאַסצינירנדיקע בילדער. און אויב אַפילו ס׳איז ניט די אויטענטישע פיגור פון זיידן, פילט מען אָבער די פּאָעטישע בענקשאַפט וואָס האָט אָט די זיידע־געשטאַלט אויסגעהאַמערט ווי אַ מאָדעל. דער הלל גייט פאַר דעם זיידנס פּעדער, וואָס דער דיכטער שילדערט די גילגולים פון איר שעפערישן גורל. די פּעדער ווערט דער מלאך־סימבאָל, וואָס אַנטפּלעקט זיך בלויז מיט זײַן עכאָ: ״— בין פאַראַן, פאַראַן״. אויף דעם קומט דער אָפּקלאַנג: ״איך זוך די פּעדער פון מײַן זיידן״. צווישן ״צווי פײַערן״ — ״אין באַקאָויוון און מיזרח־אויוון״ שרײַבט דער זיידע. און אָט — ״צעפליט זיך דאָס פּאַפּיר״, צוליב דעם זיידנס רחמנות אויף ״אַ שפּערל״, וואָס האָט אין דעם קאַלטן ווינטערטאָג ״אומזיסט געזוכט אַ זערנעלע״. (דאָרטן, ז׳ 11). פון יז באַטיטלטע פּרקים באַשטייט די פּאָעמע. אין פּרק ז, ווען ״די שׂרפה איז געקומען אַלט ווי פײַער״, און ״זיך אָפּגעבריט אָן אותיות״, איז — ״פון זיידנס האָב־און־גוטס איז נאָר זײַן פּעדער / געבליבן אינעם אַש. אַן איבערראַשטע״. די ״איבערראַשטע פּעדער״ שאָטנט איבער אַלע געשעענישן. זי ווערט ווי אַ פאַטום אײַנגעגלידערט אין לעבעדיקן

* צײַטיקע פּנימער: פּאָעמעס און לידער. 1968־1970. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אָבֿיבֿ, 1970. פּאָרטרעט פון דיכטער: ראובֿן. 158 זז׳.

גוף פון זיידן. ״דורך נאַכט ווערט דער זיידע געוואָר״ וועגן אַ סך טראַגישע פּאַסירונגען אין משפּחה, און פּאָרויסזעיק: אַז ״פּאַריתומט וועט בלײַבן די פּעדער נאָך הײַנטיקן יאָר — —״ (דאָרטן, ז׳ 25). די פּעדער ווערט פּאַרוואַנדלט אין אַ כּמו־לעבעדיקן אָביעקט, עלעהיי אַ יתום. און ס׳דאַרף קומען דער יורש אויף צו ממלא זײַן די שעפּערישע פונקציע פון זיידן. איבערהיפּנדיק די שפּאַנענדיקע ״אַוואַנטורעס״ פון דער נסיעה פון קראַנקן זיידן, קומען מיר צום קלימאַקס: די ״געגנדזענע פּעדער, וואָס האָט ניט פּאַרענדיקט איר שליחות״, זוכט דער לעגיטימער יורש ״אויף הר הצופים״: ״איך זוך די זעונג, זיידע, ווו דײַן פּעדער / איז לופטיק ווי אַ מלאך און איז ערדיש ווי אַ צעדער״ (דאָרטן, ז׳ 41). דאָ אַנטפּלעקט זיך די ירושה, וואָס איז שוין פּאַרטאָפּלט: ״אַ טויטער זיידע וואָס איך זע אויף ס׳נײַ אים, / צוזאַמען מיט אַ לעבעדיקן. יעדער. / ביז וואַנען איך האָב אויפגעוועקט זיך מיט ׳מײַן זיידנס פּעדער׳״. די פּאָעמע איז געשריבן אין 1968־1969.

״מײַן טאַטנס פידל״ איז אַ פּאָעמע פון אַ צווייטע משפּחה־פּאַסירונג, ווו די פידל דאַרף אויסגעלייזט ווערן דורך אַ יורש. זי קומט צוריק, נאָך אַן אויסטערלישן עולם־הבאַ־מיסחר, אַהיים. און אַזאַ שוין באַרימטער אינסטרומענט, פון סיביר א״אַ לידער, איז סימבאָליש פּאַר סוצקעווערן, וואָס כּישופט אַרויס מוזיק פון ייִדישע ווערטער: ״אַרויסגעשפּילט האָט אויך זײַן פידל / איר שטומקייט בלויז פּאַר מײַנעטוועגן, / אַז איך אַליין זאָל זי דערהערן, / אַרויסשפּילן פון זיך אַ שטערן״. (דאָרטן, ז׳ 53). — דעם **ש ט ע ר ן** האָט סוצקעווער אַרויסגעשפּילט, און שפּילט אים אַרויס אַלע יאָרן.

די סימבאָלישע, האַלב־ראָמאַנטישע פּאָעמע די ציגעלניע, איז אָנגעווייט מיט שטיפּערישן אומעט און פרישקייט פון **אַ נ ד ע ר ע** ווערטער: ״געגנוג מיט די צײַטווערטער. אייביקייט־ווערטער דערלאַנג מיר, משוגענער שאַפּער״. ס׳זענען ווערטער מיט וועלכע מ׳קאָן זאָגן: ״גוט־מאָרגן דיר, נעכטן״ (דאָרטן, ז׳ 61). די ווערטער זענען ניט אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג, ווי אַ סאַטירע אויפן לעבן, ווו דער לעבעדיקער פּערדישער ראָבאָט דרייט זיך אין דער אָנגעצייכנטער ריכטונג. ניטאָ קיין צוריק פון באַשערטן גורל. זיך קעגנשטעלן פירט צו אומקום — אַזוי איז דאָס געזעץ וואָס הערשט אין דער וועלט. דאָס ייִנגל, אין זײַן געוואַגטן חלום, קאָן ניט צאָלן דעם פּרײַז פון צוריקדרייען די נאַטור: ״— מע זאָגט אַפילו, ס׳דרייט זיך אַלץ אַרום דער זון די ערד. / אַ גילדן איז צו ווינציק זי זאָל דרייען זיך פּאַרקערט״. (דאָרטן, ז׳ 73). געשריבן אין 1969.

״משה באַסיך״ איז אַ פּאָעמע פון לאַמענטאַציע, אין דערמאָנונג פון אַ טראַגישן און משוגהדיק־אָריגינעלן כאַראַקטער, וואָס נאָר די ייִדישע ווילנע האָט געקאָנט אַזוינעם פּראָדוצירן. אין דער פּאָעמע, מיט שטאַרק עלעגישע רירנדיקע שורות, האָט סוצקעווער אַרויסאַנטפּלעקט און פּאַראייביקט אַ דיכטעריש־פיבערדיקע נשמה. מיט וואָרעמען צער איז אַרומגעהילט די געשטאַלט פון טרויעריקן יונגן וואַגאַבונד, וואָס איז ״מורד — — אין האַרבן טאַטן אין תּרי״גישן״. און משה באַסיך, אין זײַן געפּאַלנקייט, ווען ״עס ברענען שוין די יאָרצײַטליכט״ — — ״וויינט ער אַ כּל־נידרידיקער: — איך בין אַליין אַ יאָרצײַטליכט און ברען שוין אַכצן יאָר״. און סוצקעווער האָט מיט די סטראָפּעס אַוועקגעשטעלט אַ ליכטיקע יאָרצײַטליכט־פּאָעמע אויף די ״אַכצן יאָר״ זײַנע. (דאָרטן, זז׳ 77־82). געשריבן אין מײַ, 1969.

דאָס אויג פון דער נשמה וויינט מיט בילדער איז דער טיטל פון אַ לידער־סעריע, און אויך די ערשטע שורה פון אַרײַנפיר־ליד, באַצייכנט מיט אַ שטערנדל. ס׳איז דער באַזונדערש אויסנעמיקער גײַסטיקער מצבֿ, ווען דאָס אויג וויינט מיט בילדער פון שווערע איבערלעבונגען און טראַכטונגען, וואָס ווילן בלײַבן ניט בלויז אין טרער, נאָר זיי גאַרן פאַרקריצט צו ווערן אין ליד: זיי ״מאָנען: שילדער, שילדער, / פאַר זיך אַליין, ווי פאַר אַ צווייטער וועלט״ (דאָרטן, ז׳ 87). די פרימערע זענישן, ״בילדער ערשטמאָליקע״, וואָס ״דאָס אויג פון דער נשמה וויינט״ אַרויס, זענען ווונדער־אימאַזשן פון אַ פּאָר צענדליקער קורצע לידער, אין דער סעריע. ווועלן מיר פּרוּוון אַרײַנקוקן אין די לידער און בילדער — נשמה־אויג אין נשמה־אויג. אָן אַ שיעור בילדער זענען דאָ אַרײַנגעפּרעסט. ס׳ערשטע ליד: ״די רייד פון אָנגופיקן״, איז אַן אָנדײַט פון אַ ג ײַ ס ט י ק ע ר ע ק ס י ס ט ע נ ץ; ער קלערט אויף דעם מענטש־דיכטער, וואָס איז ״אויך אַזאַ, אַ תּקופיקער״ דעם שׂכל פון פּירונגען. לסוף גיט ער אים די עצה: ״בעסער זאָלסט להבא זיך באַנוגענען / מיט אַ שטילער שעה און טוי פון גנאָד״ (דאָרטן, ז׳ 88). אין חלום־ליד פון ״אַזאַ מין שלאָף״, האָט ער ״דער־שפּירט״ אַז ס׳איז אים ״אַ ריף פאַרשוווּנדן״, און ״פון מײַן ריף, האָט ער געבויט, מײַן האָר, / אַ לאַנד, / אַ מאָרגן־שטערן־לאַנד, / באַשטימט פאַר מײַנע קינדער״. (דאָרטן, ז׳ 89). דאָס ל אַ נ ד איז די יצירה פון אייגענעם גוף. אָבער ניט בלויז זען די אייגענע בילדער קומט דער דיכטער, נאָר אויך הערן זייערע ״קופּערנע עכאָס (וואָס) אין זייערע שפּורן ציִען זיך זאַמדיקע שטערן״. און ״אין מידבר״, ווו ס׳ווערן ״פאַרשלונגען די שטערן. די קופּערנע טענער. / פאַרקלונגען די שפּורן. דאָ ווערט נתגלה די יצירה אין בילדער ערשטמאָליקע: ״איך הער ווי עס אָטעמט אין טיפעניש גאָט, / בײַם קנעטן אין קופּער / פון קופּער/ סקולפּטורן״. (דאָרטן, ז׳ 91).

אַ ציטעריק טרויעריקע הכנעה איז פאַראַן אין בילד פון ״פאַלנדיק וואַסער (וואָס) פאַר־מאָגט ניט קיין טיפקייט״. אָבער דער דיכטער גיט דעם געדאַנק די ״טיפקייט״ פון ״אַנטלויִענע צײַט״ און פאַרגאַנג: ״פאַל פון די בערג מיט דײַן קינדהייט־מוזיק / מיר אַנטקעגן, / איידער דו שענקסט זיך צוריק / דײַן אַנטלײַער״. ס׳איז איינס פון די בילדער, וואָס ״דאָס אויג פון דער נשמה״ וויינט אַזוי קלאָר אויס: ״פאַל ווי אַ וואַ־סער, / איידער איך שטײַג ווי אַ פײַער״. (דאָרטן, ז׳ 101).

אין דער סעריע פײַערשטיינדלעך, בעט ער אין זײַן מאָטאָליד: ״פײַערשטיינדלעך, / כּשרט מײַנע ווערטער״. תּמיד זוכט סוצקעווער דעם עכטן כּשרן וואָרט, וואָס זאָל רעפלעקטירן די ״פײַערשטיינדלעך, / זוניקע מזלות, / וואָס געכּשרט / האָט מיט אײַך מײַן מאַמע, ערבֿ פּסח״... (דאָרטן, ז׳ 111). די אָ פּיקחותדיקע לידער, ווילן אַ פּנים איבערקליִגלען די סטאַטיק פון פאַרגיי און אַרויסליכטיקן דעם צאַפּל פון לעבן, געפינען די פאָרמל וואָס זאָל אַ קלונג טאָן אָפּטימיסטיש און באַיאָיִק.

דער ״טאָפּעלער אויטאָפּאָרטרעט״, ווי סוצקעווער צייכנט זיך אין אים, משלדיק: ״אין מיר אַ פלאַמינגאָ״ — —

זופּט אויס מײַנע ווערטער
און אָפּשײַן פון קלאַנגען און פאַרבן,

אַז בלײַבן זאָל בלויז אויפֿן דנאָ, אין אַ ליידיקער שעה,
אַ דערשראָקענער שאַרבן.
(דאָרטן, ז׳ 112)

זײַן שעפֿערישער גײַסט נוצט אויס די ווערטער און די שײַן, נאָך דעם בלײַבט דאָס טפֿלע, די פּוסטקייט. אפֿשר איז דאָס דער אויטענטישער פּאָרטרעט פֿון יעדע קרעאַטיווע פּערזענלעכקייט. דער דיכטער באַיאָט אָבער דאָס לעבן, אויב ער טראָגט אַפֿילו אין זיך דעם קערן פֿון פֿאַרניכטונג: "אָ, לעבן, לעבן. האָדעווען אין זיך דעם טויט און שיכּור / הנאה האָבן. ס׳וואָלט געווען פֿון מיר אַ משוגעת / אַרויסצוטרײַבן פֿון דער ברוסט אַ יתום אויפֿן גאַס". (דאָרטן, ז׳ 114). ס׳איז די ייִדישע בעל־כּרחך לעב־פֿילאָסאָפֿיע, געשטיצט אויף דעם דיכטערס ד ע וו י ז: "קיין אַנדער לעבן האָב איך ניט פֿאַרזוכט — —." ובֿכן, מוז אָנגיין דער "ספּעקטאַקל ווײַטער: האָדעווען אין זיך דעם טויט און — לעבן". און דאָס איז די זוכעניש פֿון "סימנים" פֿון דיכטערס "שײַכות" מיט זײַן אַרומרינגלונג, מיט דער נאַטור און בעלי־חיים, מיט אַלץ וואָס לעבט און האָט אַ קיום. ער, דער בחיר־היצורים, זוכט "אַ סימן אַז איך בין דײַן אויסדערווײלטער", און ער זוכט אויך ד ע ם, בײַ וועמען ער בעט די ס י מ נ י ם: "איך זוך דײַן קול פֿון ערשטן בלוי באַגינען, / אַז אויך דער לעצטער אָטעם האָט אַ זינען". (דאָרטן, ז׳ 116).
אין די אָ ווייניק אינטים־נשמהדיקע גאָט־זוכערישע לידער, טוט עס סוצקעווער אָן איבערלאָדנקייט און מיט דיך־געשליפֿענער פֿײַנקייט. פֿון דעם זעלביקן תּוך און זעלטענער שטימונג איז "פֿײַערלעשער", וואָס "זענען מיר באַפֿאַלן שפּעט בײַ נאַכט — — אויף לאַנגע לייטערס — — צום זעקסטן גאָרן" (דאָרטן, ז׳ 117). אַזאַ איז אויך ס׳ליד פֿון זעקס אַלעגאָרישע שורות, ווען ער גייט מיטן קינד "צום וואַלד", און — "פֿון צו פֿיל א ו י ס ג ע ה אַ ק ט ע ביימער זעט מען ניט דעם וואַלד" (דאָרטן, ז׳ 118). פּאַסט דאָ, נאָך די "אויסגעהאַקטע ביימער" דאָס אמתדיקע "יענטוועלטיק לשון": "דער ווונדער (וואָס) איז געוואָרן / רעאַל / ווי ברויט מיט גאַל / אין אויסגעהונגערטן זכּרון". ס׳איז דער רעאַליסטיש־פֿאַנטאַסטישער ווונדער, ווען עס "וועט אָנקלאַפּן אין טיר אַ נײַער מענטש: / דער ערשטער לעבעדיקער מענטש פֿון יענער־וועלט", וואָס וועט אָנקומען / "דאָ אין פֿרויען־מענער וועלט". (דאָרטן, ז׳ 119).

□

ווי אין די פֿריִערדיקע לידער, געפֿינט זיך דאָ סוצקעווער ווידער אין דער ספּיריטועלער שטימונג פֿון חבֿרשאַפֿט מיטן טויט. די צוויי קעגנגעזעצטע דימענסיעס, ז ײַ ן און נ י ט ־ ז ײַ ן, פֿאַרבונדן בלויז דורך זײַן פּאָעטישן וואָרט, איז אַ מין דעקלעראַציע פֿון נ אָ ע נ ט ש אַ פֿ ט צו יענע ליבע טויטע: ס׳איז אַ פּ אָ ע ט י ש ע ר אַ ר ײַ נ ק ו ם אין דער איראַציאָנעלער ייִדישער חורבן־וועלט, וואָס נאָר דורכן לעבעדיקן וואָרט קאָן זי נאָך האָבן אַ קיום. איז עס אַזוי אַרום ניט קיין קאָנטראָווערסיע מיט דער ווירקלעכקייט — און דאָס איז אַוודאי די אידעע און מיין פֿון סוצקעווערן: רעסטאַווירן אין וואָרט דעם קיום פֿון אַן אומקיום־וועלט. ער דערגרונטעוועט זיך און דערטאַפּט זיך מיט די גײַסטיקע הערנערלעך פֿון דער נשמה צו שפּירונגען און פֿילונגען, וואָס גע־

פינען זיך מחוץ דעם גדר פון לאָגיק. דאָס קומט בולטער אַרויס אין זײַנע דערציי־לונגען, צו וועלכע מיר קומען שפּעטער.
צוזאַמען מיט דעם, און אפשר ווי אַן אַרויסוואַקס פון דעם, גייט אויך סוצקעווערס מאָדערניזם. מיר אָקצענטירן ווידער דעם דאָזיקן ספּעציפישן מאָמענט, ווײַל ער איז בײַ סוצקעווערן געקומען נאַטירלעך, אין ליד און מיטן ליד, ניט ווי בײַ אַנדערע יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן עקספּערימענטירט מיט די מאָדערניסטישע ריכטונגען פון זייער צײַט. אין דעם זינען איז סוצקעווער איבערצײַטלעך און פּאַרזיכיק — אַן אייגנהענטיקע סוצקעווער־קאָפּיע, צו אַ נײַעם אייגענעם וואָרט און סטיל. אָט וויל ער, דורכן "אויג פון דער נשמה", דערזען די צאַפּלעניש פון לײַב און דערהערן די סודותדיקע פריידן און שרעקן זייערע. דורך דער טרער־פּאַליטרע ווייַנט ער כישופדיק אַרויס זײַנע אויסגעצײַטיקטע געזאַנגען, אויסגעצייטערטע לידער פון לעבן און טויט, פון הימל און פאַלק. אַזאַ איז דאָס ליד "שפּיטאָלשויבן לויכטן אין חצות קעגן מײַנע". די בילדער און סימבאָלן רעפלעקטירן דורך די "שפּיטאָלשויבן", וואָס קאָנען גרײַלעך זײַן די אויגן פון דער נשמה. אין דער אומדערהערטער אַלאַרעם־שטילקייט "אומ־ניסימדיק טרינקט זיך / מאַטראָס נאָך מאַטראָס". און קעגן דעם בירגערלעכן קאַנ־ווענציאָנעלן עסטאַבלישמענט פון "פּאָעטן, עסטעטן, ווערטן, / געליבטע אין לײַביקע בעטן", וואָס האָבן אַן אילוזיע פון זיכערקייט, ווײַל ס'איז "די טיר אויפן שלאָס", רופט דער דיכטער אַרויס צו הילף זײַנע פאַרבינדטע, וואָס זאָלן ניט נאָר העלפן אָבער אויך רעוואָלטירן "קעגן פאַלשער אידיליע פון חצות":

און איר, מתים,
אייביקע פייגל
פון שוואַרצע בית־עלמין־אַלעען אין חצות —
קענט איר ניט וואַרפן אַ בייגל
דעם לעצטן מאַטראָס?
טרייסלט דעם טראָן פון דער אַלמאַכט
און זײַן בעל־הבית,
גרייכן אַהין זאָל אַצינד אײַער צאָרן און טענה.
(דאָרטן, ז' 120־121)

דער סימבאָליש־פאַנטאַסטישער בונד מיט די טויטע איז אויף לעבן און טויט! ניט אין הכנעה און נאָכגעביקייט, נאָר אין קאַמף און רעזיסטאַנץ.
סוצקעווער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַ נײַער ספערע פון שײַכותן, וווּ ער זעט די רעאַליסטיק פון זאַכן אין אַן אַנדער פאָרעם און וויזיע. אָט, למשל, "אַ בוים וואָס קיינער פון לעבעדיקע האָט נאָך ניט געזען אים". ווארעם ס'איז ניט סתם אַ בוים, נאָר אַזאַ וואָס "אויף זײַנע גרינע צווײַגן הענגען שטיינער, / און יעדער שטיין — אַ גיהנום / אַ ווולקאַניקער". (דאָרטן, ז' 122). "שטיינערנע פּירות" פאַר דעם דיכטער: "נאָך טויזנט הונגעריאָרן, כ'בין פאַרזונקען / אין יענע פּירות פונעם בוים, אין זייער זאַפט וואָס רינט, / איך זויג אַרויס פון הענגענדיקע שטיינער / פונקען, פונקען".

(דאַרטן, ז׳ 122). דער פּאָעט טראַנספּערירט זיך אַליין צו אַ מדרגה פון פילן דעם ערדישן חומר, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גײַסטיקער סובסטאַנץ. די אומנאַטירלעך וואָקסנדיקע שטיינער פּראָדוצירן יצירה־פונקען, נאָך די טויזנטיאָריקע ציוויליזאַציעס. איז עס ניט בלויז סימבאָליזם, נאָר לעצטיקער מאָדערניזם פון ייִדישן ליד: דאָס אַוועקגיין פון די געוווינטע אַקצעפּטירטע בילדער צו אומעקסיסטירנדיקע און בליציק־באַנײַטע אימאַזשן, און מיטן כּוח פון אַ נײַער וואָרט־אידיאָמאַטיק זיי געבן אַ מאָרגנדיקן קיום. די שטיין־עפּאָכע: ״יעדער שטיין — אַ גיהנום אַ וווּלקאַניקער״.

אַבֿרהם סוצקעווער האָט אַרײַנגעבלאָזן אַ פרישן שפּעריִשן אָטעם אין די צײַטיקע פּנימער־לידער. זיי וועלן אפשר שפּעטער קלינגען נאָך מער נײַ ווי מ׳נעמט זיי אויף אין זייער צײַט: איבער־צײַטיק. אויף זײַן דיכטערישן געמיט פּרוווט סוצקעווער אויס אַלע סכּנות פון רײַסן זיך צו נײַקייט אין ליד: ער וויל אַרײַנבליקן הינטער נאַטור און מענטש און אַרויסאַנטפּלעקן ״וואָס טוט זיך אינעווייניק״. אָט קוקט ער אַרײַן אין אַ ״נזיריש פּנים״, אָבער ער וויל זען מער ווי בלויז פּנים. ער ווייס אַז אַזאַ אַרײַנקוק ״איז מסוכּן״ (דאַרטן, ז׳ 125). איז כאַטש אין ״אַריבערשלײַדערן אַ וואָרט״ — און ער שלײַדערט זיי, די נײַע ווערטער. סוצקעווערן דאַרף מען הײַנט זאָגן ״אַ מאָרגנדיקן מזל־טובֿ״, ווי ער וויל עס זאָגן די ״דרײַצן יונגע טראָגעדיקע פּרויען״. (דאַרטן, ז׳ 126). ער איז לידער־טראָגעדיק אין מאָרגנדיקער נײַ־געבוירנשאַפט.

סוצקעווערס אײַפּשטײַג איז געקומען פון די אייגענע אינזיכיקע קאַנאַלן, די נשמהדיקע. דאָרטן ווײַנען אפשר ניט אַזוי די טרערן, ווי עס גלײַען זייערע פונקען, אַרויסגעזוייגענע פון דער נאַטור, פון קאָסמאָס, פון דער וועלט אַרום אים. דאָס קענטיקט זיך שטאַרק אַרויס אין די ״קליינע אימפּראָוויזאַציעס״ (דאַרטן, זז׳ 135־141). אין די קורצע אַפאָריזם־שורות קומט צום אויסדרוק גאַנצקייט און צײַטיקייט. ווי זײַן קלוגער פאַרצײַטישער פּירגייער, פון משלי, וויל ער אויך לערנען פון דער מוראַשקע: ״לערנען מוראַשקעס צו שפּאַנען אין פּאָר — — לערן אַזוי דײַנע ווערטער די קלענסטע — — שפּאַנען אין פּאָר, / וועלן זיי ווערן אייביקע ווערטער״. די עפּיגראַמאַטישע בליץ־שורות דערציילן וועגן לעבן און שאַפן, אַמביציעס, פלענער, האָפענונגען און שטרעבונגען — 28 איז זייער צאָל. נומער 5 באַשטעטיקט דעם ״חן פון אמת״, אין דער נאַטור. נומער 6 שעפּטשעט־אויס אַ פּערזענלעכן סוד: ״פּלעיאַדן שטערן. יעדער זיפּט / אַרײַן זײַן פּנים צווישן בלעטער: / אַ מלאך גרייט אַ מאַנוסקריפּט, / וואָס איך וועל שרײַבן יאָרן שפּעטער״. איז נאָך איבערגענוג צײַט צו וואַרטן... און דער קלוגער סקעפּטיציזם באַשיידט שטיל און ריטערלעך: ״און אַלץ וועט פאַרגיין און ס׳וועט בלײַבן / דער ווײַניקער טעם פון פאַרגיין״. (נומער 22).

אָטעם־צו־אָטעם איז די לעצטע סעריע אין בוך: צוועלף לידער. ליריש שטימונגען, בילדער, פאַרקאַפּויערטע סימבאָלן, אין זעלבן מאָדערניסטישן נוסח און — צו פאַראַפּראַזירן — אַלץ וואָס דאָס האַרץ פון דער נשמה דערפילט. מיט אויסגעלײַענע סימבאָלן פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע איז דאָס ערשטע ליד, ווו ס׳האָט ״פאַרשריבן אין פּינקס דער מאַן מיטן בלײַער״, וואָס ״נאָך דער ערדציטערניש איז געבליבן״, נאָר — ״ס׳זענען מער ניט געבליבן קיין ווערטער אין גאַנצענער געגנט״. (דאַרטן, ז׳ 145). מיט אַן אומעטיקן קלאַנג ציטערט־אויף ס׳ליד, ״מיט דער בריק וואָס קאַפּויערט אין

וואַסער״. פאַרשטילטע ליבע און פאַרבענקטע גאַרונגען וויברירן אין די שורות: ״מיט דער בריק וואָס קאַפּויערט אין וואַסער / וועל איך ציִען צו דיר, זי איז איצטער מײַן בריק״, און ״איך וועל טוליען צום האַרצן מײַן האַרבסטיקן גליק״. וואַרעמע טע־נער קלינגען־אַרויף צום ד אָ ר ט ן, וואָס דער דיכטער זעט אין פּ ע ר ס פּ ע ק ט י וו:

דאָרטן איז נענטער דאָס הויז אויפן באַרג,
אַז מען קאָן מיט דער דלאָניע
דערגרייכן;
דאָרטן איז נענטער די ווייכע סימפאָניע
פון וואָלקנס וואָס וועלן באַלד רעגענען;
דאָרטן איז נענטער די פרוי אויפן באַרג
און זי גיט מיר אַ נאָקעטן צייכן:
מיר וועלן זיך אָטעם־צו־אָטעם
אין אָפּגרונט
באַגעגענען.
(דאָרטן, ז׳ 149)

ניטאָ די מורא פון פאַרגיי, און דער אָפּגרונט איז תחית־המתימדיק — אַן אָטעם־צו־אָטעם־ראַנדעוווּ אין תהום פון קאָסמישן נצח.

אַבֿרהם סוצקעווער בויט זיך אַליין ״וווינונגען פון גײַסט״ — ״און סימבאָלן״ מיט וועלכע ער לעבט בשלום. ער, דער סקולפּטאָר פון לידער, וואָס איז ״קראַנק אויף שלמות״, וויל אַז זײַן ליד זאָל ״פּילן אַ באַריר פון קראַנקן־שוועסטער, אַז דאָס ליד זאָל שײַנען פולער, גאַנצער״. אַזאַ איז ס׳ליד פאַר אים: ״עס טרינקט בײַם טויזנט־אויגיקן דעם לעבנס עליקסיר / און קומט צוריק צו זײַן פאַר דיר אַ פאַנצער״. ס׳איז אַ ליד פון ״אַזאַ מין בויער״ — דער סוצקעווער־ליד־בויער. (דאָרטן, ז׳ 158).

צײַטיקע פּנימער האָט סוצקעווער אויפגעשטעלט ווי אַ ״געבוי״ פון מאָדערניזם, ווו ״דער סם־החיימדיקער סם״ ריזלט און פאַרפאַנצערט גײַסט־און־לשון. די לידער זענען אָנגעהויכט מיט פּאָעטישער אינספּיראַציע און פאַרזיגלט מיטן רוח־החיים פון ליבע־און־לויב צום וואָרט. דאָס וואָרט האָט אָוועקגעצײַטיקט מיט דער צײַט, שפּאַן אין שפּאַן מיטן לידערגאַנג. אין דער פּולקייט פון צײַטיקע פּנימער זעען מיר דעם גאַנצן און פאַרגאַנצטן סוצקעווער. ער האָט די צײַט־רעאַליסטיק אין נשמה־בילדער פאַר־גײַסטיקט: ווי געשווען נעכטן, ווי זי איז הײַנט, און ווי זי וועט זײַן מאָרגן. רעטראָ־ספּעקטיוו וועט זײַן ליד, מאָרגן, זיך איבערשפּיגלען צום הײַנט און נעכטן, ווי אין אַ קאָסמישן וווּנדער; ווי די שטערן וואָס דערבליצן דורך דער צײַט, ווען די מאַטעריע איז שוין מער קיין ממשות ניט.

# משיחס טאָגבוך

## צווייטער טייל פון גרינער אַקוואַריום *

די לעצטע דערציילונג אין גרינער אַקוואַריום, וואָס איז אויך דער טיטל פון צווייטן חלק פון זעלבן בוך, הייסט משיחס טאָגבוך. (זז׳ 144־155). די 15 קליינע דערציילונגען אין ערשטן טייל פאַרנעמען 51 זײַטן, בעת די אַכט דערציילונגען פון צווייטן טייל — משיחס טאָגבוך — פאַרנעמען 101 זײַטן. דער אַרײַנפיר פון רות ווײַס (זז׳ ד־לה), איז איבערגעזעצט פון ענגליש דורך אַבֿרהם נאָווערשטערן. די סעריע גרינער אַקוואַריום, איז געשריבן אין 1953־1954, און איז אַרײַן אין פּאָעטישע ווערק, באַנד צוויי, און מיר האָבן עס באַהאַנדלט אין ערשטן טייל פון בוך (זז׳ 130־134). די דערציילונגען, משיחס טאָגבוך, דאַטירן זיך 1970־1974, דאָס מיינט: אַ צײַט־הפסקה פון 16 ביז 20 יאָר טיילט פונאַנדער ביידע חלקים. —
אָבער אויב אַפילו ניט צײַט־שטח, זענען עס במילא דערציילונגען פון גאָר אַן אַנדער תּוך און תּוכן, הן וואָס שײַך פאָרעם און אויסמעסט פון די טעמעס, והן — דער קינסטלערישער מהות און טעמפּעראַמענט זייערער. גרינער אַקוואַריום איז אַ געשלאָסענע איינהייט, מיט טיף־אָטעמדיקע עפּיזאָדן, ווי קליינע מאָנומענט־סקאַלעס, אָנגעפּילט מיט רייך־גליִיקער חורבן־אַטמאָספער. זייער שרײַבער בליקט פון אַ דיסטאַנצירטן קוקווינקל, זעלטן אַרײַנמישנדיק זײַן פּערזענלעכן איך ווי דער שעפער. די אָבסערוואַציעס — קורץ און שנײַדיק, אַזוי אויך די מעדיטאַציע־פּאַראַגראַפן, אין צווישן, און דעם מישפּט וועגן די געשעענישן לאָזט ער איבער צום לייענער.

משיחס־טאָגבוך־דערציילונגען איז אָבער די קינסטלערישע פּריווילעגיע פון שרײַבער גופא, זײַן איך: ער איז אי זייער געשטאַלטיקער און אי דער נאַראַטאָר, וואָס בינדט און וועבט אויס מיט פאַרביקע און פּילעווודיקע פעדעם זייער אינהאַלט. אין זייער קינסטלערישער פאָרעם זענען די דערציילונגען מער קאָמפּליצירט, מיט מער רעאַליסטישע פאַרוויקלונגען און שאַרפערע קאָנפליקטן. זיי שפּילן זיך אָפּ אין אַ צײַטפּאַרטייל פון פאַר, בעת און נאָך חורבן, אַזוי אַז כראָנאָלאָגיש דערציילן זיי פון אומקום־דור, אָבער זייער ערע איז ניט אָפּגעגרענעצט פאַר טויט און טויטע בלויז, ווי אין גרינער אַקוואַריום. אויף דער פּאָן פון רעאַליסטיק פינקלען אַ גוזמא מיט קאָלירן פון פאַנטאַסטיק און סימבאָליק. אויב נוצן סוצקעווערס אַ בילדלעכן פאַרגלײַך, וואָלט מען געקענט זאָגן: די דערציילונגען זענען שיכּור פון פאַרבן. זייערע טענער זענען אָריגינעל און מיט קרעפּטיקע אַקצענטירונגען פון פרישקייט. אין זייער פולן קאָנטעקסט, פּרוווט סוצקע־

* גרינער אַקוואַריום — דערציילונגען. אַרײַנפיר: רות ווײַס. העברעישער אוניווערסיטעט אין ירושלים, ייִדיש־אָפּטיילונג. קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל — האוניבֿרסיטה העבֿרית בירושלים, החוג ליידיש. הועד לתּרבות יהודית בישׂראל. צ׳ריקובֿר מוציאים לאור, בע״מ. תּשל״ה—1975.

ווער זײַן כּוח אין אויפֿלעבן טויטע דערמאָנונגען, דעם סאַמע טויט. מטוויליק שפּאַ־צירט זייער שאָפער אין טאָל פֿון די טויטע.

□

אין גרינער אַקוואַריום האָט ער הינטער זיך געלאָזן די שויב־מחיצה, וואָס טיילט אָפּ טויט פֿון לעבן, אין משיחס טאָגבוך, באַוועגט ער זיך אין אַ רעאַליסטישער וועלט פֿון שטעט און לענדער. דאָ איז דער אמת פֿיזיש־שפּירעוודיקער און ווייטיקדיקער, בעתן טרעפֿן זיך פּנים־אל־פּנים מיט זײַנע קינסטלערישע מעדיומס. זיי קומען צוריק מיט דער ספּיריטועלער קראַפֿט פֿון סוצקעווערס חזיונות, וואָס ווירקט שטאַרקער ווי דאָס געזעץ פֿון נאַטור. און דער בעסטער באַווײַז פֿאַר דער הנחה, איז טאַקע די לעצטע טיטל־דערציילונג: משיחס טאָגבוך. גראַד אין דער דערציילונג הערשט אַן אַבסאָלוטע דימענסיע פֿון אומרעאַליטעט, הגם מ׳זעט דעם שטראָמענדיקן המון און מ׳פֿילט די לופֿט איבער אים. אָבער סוצקעווער האָט אויסגעוואָרעמט פֿון דער סאַמע ערשטער שורה אַ חזיונדיקע טעמפּעראַטור, ווי ער וואָלט זי אַרויסלייענען פֿון עמוד־האש און עמוד־הענן, וואָס "האָט געברענט סײַ איבער דער ערד און סײַ אין איר אינגעווייד". אין אַנדערע ממשותדיקע ווערטער: ווי ער וואָלט עס אַראָפּגעלייענט פֿון אַ מיסטישן באַראָמעטער, וואָס הענגט אויפֿן כּותל, און אַנדערע זעען אים ניט. ס׳איז בלויז זײַן וויזיע, זײַן פּאָעטישע זעונג. דערפֿאַר טאַקע דערזעט ער אין דער מענטשן־מאַסע זײַן גאַסט פֿון יענער־וועלט, בעת די אַנדערע, אין דעם מאָמענט פֿון עקסטאַז, זעען אים ניט.

ניט געקוקט אויף דעם ספּעציפֿיש אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקן אינהאַלט, זענען די דערציי־לונגען לחלוטין ניט באַווירקט פֿון דער מאָדערנער מאָסאָווער פֿיקציע־ליטעראַטור. אויף דעם ליטעראַטור־פֿעלד איז סוצקעווער אַ יחיד במינו: אַן אייגענער זשאַנער פֿון בעלעטריסטיק. חוץ אויסגעשליפֿענער סטיל און ראַפֿינירט לשון, איז נאָך — ווי אַן עיקר — די באַוווּסטזיניקע קינסטלערישע דעטערמינאַציע פֿון שרײַבער, זיך צו דער־גרונטעוון, מיט חוש און נשמה, צו די כּמו־פּאַראַלעלע פֿענאָמענען לעבן און טויט — זיי צונויפֿגיסן און צונויפֿשליסן, ווי ווייט מעגלעך, כּדי דער טויט זאָל ניט האָבן געווען אומזיסט.

סוצקעווער זעט לעבן און טויט ניט ווי אַנטאַגאָניזמען. זײַן פּאָעטישע פֿילאָסאָפֿיע זוכט צו "דערטאַפּן" זייער שותפֿות, דעם באַרירפּונקט וואָס לויפֿט הין און צוריק, מיט דער צײַט. דערפֿאַר איז אויך צײַט, בײַ אים, פֿאַרויס און צוריק, זי גייט און קומט, ווי אויף צווייִ פֿאַראַלעלע וועגן. אויף די וועגן באַוועגן זיך לעבעדיקע פֿיגורן, און זייערע טויטע שאָטנס וואָס באַגלייטן זיי. זייער באַשאַפֿער ווענדט זייער גאַנג און גורל צו אַ קינסטלערישן אמת. ער רוקט זיי, ווי שאַך־פֿיגורן, אויף דעם שפּילברעט פֿון ראַציאָנעלע געגנט, ווו דער מעטאַפֿיזישער שאָטן באַגלייט זיי. דאָס נעכטיקע לעבן קומט צוריק ניט ווי אַ גילגול, נאָר ווי אַן עכטער קינסטלערישער אָפּשטראַל פֿון לעבן וואָס איז אַוועק. דאָס ווערט אויסגעפֿירט לויטן אימפּעראַטיוו פֿון וואָרטמײַסטער און פֿורעמער פֿון די אָ איינציקאַרטיקע דערציילונגען. בולט איז נאָר דער אײן אונטער־

שייד, וואָס אין גרינער אַקוואַריום קומט דאָס לעבן צום באָדן פֿון די טויטע, בעת אין משיחס טאָגבוך קומט דער טויט אין דער זאָנע פֿון די לעבעדיקע. און ביידע קינסטלערישע פֿאָרמען קענען לעבן און געדייען, נאָר אַ דאַנק דעם קרעאַטיוון אָטעם וואָס אַבֿרהם סוצקעווער האָט אין זיי אַריינגעהויכט.

□

משיחס טאָגבוך — די צוויי מאָדנע, לכאורה, אומבאַהעפֿטיקע ווערטער, פֿאַרהאַלטן אויף אַ רגע אונדזער געדאַנק, כּדי זיך אַליין קלאָר צו מאַכן: ווי קומט משיח צו אַ טאָגבוך?! לידער פֿון טאָגבוך, דערצו נאָך מיט אַ יאָרדאַטע, איז לאָגיש, אָבער משיח — פֿאַרצייטיקייט, אין טאָגבוך — הייַנטצייַטיקייט? די דאָזיקע כּמו סודותדיקע באַגריפֿן, צי ווערטער, קריצן זיך אָפּ אין אונדזער זכּרון, ווי אַ מין טריק, נאָך איידער מיר לייענען איבער די ערשטע שורה. דער משיח־פֿאַרבינד מיטן טאָגבוך, ווי פֿון צוויי באַזונדערע צייט־ספֿערעס, בלייבט שטעקן אין אונדזער מוח ביז מיר קומען, אין לעצטן קאַפּיטל — ו — אויף די אַלטע פֿאָלקישע טערמינען, "מגילה" און "פֿאַרמעטן". די דאָזיקע צוויי סובסטאַנטיוון קלינגען זיך צונויף נאַטירלעכער מיטן קאַנאָניזירטן משיח־באַגריף. אָבער אויב סוצקעווער וואָלט מיט דעם אַפּילו ניט געפֿאַנגען דעם לייענערס מחשבֿה, האָט ער במילא, באַוווּסט צי בלויז פֿון אינטויציע, קאָנסטרויִרט פֿון כּלומרשט צוויי אומשולדיק־צונויפֿגעהאָפּטענע ווערטער אַ פּסיכאָלאָגישן אימפּאַקט, ווו דער משיח־חלום ווערט צוזאַמענגעוועוערטערט מיט הייַנטצייַטיקייט — דער טאָגבוך, וואָס שאַפֿט די אילוזיע פֿון אַן אָפּגעפֿונענער רעאַליטעט. דער עצם פֿאַקט אַז משיח פֿירט אַ טאָגבוך, שאַפֿט אַ גינציקע, אַפּילו אַ מונטערע שטימונג אין דער אומגעווייגלעכער דראַמע, אַזוי ווייַט אַז דער לייענער איז שוין ניט נייַגעריק אַפּילו אויף דעם סוד, וואָס בלייַבט לסוף פֿאַרהוילן פֿאַר אים. ווען משיח־סודות ווערן דאָקומענטירט אין אַ טאָגבוך, איז שוין ניט אומגעווייגלעך אויפֿצונעמען דעם טויטן כּיראָמאַנט אין אַ לעבעדיקער סבֿיבֿה. אין מיטן פֿון פֿלייצנדיקן המון, בײַם כּותל, האָט דער טויטער "קאָלעגע" פֿון שרייַבער "אַנגעקלאַפּט אין אַקסל" אים, ווי ס'וואָלט געווען אַ נאָרמאַלע באַגעגעניש — "ווי מייַן אַקסל וואָלט געווען אַ טיר". מיט דעם ווונדערלעכן שליסל פֿון קינסטלערישן סינטעז, פֿון עבֿר און הווה — משיח און טאָגבוך — האָט סוצקעווער דערגרייכט דעם ספּיריטועלן ציל פֿון קאָמוניקירן זיך מיטן טויט און די טויטע. און די נייַע דימענסיע איז ניט אַ פּחד־אינספּירירטע, ווי בײַ פּאָ, נאָר אַן אינטים־באַקאַנטע, כּמעט אַ גאַסטפֿרייַנדלעך פֿאַרבעטנדיקע, וואָס גיסט זיך נאַטירלעך אַרייַן אין דעם שטראָם פֿון לעבן און לעבעדיקע. אַ טיפֿערן מיסטישן זינען צו דעם תּקיעת־כּף־אָפּמאַך — צווישן דעם נאַראַטאָר, וואָס האָט געהאַט אויף זייַן "האַנטפֿלאַך אַ בלויען מגן־דודל", און זייַן "קאָלעגע", דעם "געהויבענעם בן־עיר", "יאָנטע דער כּיראָמאַנט", — גיט צו די צייַט־וואַריאַציע, וואָס ווערט דאָ טראַנספֿאָרמירט צו אַן אַלזייַטיקן און אַלצייַטיקן גאַנג וואָס שמעקט מיט נצח: ס'קאָן דאָך ניט געמאָלט זייַן אַז טויט און לעבן זאָלן שטיין "וויזאַווי" אין אַ פֿונאַנדערגעטיילטער צייַט. דאָס מאַכט אונדז קלאָר דער לעבעדיקער גאַסט־אויפֿנעמער: "די צייַט איז מיר צוריקגעלאָפֿן אַהינטער, ווי ס'לויפֿט צוריק אַ באַן כּדי צו בייַטן די

רעלסן". דאָ, אַ ה י נ ט ע ר, פירט שוין די צײַט אַן אַנדער חשבון, וואָס סוצקעווער האָט קינסטלעריש און מיט אויסרעכענונג זי געביטן, אַריבערגעפירט אויף אַנדערע רעלסן, ווי דער גאַסט פון דער אורצײַט שטעלט פעסט: "יאָרצענדליקער שפילן דאָ ניט קיין ראָלע". און ביידע, ווי לעבן און טויט, האָבן "זיך אויסגעפּלאָנטערט פון אומגעזעענע און דאָך ממשותדיקע הענט, פיס, ביינער און שערענגעס גופים" — — "מיטן כּוח פון ד ע ר וועלט און י ע נ ע ר" און — "אַרײַן אין אַ חורבה". ע ו ל ם ־ ה א מ ת און ע ו ל ם ־ ה ש ק ר טרעפן זיך ווידער אין איין צײַט און אין איין אָרט. און דער גאַסט־כּיראָמאַנט פון טויטנלאַנד זאָגט עס מיט אַזאַ פשוטקייט: "איך קום טאַקע פון עולם־האמת, אָבער אַלץ וואָס איך האָב צוגעזאָגט אויפן עולם־השקר בין איך מקיים". דאָ דערהייבט זיך דער גײַסטיקער קלימאַקס צווישן די זיך בײַטנדיקע וועלטן, ווי צווישן די זיך בײַטנדיקע רעלסן — די באַן גייט, מיט הפסקות, אין דער הין־ און קריק־ריכטונג. ס'איז דער סוצקעווער־רינג וואָס האַלט צוזאַמענגעשלאָסן ביידע וועלטן אין קעגנזײַטיקער אַחריות, אַן אייביקייט וואָס האָט ניט קיין איבעררײַס. וואָרט, נדר און שבֿועה זענען גילטיק פאַר ביידע וועלטן, די נעכטיקע און די הײַנטיקע. ס'איז די קאָנצעפּציע פון אַ קאָסמישן אַחדות, וואָס מאַניפעסטירט זיך אין אַ העכערן געבאָט און געביטער.

□

דעם חלפס טאָכטער: די דערציילונג איז די ערשטע און גרעסטע — 18 זײַטן — פון בוך. שוין דער „צונאָמען" אַליין איז מאָדנע שרעקעוודיק און זאָגט ניט אָן קיין גוטס. אָבער ניט געקוקט אויף דעם איז דער אינהאַלט ווי פון אַ קליינעם זיסן קינדער־ראָמאַן, מיט פּאַרוויקלטע פּראָווינציעלע פּאַסירונגען, וואָס ברענגען גליק און צרות, פרייד און טרויער. דאָ בליצן־אויף אויסגעזוכטע פּערל פון פאָלקישער און לאָקאַל־ווילנער אידיאָמאַטיק, אָבער דאָך איז עס, אַרכיטעקטאָניש, מער אין קלאַסישן מוסטער פון דער יידישער ליטעראַטור.

אין צענטער פון דער האַנדלונג, וואָס אַנטוויקלט זיך ווי לויט אַ פּלאַן, באַוועגט זיך דאָס העלדן־פּאָרל, אין זייער רירנדיקער ליבע. בײַם נאַראַטאָר־ייִנגל צאַפּלט דאָס באַגערשאַפט נאַקעט־אָפן, און מיט פאַרליבטע אויגן צײלט ער די "באַחנטע זומער־שפּרינקלעך אויף איר האָנערדיק נעזל — — די קליינע פאַרמאָגט אַזוי פיל זומער־שפּרינקלעך וויפל יאָרן". געשריבן אין ערשטער פּערזאָן און לעבעדיק רעאַליסטיש, שנײַדן זיך די מאָמענטן פון גורל אַרײַן מיט סימבאָלישער באַפאַרבונג, ווי למשל: דער שלעכטס־אָנזאָגנדיקער בלוטיקער "זונפאַרגאַנג", וואָס רעפלעקטירט אין חלף. זײַענדיק אין וואַלד, מיט גליקעלעך, ל"ג־בעומר, פאַלט פּלוצלינג אָן "אַזאַ זאַלפּ פון געלעכטער" אויף גליקעלען און אויף דער גאַנצער נאַטור: ..."דערווײַל שנײַד איך אַרײַן דעם חלף אין אויסדערוויילטן בוים. פּלוצעם טוט ווער אַ געשריי. געקוילעט ס'געלעכטער. אַ רויטקייט שפּאַרט אַרויס פון צווײַגשניט ווי פון אַ האַלדז. דער חלף איז אויך ניט מער בלוי. דאָס בלויע טײַכעלע איז פאַרלאָפן מיט זונפאַרגאַנג, מיטן זעלביקן קאָליר ווי די צעפּלאָסענע האָר בײַ גליקעלען". דער בלוטיקער שניט אין בוים איז בעצם דער קלימאַקס פון אַ גורל, ווײַל נאָך דעם "איז צווישן מיר און גליקעלען געהאַנגען אַן אומ־

געזעענער חלף״. אָבער די דערציילונג פֿאַרמאָגט אויך אַ ליכטיקע מיט חלום־באַגילדטע קינדישע גליקזעליקייט, ווי ״גליקעלעס אויגן״, וואָס ״זייער קאָליר איז ווינטלדיק־ראָז ווי פֿויגלמילך״. ערטערווײַז לייענט זיך עס ווי אַן אָדע, אין פּראָזע, פֿאַר די וואָס ״זי איז געווען מײַן ערשטע ליבע״. די עפּיזאָדן זענען דורכגעוועבט מיט צאַרט־זײַדענע שורות, ווי סוצקעווער וואָלט צוריקצאָלן דעם חוֹב, פֿון האַרץ־צאַפּלעניש, ״ס׳רויט־האָריקע שטשופּלע מיידעלע״, פֿאַר יענע פּיצלעך גליק וואָס זי האָט אים געגעבן. ס׳איז אַ פּערפֿעקטע אויטאָביאָגראַפֿישע דערציילונג, מיט פּיקאַנטע פּרטים פֿון נאַיווע יונג־קינדישע ציטערנישן, און אַלץ צוזאַמען, ווי פֿרישע שמעקעדיקע בלימעלעך פֿון דערמאָנונג — דערמאָנונג פֿון אַ ״זומערלעב. ליבעלעב. זום־זום־זום״.

□

דער נדר — טיטל פֿון נאָך אַ אי ך ־ ד ע ר צ יי ל ו נ ג, וואָס איז אַרויסגעשריבן פֿון ״עכאָ פֿון מײַן זכרון״ און שפּילט זיך אָפּ ״אין אַ פֿאַרשנייטן יאָדלעוואַלד״. די צײַט, ״אַ נסים־נאַכט פֿון יאָר נײַנצן צוויי און פֿערציק״, איז דער בעסטער סימן אויף וואָס פֿאַראַ וועלט דער דערציילער געפֿינט זיך. דער נדר איז אַ שפּיל מיטן גורל, אין סכּנה־מאָמענטן, און אַן אַרויסרוף צו מיסטישע פֿאָרגעפֿילן און אויף אַ גאָטס באַראָט אינדעטערמיניזם. אין אַ סבֿיבֿה פֿון ״יום־טובֿדיקע וועלף״, ווו פֿיר־פֿיסיקע חיות און אויך צוויי־פֿיסיקע, לויערן אויף זײַן גוף, ליגט דער דערציילער ״פֿאַרשאָטן ביזן האַלדז מיט פֿריש אָנגעפּליקטן שניי״ און מעדיטירט פֿון אַ ״חשבון־צאָלער״ און ״זינד״, ווי קיין מאָל גאָרניט. אין די נדרים און די קמיע, אויף וועלכע ער האָט זיי פֿאַרקריצט, גליט ווידער און אָבער די סימבאָליק און שיינקייט פֿון סוצקעווערס פּען. אפֿשר איז עס אַזוי, ווײַל די אָ דערציילונג איז נס־סוצקעווער, ווו ער אָטעמט אַרויס די גאַנצע פּראַכט פֿון טויטגעפֿאַר פֿון זײַן זכרון און לונגען — נס פֿון לעבן אין דער אַרומרינגלונג פֿון טויט.

□

יאַנינאַ און די חיה: אַ דערציילונג וואָס איז אויסגעפֿורעמט פֿון זעלבן טויט־מאַטעריאַל און נאָך מער ט ו י ט ־ ש פּ אַ נ ע נ ד י ק, ווי אַ באַצייכענונג פֿאַר דער אוניקאַלער פֿאָרעם פֿון סוצקעווערס חורבן־טעמאַטיק. אין דער לופֿט שוועבט דאָ אַן אײַנגעהאַלטענע שטילקייט — און די שטילקייט גיט אונדז קיין רו ניט. דאָ לויכטן די מעשׂים פֿון פֿאַר־קלעמטער גבֿורה, קדושה, מסירת־נפֿש. און ווײַל דאָס אַלץ קומט נאַטירלעך, באַשיידן און זעלבספֿאַרשטענדיק, לויכט עס מיט נאָך מער הייליקער מענטשלעכקייט.

איבער יאַנינאַס קאָפּ לויערט די פֿאַרצוקנדיקע חיה. דעם גאַנצן שטילן געראַנגל, צווישן די צוויי, דעקט אויף דער בריוו, וואָס דער ערשטער איניציאַטאָר און מיטבאַטייליקטער פֿון דער דראַמע — דער דערציילער — שרײַבט צו יאַנינאַן אויף איר ״יענוועלטיקן אַדרעס״. אין בריוו פֿאַראייביקט ער איר מאַרטירערשאַפֿט. די חיה גייט אַרײַן ״אינעווייניק״, צו יאַנינאַן אין ״פּאַלאַצל״, ווו זי באַהאַלט אויס דאָס קינד וואָס דער בריוושרײַבער האָט איר ״אונטערגעוואָרפֿן״. אויף דער חיהס בלוטסליאַדן מאָלט סוצקעווער דעם מײַ פֿון יענעם יאָר: ״די לופֿט איז געווען ראָז ווי דער מיידעלעס בע־

קעלעך, פול מיט בעזוקאָליר און צופּנדיקע ריחות". ס'קאָן גאָר ניט זײַן אַ מער מעכטיק־אויפרײַסערישע קאָנפראָנטאַציע צווישן דער צאַרט־דופּטיקער מײַנאַכט און מענטש־חיה, אין "ווײַסע העגטשקעס" און מיט ריטערלעכע מאַניערן פון אַ קאַוואַליער: דער חלום־קאַשמאַר פון יאַנינאַן, ווו האַנס אַבערמאַן ווערט מגולגל אין אַ "פּירפּיסיקער" חיה, ווי זײַן הונט. אין ליכט פון יאַנינאַס היילקער טוונג ווערט ער אַנטחיהט און קומט אין וואַלד ווי אַ בעל־תשובה.

□

דער שטרײַק פון קברנים: כמעט אין גאַנצע ג קאַפּיטעלעך, פון ו, נעמט דאָ סוצקע־ווערן צו מאָלן די טעכניק פון וואַרפן דעם "פּאַפּירענעם פויגל", וואָס לאַנדט יעדן טאָג אויפן באַלקאָן פון "דריטן גאָרן", ווו ער וווינט. פון "פּאַפּירענעם פויגל", וואָס איז אין דער אמתן אַ צײַטונג, דערוויסט ער זיך, בײַם סוף פון פּרק ג, וועגן אַ שטרײַק פון קברנים — "אַ קליינע כראָניק אויף דער לעצטער זײַט". דער שטרײַק פאַר־אינטריגירט אים און דער נײַגער ברענגט אים אויפן בית־עולם, ווו ער פאַרפירט אַ מין דיסקוסיע מיט די שטרײַקערס. זײַן לעצטע פראַגע צום "ראש־המדברים", — ר' יואליש: "אַז פּלוצעם זאָל אײַך פאַרצוויקן אונטערן הארץ און אויס קאַפּעליוש־מאַכער. ווער וועט אײַך דעמאָלט מקבר זײַן?", — צעטומלט די שטרײַקערס און דער דערציילער פאַרלאָזט מיט נצחון "דאָס שלאַכטפעלד".
אין דער פײַנער פאַראַדיע אויף לעבן־און־טויט, זענען אויך אַרײַנגעפלאָכטן געדאַנקען וועגן פּאָעזיע: "ס'וועט נאָר אַ מאָל געבוירן ווערן אַזאַ זוניקער פּאָעט", וואָס "סקע־לעטן" וועלן אים "אַפּלאַדירן אין די קבֿרים". איז וואָס און ווער זיגט איבער די קברנים? אפשר די שרעק...

□

אַ שמייכל אין עק וועלט: דערציילונגען פון דעם מין זענען אַוודאי ניט געשריבן לשם פאַרווײַלונג בלויז, הגם די־אַ איז אָנגעפּיקעוועט מיט פאַנטאַסטישע געשעענישן. אַז מ'לייענט זי אָבער באַדאַכט און באַזאָכט, דערזעט מען הינטער די מעשׂים, געדאַנקען, פּלאָנטערנישן, דעם טיפערן זינען פון דער מענטשלעכער דראַמע. הינטער די פײַן־געשניצטע שורות פון דער האַנדלונג, באַהאַלט זיך די טראַגעדיע פון מענטש, זײַן רויבגיר און רציחה־אינסטינקט. אפשר איז עס די קינסטלערישע שליחות פון אַזאַ דערציילונג — דער מוסר־השׂכּל פון אַ הומאַניסטישער בשׂורה צום לייענער. אַזאַ דערציילונג, אָנגעלאָדן מיט דראַמאַטישן שטאָף, אומגעווייִנלעכע שפּאַנונגען, בליציקע אימאַזשן און מעטאַפאָרן, איז אייִנציקאַרטיק און אייגנאַרטיק ניט נאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די דערציילונג, געשריבן ווי אַן אויטאָביאָגראַפישער עפּיזאָד, זעט אויס צו זײַן אומוואָר און אומקלאָר אין אַ סך אַספּעקטן. גלײַך בײַם אָנהייב קומט די השערה פון דערציילער, ווי אַזוי ער איז אַרײַנגעפאַלן "אין עק וועלט", און במילא אין די אַלע אומגלייבלעכע און פאַרפּלאָנטערטע סיטואַציעס. ער פּרוּווט עס מיט אַ ביסל אומזי־כערקייט, מיט אַן "אפשר" — "און אפשר האָט דאָ אויך געגאָלטן אַ מין געזעץ פון

גראַוויטאַציע: פּלוצעם האָט מיך צוגעצויגן אַ פרעמדע אומבאַקאַנטע שטאָט". דער פיזישער געזעץ קריגט דאָ אַ ספּאָנטאַנעם פּסיכישן עפעקט, ווי אַ שטאַרקער רצון וואָלט טראַנספּערירט זײַן באַשלוס צו די אויספיר־אָרגאַנען: "— האָב איך מיר־ניט דיר־ניט אַ כאַפּ געטאָן מײַן רענצל און ווי אין טראַנס נאָכגעלאָפן די עטלעכע פּאַסאַזשירן". שווער צו זאָגן אויף זיכער וואָס דער צוצי־כּוח איז געווען, גורל צי אַוואַנטורע. דערפאַר מסתּמא דער אפשר. אָבער די גאַנצע דערציילונג איז געשריבן אויסגערעכנט, די סטרוקטור — פּלאַנמעסיק, און אַלע דעטאַלן — זאַ־גפול, אַפילו אָנגעצייכנט אַ מין מיניאַטור־מאַפּע פון דער שטאָט. אויך די ווילד־משונהדיקע דעליקאַטעסן און די אומבאַטירלעכע פּראָצעדור פון "אָוונטברויט" זענען פּרטימדיק געשילדערט. פון דעם קאָנען מיר בעסער און ריכטיקער פאַרשטיין דעם קאָשמאַריק־צעהיצטן חלום וואָס באַפאַלט נאָך־דעם, דעם בעל־הסיפּור.

דער סיפּור־המעשׂה פליסט מיט בילד־און־פאַרב, ווי אַ רעאַליסטישער יש, ביז צו זײַן קלימאַקס. דער עצם קלימאַקס האָט אַ פּנים געזאָלט קומען מיטן קבלת־פּנים, וואָס דער גאַסט־פרײַנדלעכער און עלעגאַנטער וויליאַם בוק האָט געהאַט פאַרטראַכט: "דעם באַנקעט לכּבֿוד אײַך אין מײַן פּערזענלעכער ווילע". אָבער דער פּלאַן איז בטל געוואָרן מיטן אַנטלויפן פון גאַסט. דאָס אַנטלויפן, און די סיבה פון דעם, איז דער אייגנטלעכער הויכפּונקט פון דער דערציילונג, וווּ אַלץ איז ממש און קאָנקרעט — די גאַסן, דער רעסטאָראַן, דער קאַדילאַק — און בכּלל, ניט קיין טויטע פּערסאָנאַזשן און קיין שום קאָנטאַקט מיטן טויט (חוץ דער מאַלפּע־אינצידענט). די לעבעדיקע דינאַמיק ווערט אָבער איבערגעבראָכן מיט איין כּמו־אומרעאַליסטישער דערשײַנונג, ווען וויליאַם בוק אַנטפּלעקט פאַרן גאַסט, מיט אַ כּמעט צינישער אָפנקייט די "פּאָרצעלײַענע שמייכלען" — "ווײַל איינער וויל ווײַזן דעם אַנדערן אַז ער האָט ציינער — באַקציינער". ס'איז דער שמייכל פון רויבערישע באַקציינער, וואָס זייער מלאך־המוותדיקער ווײַסער גלאַנץ פאַרוואַנדלט זיך אין אַ שוואַרצער אוישוויץ־רעפלעקסיע פאַרן גאַסט. אויך דער סופּער־פרײַנדלעכער וויליאַם בוק "אילוסטרירט בהרחבֿההדיק" זײַן ציינער־מאַסקע — "דעם רעאַלן סימבאָל פון שמייכל". די מ אַ ס ק ע פון קולטור־מיניסטער, וואָס דערשלאָגט מיט טעמפּער הנאה די מאַלפּע מיטן "ספּעציעלן העמערל" און "טונקט" זײַן "קופּקעלע צוגעגרייטן רײַז" — "אין אויפגעהאַקטן מוח", דערמאָנט ניט ווילנדיק אין דעם הינקעדיקן קולטור־ און פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער פון דריטן רײַך. אַזוי אַז דער "שמייכל אין עק וועלט" טוט זיך אָן ווי אַ פּעטליע פון קאָשמאַרן אויפן האַלדז פון גאַסט און ער ווייס שוין וואָס אים דערוואַרט. דאָ מוז עפּעס שרעקלעכס פּאַסירן אויב ער וועט גלײַך ניט אַנטלויפן. און דער זעלבער כּוח, וואָס האָט אים פּלוצעם אָפּגעריסן פון עראָפּלאַן און צוגעצויגן צו דער פרעמדער שטאָט, "האָט מיך אַ ריס געטאָן צוריק, צום פליפּלאַץ". און דער געפּרוווטער מיט פּאָנאַרס און וועלדער, דאָקומענטירט אויף דער הייסער מינוט, "אויפן אַעראָדראָם", דעם פאַקט פון זײַן "אַנטלויף אין דער לופטן". אין אַ בריוו צו זײַן גאַסטגעבער, דערמאָנט ער אים, אַז "אין רעסטאָראַן בעת אײַער קולטור־מיניסטער האָט אויפגעקלאַפּט דעם שאַרבן פון דער מאַלפּע — — ווייסט איר, אַז איר האָט אויך דעמאָלט געשמייכלט — צו ווײַזן אײַערע באַקציינער? און אין יענעם שמייכל, מײַן הער, האָב איך פּלוצעם דערפילט, אַז איר, ניט קיין אַנדערער, זענט מײַן

וואָרער מערדער״. און ווײַטער, געבנדיק וויליאַם בוקן קרעדיט פֿאַר זײַן ״ברייט־
האַרציקע פֿרײַנדשאַפֿט״, גיט ער צו: ״נאָר וואָלטן מיר זיך ביידע געטראָפֿן אין אויש־
וויץ — — וואָלט איר זיכער געווען מײַן מערדער״. אַגבֿ, כּדאַי צו פֿאַרצייכענען, אַז
דעם נאָמען, וויליאַם בוק, געפֿינט דער גאַסט אין זײַן ״אַדרעסן־ביכל״, בעת זײַן אָנקום
אין דער פֿרעמדער שטאָט. דעמאָלט דערמאָנט ער זיך: ״ער גיט אַרויס אַ לעקסיקאָן
פֿון דער מאָדערנער וועלט־ליטעראַטור — בעט ער כ׳זאָל אים צושיקן ביאָגראַפֿישע
פּרטים״. נאָכן אַנטלויפֿן, אין טרויעריקן ליכט פֿון אוישוויץ, ווערט רעאַלער די שטאָט,
די פּאָטענציעלע מערדער, און — דער עיקר — די פֿאַלשע, פֿינצטער־באַרימטע שמייכ־
לען — ז י י ע ר ע  ב אַ ק צ י י נ ע ר...

מ׳קאָן ניט איבערגעבן דעם אינהאַלט פֿון אַזאַ אויסנעמיקער דערציילונג. מע מוז זי
אַליין לייענען, איין מאָל און נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל, ביז ס׳ווערט אויסגעלײַ־
טערט אין אויסגעליכטיקט פֿאַרן אויג איר פּנימיות, איר אמתדיקייט, און די סימבאָלן
באַקומען זייער צילבאַוווסטן באַטײַט.

□

דער צוויילינגל — נאָך דעם פֿײַנלעכן מעת־לעת אין דער רוצחישער שמייכלשטאָט,
קומט אַ קורצע צופֿעליקע ס ע ס י ע מיט אַ פּאַקטישן אוישוויצער קרבן, אין ״קאַפֿע־
טעריע ׳אַלאַדין׳ אויפֿן באַרגיקן און משופּעדיקן ים־ברעג פֿון אַלט־יפֿו״. דער איבער־
דערציילער ווערט דאָ פֿאַרוואַנדלט אין אַ צוהערער, וואָס באַלויכט די שטימונגען פֿון
״די פֿרוי אין שוואַרצן שלייער (וואָס) זיצט גאָר אַצינד בײַ מײַן טישל״, מיט זײַנע
געמיט־פֿאַרבן און בילדער. דאָ, בײַם טישל, הערט ער אויס די אויסטערלישע טראַגישע
געשיכטע פֿון דער לעבן־געבליבענער שוועסטער פֿון ״צוויילינגל״. ס׳איז אַ געשיכטע
ניט אויסגעוועבט פֿון האַלוצינאַציעס און מיסטיק, נאָר פֿון אמתער וואָר — אַ סימן:
״אויף איר לינקן אַנטבלויזטן אָרעם זענען אײַנגראַווירט זעקס ציפֿערן. די ציפֿערן
ענדיקן זיך מיט אַן איינס און אַ דרײַ״. און דער דערציילער פֿאַרצייכנט: ״דרײַצן. די
ציפֿער האָט צו מיר אַ שײַכות. מיט אַן איינס און אַ דרײַ ענדיקט זיך מײַן געבוירן־
דאַטע״ (אַבֿרהם סוצקעווער איז געבוירן אין 1913). אָבער די פֿרוי בײַם טישל ברענגט
אַרויס גאָר אַן אַנדער שײַכות צום גאַנצן ענין: ליבע, צי אַן עכאָ פֿון ליבע — און
דערפֿאַר טאַקע האָט זי אים אויפֿגעזוכט: דאָס שײַכות איז צו איר אומגעקומענער
שוועסטערל, הדסל. בעת זײַנע באַזוכן בײַ זייער שטיפֿטאַטע, מיראָן מאַרקוזע, דער־
מאָנט זי אים: ״געגאָלטן האָט עס, אַז דו קומסט אין וואַרשטאַט זיך צוצוהערן ווי
מיראָן מאַרקוזע קלאַפּט מיטן העמערל — — אָבער אין דיר אַליין האָט גאָר דעמאָלט
געשלאָגן אַ העמערל און זײַן אָפּקלאַנג האָט זיך איבערגעקלונגען מיטן העמערל וואָס
האָט געשלאָגן בײַ מײַן שוועסטער״. און זי דערקלערט: ״איין לײַדנשאַפֿט איז מיר
פֿאַרבליבן: וואַנדערן איבער דער וועלט און קושן די וואָלקנדלעך פֿון איר אָנדענק״.
און דאָס איז ״אַלמאַי כ׳האָב דיך געזוכט און אויפֿגעזוכט״.

אַ וועלט מיט טראַגיזם שפּיגלט זיך אין דער דערציילונג: אין שאָטן פֿון וואַרעמע
שטיפֿערישע דערמאָנונגען וועגן יונגע יאָרן, שלעפּט זיך נאָך אַ קייט פֿון פֿינצטערע

עפּיזאָדן און פּײַן בעת די געטאָ־יאָרן. ס׳איז גאָר ניט פֿאַראַן קיין אַנדער קריטעריע פֿאַר אַזעלכע דערציילונגען, ווי די דימענסיע פֿון קונסט וואָס פֿאַרוואַנדלט כראָניקאַלע פּאַסירונגען אין ליטעראַטור. דעם זשאַנער האָט סוצקעווער, אין גרינער אַקוואַריום־דערציילונגען, דערהייבן צו דער הייכקייט פֿון קינסטלערישע סטאַנדאַרטן, וואָס מיר האָבן ניט געהאַט אין אונדזער ליטעראַטור ביז אים. ווי קאָן מען בכלל אַנאַליזירן, אין טערמינען פֿון קונסט, פֿאַרווונדיקטע נאַקעטע נשמות, ווי די פֿון גרוניע, די לעבן־געבליבענע שוועסטער פֿון צווילינגל, אויב מ׳האָט ניט פֿאַרן אויג די מוסטערן פֿון אַזאַ בעלעטריסטיק. אַבֿרהם סוצקעווער האָט פֿאַרמאָגט דעם כּוח עס אויסצודערציילן, — בײַם אַקאָמפּאַנימענט פֿון ים־ריטעם, וואָס שלאָגט אין „גלעזערנעם בויך פֿון וואַל־פֿיש“, ווי ער רופֿט די קאַפּעטעריע, — מיט זײַן קינסטלערישן ריטעם וואָס קלאַפּט אין די שורות. ער זעט: „בלויז דער דרײַצן אויף איר אַנטבלויזטן אָרעם איז באַלויכטן פֿון אַ ראָזן זונשטראַל“. אין אויפֿגעשוידערטן קלימאַקס דערמאָנט זיך גרוניע די סצענע, ווי דער לאַגער־קאָמענדאַנט „האָט אָנגעשעפּט אַ הויפֿן מאַראַנצן־שאָלעכץ און אַ וואָרף געטאָן צו די מוזיקאַנטן“. די איינציקע פֿון לאַגער־אָרקעסטער, וואָס האָט זיך ניט גע־וואָרפֿן אויף דעם „דעליקאַטעס“, איז געווען די באַגאַבטע פֿידלעריק, הדסל, — און דאָס האָט פֿאַרחתמעט איר גורל. דער אויסקלאַנג קומט פֿון גרוניעס „קריעה־ריס“:

„— — ניין — הדסל וועט זיך ניט בייגן, הדסל וועט זיך ניט בייגן!“

□

די ערשטע חתונה אין שטאָט קומט פֿאָר אויפֿן חורבן־הינטערגרונט. דער הינטערגרונט איז אַ ברייט־פֿאַרנעמיקער און אימפּאָזאַנט־טרויעריקער, ווי די חתונה־צערעמאָניע וואָס בלײַבט אין שאָטן פֿון דער דערציילונג, אַ מין נאָכקלאַנג פֿון דער נאָכמלחמה־צײַט. דער חתונה־עכאָ יאָמערט מיט אומיומטובֿדיקייט, מיט טרויער. ה. לייוויק האָט אין זײַן דראַמע די חתונה אין פֿערנוואַלד, אַרײַנגעפֿירט ביבליש־מיסטישע עלעמענטן, ווי אין זײַנע פּרײַערדיקע ווערק אויף גאולה־מאָטיוון, אַבֿרהם סוצקעווער האָט ניט גע־דאַרפֿט אָנקומען צו די אַלטע קוואַלן. ער האָט אַפֿילו זײַנע פּערסאָנאַזשן ניט געדאַרפֿט פֿאַרסימבאָליזירן צי אַדאַפּטירן הייליקע אָבֿות־ און אמהות־געשטאַלטן, ער האָט זיי גענומען פֿון דעם סאַמע רעאַליסטישן גרונט — פֿון זײַן־זייער ווילנע פֿון פֿאַר־געטאָ און בעת־געטאָ. ער קען זיי און ווייס זיי — זײַנע כאַראַקטערן: רויטל, פֿונעם „ייִחוס־דיקן מײַערל ווו זי איז געבוירן געוואָרן: אין פֿאָרשטאָט אויף דער אַנדער זײַט ווילִיע“ און „דאָנדעלע (וואָס) איז געווען אַ קוימען־קערער“ און „איז געבוירן געוואָרן אויף דער זעלביקער גאַס“. און ביידע זענען „געבליבן אָפּגעברענט ביז־צו־דער־נשמה“. סוצקעווער הייבט אָן די מעשׂה ווי אין אַ מיטן: „...און די שטאָט האָט זיך דעמאָלט פֿאַרוואַנדלט אין אַ זונפֿאַרגאַנג“. און גלײַך דערויף: „די מצבֿות פֿון די צוויי בית־עלמינס, דעם אַלטן און דעם נײַעם, וואָס האָבן נסימדיק זיך געראַטעוועט“ — אפֿשר זענען עס די סימבאָלן פֿון די צוויי — רויטל און דאָנדעלע — וואָס האָבן אויך נסימדיק זיך געראַטעוועט. דאָ האָט סוצקעווער נאָך אַ זונפֿאַרגאַנג־דערציילונג איבערגעשאַפֿן אין קונסט: „ס׳איז געווען דער ערשטער סוף־זומער נאָכן זונפֿאַרגאַנג,

און די ערשטע חתונה אין דער שטאָט פון דורות־איבער־דורות״. דאָס פּאָרל איז מושווה געוואָרן וועגן אָרט פון דער חתונה: ״אינעם ייִחוסדיקן מײַערל ווו זי (רויטל) איז געבוירן געוואָרן״, הגם ״דאָנדעלע האָט ליבערשט געוואָלט, אַז די חופּה זאָלן זיי שטעלן אין אַ יאָדלעוואַלד — — ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז אויך די באַיאָרטע יאָדלעס האָבן אַ חלק אין זונפאַרגאַנג — —״.

אָבער ס׳איז ניט אַזוי די חתונה, ווי די גרויליק־אויסטערלישע געשיכטע פון די מתים־ברענער און ״אַלע מיט קייטן אויף די פיס״ — דאָנדעלע אויך: ״מזל־טובֿ. די קייטן קלימפּערן״. אין די קאַפּיטלעך איז ניט נאָר אַ זונפאַרגאַנג, נאָר אַ גאַנצער ים מיט בלוטיקע זונפאַרגאַנגען, און דאָ טרעפט דאָנדעלע זײַן באַשערטע, רויטלען, און דער נס פון נסים: ביידע ראַטעווען זיך.

□

אין די אַ אַכט וווּנדערלעכע זונפאַרגאַנג־דערציילונגען, וואָס מיר האָבן דאָ דורכלויפיק באַלויכטן, לאָזט זיך אָנציילן בערגער מיט המצאות, מעטאַפאָרעס, פאַרגלײַכן, סימ־באָלן, איינציקאַרטיקע פּאָר סוצקעווערס פען. זיי אַלע אויפשרײַבן און פאַרטײַטשן וואָלט געווען אַ נייטיקע און ווערטיקע אַרבעט. אין די אַכט דערציילונגען, צוזאַמען מיט זיי, איז אויך באַהאַלטן דער סוד פון משיחס טאָגבוך — ס׳איז דער סוד פון גאָל־דענער קונסט. אַזעלכע דערציילונגען מאַכן פון די געבליבענע הײַנטיקע ייִדיש לייע־נערס, גריבלערס און פאָרשערס, וואָס ווילן זיך אין די שורות דערגרונטעווען צו די תּלי־תּלים פון גרויסן תּל וואָס איז געוואָרן פון ייִדישן לעבן. דאָ מוז מען יעדן וואָרט, יעדן זאַץ, יעדן פּאַראַגראַף דורכליכטיקן, פאַרשטיין און מפרש זײַן, כּדי נתעלה צו ווערן צוזאַמען מיט די נשמות צו אַ נײַ לעבן. אַבֿרהם סוצקעווער האָט עס געטאָן: מיט זײַן קינסטלערישן אָטעם האָט ער אין די טויטע העלדן אַרײַנגעהויכט אַ פרישע נשמה און זיי געבראַכט צום לעבן. אין די דערציילונגען לעבט דער טויט מיטן כּישופֿ־דיקן כּוח פון סוצקעווערס וואָרט — אין דעם זונפאַרגאַנג וואָס גייט קיינמאָל ניט אונטער. אַזעלכע מײַסטער־שטיקער פון קונסט, וועלן בלײַבן ווי גראַניט־מאָנומענטן אין דער אייביקייט פון פאָלק.

דאָס פאָלק איז אייביק, ווען זײַנע קינדער פאַרגייען — פאַרגייען מאָרגן ווידער אויפצו־קומען. אָבער דער אַ זונפאַרגאַנג, וואָס איז ניט געווען קיין נאָרמאַלע דערשײַנונג, נאָר אַ קינדער־אונטערגאַנג, ווי די זון־קאַטאַסטראָפע פון פאָלק, וואָס זײַנע קינדער האָבן ניט אויסגעלעבט זייערע יאָרן און ניט געבראַכט די פּרוכט פון ווײַטערדיקן המשך. דאָס איז בעצם דער קאָנצעפּט זונפאַרגאַנג, ווי סוצקעווער ברענגט אים. און אין מײַנע אויגן איז ער אמתדיקער ווי דער אַלט־טראַדיציאָנעלער ח ו ר ב ן, וואָס איז געוואָרן אַ סינאָ־נים פאַר אַ ל ע צרות. זונפאַרגאַנג איז, אין דעם זינען, אַ מין קאָסמישע קאַטאַסטראָפע, און דעריבער זענען די דערציילונגען געשריבן מיט נײַע קינסטלערישע מיטלען — אין אַנדערע ווערטער: גרינער אַקוואַריום און משיחס טאָגבוך זענען געשיכטעס פון דער זונפאַרגאַנג־תּקופה פון ייִדישן פאָלק.

# דורך וואַלדיקס צו די פידלרויז

## א

אַבֿרהם סוצקעווער איז דערגאַנגען צו די פידלרויז דורך וואַלדיקס. ס'האָט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט זײַן. אַ גלײַכער וועג פירט פון יענעם פּאָעטישן פּרעלוד ביז צום סימפּאָנישן פידלקלאַנג, און עס פאַרמאָגט אַלע ריחות פון וואָרט, וואָס האָבן גאָר קיין נאָמען ניט. רויז איז בלויז סימבאָל, תּמצית פון דעם וואָס אין פידעלע שטעקט. וואָלטן מיר בײַם לייענען ניט פאַרלוירן געוואָרן אין דער סובטיל־דעליקאַטער עסטעטיק פון דיכטערס געמיט, וואָלטן מיר דאָ גלײַך געניצט דאָס פּראָזאַאישע וואָרט סינטעז. אַ גאַנץ לעבן האָט סוצקעווער געזוכט מצרף צו זײַן שיינקייט צו מוזיק און צום ריח פון וואָרט — דאָס וואָרט זאָל שפּילן און אָטעמען בשׂמים. איז טאַקע וואַלדיקס מער פון אַלץ דער סימן־מובֿהק פון שירה־רײַטוואָגן, וואָס האָט סוצקעווערן אויף "צוויי און צוואַנציק פליגל פון אַלף־בית" אַרויפגעטראָגן צו די "ערדענע קלאַווישן" וואָס עטעמען מוזיק. און דאָס זענען ניט מער ווי סימבאָלן, וואָס אויף זיי שפּילט אויס דער פּאָעט זײַנע לידער. מ'דאַרף ניט קיין סך בלעטערן אין וואַלדיקס, כּדי צו דערזען און זיך איבערצײַגן, אַז פון זעלביקן פּאָעטישן מאַטעריאַל בויט סוצקעווער זײַן ליד־פּיראַמידע, פון סאַמע גרונט ביז צום שפּיץ. כ'האָב אַ ווײַלע אַרײַנגעקוקט אין וואַלדיקס און ווען איך האָב דאָס בוך פאַרמאַכט און אויפגעעפנט די פידלרויז, האָט זיך די נײַע פּאַנאָראַמע אָנגעהויבן תּחית־המתימדיק צעבליִען מיט די זעלביקע בילדער: בינען און וויאָלאָנטשעלן, טענצערינס, רעגנס און שטורעמס. די זעלביקע סופּערלאַטיוון און פאַרגלײַכן, — נאָר דאָס געזאַנג איז מער פאַרטיפט און פאַרטראַכט און אומפאַרגלײַכלעך קראַפטיקער. די פידלרויז־לידער פינקלען מיט זייער בריליאַנטענעם געשליף, ס'איז די גײַסטיקע טראַנספאָרמאַציע פון וואַלדיקס אין אַ קלימאַט, ווו ווערטער שוועבן לופטיקער, דערהייבן זיך און פלאַנצן זיך אײַן אין אַ נײַעם פּאָעטישן הימל וואָס שפּרייט אויס זײַנע האָריזאָנטן ביז צום אין־סוף.

אין סוצקעווערס מוזיקאַלישע ספערן בלײַבט וואָרט דער אָרגאַנישער עלעמענט, ווי מענטש אויף דער ערד, וואָס נאָר אין זײַן זעניט קאָן ער מער ליכט אײַנזאַפּן און באַשטראַלן אַ ברייטערן ראַדיוס, ווערן טיפער באַזיניקט און געטלעך־שיין. אויף דעם היכפּונקט ווערט דער אַמאָל און הײַנט צוזאַמענגעגאָסן אין איין כוואַליע, אויף וועלכער די נײַ־באַשאַפענע טענצערין טאַנצט אויס אין "ספּעקטאַקל אויפן ים", איר צאַפּל פון פרייד און יוגנט — זי איז אָבער סײַ ווי אונדזער אַלט־באַקאַנטע, וואָס האָט אַ מאָל:

> געטאַנצט אין וואַלד, פון וואַלד אין טײַך, אין אונדזער בלויער דירה,
> פון טײַך — אין מיר, פון מיר — אין מיר, אין זעונג, אין סימבאָל.
> (די פידלרויז, ז' 97)

---

* די פידלרויז. צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל. פאַרלאַג די גאָלדענע קייט. 1974.

אין אַלע זײַנע ליד־גילגולים איז ער פֿאַרבליבן דער פֿאַרכּישופֿטער װאַלדגײַסט, װאָס קאָן זיך ניט שיידן מיט זײַן עבֿר. זײַן יונגצײַט איז געעלטערט מיט דער ברכה פֿון נײַע איבערלעבונגען, נײַע ליכטטענער און אימאַזשן פֿון ערשטיקע בילדער, װאָס האָבן אײַנגעהיט זייער פֿרישקייט. אָבער איבער אַלעם איז די דינע פֿאַרפֿײַנערטע אַטמאָספֿער און די פּשוטע קלוגשאַפֿט פֿון דורכזעיִקן װאָרט — דאָס װאָרט אין "בוך... װוּ די טעג און די נעכט זענען זײַנע געבונדענע בלעטער".
אין בוך פֿון יצירה דאַרפֿן די װערטער װאַקסן מיט נאַטירלעכער חכמה, װי די ביימער אין װאַלד, מיט זאַפֿטיקער שפֿע אין זייערע אָדערן און ליכט אין זייערע קרוינען. און װײַל איז דעם פּאָעט װאָס קאָן מיט זײַן שאַפֿערישער מעטריקע עס באַשטעטיקן — גלײַך בײַם אָנהייב האָט עס שוין סוצקעװער געװוּסט:

איך בין דאָס געבויר פֿון די װעלדער,
װאָס װילן זיך הימלען פֿון דר'ערד.
(פּאָעטישע װערק, באַנד 1, ז' 102)

מיטן לויטערן אָטעם פֿון װאַלד און װאַלדיקס האָט ער אָנגעקליבן לידער, לײַכט און זיס װי די װאַלדלופֿט. די צײַט האָט אויסגעשליפֿן זײַן ליד ביז דער דינסטער ראַפֿי־נירטקייט, זײַן לירישער קלאַנג איז געװאָרן אָטעם־דין:

אָטעמען, אוי, אָטעמען מוזיק, ניט װיסן װעמעס,
אפֿשר שפּילט אַזוי אין ים אַ כװאַליע פֿאַר דער צװייטער?
אפֿשר קלעטערט מען אַזוי צום אויסגעבענקטן אמת
איבער שטאַפּלען פֿון אַ שטערן־אָנגעלענטן לייטער?
(די פֿידלרויז, ז' 77)

דאָ ליגט אפֿשר דער סוד פֿון גרויסער עכטער פּאָעזיע, װאָס איר מוזיק װערט אַרײַנ־געאָטעמט אין די דיכטערישע לונגען צוזאַמען מיט "אַ לאָנקע פֿון די ערדענע קלאַװישן" און "אַ שמייכל אַ געבוירענעם פֿון קלאַנגען", כּדי עס "זאָלן זיך פֿאַרװאַנדלען אין אַ רוחניות גרויע פֿודן". און כּדי אַרויסצוזינגען בשלמות דאָס אַרײַנגעאָטעמטע, מוז מען באַשאַפֿן דעם פּערפֿעקטן מוזיקאַלישן אינסטרומענט — און סוצקעװער האָט אים באַשאַפֿן, — אפֿשר געבוירן פֿון אַ בוים אין װאַלדיקס.

ב

סוצקעװער האָט עס אַלץ אַרויסגעשפּילט פֿון אייגענער טיפֿקייט, פֿון 'ביניקער' דער־קענטעניש:

דערלויב מיר צו דערציילן װער איך בין,
דו װייסט עס ניט פֿון דאַנען ביז אַהין:
איך בין, איך בין, איך בין,

קאַלעגע ציניקער,
אַ ביניקער.

אַ ביניקער דאָס מיינט: איך בין אי הײַנטיק, אי אַלצײַטיק.
(דאָרטן, ז׳ 30)

און פאַר וואָר, דער הײַנטצײַטיקער סוצקעווער האָט אין משך פון פיר צענדלינג לידער־יאָרן פאַראַלצײַטיקט זײַן געזאַנג. די פידל און די רויז האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעשמאָלצן אין דער אויסטערלישער סוצקעווערישער קאָמבינאַציע — די פידלרויז.
אין די ערשטע וואַלדיקס־יאָרן — 1937־1938 — זאָגט סוצקעווער וועגן זיך, טאָקע אין ערשטן ליד (וואָס דאַרף מסתמא זײַן אַ מאָטאָליד צו וואַלדיקס):

כ׳זע מײַן לײַב אין ווײַס פון דער בעריאָזע,
כ׳פיל מײַן בלוט אין בלי‌ונג פון אַ רויז,
(פּאָעטישע ווערק, באַנד 1, ז׳ 93)

איז די דאָזיקע זעונג מקוים געוואָרן; פון אייגן לײַב און בלוט האָט אַרויסגעשפּראָצט די פידלרויז. און זי איז עס דער הײַנטיקער פּאָעטישער עכאָ פון וואַלדיקס. דער באַגלייביקסטער עדות איז דער פּאָעט אַליין, וואָס זעט זי צעבלי‌ען זיך אין דער שוואַרצערד פון אַמאָל. זי באַוועגט זיך און בליט בײַנאַנד מיט יענע יאָרן, וואָס סוצקעווער קאָן ניט אויסמעקן פון "אַלטן זכּרון". און מ׳דאַרף ניט זײַן קיין גרויסער אַנטפּלעקער, כּדי גלײַך צו דערפילן דעם תּחית־המתים פון יענער וואַלדיקס־וועלט, אין אַ נײַער וואַריאַציע, אין "אַ ווידערגעבוירענער סטרונע". דער זכּרון קאָן ווערן אַלט, ווערן דערמאָנונג, אָבער ניט דאָס וואָרט און זײַן קלאַנג. און ווען אַפילו "קינדער ווערן געשלאָגן מיט זיקנה", היט אָבער דער קלאַנג אויף זײַן אייביקע יונגשאַפט, ווו שטיינדלעך טרייסלען אויף די כוואַליעס פון זכּרון מיט אַ לירישן איבערציטער פון צײַט; מיט וואָס פאַר אַ וואָרעמער, טיפער בענקשאַפט סוצקעווער רעכנט אויס די אַלע ניטאָען אין ליד "יוגנט־חבֿר": "ניטאָ מער די בערדיקע פישער... ניטאָ מער די בריק... ניטאָ מער די לאָדקעס... ניטאָ מער — — —"

נאָר די שטיינדלעך, די שטיינדלעך געצערטלטע־צאַרטע,
אַזוי סתּם פון אונדז ביידן געוואָרפן אין טײַך
און דעם זינען פון וואָרף
ניט פאַרשטאַנען —
זענען אַלץ נאָך פאַראַנען.
(די פידלרויז, ז׳ 15)

און ווי שטאַרק אמתדיק איז די לעצטע שורה: "און אין זכות פון די שטיינדלעך איז אויך אונדזער יוגנט פאַראַנען" — און דאָס איז דער זכות פון יוגנט און אירע ווידער־

קלאַנגען, וואַלדיקס בתּוכם, אין סוצקעווערס נײַע, יונגע לידער. ועל־כּן איז נאָך זײַן געזאַנג צפּטימיסטיש און מונטער, "מיט פרייד און אמונה".

לכּבֿוד אַ סטרונע, לכּבֿוד איר ציטער,
לכּבֿוד אַ בין וואָס איר האָניק איז ביטער
נאָר זיס איז איר שטאָך, אַזוי זאַפּטיק און קווייטיק —
לכּבֿוד אַ ווידערגעבוירענעם ווייטיק.
(דאָרטן, ז׳ 7)

דאָס איז די אומענדלעכע טיף־נשמהדיקע אמונה פון סוצקעווערן אין לעבן, זײַן שייב־קייט און ווערטיקייט. ניט געקוקט וואָס דער "האָניק איז ביטער" און די סטרונע ווערט אַ תּליה פאַר איר שפּילער, מוז ער שפּילן ווײַטער:

אַרויסצײַען פון זיך אַליין אַ סטרונע,
זי אָנציִען געצערטלט אויף אַ פידל
געהאָנגען שוין צוזאַמען מיטן שפּילער אויף אַ תּליה
און האָבן אויך אמונה
אין דער סטרונע
און שפּילן ווײַטער — —
(דאָרטן, ז׳ 30)

ס׳איז ווידער די סטרונע און די גאָלדענע שאַפערישע בין, וואָס קלינגען און זשומען מיט אַזאַ נאַטירלעך־פּריליגדיקן אויפוואַך אין דעם דאָזיקן געדאַנקען־ברויזיקן און פידלרויזיקן לידערבוך.
אין דעם בוך איז בײַ סוצקעווערן שטאַרק געקומען צום אויסדרוק זײַן אינעווייניקסטע געדאַנקען־וועלט, די סובלימאַציע פון געפילן, רעפלעקטירט דורך אַלע בילדער און אָנונגען. זיי ווערן כּמעט וויזועל ביז צום אָנרירן די וואָרצלען פון וואָרט און אַרויס־כּישופן זײַן פולן קלאַנג. סוצקעווערס וואָרט ווערט אָפּט האַר־דיק, ווי אַ נערוו אין מוח, וואָס רירט אָן סובטילע פּילונגען. און דווקא ווײַל סוצקעווער "פאַרשרײַבט (יע) זײַן טעקסט אויף פּאַפּיר", ניט ווי דער פויגל, איז ער ביכולת אויסצושפּרייטן זײַנע פּאָע־טישע הימלען איבער דער ערד און איבער דעם קאַרשנבוים און איבער בכלל — ווײַל "די קאַרשן אַליין זענען גראַמען" און — "אַ לייענער ניכטערט זיך אָן מיט די קאַרשן צו וויסן פון וואַנען זיי שטאַמען". אַזאַ איז ער, דער נאַטור־פּאַרליבטער פּאָעט, און אַזאַ איז זײַן בוך: פול מיט דער שפע פון קאַרשנגראַמען. פאַר וואָר, זיי שטאַמען פון זײַן לידער־גאָרטן און ס׳איז גוט זיך אָ נ ג י כ ט ע ר ן מיט זיי, כּדי צו דערפּילן די אייביקייט און הנאה האָבן. און דאָס בוך פון נאַטור פּרווט סוצקעווער אַ גאַנץ לעבן איבערפּלאָנצן אין ווערטער, אָנציִען ווי סטרונעס אויף זײַן פידל: "אַ בוך איז פאַראַן ווו די טעג און די נעכט זענען זײַנע געבונדענע בלעטער" — און די טעג־ און נעכט־לידער בלעטערט סוצקעווער אַריבער אין לשון־בלעטער. אין ציטער פון דער פון זיך אַרויסגעצויגענער סטרונע איז שוין פאַראַן דער טעקסט, וואָס ווינט — און לאַכט

אויך! — מיט הנאה: "אַ פויגל פֿאַרשרײַבט ניט זײַן טעקסט אויף פּאַפּיר און די אײַ־ביקייט ווייגט פֿון הנאה". דער אַ מאָמענטאַלער רעפֿלעקס־געפֿיל פֿון ווייגען איז עפּעס אַזוי מענטשלעך־ערדיש, ווי אַן אַנטיקלימאַקס צו אײביקייט, אָבער דאָס פֿאַרשאַרפֿט מער חושימדיק די נאַטור־פֿענאָמענען און דעם אַרײַנבליק אין זיי, אַזוי אַז ס'איז אויס וווּנדער, אַז —

אַ קאַרשנבוים דאַרף ניט קיין ווערטער, קיין סטראָפֿן, די קאַרשן אַליין זענען גראַמען,
אַ לייענער ניכטערט זיך אָן מיט די קאַרשן צו וויסן פֿון וואַנען זיי שטאַמען.
(דאָרטן, ז' 8)

די דאָזיקע קלוגשאַפֿט קאָן מען אַפֿילו מיט די בלינדע חושים דערלייענען. און מער נאָך — ווען סוצקעווער באַפֿרײַט זײַנע "קלאַנגען־סודות", ווערט באַרײַכערט אונדזער אַרײַנדרינג אין טיפֿערן זינען פֿון זײַן קונסטוועלט:

צווישן קלאַנגען־סודות וואָס איך האַלט זיי אויף אַ ריגל,
סודות פֿון בני־אָדם, שטיינער, אײַנוווינער מיט פֿליגל,
אָדער שטערן ווען זיי טרעפֿן אויף אַ ראַנדעוווּ זיך —
מאַנט אין מיר אַ קלאַנג און וועגן אים דערציילן מוז איך:
(דאָרטן, ז' 9)

דאָ גייט ניט וועגן קינסטלערישע מעגלעכקייטן, אַפֿילו ביז שטוינענדיק־פֿאַרכאַפּנדי־קער ווירטואָזיטעט, נאָר וועגן דעם פֿענאָמענאַלן דערהער פֿון די קלאַנגען. אַפֿילו שטומע קלאַנגען, אויב עכט, מוזן ווערן קינסטלעריש אויסגעלייזט:

ס'מאָנט אין מיר דער א ו י וואָס כ'האָב פֿאַרנומען בײַ אַ שטומען
בעתן ווען זאָגן ווידוי אָן אַ וואָרט אין גומען.
(דאָרטן, ז' 9)

סוצקעווערס אויער איז קאַפּאַבל אײַפּצוכאַפּן אַפֿילו אין־זיך־פֿאַרשלאָסענע קלאַנגען, דעם מינדסטן קלאַנג פֿון אומעטום און צו יעדער צײַט און עס איבערגלידערן אין אַ קאָמפּאָזיציע פֿון ווערטער — (צום גליק פֿון דער יידישער ליטעראַטור — ווערטער אין יידיש). זײַן אַרײַנבליק — אינטעלעקטועל־פֿילאָסאָפֿיש — אין אַ מענטש, אַ שטערן, צי נאַטור־פֿענאָמענען, איז תּמיד מער מיטן מוזיקאַלישן געהער. דערפֿאַר טאַקע וויברירן זײַנע סטראָפֿעס מיט וווּנדערלעכע קלאַנגען. מיט אַ צימצום פֿון ווערטער קאָן ער איבערגעבן דעם זינגעוודיקן תּוך פֿון זאַכן.

סוצקעווער איז דער יידישער אַלוועלטיסט, אָדער בעסער — דער אוניווערסאַליסט אויף יידיש, וואָס קלעטערט צום קאָסמאָס אויף אַ לייטער פֿון קלאַנגען, ער איז דער ערשטער יידיש־קאָסמאָנויט, וואָס דער קלאַנג האָט אים געבראַכט העכער און ווײַטער ווי אַנדערע.

ס׳איז דער ווונדער פון אָרעמען יידיש־לשון, וואָס סוצקעווער האָט צעפּינקלט זײַן שײַן און צו גלײַכער צײַט אַרויסגעצויבערט די מאַגישע קראַפט פון זײַן קלאַנג, כּדי אַליין נתגלה צו ווערן. אפשר איז עס ניט לויט זײַן געווײנטלעכן מאַניר, ווען ער מאַכט די האַלב־פּראָזאַישע דערקלערונג:

(אַנטלאָפן שוין פון רבין און זײַן בעלפער)
ווען ליכטיק איז געוואָרן מיר נתגלה,
אַז איך, אַבֿרהם, אַנדערש בין ווי אַלע:
(דאָרטן, ז׳ 12)

און אַנדערש איז ער, ווײַל ער האָט אַ באַשטימונג, ער איז באַרופן צו אַ שליחות — און ער ווייסט עס: ״איך דאַרף גאָר בויען די געזעצן / פאַר אויסטערלישע ווערטער״.

און כ׳האָב געבויט געזעצן און געצוווּנגען
די אויסטערלישע ווערטער ווערן גאַנצער.
(דאָרטן, ז׳ 12)

יאָ, ער האָט טאַקע געצוווּנגען די ווערטער ווערן גאַנצער און אַנדערש. און ס׳איז ניט בלויז פּרעטענזיע צי סתם בראַוואַדע, ״אַז איך, אַבֿרהם, אַנדערש בין ווי אַלע״. נאָר דאָס ערלעכע פּשוטע התגלות, וואָס לערנט אַ פּרק אַנדערשקייט בײַ איינעם וואָס איך מיטן ״פּליוכע״ —

געבליבן איז בלויז איינער... מיט אַ קריגל
באַשפּריצט די בייטן טראָפּנווײַז אין גאָרטן.
(דאָרטן, ז׳ 14)

און ווען דער פּאָעט וויל וויסן ״דעם שׂכל פון דײַן שפּריצן״, מאַכט עס אים יענער קלאָר:

און יענער האָט געלאַכט מיט גרינע בליצן:
— דו ווייסט ניט? איך בין אַנדערש דאָך ווי אַלע.
(דאָרטן, ז׳ 14)

דאָס איז דער קינסטלערישער אימפּעראַטיוו פאַרן פּאָעט: באַוווּנען, אויסצערטלען, שפּריצן פרישקייט אויף די ווערטער, אַפילו זיי שלײַפן מיט זײַן געוויין — ״און מײַנע ווערטער האָבן זיך געשליפן / אויף טרערן״, — כּדי נעענטער צו דערהייבן זיך צו דער מדרגה פון יענעם גאָרטנער, וואָס האָט די ווערטער באַשאַפן. כּדי עס צו דערגרייכן, דאַרף מען ניט נאָר דערגראָבן זיך ״צו זייער גרונט און סיבה״, נאָר מע מוז אויך פאַרמאָגן די ליבע צוו וואָרט און די ביאָלאָגישע ירושה־אײַנגעבוירנקייט, כּדי פאַר־וואַנדלען ס׳וואָרט אין נאַטור.
דאָס איז די באַוווּסטזיניקע אַנטפלעקונג פון שעפערישער אַנדערשקייט, אַז אַפילו די

״פײַער־צייכנס״, וואָס האָבן זיך אײַנגעקריצט אין גוף און נפש, קאָנען ניט אָפּמעקן די אָריגינאַליטעט פון אַזאַ קרעאַטיווער און אוניקאַלער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט ווי סוצקעווער. מעג די גאַנצע וועלט אים אַרײַנשרײַען מיט פּירוואָרף אין פּנים, אַז ער איז ניט ״דער זעלבער, זעלבער, זעלבער״, ווייס ער אָבער פּאָרט דעם אמת — אַז ס׳איז

אַ ליגן, כ׳בין דער זעלבער. און אַ פּנים —
אין אַלע שפּיגלען איז געפּעלשט מײַן פּנים...
(דאָרטן, ז׳ 55)

אויך די פּײַער־צייכנס פון שחיטה־שטאָט זענען פאַר אים געוועזן אַנדערש. דער בעס־טער סימן: טאָקע ער, דער פּאָעט, וואָס אין זײַן נשמה טראָגט ער די צייכנס — סוצקעווער אַליין.

ג

נאָכן איבערלייענען די פּילדרויז, וועט דער סאַמע קריטישער מחמיר אַפּילו, מוזן אָננעמען אָן שום באַוואָרענישן דעם טעזיס, אַז ד ע ר אַבֿרהם איז אַנדערש. ער איז אַ יחיד־במינו אין דער יידיש־פּאָעזיע — ער האָט די ווערטער פליגלען אָנגעטאָן און מיט בשׂמים־ריחות זיי אָנגעפּילט. אין אַנדערע ווערטער: ער האָט זיי פאַרוואַלדיקט, פאַר־יונגט און פאַרפּילדרויזיקט. ועל־כּן איז זײַן שפּראַך אומשטאַרביק, ווײַל ער האָט ״די אויסטערלישע ווערטער״

געצוווּנגען, אַז אין קוזניע זאָלן יונגען
מיט האַמערס אויסשמידן פאַר זיי אַ פּאַנצער
אַנטקעגן טויט.
(דאָרטן, ז׳ 12)

און מיר זענען דאָך די עדות, אַז אַפּילו אין מוראדיקן ליכט פון די פּײַער־צייכנס האָט ער זײַנע ווערטער ניט אויפגעהערט צערטלען מיט ליבשאַפט, מיט מסירות, און געזוכט אַ לעבן־לאַנג אַ תּיקון פאַרן קלאַנג. זײַן אויער איז אָנגעשפּיצט אויפצוכאַפּן און אונ־טערטעניק מאַכן אַ קלאַנג וואָס מאָנט — ״צווישן קלאַנגען־סודות וואָס איך האַלט זיי אויף אַ ריגל״, כּדי ״וויסן זאָלן אונטערטעניק אַלע, / אַז איך, אַבֿרהם, אַנדערש בין ווי אַלע״. איינער פון זײַנע ״קלאַנגען־סודות״ איז דער שטומער ׳אוי׳ — און אפשר זענען עס אַלע שטומע ׳אויען׳, קרעכצן און טרערן, וואָס זענען אַוועק אָן ווידוי, פאַר זיי זוכט ער דעם דערהערער:

אַלע יאָרן זוך איך פאַר זײַן א ו י אַ דריטן אויער,
אַז דער ווידוי זאָל ניט גיין פאַרלוירן און קאַפּויער.
(דאָרטן, ז׳ 9)

ווי גרויס איז אונדזער זכות, אַז די אַלע לידער ווערן נתגלה און דערהערט פון אַ דריטן אויער. ס'איז אוממעגלעך אַרומצונעמען די אַלע לידער און אַריינטיפן זיך אין זייער קוואַליקן אינהאַלט, פונקט ווי דער פּאָעט קאָן ניט אַלץ פּאַשרייבן און דערציילן אין איין ליד:

אַ רעטעניש איז דיר מיין לעבן — ווילסט איך זאָל דערציילן.
דערציילן וואָס? אַבי דערציילן,
(דאָרטן, ז' 10)

ער וויל ניט סתם דערציילן לשם דערציילן, נאָר כּדי "העלער זאָל דיר ווערן אין די היילן / וווביידע בלאָנדזשען". אין דעם פאַל זוכט ער דעם טיפערן סוד פון סימנים אויף דער האַנט. נאָכן דערציילן זיין געשיכטע: "איך בין געווען אַ כּיראָמאַנט" און אויף הענט געלייענט "דעם סוד פון זייער שריפט", בליצט אויף צווישן די 'קליינע בליצן' דער פונק פון חכמה, ווי אַ סך־הכּל:

דערציילן ווייטער? ענדיקן פּאַוואָלינקע צי גיך?
מסתּמא ווייסטו שוין, אַז פון דערציילן ווערט ניט גרינגער.
(דאָרטן, ז' 11)

אָבער אונדז ווערט מחיהדיק גרינגער נאָכן דעשיפרירן סוצקעווערס שאַפערישע האַנט־שריפט. מיר אַנטפּלעקן אַז ווי פאַרליבט ער איז אין אַנדערשדיקן אַבֿרהמען, איז ער נאָך מער פאַרליבט אין דער "נשמה פון דער וועלט". און מסתּמא איז נשמה אויך זכּרון און ביידע זענען איינס — און אָן די ביידע איז זיך שווער פאָרצושטעלן סוצקע־ווערס לידערוועלט. און אַז סוצקעווער איז פאַרליבט אין זיין לידערוועלט איז דאָך לית־מאַן־דפּליג.

מיט אַהבֿה האָט סוצקעווער אויסגעמייסטערט די דאָזיקע וועלט, ווו דער איך־אַבֿרהם איז "מיילן־ווייט פון זיך אַליין". דאָס איז דער פּאַראַדאָקס פון אַ ניט־געשפּאָלטענער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט, וואָס זעט זיין איינציקן ציל פון לעבן אין שאַפן. אַבֿרהם סוצקעווער איז אין דעם זינען ניט די פּראָבלעמאַטישע דיכטער־פּערזענלעכקייט מיט דואַליסטישע נטיות, צי סתּירות אין זיך גופא. להיפּוך גאָר: ער האָט אַקומולירט אַלע געבענטשטע אייגנשאַפטן פון מענטש־פּאָעט אָן פּנימיותדיקע, נשמהדיקע ווידעראַנאַנדן, ווי מיר קאָנען עס זען פון זיינע איך־לידער. אפשר איז עס צוליב דעם, וואָס ער זוכט ניט קיין פּראָגראַם, נאָר "גרויס איז דער באַגער" אויסצופילן געטריי זיין שליחות: מאַכן וואָר דעם חלום פון דעם אַנדערשדיקן אַבֿרהמען און באַשאַפן זיין פּאָעטישע וועלט, ווו ער קאָן "לעבן מער, פולער, דורותדיקער". און לעבן פולער קאָן מען מיטן עבֿר פון דורות, מיטן אייגענעם נעכטן. מיט דעם זכּרון־שליסל דרייט ער אָן דעם זייגער פון פאַרוואַנדלונג. ס'איז דער אַלטער זייגער, וואָס זיינע ווייזערס דערנענטערן צו אונדז אַ פאַרגאַנגענע צייט: קינדהייט, יוגנט. וואַלדיקס און דעם כּל־יכל־רעגן, וואָס באַשאַפט וווּנדערס פון די אַלע אַמאָלן: לאָמיר הערן... לאָמיר הערן...

עמעצער דרייט אָן אַ זייגער איבער אַלטע הײַזער:
ווידער קלאַפּן אָדערן, עס נעמט זיך וואָס באַוועגן.
לאָמיר הערן ווי עס גייט זײַן רעגן,
לאָמיר הערן ווי ס'דערנענטערט זיך צו אונדז זײַן ווײַזער.
(דאָרטן, ז׳ 20)

יענעם רעטראָספּעקטיוון ווײַזער פּירט סוקצעסיווער צוריק אין דעם הײַנט, נעענטער ווי תּמיד, און ער שאַפֿט דורך דעם אַ נײַע דימענסיע: הײַנט־אַ מאָל, און אויך — פאַרקערט. ער ברענגט אַרויף פֿון אַלטן זכּרון די בילדער פֿון דער ערשטער תּקופֿה פֿון זײַן שאַפֿן, ווי ער וואָלט געעפֿנט פּאַנדאָראַס קעסטל. און ווײַל דער ווײַזער האָט זיך די גאַנצע צײַט געדרייט פאַרויס, ניט געשטאַנען אויף אָן אָרט, האָבן מיר הײַנט מער ראַפֿינירטע מוסטערן פֿון סוקצעסיווערס מוזיק־און־וואָרט און לויטערן געמיט. די הײַנטצײַטיקייט ריטעמט אַרײַן און אַרויס פֿון זייגער, אַ באַקלוגטע און אַ וויסנדיקע, מיט דער דער־פאַרונג פֿון דער וווּנדערלעכער פֿאַרוואַנדלונג וואָס איז פֿאַרגעקומען. און אין דער "פאַרוואַנדלונג פֿון יסורים" פֿילן מיר שטאַרקער דעם אָטעם פֿון וואַלדיקס, דעם ווײַטיק פֿון די פֿאַרליבטע, די אַלע צוריקגעקומענע לירישע שטימונגען און דעם ציטער פֿון הערצער, וואָס דער שטורעם האָט זיי צונויפֿגעבראַכט:

ווײַטיק ציט צו ווײַטיק, ווי פֿאַרליבטן צו געליבטער,
לאָמיר הערן ווי זיי גייען טרעפֿן זיך בײַם שטורעם.
ווּעמען ליבט זי מער פֿון גאָר דער וועלט און וועמען ליבט ער?
וווּנדערלעך, מײַן קינד, איז די פֿאַרוואַנדלונג פֿון יסורים.
(דאָרטן, ז׳ 20)

אַוודאי איז הײַנט, בײַם צוריקדריי פֿון ווײַזערס, אַלץ אַנדערש: דער רעגן און שטורעם, דער ציטער און די רו און דער ווײַטיק:

אַנדערש ווי זײַן מראה צוועלף בײַ נאַכט אין שוואַרצן שפּיגל,
אַנדערש איז ער, דער וואָס האַלט אונדז ביידן אין זײַן עיגול.
(דאָרטן, ז׳ 21)

די אַנדערשקייט פֿון עיגול און פֿון דעם וואָס האַלט ביידן אין עיגול, איז ניט אַזוי שרעק־קעוודיק, אַפֿילו ניט ווי די שוואַרצע ראָב פֿון פֿאָ. די אַנדערשקייט איז דאָ פֿילאָסאָפֿיש־רויִק. אַפֿילו דער בילדערישער שוואַרצער פֿויגל וואַרפֿט ניט אָן קיין מורא. און ווי קאָן עס גאָר זײַן אַנדערש, ווען 'אומטויט' איז אַ נײַער אידיאָם פֿאַר לעבן־פֿאַרוואַנדלונג:

די קאַלטע גראַניטענע פֿליגל
פֿאַרזונקען אין ערד,
ציִען זיך נענטער צום גוף אין דער נידער.

זיי פילן
זײַן אומטויט:
אַ ביינערנע צוואַנג
און אין צוואַנג איז פאַרדריקט אַ נשמה.
(דאָרטן, ז׳ 22)

נאָך מער בולט אַנטפּלעקט זיך סוצקעווערס קאָסמישער באַנעם, צי ריכטיקער: זײַן קאָסמישע פֿאַנטאַזיע אין דער פּאָעמע "פֿול דער מילגרוים". דער שלל אימאַזשן, סופּערלאַטיוון, פילונגען ציִען זיך איינע צו די אַנדערע. ס׳איז פאַרקניפּטקייט און צוזאַמענגעקניפּטקייט: אַלוועלט. ירושה. דורות. דער מילגרוים — פֿול מיט וווּנדערלעכע סוצקעווערישע בילדער און המצאות.
אין מילגרוים האָט דער מענטש זײַן ׳צימער׳. דער מילגרוים־קאָסמאָס פאַרבינדט מענטש און זײַן "גאַס (וואָס) איז לענגער פון אַ ליכטיאָר", אין איין גורל — גורל פון ירושה און אייביקייט פון ליכטיאָרן. אין סוצקעווערישן פולן מילגרוים־יקום איז די גענעטישע קייט אײַנגעשלאָסן רינג אין רינג, פונקט אַזוי ווי די אַטאָמען וואָס האַלטן זיך צוזאַמען. אין מילגרוים־עקסיסטענץ איז פֿאַראַן די גאַנצקייט, וווּ "טויט און לעבן וויל זיך ניט צעשיידן".

ד

פנים־אל־פּנים מיט דער אומפאַרמײַדלעכקייט פון גורל, זינגט סוצקעווער ניט מיט דער אַלט־באַקאַנטער הבֿל־הבֿלימדיקער דעפּרעסיע. ניט נאָר איז זײַן קול ניט מעלאַנכאָליש־ייִאושדיק, נײַערט ער צעזינגט זיך גאָר פרילינגדיק־האָפֿערדיק, אין טאַקט פון אַ מאַרש־ריטעם:

דער פרילינג האָט אַרויסגעשנעלט זײַן פּראָפן:
איך טרינק דײַן גוטס אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן.

עס טרינקט אַזוי דעם רעגן אַ טאָפּאָליע —
אַ רעגן־בויגן איבער מעלאַנכאָליע.
(דאָרטן, ז׳ 44)

ס׳איז טאַקע פאַרגייִיק, ווי אַ "רעגן־בויגן איבער מעלאַנכאָליע", אָבער ס׳איז דאָך אַ פאַרגייִיקייט וואָס איז אינספּירירט פון מוזיק. ס׳איז ניט סתם זיך אויסקערן און אויס־ווערן, נײַערט די אייביק־מענטשלעכע שטרעבונג צו דערהייבונג און צו נײַער דערגרייכונג.
כ׳בין מסופּק צי קריטעריעס פון פּאָעזיע אַליין זענען גענוג צו דערפאָרשן סוצקעווערס אויפשטײַג און דערגרונטעוווען זײַן שאַפערישן דרך. כדי אַנצוצייכענען דער פּראָפיל פון אַזאַ פּאָעט ווי סוצקעווער, איז ווינציק צו פאַרטײַטשן זײַנע בילדער און סימבאָלן. ס׳בעט זיך אַ טיפערער אַנאַליז פון זײַן פנימיותדיקן מהות, פון זײַן אינטעלעקט. דאָס

מיינט: ניט נאָר פאַרשטיין די פּאָעטישע אַטריבוטן, נײַערט אַרײַנדרינגען אין זייער גײַסטיקן זינען און אַרויסזוכן זייער קערן, זייער פאַרהוילנקייט. ווײַל סוצקעווער טראָגט אין זיך מער ניסתר ווי ניגלה, ער באַהאַלט זיך אין זײַן אייגענער נשמה און מ׳וואָלט לגבי אים אפשר באַדאַרפט אָנווענדן דעם חקר־הנפש, אַ מין פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז. דער אמת איז, אַז ס׳איז אָפט ניט לײַכט צו פאַרשטיין אַ סוגיא סוצקעווער, אַ פשיטא זי מפרש זײַן פאַר אַנדערע. און ווער ווייס צי דער שאַפער אַליין וואָלט בכוח געווען צו עפענען דעם שלאָס פון זײַנע סודות, כאָטש ער רעדט מיט זיכערקייט פון זײַן פאַרסודעטער בעל־הבתישקייט און מאַכט אַפילו אַזאַ עקספּערימענט:

גענומען האָב איך אוצרות און פאַרסודעט זיי אין סייפן,
חוץ מיר האָט קיינער ניט געוווסט ווי עפענען דעם שלאָס.
און איצטער זאָג איך, עדות מײַנע קלאַפּעדיקע שלייפן:
— צוריק אַהיים, צום עלעמענט, און אויס מיט בעל־הבית.
(דאָרטן, ז׳ 73)

׳בעל־הבית׳ איז אפשר אַ רעטאָרישער זאָג, ווײַל ס׳איז אין סתירה צום מײַסטער, צו אים אַליין, וואָס קאָן שוין ניט ווערן אויס בעל־הבית. און דעריבער קאָן ער אויך ניט רעזיגנירן פון זײַן פונקציע, ווײַל ערשט דאָ איז ער דאָך אין זײַן עלעמענט. על־כּן דער פאַרמעסט מיטן באַשאַפער פון עלעמענטן בחינם, קיין כּישוף־שפּראַך און קיין בליץ וועט שוין דאָ ניט העלפן. ער באַפעלט אַלץ זאָל זיך אומקערן צום יסוד, צוריק ווערן פאַרוואַרצלט אין אָרגאַנישן יש.

אָבער נאָר און בלויז אין זײַן עלעמענט קאָן סוצקעווער בלײַבן סוצקעווער — בעל־הבית און מײַסטער. מ׳טאָר זײַנע אוצרות ניט מאַכן פּאָפּולער, אַ מין פּאָפּולערע סוצ־קעווער־גראַמאַטיק, ווו די עלעמענטן קריגן צוריק זייער נאַטירלעכע צורה — אַזאַ פּירוש וואָלט סוצקעווערן קיין טובה ניט געטאָן. אים דאַרף מען פאַרשטיין מיט האַרץ און מוח, ווי די גרויסע פּאָעטן בײַ אַנדערע פעלקער: פילן זײַן מוזיק און זײַן געמיט, פאַרשטיין זײַנע געדאַנקען און די אידעען צו וועלכע ער צילט. אין אַזאַ גײַסטיקן סינטעז איז סוצקעווער דער בעל־הבית פון זײַנע אוצרות און דער מײַסטער פון ׳עלעמענט׳. ער אַליין שטעלט זיך אָבער ניט אַרויס ווי אַ מוסטער, ווען ער נעמט דעם בחיר־היצורים אַ מאָס. ס׳איז בכלל שווער צו זאָגן צי אַ מענטשלעכע מאָס איז אַ גערעכטע, אָבער סוצקעווער איז סײַ ווי אַ מקיל — ער ווענדט ניט זעלטן אָן אַ פאַרקערטע מאָס. ס׳איז אַ מין סגי־נהוריזם, וואָס ער נוצט ווי אַ מיטל צו פאַרוואַנדלען פײַנדשאַפט אין ליבשאַפט און קינאה אין פאַרגינערישקייט. אפשר זוכט ער דורך דעם צו פאַרריכטן דעם צעשפּאָלטענעם מענטש, גאַנץ מאַכן זײַן נשמה. אָט, אין ״ליד אין דרײַ אַקטן״, בעט זיך בײַם פּראָפעסאָר דער פּאַציענט:

״צעשפּאַלט מיר מײַן פּערזענלעכקייט אויף צווייען,
אַ האַלבע זאָל דער אַנדער העלפט אַ האַרעלע דערפרייען״ —
(דאָרטן, ז׳ 34)

אַוודאי קאָן אַ צעשפּאָלטנקייט אויך עפּעס מתקן זײַן, ווען זי דערזעט אירע כאַראַק־טעריסטישע סתירות פון ליבע און שינאה, פון ווײַס און שוואַרץ, וואָס קאָנען זיך ניט פאַרגאַנצן. די איינציקע טרייסט —

אַז אַלע פּונקטן שטאַמען דאָך פון איינעם
אַ פּײַער־אויפּרײַס, און זיי זענען לויכטנדיקע שכנים,
און אַז באַזונדער לעבן זיי אין איינעם.
(דאַרטן, ז׳ 35)

באַזונדער און דאָך אין איינעם, ווײַל די אָפּשטאַמיקייט קומט פון איין מקור — דער "פּײַער־אויפּרײַס" — ער בינדט זיי צוזאַמען, די באַזונדערע חלקים, די קעגנאַנאַנדיקע, פון אומלאָגיק ווערט לאָגיק: די לאָגיק וואָס פירט צו דער מלחמה צווישן די טיילן, דער אייביקער פּסיכישער קאַמף אין זיך:

געשפּאָלטן בין איך, ברודער, אויף חלקים ניט צום ציילן,
אויף מעסערס גייען טיילן, גייען טיילן.
— —
די טיילן ווילן זיך ניט גאַנצן, לאַכן פון מײַן לאָגיק,
מלחמה איז אין מיר פון גוג ומגוג.
(דאַרטן, ז׳ 34־35)

אפשר איז עס מער די געשפּאָלטענע וועלט, ווי דער געשפּאָלטענער מענטש, וואָס דער פּאָעט זוכט פאַר איר, און במילא פאַר זיך, אַ תיקון אין אַ נײַ באַפליגלט וואָרט, אין נײַער מוזיק, כּדי זי זאָל קאָנען ווערן אַ היים פאַר אַלע מענטשן, אַ היים ווו מ׳וועט ניט דאַרפן באַגראָבן די נעכטיקע געטער, אַ היים אין אַ נײַער צײַט, וואָס דער פּאָעט שטעלט אַוועק אונטער פרעגצייכנס, ווײַל ניטאָ קיין לאָגיק אַנדערש ווי ווידוי קעגן דעם גורל:

דיונעס וואַנדערן אין מידבר און פאַרשיטן געטער.

ווײַסע ציגל, שוואַרצע ציגל... קיין מאָל ניט קיין מידע
בויט די צײַט (פאַר זיך אַליין? פאַר אונדז?) איר פּיראַמידע.
יורש מײַנער, הערסטו ווי די ציגל זינגען ווידוי?
(דאַרטן, ז׳ 35)

ה

מ׳דאַרף באַזונדער אויסטיילן דעם אָפּטייל "אַלף־בית פון צוויי און צוואַנציק פליגל". דאָ פּאַכען די פליגל מיט מוזיק פון אַלערליי צורות און כּלערליי קלאַנגען. די דאָזיקע סימפאָניע פון אַלף־בית איז שווער צו אינטערפּרעטירן מיט ווערטער, מ׳דאַרף זי אַליין הערן, לייענען, דורכלעבן. ס׳איז מוזיק פון שמייכל, כוואַליע און פרײַהייט —

די פֿאַרהוילענע מוזיק פֿון לעבן און זײַן ריטעם. די מוזיק האָט סוצקעווער אַרויס־אַנטפּלעקט פֿון זיך, פֿון זײַנע טיפֿן, פֿון זײַנע גאַרונגען און גלוסטעניש צום קינסט־לערישן וואָרט. דאָ האָט ער דערפֿילט בחוש, אַז די וועלט איז פֿול מיט מוזיק און אויף איר לייטער קאָן מען אַפֿילו דערקלעטערן "צום אויסגעבענקטן אמת". דער עכטער קינסטלער דאַרף בלויז אָנרירן מיט זײַן אָטעם די "ערדענע קלאַווישן", כּדי אַרויסצוכּישופֿן די פֿאַרבאָרגענע קלאַנגען. ס'איז ממש צום שטוינען אויף די וואַ־רײַרטע ליד־קאָמפּאָזיציעס אין דעם אָפּטייל — פֿון וועלכן מוזיקאַלישן קוואַל האָט זיי דער פּאָעט אַרויסגעשעפּט? אויף די ווונדער־פֿליגל פֿון אַלף־בית יאָגט ער זיך צו לערנען די שווײַגשפּראַך פֿון מאָרגן:

ווערטער שמעלצן זיך בײַם גאָלדשמיד הינטער שלאָס און ריגל,
מאָרגן וועט זיך אויסגליִען אַ שווײַגשפּראַך אינעם פֿורעם.
אָטעמען דעם אַלף־בית פֿון צוויי און צוואַנציק פֿליגל
ס'ערשטע מאָל אַרויסגעפֿלויגן לערנען זיך בײַם שטורעם.
(דאָרטן, ז' 77)

די שווײַגשפּראַך פֿון דער צוקונפֿט איז מסתּמא די שפּראַך פֿון נײַעם נבֿיא, די שפּראַך פֿון שלום און מוזיק, און ס'וואָלט אַוודאי כּדאַי געווען צו וואַרטן אויף דעם דאָזיקן מאָרגן...

ו

פֿון וואַלדיקס ביז די "ווײַסע וועלדער פֿון אין־סוף" איז דער מהלך פֿון אַ גאַנץ לעבן. סוצקעווער קלאָגט ניט אויפֿן סוף צום אין־סוף, ווי ער פֿאָרמולירט עס אין זײַן אינדי־ווידואַליסטישער קאָנצעפּציע — דער "גאַנג צו זיך פֿאַרענדיקן". פֿאַרקערט גאָר: ער זעט עס אין אַ נײַער, צווייטער דימענסיע; אַ נײַער האָריזאָנט וועט זיך עפֿענען און "הינטער אים — אַ נײַע איבערלעבעניש, / און דער טויט וועט הענגען אויף אַ האָר". סוף קאָן אויך זײַן אָנהייב, און ער פּראָקלאַמירט די פֿאַרניינונג פֿון סוף:

ניין, מיר וועלן ביידע זיך ניט ענדיקן,
אונדזער אָנהייב איז נאָך היימיש־נאָענט.
מיר'ן בלויז דעם גאַנג צו זיך פֿאַרענדיקן
און ס'איז פֿרײַ אַ נײַער האָריזאָנט.
(דאָרטן, ז' 94)

דער נײַער האָריזאָנט פֿאַרמאָגט אַ נײַע צוציקראַפֿט, מיט נײַע אימאַזשן און בילדער, און די גאַנצע אַטמאָספֿער פֿון "אַ נײַע איבערלעבעניש" איז פֿילאָסאָפֿיש־רויִק. דאָס איז אַבסאָלוט ניט קהלת־נוסח, נאָר פּונקט פֿאַרקערט — מונטער געמיט באַוועגט די קורצע ריטמישע שורה מיטן באַקאַנטן סוצקעווער־זינגעוודיקן חן. פֿרעגן מיר: ווי

שאַפֿט ער די אַזוי סובטילע שטימונג פֿאַר אַזאַ ליד? איז עס אפֿשר די סאַמע סובסטאַנץ פֿון סוצקעווערס גײַסטיקער מאַטעריע וואָס איז געוועבט "פֿון אַזאַ מין וועבעניש", וואָס אירע צעלן זענען זינגעוודיקע און ליכטיק־אָפּטימיסטישע? אַפֿילו די באַשערטע באַגעגעניש איז ניט מיט אַן אומעטיקן רעזיגנאַציע־טאָן, און דער אויסקלאַנג פֿון דער לעצטער סטראָפֿע איז ווי די אָנשטימונג אין פּרעלוד:

נײַן, מיר וועלן ביידע זיך באַגעגענען
ווי באַשערטע קלאַנגען אין אַ סטראָף.
הויכע וויאָלאָנטשעלן וועלן רעגענען
איבער ווײַסע וועלדער פֿון אין־סוף.
(דאָרטן, ז' 94)

אַפֿילו "די שוואַרצע ווײַנטרויבן" וואַרפֿן ניט אַן קיין טרויער־שטימונג. און די שרעק פֿאַר "די נעכט פֿון דײַן פֿאַרגאַנגעניש", אין דעם אימאַזשינירטן בילד, ווו עס "אָטעמען אין מידבר שטילקייטן בת־קוליקע", פֿאַרגייט מיטן אַרײַנטיפֿן זיך אין די לידער. ס'איז אַזאַ ליכטיק־לויטערע מורא, וואָס שאַפֿט אַ געפֿל פֿון התעלות און התרוממות.
דאָ, און אין פּילדרויז בכלל, שטילט סוצקעווער כּסדר זײַן דאָרשט, וואָס איז ניט געוואָרן אַלט, מיט ווײַנטרויבן אַמאָליקע. און ס'איז דאָ שטאַרקער די מורא אומצוקערן ס'פּנים צו דער 'פֿראַכט'. דאָך קערט ער אום זײַן פּנים צום מידבר — און דאָ איז דאָך די אָריגינעלע ערשטיקע "פֿראַכט פֿון בוראַ". ס'איז דער מידבר פֿון די "דאָרנביימלעך" — אַ פֿאַעמע אין ה קאַפּיטלען, צו פֿיר פֿיר־שורהדיקע סטראָפֿעס — און זיי, די "דאָרנביימלעך" פֿון אַלטן חומשדיקן סיני, אָט אַזוי זעען זיי אויס בײַ סוצקעווערן:

דאָרנביימלעך אײַנגראַווירט אין מוסקלען פֿון גראַניט
צינדן זיך אין שוואַרצן פֿײַער פֿון דער נאַכט בײַם שטעגל
איינציקוויז. און אויפֿן באַרג, בײַם הערן מײַנע טריט,
זענען זיי אַצינד מיט מיר צוזאַמען עולה־רגל.
(דאָרטן, ז' 105)

דאָס התגלות איז פֿאַרפּלייצט מיט אַזוי פֿיל ליכט, אַז אַ רגע דאַכט זיך אַז דאָס איז גאָר אַ הימען פֿאַר דער זון:

יעדער דאָרנביימל ציט יניקה פֿון אַ שטראַל
אינעווייניק אין גראַניט, און ס'בליצן זײַנע שטעכער.
(דאָרטן, ז' 105)

עס בײַטן זיך די בילדער אין געפּלאָנטער פֿון מידברישע זעונגען. ס'איז חלום און פֿאַנטאַזיע, וואָס דער "דאָרנדיקער אַלף־בית" דערציילט: דור־המידבר, אליהוס הייל, די ווילדע און איבער אַלעם — די גאָטספּאָרכטיקע שטילקייט, וואָס דעם פּאָעט איז באַשערט צו זען:

דאָ איז מיר באַשערט צו זען די שטילקייט דורך אַ טרער,
בלײַען זאָל זי קאָנען פון דער פּײַכטקייט און געדײַען.
אויג אויף אויג מײַט שטילקייט און געהער צו איר געהער —
אָטעמען איז מיר באַשערט איר גלײַענדיקן רעיון.
(דאָרטן, ז׳ 107)

סוצקעווער לעבט כּסדר אין אַ וועלט פון פאַרוואַנדלונגען — דאָס איז זײַן פּאָעטישער גאַנג. און ווּ ער קומט, צי איז עולה־רגל, זעט ער זײַן וועלט אַ נײַע און באַנײַטע, אַ שיינע און באַשיינטע — און ער האָט זי ליב. שוין אין די ערשטע וואַלדיקס־יאָרן האָט ער זיך דערקלערט אין ליבע צו איר, ווי אין אַ פאַרצײַטיק מעשה־ביכל: ״כ׳האָב אייביק דיך ליב״. און זײַן ליבע־דערקלערונג האָט סוצקעווער עד־היום אָפּגעהיט מיט מאַקסימאַלסטער געטרײַשאַפט. האָט אים די וועלט, צי זײַן וועלט, דערפאַר געזאַלבט פאַר איר טרובאַדור. הײַנט נאָך איז איר געליבטער יעדע רגע גרייט אויפצוזינגען הינטער איר פענצטער אַ סערענאַדע. און כאָטש אין די פילדרויז זענען די ניגונים שוין מער פאַרקלערט, אין קלוגן ניכטערן טרויער, איז אָבער זײַן וואַלדיק־יינגלשע גינציקייט צו דער וועלט ניט געמינערט אויף אַ האָר.
סוצקעווערן איז ניט נאָר באַשערט געווען איבערצולעבן און דערלעבן אַ נײַע ״בלעב־דעניש, לעגענדעניש״ פון סיני־באַרג און ״זען די שטילקייט״, נײַערט אויך האָבן די זכיה צו דערגיין צום באַרגשפּיץ:

פונעם באַרגשפּיץ זע איך: דור־המידבר. אים איז קאַרג
זײַן זכּרון, לענגער צו פאַרגעסן איז אַ מורא.
— —
אָדלער־שאָטן אויף מײַן פּנים. ס׳טונקלען אין גראַניט
צוקנדיקע דאָרנביימלעך. זעונגען צעפאַלן
אויפן באַרגשפּיץ. נאָר איך נעם זיי מיט, איך נעם זיי מיט
ווּ עס קײַקלט זון אין מידבר זודיקע קאָראַלן.
(דאָרטן, זז׳ 108־109)

**פאַר וואָר, אַבֿרהם, דער** ביניקער **און בין־פלײַסיקער** — אַנדערש בינסטו ווי אַלע!

# לידער פון טאָגבוך *

א

ניט בלויז גיין אויף אַ קריטישער עקסקורסיע דורך די סטראָפעס פון סוצקעווערס נײַע לידער ווילן מיר דאָ, נאָר מער נאָך ווילן מיר באַרירן די פּילונגען און רעגונגען, וואָס זענען אויפגעקומען בײַם זיך מתיחד זײַן מיט די לידער אין אָט דעם דינינקען ביכעלע. די לידער זענען, ווידער אַ מאָל, געווען דער גורם, צי דער אויגן־עפענער, צו דערזען ליכטיקער און קלאָרער דעם ברייטן אַספּעקט פון סוצקעווערס דיכטערישן גאַנג. עס דאַכט זיך אַז מיט יעדן נײַעם ליד, מכּל־שכּן מיט יעדן נײַעם בוך, איבעראַשט סוצקעווער ניט נאָר זײַן ליטעראַרישע יידיש־סביבה, נאָר ער וואַקסט כּסדר אַריבער אַפילו זיך אַליין. יעדע נײַע פּאָעטישע שאַפונג בײַ אים, ווי יעדע ליד און פּאָעמע באַזונדער, איז אַ פּאַרזיכיקע דערגרייכונג, אין איר אַלגעמיינער דימענסיע. דעריבער פאַרשווערט עס זיך גרונטיק אָפּצושטעלן אויף די לידער־שפּרײַזן, וואָס סוצקעווער האָט געמאַכט אין די דרײַ יאָר פון די טאָגבוך־לידער. מיר ווילן דאָ נאָר פּרווון אַ בליק טאָן אויף דעם אַ שעפערישן קאָמפּלעקס אין כּוללדיקע טערמינען.

אין די טאָגבוך לידער־ציקלען אָבסערווירן מיר שאַרפער דעם שעפערישן גאַנג און די כּסדרדיקע באַנײַונג פון זײַן ליד. אין די אַ יאָרן האָט זיך זײַן פּאָעטישע פיזיאָגנאָמיע נאָך מער אויסגעקלאָרט און אויסגעשטאַלטיקט: דער מוזיקאַלישער קלאַנג איז געוואָרן דינער, ביז שטילקייט, ס׳האָבן אויפגעבליצט בריליאַנטענע סימבאָלן, און די בילדער — אָנגעלאָדן מיט נײַע כּישוף־קאָלירן. איז עס אָבער ניט בלויז די לעצטע דרײַ יאָר פון די טאָגבוך־לידער, נײַערט סוצקעווערס לידער־געדעטעניש פון אַלע יאָרן צוזאַמענגענומען — עס איז יידישע פּאָעזיע אין פּאַרמעסט מיט דער צײַט.

סוצקעווערס יעדע ליד איז אַן אַרויסרוף צו דער צײַט. אין יעדן ליד פון די טאָגבוך־לידער, פילט מען די אימפּולסיווע זוכענישן פון נײַקייט, פון עפּעס וואָס איז אומגעווייבלעך. יעדער פערז איז פול מיט געדאַנק־ און וואָרט־סענסאַציעס וואָס לויפן אָן פון בילדער און סימבאָלן. זײַן ליד שפּריצט מיט זאַפטיקער פרישקייט.

סוצקעווער האָט פון זײַן סאַמע אָנהייב געזוכט אַנדערשדיק און פּאַרזיכיק, ניט ווי נאָך אַ שטים אין יידישן פּאָעזיע־כאָר. ער אַליין האָט געוואָלט זײַן דער כאָר, און די לידער — זײַן כאָראַלע סימפאָניע. ער האָט שוין באַצײַטנס דערפילט, אַז דער אָנשטורעם פון בײַטענישן אין דער וועלט וויל מער ניט סובל זײַן די אַלטע שאַבלאָנען און פּאַרטיקע קלישעס. האָט ער אין דעם אָ פּאָעטישן אַנטיקאָנפּאָרמיזם, ווי ווײַט אַזאַ האָט עקסיסטירט אין דער יידישער ליטעראַטור, זיך אויסגעטראָטן זײַן אייגענעם וועג. ער האָט זיך מלכתּחילה אָפּגעטיילט פון אַלגעמיינעם שטראָם, און אין אַלייניקן אַרויף אײַנגעשטעלט זײַנע אייגענע סוצקעווערישע נאָרמעס. ס׳איז געווען אַ בונטאַרע צע־

---

* לידער פון טאָגבוך. 1974־1976. פאַרלאַג די גאָלדענע קייט. תּל־אָבֿיבֿ, 1977. 77 זז׳

זונגענקייט קעגן צײַט, אין אַלע צײַטן, וואָס האָט געפּלייצט מיט פּאָעטישן שײַן און געמאַכט זײַן ליד אַרויפפּליִען צו אַ פּאָעזיע־רוים וואָס הייסט מאָרגן.
דאָס איז געווען די שליחות פון יונגן ייִדישן פּאָעט, וואָס האָט זיך געריסן צו שטײַגן מיט דער צײַט, די צײַט וואָס פאַר אים איז זי תּמיד געווען נײַ. איז ער געוואָרן דער מוזיק־מײַסטער פון ייִדישער פּאָעזיע, וואָס האָט אַרײַנגעשפּילט נײַע ייִדיש־קלאַנגען אין אירע פאַרעלטערטע פאָלקס־אויערן. זײַנע ווערטער און פאַרבן האָבן געקוואָלט ווי אַ מזל־ברכהדיקער רעגן. די מיליע: קאָסמאָס. און טאַקע דער אַ קאָסמאָס־חוש, האָט סוצקעווערס געזאַנג אַרײַנגעשטראָמיקט אין דער טיף פון אַ נײַער צײַט. ער האָט אויפגעראָלט דעם מאָרגן פון דער ייִדישער פּאָעזיע.

ב

מיט סוצקעווערס ליד הייבט זיך אָן אַ נײַע ערע אין דער ייִדישער פּאָעזיע. כּדי אָפּשאַצן זײַן פּאָעטישן גאַנג און באַטײַט, דאַרף ער געזען ווערן ווי דער אָנהייבער פון אַ תּקופה, זײַן תּקופה. מיט דער מאָס פון דער תּקופה, וואָס ער האָט דורכגעשפּאַנט, דאַרף מען מעסטן זײַן דיכטונג, איר וויטאַליטעט און פּאָרויסיקייט. אַ דיכטער פון סוצקעווערס קאַליבער און טעמפּעראַמענט קען ניט פּלוצלינג שטיין בלײַבן. אַ גײַס־טיקער אומרו און אינטעלעקטועלע זוכערישקייט טרײַבט אים כּסדר צו נײַע דער־גרייכונגען און צו נײַע געפינסן. אויף דעם דיכטערישן גורל־אָנגעצייכנטן וועג איז זײַן לעצטער דערגרייך דער דרײַ־יאָריקער ציקל: לידער פון טאָגבוך.
די הויפּט־מעלה פון די לידער איז, וואָס זיי זענען אַלשפּראַכיק־ייִדיש, דאָס מיינט: אַ מין אוניווערסאַלער געזאַנג וואָס רעדט מיטן ייִדישן וואָרט, אָבער אין תּוך איז עס אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע ליד. אַזאַ ליד דאַרף מען, פאַר זיך אַליין, איבער־זעצן אויף ייִדיש, אויב מען וויל באַנעמען זײַן טיפערן זינען. מיט „איבערזעצן" זענען מיר ניט אויסן בלויז אַ פּירוש אויף פּסיכאָלאָגישע שײַכותן פון דיכטער צו זײַן ליד, צי סתּם קלוגע המצאות און אַנדערע פּאָעטישע עפעקטן, נאָר בעיקר: געפינען דעם שליסל צו די געדאַנקען און סוגעסטיעס, וואָס סיגנאַליזירן צו דעם אייביק־לעבעדיקן קאָסמישן מאָרגן. דאָס מיינט: אַרויסשיילן דעם אינעווייניקסטן קערן פון בילד און סימבאָל, וואָס דער דיכטער האָט אַרײַנגעהויכט ווי די נשמה פון ליד — די פונקען וואָס מאַכן דאָס ליד לויכטיק און ליכטיק.
פּאָעזיע־פאַרליבטע קענען זיך באַנוגענען מיטן עסטעטישן געבנוס, וואָס עס פאַרשאַפט דאָס שפּאַצירן איבערן פּייסאַזש פון די אַרכיטעקטאָניש־מוזיקאַלישע פעדזן, אָבער פון דער פּערספּעקטיוו איז שווערער אויפצוכאַפּן, ווי דער דיכטער ראַנגלט זיך, מיט חכמה, מיט דער צײַט. די צײַט, וואָס קײַקלט זיך איבער אונדזערע קעפּ מיט דער זעלבער געזעצמעסיקייט ווי איבער דעם אָדלער, דעם לייב און דעם וואָרעם, וויל דער דיכטער פאַנגען און זי אײַנשפּאַנען אין זײַן מוזע, זי פאַרוואַנדלען אין קינסטלערישן נצח. דאָס גײַסטיקע, דאָס מענטשלעך־העכערע, וויל מיט פאַרשטאַנד, מיט געפיל, מיט אינטעלעקט, אַריבערשפּרינגען פון זײַן פיזישער צײַט אין דער אייביק קאָסמישער צײַט, און אַזוי אַרום בלײַבן אומפאַרגייִיק. אויף אַ ליטעראַרישן זשאַרגאָן וועט עס הייסן: אַרײַנגיין

אין פאַנטעזאָן פון די אייביקע גײַסטיקע שפּערס. און טאַקע דאָ, אויף דער כּלומרשטער שוועל פון אייביקייט, קומען אויף די אייביקע ספקות, וואָס האָבן תּמיד געגריזשעט און גריזשען, אפשר, הײַנט נאָך שטאַרקער דעם זוכערישן גײַסט פון מענטש. ניט נאָר בײַם אַלטן חכם מכּל אָדם, קהלת, נײַערט די מאָדערנע וויסנשאַפט פאַרשטאַרקט אַוודאי נאָך מער דאָס געפיל פון הבל־הבלים, ווי אין די פאַרצײַטיקע טעג פון תּמימותדיקע גלייבער. אָבער ווען מע באַרירט מיט אויג־און־ליפּ סוצקעווערס אַ ליד, פילט מען דעם פולס פון אַ כּמו־איבערצײַט. ס'איז אַ צײַט וואָס באַוועגט זיך ניט אין קרײַזן און גרענעצן, אין חדשים און יאָרן, נאָר זי איז פאַראַנקערט אין דעם צוויבער־און־שוידער, אין דער קילקייט און שטילקייט פון פּאָעטישע שורות. קלוגע מעלאַנכאָלישע און פלאַטערדיקע אמונה קלאַפּן אויף די צווײ און צוואַנציק קלאַנגיקע קלאַווישן פון יידישן אות. די ווערטער צאַפּלען, ווי פייגעלעך, הינטער אַ נעץ פון געמיט־און־געדאַנק. ניט איין מאָל פילן מיר ווי דער דיכטער האָט אויסגעשאַרפט זײַן געדאַנק ביז אויף דער דינקייט פון אַ האָר. אפשר איז דאָס אַ נײַער קאָסמישער געדאַנק, וואָס סוצקעווער טוט מיט אים אָפּט אַ בליץ אין זײַנע לידער, אַ געדאַנק, וווּ אַלץ אין אים איז ביז אויף דאָס מינדסטע אויסגעוואָגן, פאַר דעם אויפהאַלט און קיום פון אונדזער גײַסט. במילא איז דאָס וואָרט און דער געדאַנק אויך קיום היקום, ווו חומר און רוח זענען געבונדן אין זייערע שײַכותן. אַזאַ איז אויך די פאָרמל פאַר דעם צוזאַמענהאַלט פון גוף און נשמה, געזאַנג און וואָרט, מענטש און נאַטור:

און זײַ אַ ווײַלינקע אַלטמאָדיש (ביסט געגוג מאָדערן)
און לייען פאַרן גראָז דײַן מענטשלעך ליד, אַז נאָכן הערן
צוזאַמענגראָזן זאָלט איר זיך אין גרינער פרייד ביחידות
און בלײַבן זאָל אַ סוד פאַר יידן, וואָס איז פאַר אַ ליד עס.
(דאַרטן, ז' 68)

איז אויב צוזאַמענגראָזן זיך איז מיגלעך, איז אויך מיגלעך די גאַנצע גאַמע פון פאַרוואַנדלונגען, אין וועלכע סוצקעווער זעט זײַן איינציקע שליחות:

פון ביימער מאַכט מען וווּנדערלעך פּאַפּיר. און איך — ס'פּאַרקערטע:
פּאַפּיר פאַרוואַנדל איך אין ביימער, אין דעם בוים פון לעבן.
איך וועל זיך צוזואָרצלען צו אים, ביז וואַנען עס וועט אויפגיין
ס'געזאַנג פון זײַנע פייגל.

זיי וועלן זיך צעבליען און אַרויסבלאָזן די ערשטע
געבענטשטע קלאַנגען; אומפאַרבײַטלעך, איינציק איז מײַן שליחות:
פאַרוואַנדלען די פאַרוואַנדלונגען אין זייער ערשטן מקור,
פאַרוואַנדלען זיך אַליין אין פראָטאָפּלאַזם פון מײַן חלום.
(דאַרטן, ז' 65)

און ער וויל "היטן די פאַרוואַנדלונגען", כּדי שפּעטער — "מײַן קומענדיקער יורש", —

דער קאָסמישער פּאָעט, זאָל קאָנען זוכן און געפינען —
און מײַן געביין זאָל שמייכלען.
(דאָרטן, ז׳ 65)

אין דער ייִדישער פּאָעזיע איז סוצקעווער אפשר דער בולטסטער מוסטער פון זוכע־נישן, געפינענישן און וווּנדערלעכע ליד־פּאַרוואַנדלונגען. ער האָט ניט צו רו געלאָזט דאָס ליד, ביז ער האָט עס ניט דערפירט צו אַ שאַרפן ווענדפּונקט, צו פאַרוואַנדלונג. די לעצטע ביכער זײַנע, בפרט אָט דאָס קליינע ספרל, לידער פון טאָגבוך, האָבן אַלץ גרונטיקער און דינאַמישער פאַרוואַנדלט סוצקעווערס פּאַפּיר־געזאַנג אין אָרגאַניש־ביימערישער שירה, על־פּי זײַן פאָרמל. סוצקעווערס לאַנגער און פּרוכטיקער וועג ציט זיך פון זײַן ווילנע־היים ביז זײַן ישׂראל־היים, תּל־אָבֿיבֿ, וואָס איז באַצירט מיט דער גרינער אַלעע פון זײַנע זינגעוודיקעביימער — די גראַנדיעזע ביכער־היימען פאַר זײַן ליד:

פון ביכער־טאָוולען צוויי און צוויי, געאָרעמט און געווינקלט,
כ׳האָב אייגנהאַנטיק, אייגנהאַרציק אויסגעבויט אַ קאַמער
פון אומבאַקאַנטע ווערטער, קוים באַלויכטן און באַשפּרינקלט,
און אויסער דעם רשות פון טויזנטאויגיקן פאַרסמער.
(דאָרטן, ז׳ 30)

אין סוצקעווערס געזאַנג־אינסטרומענט איז די לירישע סטרונע פאַר די לעצטע יאָרן אַ ביסל פרײַער, אָבער דערפאַר איז געשפּאַנטער און שאַרפער געוואָרן דער קלאַנג פון מחשבֿה. אין די בילדער, וואָס זענען אויך געוואָרן צימצומדיק־געדיכטער, דער־גייט דער געדאַנק אין טייל ערטער ביז אַ מין היפּער־אינטעלעקטואַליזם. צי עס איז אַ שורה, צי אַפילו בלויז אַן איינציק וואָרט, איז עס אָבער דער קאָמבינאַציע־שליסל וואָס עפנט תּמיד אַ טיר צו פאַרבאָרגענע אַסאָציאַציעס און טשיקאַווע געדאַנקען. אָט, למשל אַזאַ שורה: "אַ קאָסמישע הערצ׳יק דערלאָזט ניט אונדזער אומקום". איז עס ניט נאָר גוט און שיין געזאָגט, נײַערט דאָס איינציקע וואָרט הערצ׳יק, איז דער שליסל צו אַלע שײַכותן פון אייביקייט: געטלעכקייט און קיום, גײַסט און גלויבן — ס׳איז דער קאָסמישער גלויבן וואָס דערלאָזט ניט צו חורבן־היקום און חורבן־המענטש. עס איז די הערצ׳יק פון אַן אַבסאָלוטן עפּעס, וואָס גיט אַ זינען אונדזער לעבן און פילט אָן מיט גלויבן און אינהאַלט אונדזער זײַן, אונדזער עקסיסטענץ.
דאָס איז דער טיפער עיקר פון זײַנע טאָגבוך־לידער. דער גײַסטיק־פּאָעטישער וואַנדל פון סוצקעווערן אין די נצח־ספערעס פון קאָסמאָס, איז, מסתּמא, דער פּראָפילאַקטישער סם־החיים קעגן סם־המוות, דער לעבן־עסענץ וואָס נערט מיט חכמה די יאָרן.

גוט איז דער אַני־מאמין בבֿיאת הגעזאַלבטן קאָסמישן פּאָעט, ווי סוצקעווער זאָגט עס אָן אין זײַן ליד. ס'איז דער גלויבן אין וואַנדלונג צום העכערן אין דער פּאָעזיע, ווי אין אַלע אַנדערע פעלדער פון קונסט. דורך פאַרשיידענע קלאַנג־וואַריאַציעס פון וואָרט וויל סוצקעווער אַרויסרופן דעם קאָסמישן פּאָעט, אַרויסאַנטפּלעקן זײַן געשטאַלט, כּדי די קלאַנגען, זאָלן ווי די זון, וואָס באַשטראַלט מיט ליכט און לעבן דעם קאָסמאָס, ניט פאַרגיין. אין דעם זעט ער די נצח־שליחות פון ליד. דאָס איז אפשר די סיבה, וואָס זײַנע לידער גייען כּסדר אויף מיט אויפגעפרישטער יונגשאַפט. אפשר איז שוין אין זיי פאַראַן טראַפּנס פון דעם אַ קאָסמישן תּמצית. באַטראַכטנדיק סוצקעווערס אַנגעשטרענגטע זוכענישן צו דערגיין צו שלמות, איז נאָך אַלץ גילטיק, אויך פאַר אים, די האַרבע שאלה: צי פירט טאַקע זײַן פאַרטיפט געזאַנג צום אַבסאָלוטן וואָרט אין פּאָעזיע, און פון וואָרט — צו אייביקייט. אַוודאי קען קיין ייִדישער פּאָעט, אַפילו ניט אַ וועלט־באַרימטער גויִשער, ניט אַנשרײַבן דעם ר ע צ ע פּ ט פאַר זײַן פּאָעזיע־אייביקייט. און בײַ יעדן פּאָעט מוז אויפקומען, ווי בײַ יעדן שטאַרביקן, די גורלדיק־צעשמעטערנדיקע פראַגע: זײַן אָ ד ע ר נ י ט ז ײַ ן. דאָ קאָן אפשר גילטן סוצקעווערס כּמו־נבֿיאישער פאַרויסזאָג פון אומדעפינירטן קאָסמישן פּאָעט, עלעהיי אַ פּאָעטישער אליהו הנבֿיא וואָס וועט מתרץ זײַן אַלע דיכטערישע פילאָסאָפישע קשיות...

דרײַ מדרגות זענען פאַראַן אין דעם זײַן־ניט־זײַן פון אַ פּאָעט: דאָס פילן דעם פּאָטאַליסטישן אומזײַן — וואָס דערשלאָגט; דער ספק — וואָס האַלט אים איבערן תּהום; און דער זײַן־גלויבן — וואָס דערהייכט און דערלייזט. אין דעם זינען געהערט סוצקעווער צו דער דערהייבנדיקער מדרגה — אַ פּאָעט וואָס פליט איבער די וואָלקנס, אין די הימלען, אין קאָסמאָס, כּדי צו געפינען דעם אולטימאַטיוון וואָרט — אַ פּאָעט מיט גלויבן, וואָס טראַכט פּאָזיטיוו. אַזאַ פּאָעט, ווערט זײַן עלטער דערפרישט מיט חכמה, לויט דער תּלמודישער מימרא: תּלמידי־חכמים כּל זמן שמזקינים חכמה נתוספת בהם.

אַזוי פילט און דערפילט סוצקעווער זײַן שליחות, ווי אַ פּאָעט, אין אונדזער גאַלאָפּירנדיקער צײַט. זעט עס אויס, ווי די צײַט וואָלט זיך אַרויסגעגליטשט פון איר אײַנגעשלאָסענעם ציקל, און מיט דעם אַרויסגליטש אויפגעטרייסלט אַ היפּש ביסל די פּאָעזיע־קונסט, ווי אויך אַנדערע קונסטן. דעריבער וויל סוצקעווער די אומסופיקע צײַט פונאַנדערבינדן אין אירע יסוד־איינסן, די רגעס ווי די אָטעמען, וואָס ביידע זענען זיי פּשוט און צו גלײַכער צײַט פירן זיי אַ שטאָפּל נענטער צו שלמות:

דעם בוים געבוירט אַ קערן, דער בוים געבוירט אַ פידל
און דו געבוירסט מײַן שטערן, די נאַכט זאָל זײַן אַן אמת.
דער זינגעוודיקער צאַפּל פון שווײַגנס צווייִ אין איינעם
דערנענטערט מיר אַ שטאָפּל צו זיך אַליין, צו שלמות.
דער וווּנדער־אָן־אַ־נאָמען דערציילט פון זײַנע מעשׂים,
דאָס לשון פון אָטאָמען איז פּשוט ווי אַ פּאַלקסליד.
(דאַרטן, ז' 70)

אָבער דאָס לשון פון היינטיקער צייט איז פּאַרט אַ לשון פון אַטאָמען, אַ לשון אַן איי־ליקער, מיט טעכנישע טערמינען. לטובֿה אָדער לרעה, פאַר דעם מענטשן, ווערן אָבער אַלץ איינס אין אים פאַרשלונגען די רגעס צייט. דער מענטש באַוויַזט זיי ניט צו ציילן, ווער רעדט נאָך פון האָבן צייט צו טראַכטן, איבערמאָלן די רגע אין מיל־מוח, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז איין משוגע־געוואָרענער געיאָג.

ד

סוצקעווערס קאָנצעפּט איז אָבער אַ רגע־באַדאַכטער, ווייל דאָס לעבן באַשטייט פון איינ־ציקע, טייערע רגעס, וואָס באַוועגן דאָס לעבעדיקע ווען ווי דער אַטאָם. ער באַנעמט זי, די רגע, יעדע רגע פון באַשאַף, די רגע, פון מענטש, וואָס פאַרשווינדט, ווי אַ געשאַנק פון לעבן צום לעבן. אָט ווי ער פאָרמולירט עס אין פיר שורות, באַזוניקטע מיט פאָ־עטישער סימבאָליק:

דיין רגע איין־און־איינציקע, די פּרי וואָס איז אָקערשט
אַראָפּגעפאַלן פונעם עץ־החיים און זי הויערט
נאָך וואָרעם־צאַפּלדיק אין גראָז און פול מיט זאַפט, איז ווייטער
פון אירע שוועסטער אין אַ גוזמא ליכטיאָרן אַרום.
(דאָרטן, ז' 10)

ווען ניט די מעטאַפאָריש־סימבאָלישע עלעמענטן, איז עס די ראַציאָנעלסטע פּאָעזיע פון איר מין. די טרעפיקסטע דימענסיע צו ליכטיאָרן איז אַוודאי די ליכט־רגע — דער אַטאָם פון צייט. און די רגע, אינעם ליכטיאָרן־אויסמעסט, איז סוצקעווערן נאָענט צום האַרצן בעתן פּראָצעס פון שאַפן; זי איז אינטים־היימיש און ״וואָרעם־צאַפּלדיק״. ווייל ער געפינען אַ פּירוש, אַ פאַרענטפער פאַר דער רגע וואָס ווערט פאַרלוירן, וואָרעם זי, ״די רגע איז דאָך דיינע, דיינע, ביסט איר עץ־החיים: / אַליין זי אויסגעוואָרעמט האָסטו אין געבליט״, און זי, די לייבלעכע רגע אַנטלויפט, אַנטרינט: ״אַראָפּגעפאַלן איז די רגע און, אַ שאָד, אויף אייביק״. קענסט איר שוין אַפילו ״אַ צערטל״ ניט טאָן. זוכט סוצקעווער דעם זינען פון דעם ציטעריקן צייטאויסריין. ער מיינט: ״מסתמא איז געווען אַ קליינער פּגם אין דער יצירה״. איז דאָך אַזאַ פּגימה אַן אַבסאָלוטע פאַר דער גאַנצער פיזישער יצירה, אויב יצירה איז אַלץ, גייסט און מאַטעריע, וואָס ווערן גע־בוירן: דער מענטש, דער בוים און זיינע פּרות, אויך דער געדאַנק, וואָס איז אַן התגלות פון מוח־און־געמיט. דעריבער זעט סוצקעווער זיין שעפערישע שליחות, אין מתקן זיין מיט וואָרט אַלץ וואָס איז פּוגם דאָס געבוירנדיקע לעבן — און דאָס טוט ער אין זיינע לידער פון טאָגבוך.

אפשר אין דער שאלה צום ״חכם״: ״אַלמאַי דעם בוים איז ניט באַשערט זיין פּרי צו פאַרזוכן״, איז שוין פאַראַן די תשובה: די סופּערקראַפט פון מענטשלעכן געניוס — דער יתרון האדם מן הבוים, דעם יוצר־הבוים, דעם קערן־פלאַנצער, וואָס אים איז יע ״באַשערט״ זיין ווערק ״צו פאַרזוכן״. סוצקעווער האָט זיינע לידער געבוירן און געהאַט הנאה פון ״פאַרזוכן״ זיי — דאָס איז זיין לוין!

אויב אַ פּאָעט, ובפרט אַ מאָדערנער פּאָעט, איז היינט באַרופן צו אַ שליחות, איז עס נאָך אַלץ דאָס הומאַניטאַרע און אינטעלעקטועלע וואָרט, וואָס דאַרף אַריינדרינגען אין די הערצער און נשמות פון זיינע לייענער. אין אַ וועלט, וואָס ממש פּאַר אונדזערע אויגן שפּרינגט זי איבער מיט אומגעווייגלעכער שנעלקייט גאַנצע עפּאָכעס, מעג אַ יידישער פּאָעט, מיט מאָראַלישע און עטישע קרעדאָס, אַ ר ג ע שטיין בלייבן אין געטומל פון דער גאַלאָפּירנדיקער צייט. היינטצייטיקער וויסן און טעכנאָלאָגיע זיפּט זיך במילא דורך דורך דער מאָדערנער פּאָעזיע. אויך אין לירישע לידער איז ניט בלויז דער איך, דער צענטער, אַרום וועלכן עס אַרבעטירן געפילן און שטימונגען. אָבער אין סוצקעווערס לידער איז, חוץ א י ך, נאָך פאַראַן אַן אייביקייט, ליכטיאָרן, אַ קאָסמאָס, אַרום וועלכע ס׳קרייזט זיין זוכערישער גייסט. מיר האָבן עס געפילט גאַנץ שטאַרק אין אַ ל ע זיינע לידער, און מיט נאָך מער פּאַרטיפונג אין די לידער פון טאָגבוך.

די באַרירפּונקטן פון גייסטיקער און פּראַקטישער אייביקייט זענען אפשר היינט נענטער איינס צו אַנאַנדער ווי ווען עס איז אין דער ציוויליזירטער געשיכטע. דאָס איז אויך דער זינען פון דער סוצקעווערישער פּאָעזיע, וואָס פּרוווט רעסטאַווּרירן און אויפליכטיקן ״דיין רגע איין־און־איינציקע״ און אַליין, ווי שוין געזאָגט, פאַרזוכט ער מיט אַ פול מויל די פּרוכט פון זיין שאַפן. מיר קענען ניט מעסטן א י י ב י ק י י ט מיט די רעלאַטיווע באַגריפן פון מענטשנס מאָס, איז ביי סוצקעווערן פאַראַן די מאָס פון שעפערישער וויזיע, דאָס אַריינבליקן אין אַנדערע באַגריפן מיטן אויג פון דער נשמה — דאָס טוט סוצקעווער אין זיינע טאָגבוך־לידער, ער שפּאַצירט אַריין אין אַ יונגער גייסטיקער ערע וואָס שפּרייט זיך איבער דעם באַריער פון צייט, ווו רגעס באַוועגן זיך אומאויפהעריק. מיר קענען ניט פּאַרויסזאָגן ווער וועט דאָס געווינען מיט דער צייט געווינען — דער פּאַרצייטיקער נביא, דער היינטיקער פּאָעט, צי אַפשר גאָר דער דיפּלאָמאַט ? איינס איז אָבער זיכער, אַז אַזאַ געווינט גייט אָן, אויב אַפילו ער קומט פּאָר אויף אַן אומזעעוודיקער בינע — און אויך אונדזער סוצקעווער איז ״פאַרוויקלט אין דער בלוטלאָזער שלאַכט״, ווי אַ יידישער פּאָעט. שווער איז דאָס פּאַרויסזאָגן ווי לאַנג דער דאָזיקער ״ניט פּראָקלאַמירטער קריג״ וועט דויערן, און נאָך שווערער — ווער וועט זיין דער זיגער. אין אונדזער צייט פּרעסט אויפן פּעדאַל פון דער צייט, מיט אַ מעכטיקן דרוק, די קאַלט־צורהדיקע דיפּלאָמאַטיע. אפשר איז אין דעם דער ״פּגם אין דער יצירה״. אָבער ניט געקוקט אויף דעם קען סיי ווי ניט די צייט אָפּשטעלן דאָס וווּנדערלעכע געזאַנג פון די סוצקעווערס, ווייל זיי אַליין זענען דער קאָסמישער ווונדער פון וואָרט — זיי לעבן אין וואָרט וואָס לעבט אין זיי.

ה

אין פּאַרמעסט מיט דער צייט איז גייסט, רוחניות, דער לאָגישסטער און קליגסטער ענטפער, תמיד איז עס געווען — דער פּלי פון מענטש. האָט טאַקע דער מענטש, דער אייביקער סקעפּטיקער, געפרעגט די הבל־הבלימדיקע שאלה — אפשר אין אַן אַנדער פילאָסאָפישער באַדאַכטקייט, ווי סוצקעווער פרעגט עס היינט: ״ווער וועט בלייבן, וואָס וועט בלייבן? ״ אין די צוועלף שורות פון ליד — דריי פיר־שורהדיקע סטראָפעס

— איז דער אוניווערסאַלער חשבון פאַרסך־הכּלט און פאַררונדיקט. די בילדער וואַקסן־אַן און שטײַגערן זיך ביז אַ קלימאַקס. און באמת, וואָס קען שוין בלײַבן פאַר דעם פאַרגייענדיקן מענטשן נאָך אַלע אייביקע איבערבלײַבענישן אין דער נאַטור: "בלײַבן וועט — — אַ שנירל שוים — — אַ וואָלקנדל פאַרטשעפּעט אויף אַ בוים. — — בלײַבן וועט אַ טראַף — — בלײַבן וועט אַ פידלרויז לכּבֿוד זיך אַליין — — בלײַבן וועט דער שטערן וואָס ער פאַלט אין סאַמע טרער". אָבער אין דער אייביקייט פון קאָסמאָס איז נאָך פאַראַן גרעסער און מאַכטיקער פון דעם אַלעם: איז — טאַקע —

ווער וועט בלײַבן? גאָט וועט בלײַבן, איז דיר ניט גענוג?
(דאָרטן, ז׳ 16)

יע, גענוג און איבערגענוג פאַר דעם מאָדערנעם מענטש. אין דעם אַ ביסל סאַרקאַסטישן אויסקלאַנג, "איז דיר ניט גענוג?", ליגט אפשר דער ענטפער צום מאָדערנעם צײַטפאַרמעסט, ווען דער מענטש איז איבערגעזעטיקט מיט די סאַמע פאַנטאַסטישע טעכנישע ווונדער פון ליכט, קלאַנג און וויזיע. גאָט וועט בלײַבן — דער עכאָ פון די דרײַ ווערטער טוט נאָך דעם אַ לאַנגע צײַט רעזאָנירן אין אונדזער האַרץ און מוח. ס׳איז אפשר דער אַטאַוויסטישער אורקלאַנג פון ווײַטע דורות. דערפאַר זענען אַזעלכע נײַע לידער — מיט זייער ריטעם, שפּראַך, געשליף — אַלט ווי גאָט, דעם מענטשנס, און ווי גאָטס נאַטור. האָט דאָך סוצקעווער אַליין געזאָגט, אַז "דאָס לשון פון אָטעמען איז פּשוט ווי אַ פאַלקסליד", און דאָס נײַע קאָסמישע ליד, וואָס זאָל אויך זײַן אין לשון פון אָטעמען, — וואָרט־ צי אות־אָטעמען, — אין וועלכער דער פּרימיטיווער אורמענטש האָט אויסגעברומט זײַן ערשט ליד — אפשר איז עס געווען אַ תּפילה צו אַ גאָט וואָס ער האָט אים נאָך ניט דערקענט...

אַזוי פּרוווט סוצקעווער אַרויסגרונטעווען די גײַסטיקע פלאָסטן פון שעפערישע אַלטע לעבצונגען און עס צוזאַמענגיסן אין אים אַליין מיט דאָס מאָרגנדיקע, טיף־יורנדיקע. אין יעדן נײַעם ליד ווערט דער פאַרמעסט, וואָס ווײַטער און העכער, אַלץ טיפער אין זיך, אין דער אייגענער נשמה. ער צעאַקערט אין זײַנע אינעווייניקייטן אַ נײַעם ייִדיש־באָדן, כּדי אַרויסצובריינגען ווערטער פון זייערע פאַרבאַרגענישן. ער דערזעט דאָס אַלטע, די אייביקייט, גאָט, אין באַנײַטע אימאַזשן, סימבאָלן און מעטאַפאָרן, וואָס זייער סוד איז נאָך פאַרשלייערט אין דעם איין ציל: אַריבעריאָגן די צײַט און ווערן מ אָ ר ג נ ־ ד י ק. אַ מ אָ ר ג ן פון דיכטערס אייביקייט. אַ מאָרגן וואָס איז יום־טובֿ פון ליד. אַלע לידער וואָס סוצקעווער האָט אויסגעמײַסטערט מאַניפעסטירן דעם מ אָ ר ג ן פון דער ייִדישער פּאָעזיע. אויב ס׳וועט איין מאָל מקוים ווערן די זעונג וועגן קאָסמישן פּאָעט־יורש, וועט קיינעם ניט ווונדערן אַז מלאכים וועלן שפּילן סוצקעווערס לידער אויף זייערע פליטן... סוצקעווערס לידער פון טאָגבוך זענען געבענטשט מיט אַ שפע גײַסט און אינטעלעקט, אַז עס בלײַבט נאָך אַ סך מפרש צו זײַן.

זײַן "קאַמער פון אומבאַקאַנטע ווערטער" איז די קאַמער וואָס באַשיצט זײַן לידער־אוצר, וואָס באַשירעמט זײַן קינסטלערישע גערעטעניש און מאַכט עס אימון קעגן דעם זשאַווער פון צײַט — זײַן איבערצײַטיקע ליד געהערט צו דעם מאָרגן פון פּאָעזיע.

# דאָרטן ווּ עס נעכטיקן די שטערן *

## סוצקעווערס אוניקאַלע דערציילונגען

**א**

אַבֿרהם סוצקעווער לאָזט זיך ניט אַרײַנפּאַסן אין דער ראָם פֿון בעלעטריסטיק, על־פּי דעם אָנגענומענעם באַגריף פֿונעם דאָזיקן וואָרט. ער איז אַ דערציילער פֿון גאָר אַן אַנדער גראַדאַציע — אַזאַ איינער וואָס האָט אַנטדעקט זײַן אייגענע פֿאָרמל, ווי צו מישן פֿאַנטאַזיע מיט רעאַליטעט און פֿון דעם סינטעטישן מאַטעריאַל באַשאַפֿן באַזונדעראַרטיקע וועלטן. און יעדע מעשׂה איז טאַקע אַ וועלט פֿון צוזאַמענגעפּרעסטער פֿאַרדמיונטער טעמאַטיק, ווּ לאָגיק און אומלאָגיק ווערן צו איין גאַנצקייט באַהעפֿט, ווי די קערנער אין אַטאָם. אין דעם זינען איז סוצקעווער אַ שעפֿערישער יחיד־במינו, — דער פֿאַרבלאָנדזשעטער פּאָעט אין אַ וועלט פֿון מיסטיש־קאָנקרעטע קאַטעגאָריעס, — און אוניקאַל זענען זײַנע דערציילונגען. עס איז ווײַט, ווי מיזרח פֿון מערבֿ, פֿון די פֿיקציע־ליטעראַטור וואָס פֿאַרפֿלייצט הײַנט די ביכער־מערק. סוצקעווערס קליינע דערציילונגען וואַקסן אויס אין זייער תּמציתדיקייט, צו דער גרייס וואָס מאַכט זיי היפּערצײַטיק, אַריבער זייער הײַנטיקער צײַט.

סוצקעווער, ווי אַ דערציילער, פֿאַרנעמט זיך מיטן ממשותדיקן אָביעקט פֿון ייִדישן חורבן. די דאָזיקע הריגה־וועלט איז אים ניט פֿרעמד, און אירע פּערסאָנאַזשן — ניט אומעקסיסטירנדיקע אינדיווידן, וואָס זייער צווייטער קיום ווערט פֿון ס׳בנײַ באַשאַפֿן דורך זײַן פּראָזעקונסט. מיט וווּנדערלעכער אימאַזשינאַציע שילדערט ער טיפֿן און כאַראַקטערן פֿון געטאָ. מיט אַ שאַרף אויג, פֿון אייגענעם נסיון און פּערזענלעכע איבערלעבונגען, פֿאַרצייכנט ער זייערע האַרץ־ און נשמה־ ריסן — און ס׳קומט פֿאָר ווי אַן אומערדישע איראַציאָנעלע קראַפֿט באַוועגט מיט ווידער־אויפֿלעב די אומקומוועלט. פֿון יענער וועלט ברענגט ער זײַנע פּערסאָנאַזשן.

פֿון די חורבֿעס פֿון דער צעחרובֿטער וועלט האָט סוצקעווער אַרויסגעקליבן יחיד־געשטאַלטן, אָבער כּדי זיי קלאָרער דערזען און בעסער פֿאַרשטיין מוז מען זיך טיפֿער אַרײַנפֿילן אין תּוך פֿון די דאָזיקע מעטאַפֿיזיש־פֿאַנטאַסטישע אויסטערלישע מעשׂיות. און אויסטערליש זענען די מעשׂיות און אַלץ וואָס קומט פֿאָר אין זיי און אַרום זיי, אויף אַ הינטערגרונט פֿון לעבעדיק־טויטע געשעענישן. וואָרעם דער עיקר איז ניט אינעם אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקן סוזשעט, די געשיכטע גופֿא, נײַערט אין שאָטן־פֿאַרכאַפּנדיקן מיסטיציזם פֿון וואָר און אומוואָר. אַנשטאָט אַ גרויליקע מאַסן־סצענע דערזעען מיר אַ מענטשן און זײַן סבֿיבֿה אין זייער דעפֿאָרמירטער אַנדערשקייט, ווּ די

---

* דאָרטן ווּ עס נעכטיקן די שטערן: דערציילונגען. 1975־1978. צייכענונגען — יאַני פֿײַן. פֿאַרלאַג ישׂראל־בוך, תּל־אָבֿיבֿ, 1979. 149 זז׳.

פּסיכאָלאָגישע קאָמפּלעקסן זענען פֿאַרוויקלט אין אַנאָמאַלע קראַמפּענישן, און זײַן פֿאַרשאַרפֿטע אינטויִציע איז ווי בײַ אַ שפּיר־חיה. דאָ פֿילן מיר באַשײַמפּערלעך די קאַטאַקליסטישע ערע, אין וועלכער ס׳קען מער ניט גילטיק זײַן די אַלטע קאָנווענציאָנעלע שיטה פֿון שרײַבן מעשׂיות — און סוצקעווער האָט עס דערפֿילט און געפֿונען אַן אַנדער וועג, אַנדערע מיטלען, אַן אַנדער סטיל.
די דערציילונגען זענען נאָוועלאַריש און מיט גרונטיקער אַנדערשקייט געשריבן. די קורץ־צוגעשניטענע קאָנסטרוקציע, שטעלט זיי גלײַך אַוועק אין אַן אייגנאַרטיקער קאַטעגאָריע, ווי אַ באַזונדערש ספּעציעלע דימענסיע פֿון דער בעלעטריסטישער קונסט. יעדע דערציילונג שפּילט זיך אָפּ אויף אַ פּאַן, אויף וועלכן עס רעפֿלעקטירן בילדער פֿון אַ שאָטנוועלט, מיט אומגעווייִנלעכע געמיט־קאָלירן, וואָס שטײַגערט זיך צו אַן אינעווייניקסטן קלימאַקס. פֿון דער ערשטער שורה פֿילט מען שוין דעם וווקס און דעם שווּנג, ווי מיר וואָלטן זיך הייבן אויף אַ מין ספּיראַלע טרעפּ פֿון אַ צעוואַקלטן טורעם, וואָס מיר רופֿן חורבן, אָדער אויפֿן ענגלישן יידיש: האָלאָקאָסט.

די צוועלף דערציילונגען זענען געמאָסטן און געמײַסטערט מיט דער פֿײַנקייט פֿון מיניאַטור־אָרנאַמענטן, און קאָמפּאָנירט זענען זיי אין אַ ריטעם ווו ס׳לאָזט זיך לײַכט דערקענען דעם לעגיטימען באַשאַפֿער זייערן. די פּלאַסטישע לשון־שיינקייט און די אײַנפֿאַלערישע אַרויסבליצן, זאָגן אונדז גלײַך אויס דעם סוד: נוסח־סוצקעווער. דאָס איז אַ נײַער סאָרט סוצקעוועריזם, מיט אַן אָריגינאַל־עכטער דערציילערישער פּראָבע. און טאַקע מחמת נײַאַרטיקייט — אין דער אַלטערטיקייט פֿון דער אומקום־טעריטאָריע, — בעט זיך עס אויף אַ פּירוש.

ב

וואָס דערציילט אונדז דאָ סוצקעווער? די דאָזיקע שאלה איז לחלוטין ניט קיין סתם רעטאָרישע, נאָר עס מיינט צו זאָגן, אַז פֿאַר דעם דורכשניטלעכן לייענער וועלן סוצקעווערס דערציילונגען, ווי אַזעלכע, אפֿשר ניט זײַן גענוג פֿאַרשטענדיק. אַזאַ לייענער וועט טאַקע אויפֿכאַפּן דעם טאָן, די שטימונג, די אַטמאָספֿער, אָבער ניט דעם קאָנצעפּט און אינטעלעקטועלן מיין פֿון דער צילבאַוווסטער אידעע, וואָס איז פֿאַרקערנט אין זייער עצם תּוך. אין דעם זינען איז סוצקעווערס אַ דערציילונג ניט קיין גלאַטיקער שליטוועג באַרג אַראָפּ, נאָר פּונקט דער היפּוך: יעדע פֿון זײַנע געשיכטעס איז אַ באַרג־אַרויפֿיקע און מע מוז אים נאָכהאַלטן אין געשטײַג ביז צום קלימאַקס. דאָס מיינט: מע מוז זיך אַרײַנטיפֿן אין ראַפֿינירטן אינהאַלט, כּדי אַרויסאַנטפּלעקן דעם קערן און דערבליקן די ניסתּרדיקע כּוונות. סוצקעווער שילדערט די יידישע טויטפּײַן מיט אַ פֿינגער אויף דעם דופּק פֿון דער מענטשלעך־מאָראַלישער טעמפּעראַטור, אין גבֿורה און קדושה. אין קינסטלערישן געמעל קען מען זען דעם ליכט־אויסשטראַל און אויך די טונקעלע פֿלעקן פֿון דער אומקום־עפּאָכע, און אַזוי אַרום באַגרײַפֿן די שטאַרקייט און וואַכקייט פֿון די העלדן וואָס ער לעבט צוריק אויף. ערשט דעמאָלט איז לײַכטער זיך צו דערגרונטעווען צום גײַסט און אינהאַלט פֿון די־אָ אומגעווייִנלעכע סוצקעווער־קרעאַציעס.

אין אײנעם פֿון די פֿריִערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר שוין פֿאַרצײכנט דעם פֿאַקט, אַז דאָס ערשטע שוועלבעלע פֿון אַזאַ פּראָזע־פּאָרעם האָט ער אַרויסגעשיקט, עלעהיי אַ פּרוּוובאַלאָן, ווען איבער זײַן קאָפּ האָבן זיך ערשט גענומען אויסוועלבן די אײגענע פּאָעטישע הימלען און דער בלאָנדער באַגינען האָט געלאָקט מיט אַזוי פֿיל צוהאָגערישע ליכט־קאָלירן — ס'איז געווען דאָס יאָר 1935! אין יענעם בראשית געפֿינען מיר זײַן ערשטע מיניאַטור־דערצײלונג, פֿון בלויז אײן בוכזײַט, דער פֿויגל און די האַנט. די קוים דרײַ צענדלינג שורות פֿאַרמאָגן שוין די קאָנדענסירטע פֿאָרעם און סימבאָלישע עלעמענטן, ווי אַ סיגנאַל פֿאַר דעם זשאַנער וואָס איז צײַטיק געוואָרן אַ סך יאָרן שפּעטער. אין 1953־1954 קומט די באמת ווונדערלעכע סעריע, באַטיטלט גרינער אַקוואַריום. די אַנדערטהאַלבן צענדלינג „קורצע דערצײלונגען" זענען קינסטלעריש געשליפֿענע דימענטן פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, און אַן אָנדײַטער און וועגווײַזער צו די אַלע שפּעטערדיקע סוצקעווערס דערצײלונגען. אַלע די דערצײלונגען דאַרפֿן אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ באַזונדערן אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און ליטעראַטור בכלל. אין זײ האָט סוצקעווער איבערגעשפּרײַזט די ספֿערע פֿון בלויז דערצײלערישקייט, און זײ זענען מער ווי אַ מין נײַער עקספּערימענט אין אַן אײגן אויסגעטראָטענעם וועג. מיט ציטער־סטרונעס פֿון מוח און געמיט האָט זײער מחבר באַרירט די אײביקע מיסטיק פֿון לעבן און טויט, — און די דערצײלונגען זענען בכּוח צו האַלטן עלעקטריזירט יעדן לײענער.

דער כּמו־פֿיזישער הונגער צו עקסיסטענץ, וואָס איז בײַ סוצקעווערס העלדן און מעדיום־געשטאַלטן, געבליבן ווי אַ ירושה פֿון אַ געוועזן לעבן, ציט זיך ווײַטער — און אַזוי גײען זײ דורך דורך אַ פֿאַנטאַסטישער טראַנספֿאָרמאַציע פֿון אַ תּחית־המתים, וואָס ווערט ניט און קען ניט מקוים ווערן. עס איז דער קינסטלערישער תּחית־המתים, אין וועלכן זײ בלײַבן אָפּגעזונדערט און אָפּגעשלאָסן אין זײער חלום־און־קאָשמאַר־וועלט פֿון אומקום און אומקיום.

ג

ווען מיר נעמען, ווי אַ מוסטער, די ערשטע דערצײלונג אין בוך, לופּוס, דערפֿילן מיר ממש גלײַך אין אײנעם אָנהײב, די „מורא פֿאַר אַ בײז קאָסמיש אויג". אין ציטערניש פֿאַרן דרויסן פֿאַרשליסט זיך דער בעל־הסיפּור „אויפֿן העכסטן גאָרן פֿונעם העכסטן מויער אין דער שטאָט". אין דער הערמעטישער אָפּגעשלאָסנקייט ווערט אים פּלוצלינג פֿאַרשטענדיק דאָס געראַנגל און אַנטאַגאָניזם צווישן דער ציוויליזאַציע פֿון דעם נעכטן און דעם הײַנט. אין קורצן כּמו־פֿילאָסאָפֿישן דיאַלאָג צווישן דעם „אַלטפֿרענקישן לעמפּל" און „די גולמעוואַטע עלעקטריע", וואָס סימבאָליזירן דאָס אידיליש־שטילע, און דאָס טויטלעך־ריזיקאַלישע, איז שוין פֿאַראַן דער אָנזאָג פֿון סכּנה פֿון דער פּראָגרעסירנדיקער טעכניק פֿאַרן עצם קיום פֿון וועלט און מענטש. אָבער ער אַלײן, דער ג ײַ ס ט פֿון שרײַבער, הינטער אַ „זיבן מאָל פֿאַרדרײט, און פֿאַרשלאָסן — — געהאַמערטע קופּערנע טיר", פֿאַרמעסט זיך לעבעדיק צו מאַכן אַ וועלט פֿון איר אומדאָיִקייט. דער אומגלײבלעכער תּחית־המתים־עקספּערימענט איז אַ פֿאַנטאַסטישער חושים־אַפּיל,

אין דער שײַן פֿונעם פֿאַרצײַטיקן לעמפּל, וואָס הענגט „אויף אַ קייט פֿון קופּערנע טרערן“ איבער זײַן שרײַבטיש.

אָבער אַנשטאָט אויפֿצולעבן דעם שאָטן פֿון נעכטן, „וואַקלט זיך אַרויס אַ באַשעפֿעניש“ — „פֿונעם יוירנדיקן שפּיגל“ און צעשטערט מיט זײַנע רייד דעם וואַרעמען חלום. לופֿוס יאַוועט זיך מיט אַ וואָרענונג קעגן דעם תּחית־המתים פֿון שאָטנס. זײַן אַרגומענט איז: „— אַלמאַי זאָלסטו מקריבֿ זײַן אַ חלום און וועלן באַשאַפֿן אַ יש־מאַין? — — דער תּחית־המתימניק וועט דיר אָפּצאָלן מיט קלינגענדיקע קללות!“. און לופֿוס האָט נאָך אַ בקשה, אים צו „אַנטלעבן“: „איך גיב דיר מײַן פֿולסטע הסכּמה זאָלסט מיך אַנטלעבן“. נאָך אַ לאַנגן דיאַלאָג, דורכגעוועבט מיט ביאָגראַפֿישע פּרטים, מיט זײַן שפּיגלדיקן מעדיום, מוז דער אײַנגעשלאָסענער איך־דערציילער זיך מודה זײַן: „צו אַנטלעבן איז ניט אין מײַן קינסטלערישן כּוח...“. דעם דאָזיקן סוף־פּסוק קען מען דעשיפֿרירן, על־פּי פּירוש: צו אַ נ ט ש אַ פֿ ן איז ניט דעם קינסטלערס שליחות. די און אַלע אַנדערע פֿאַנטאַסמאַגאָרישע דערציילונגען פֿונעם בוך, זענען געשריבן מיט עכטע חורבן־היעראָגליפֿן, בײַ וועלכע מיר פֿילן דעם ציטער, שטילקייט און פּיעטעט, וואָס זענען אויפֿגעהיט צווישן די שורות.

איינע פֿון די מערקווערדיקסטע דערציילונגען אין דער סעריע, איז די קליינע בוך־טיטל־דערציילונג דאָרטן וווּ עס נעכטיקן די שטערן. די ליבע וואַנדערט דאָ אַרום איבער דעם „אָפּגעזוימערטן פּאַרק“ פֿון געוועזענעם לעבן און זוכט די פֿאַרגאַנגענע שײַן פֿון איר נשמה, וואָס זי האָט אַליין „אויפֿגעפֿרעסן“. אין יענעם גראַנדיעז־משוגענעם חורבן איז אַ פֿאַרליבטע קאַפּאַבל געווען אײַנצושלינגען אין הונגער־דעליר די נשמה פֿון געליבטן. הײַנט, אין איר פֿאַרבענקטן צוריקקום, האָט זי אים שוין מער ניט געקענט דערקענען געשטאַלטיק. דער איינציקער צייכן אין דער אומאויסמעסטיקער שגעון־מיסטעריע איז דער דאָרטן וווּ עס נעכטיקן די שטערן... דאָס איז דער שטעמפּל פֿון דער חורבן־אָרטשאַפֿט פֿון יענעם ווײַטן זונפֿאַרגאַנג. עס איז דער אוניווערסאַלער זונפֿאַרגאַנג פֿון אַ דור, וואָס זײַן קאָסמישע אָרטשאַפֿט איז הײַנט אין נאַכטיקן שטערנלאַנד און פֿאַרזיגלט אין אייביקן קאַלענדאַר פֿון אונדזער צײַט.

אינעם ספּעקטאַקל הינטער „דעם בלוטיקן פֿאָרהאַנג“, וואָס האָט זיך „מגילהדיק“ אַראָפּגעלאָזן, איז די מתים אַפֿילו ניט אײַנגעפֿאַלן „צו וועלן אַפּלאָדירן“. און זיי אַלע, די געליבטע און פֿאַרליבטע פֿון דער געוועזענער וועלט „דרייען זיך ווײַטער אויפֿן שאָטן־קאַרוסעל אַרום דעם איינציקן בוים“, וווּ עס איז סוצקעווערן געראָטן זיי מחיה־מתים צו זײַן. ער האָט אַרויסגעצאַפּלט פֿון דער פֿאַרגאַנגענער צײַט איר צײַט־לעגענדע, און פֿון זײַן געמיט — די ייִדן־שאָטנס פֿון דאָרטן. אַ דאַנק דעם פֿאַרקאָפּטשעטן ייִדישן כּישוף־לעמפּל — „די מאַגישע נאַכטזון“, האָט סוצקעווער, אין זײַן „מילדן שטראַלנדיקן קרײַז“, דורכזיכטיקער און קלאָרער דערזען די אַלע לא מעלמא הדין־געשטאַלטן, אין זייער ביזאַרן גילגול. און אפֿשר איז ער אַליין, אין פּראָצעס פֿון שאַפֿן, מגולגל געוואָרן אין דעם באַגלייטער פֿון יענע שאָטנס, אין אַ וועלט וווּ ס׳הערשן מער ניט די פֿיזישע כּללים פֿון לעבן. סוצקעווער האָט זיי מיט זײַן דערציילקונסט מחיה־מתים געווען, און קינסטלעריש, עלעהיי „כעמיש“, האָט ער מיטן קליי פֿון זײַן מאַרך, אײַנגעפּעסטיקט דעם נײַעם דערצייל־זשאַנער, וואָס מיר פֿילן בעתן לייענען די

צוועלף דערציילונגען פון דאָרטן ווי עס נעכטיקן די שטערן. מיט אַ ווונדערלעכן אויפ־
נעם פון אויג און אַ שאַרפן חוש פון האַרצן האָט ער אויפגעכאַפּט די דאָזיקע חורבן־
טעמאַטיק און עס סובלימירט דורך זײַן נשמה מיט אַ נײַעם שעפערישן כּוח.

ד

אַבֿרהם סוצקעווערס אויפטו איז אין אַבסאָלוטן מחדש זײַן די חורבן־טעמע. כּמעט
אונדזער גאַנצע ייִדישע פּיקציע־ליטעראַטור, אין פּראָזע, איז תּמיד געשריבן מיט די
סאַמע רעאַליסטישע טערמינען פון לעבן און טויט. האָט סוצקעווער אין זײַנע דערציי־
לונגען אויסגעפורעמט אַ נײַעם ליטעראַרישן נוסח, מיט דעם וואָס ער האָט איבער־
געפורעמט דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן קלאַסישן סטיל: מיטן זכות פון זײַן פּעדער
האָט ער ל ע ב ע ד י ק ג ע מ אַ כ ט דעם אומבאַקאַנטן טויט, כּדי די אומגעקומענע
זאָלן מער ניט אומקומען... אויף דעם געביט איז עס אַ באַטײַטיקע איבערקערעניש,
אַ מין ליטעראַרישע רעוואָלוציע וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט פאַרשטאַנד, מיט
אמתדיקייט און ליבשאַפט. די נוסח־איבעראַנדערשונג איז סוצקעווערן געראָטן, ווײַל
ער אַליין איז אידענטיפיצירט מיטן חורבן און טראָגט דעם קאָמפּלעקס אין זײַן האַרץ־
און־מאַרך. חוץ דעם איז אים בײַגעשטאַנען זײַן גוואַלדיקער כּוח־הדמיון, און ניט
ווייניקער — דער גרויסער בעל־המצאה וואָס ער איז, ווי מיר געדענקען עס פון
גרינער אַקוואַריום א״אַ.

מיר זענען פּשוט פאַרוווּנדערט פון דער פּזרנות, מיט וועלכער ער צעשיט זײַן שעפע־
רישן אייגנס איבער דעם ענגן דערצייל־שטח פון די קורצע דערציילונגען. די קאָמ־
פּאַקטע בילדער, די ברילויאַנטענע אימאַזשן, די פאַנטאַסטישע חלומות, די פײַנע סימ־
באָלן האָבן געהאָלפן צונויפשמעלצן די דערציילונגען צו אַ גײַסטיקן סובסטאַנץ, ווו
דער חורבן־מאָטיוו האָט באַקומען אַ נײַעם באַשייד. ס'איז אַ וויזיע פון אויפלעב, מיט
אַלע אירע אַנדערשדיקע ליכט־עפעקטן, מחשבֿה און מעדיטאַציע.

סוצקעווער האָט צוריק לעבעדיק געמאַכט אַ טויטע וועלט. די צוריק־לעבעדיקע
העלדן, צי זיי קומען דורכן שפּיגל צי דורכן וואָלקן, ברענגען זיי ווידער דעם אַלט־
באַקאַנטן היים־אַראָמאַט, און זייער "באַשאַפער" איז זיי מקבל־פּנים מיט יצירה־פרייד,
און ווי אַן אַנטיפּאָד צום פ אַ ר ש ט אָ ר ב ע נ ע ם טרויער, פאַרקריצט ער זייער אילו־
זאָריש ווײַטערדיקן לעבן. ער קען זיי מער ניט אַ נ ט ל ע ב ן, נאָר מיט זײַן קינסט־
לערישער קמיע האַלט ער ווײַטער אויף זייער תּחית־המתים־דיק לעבן... מיט דעם האָט
סוצקעווער זיי קינסטלעריש ניט אַנטלעבט, אָבער ער האָט קינסטלעריש אַ נ ט ח ו ר ־
ב נ ט דעם אומקום. דער ספּעקטאַקל איז אָבער ניט פאַרענדיקט, ווײַל די פאַרלאָשענע
שטערן פון ד אָ ר ט ן צינדן זיך ווידער! איז עס ניט נאָר אַ קינסטלערישער אויפטו,
נײַערט אויך אַ נאַציאָנאַלער דערגרייך. אין זײַנע דערציילונגען איז אויסגעפּאַרטיקט
דער רעקוויזיט פון דער נײַער דראַמע און די מעדיום־אַקטיאָרן — גרייט צו זייערע
אויפטריטן. ער האָט אַלע זײַנע פּערסאָנאַזשן צונויפגעזוכט פון דעם ד אָ ר ט ן און
זיי אַרויפגעבראַכט אויף זײַן שטערן־רעסטאַווריטער בינע. זיי דערשײַנען אין זייער
טויט־לעבעדיקייט, ווי זייער דאָרטן־וועלט וואָס איז אומערדיש, און זייער קאָסמישע

צײַט וואָס איז אָניאָריק. נאָר און בלויז מיטן דאָרטיקן שטערן־כּתב האָט סוצקעווער, פּאָעטיש, געקענט פֿאַרשרײַבן זייער אייביקייט און פֿאַרגייִקייט, און זיי צונויפֿ־ פֿלעכטן אין דער פֿאַרצווייפֿלונגטער מיסטעריע פֿון לעבן און טויט. און די דאָזיקע „הימלישע אָפּעראַציע" איז מאָטיווירט פֿון דער ייִדיש־אוניווערסאַלער אידעע: קיום החיים — דאָס לעבן גייט ווײַטער, דאָס פֿאָלק מוז לעבן!

□

דאָ איז געשען דער ווונדער, ווען ניגלה און ניסתּר זענען פֿאַרוועבט געוואָרן אין איין גאַנצקייט. ווידער איז געקומען צום לעבן דער חלום, וואָס איז ביזן סוף נישט דער־ חלומט געוואָרן, און די מעשׂה וואָס איז ביזן סוף נישט דערציילט געוואָרן. אין דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן האָט סוצקעווער ביידן — דעם חלום און דער מעשׂה — באָוואָטאָריש אַ תּיקון געגעבן. ווײַל אַזאַ איז זײַן קינסטלערישע שליחות: פֿון דאָס נײַ באַשאַפֿן די אומקיום־וועלטן פֿון נעכטן, די ייִדן פֿון זײַן דור און זײַן היים, כּדי זייער נשמה און חלום זאָל אויף אייביק בלײַבן פֿאַרבונדן בצרור החיים. דאָס איז די אידעע און דער טיפֿערער זינען פֿון די יחידי־סגולה און אָריגינעל אַנדערשדיקע שטערן־דערציילונגען פֿון דער אַנטלעבטער חורבן־וועלט.

# פון אַלטע און יונגע כּתבֿ־ידן *

## א

אַבֿרהם סוצקעווער האָט מיט זײַן לעצטן בוך געמאַכט אַ לאַנגן שפּרונג, מיט איבער־היפּעניש, „אויף אַ שטח פון קאַרגע פיר יאָר צענדליקער“, און שטיין געבליבן איז ער איצט אויף דעם שטאַפּל צו וועלכן אונדזער מאַנאָגראַפיע צילט: 70 יאָר. (איצט, ווען דאָס בוך גייט אַרויס, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון נאָך 2 יאָר).
ביז אַהער האָבן מיר געמאַכט אַ גרויספאַרנעמיקן גאַנג דורך זײַנע ווערק, אָפּשטעלנדיק זיך אויף כּמעט אַלע זײַנע דיכטערישע סטאַנציעס און באַטראַכטנדיק זײַנע אימפּאָזאַנטע שריפטן פון פאַרשיידענע קוק־ווינקלען. דער וואַקוום פון די געציילטע חדשים, ביז אַ פולער מעטריקאַלישער 70קער דאַטע, וועט נאָך מסתּמא אויסגעפילט ווערן מיט נײַע לידער, וואָס מיר וועלן דאַרפן איבערלאָזן פאַר אַ שפּעטערדיקן קריטיק־חשבון. אָבער צוליב האַלטן אַ חשבון מיט זיך אַליין, האָט דער דיכטער, משמעות, דעפינירט זײַנע כּתבֿ־ידן מיט דער אַזוי פּרעציזער פאָרמולירונג פון אַלטע און יונגע, כּדי זיי אַוועקצושטעלן אין ריכטיקער פּראָפּאָרציע צו דער צײַט. די יונגע כּתבֿ־ידן, וואָס רעפּלעקטירן דעם נוסח פון יונגן סוצקעווער פון די 30קער יאָרן — סיביר און וואַלדיקס — זענען הײַנט אַלט אין יאָרן וואָס האָבן אויפגעהיט זייער יונגשאַפט. די הײַנט, אין צײַט, יונגע כּתבֿ־ידן, בפרט פון דער לעצטער דעקאַדע, איז די באַנײַטע יונגשאַפט וואָס איז צוזאַמענגעוועבט מיט זײַדפּעדעם פון אַלט־דערפאַרענער חכמה. ס׳איז די ליכטיקע חכמה פון ד ע ר ז ע ן מיט דער נשמה דעם קאָסמישן מהות פון גופיקן לעבן, וואָס ראַנגלט זיך פאַר דעם אייביקן קיום פון אות, צי וואָרט, צי ליד.

״די רייד פון אָראַקל״, געשריבן 1936, 1963, פאַרענדיקט סוצקעווער אַזוי:

> נאָר ערגעץ אין מיר קלאַפּט אַן אָדערל גלייביק
> צו ווײַטערדיק לעבן, צו נײַע כּתבֿ־ידן,
> און כ׳בלײַב מיט מײַן ליבשאַפט אויף אייביק, אויף אייביק...
> (דאָרטן, ז׳ 17)

קלאָר, דאָס לעבן מאָנט אויף פון אים דעם חובֿ פון זײַן ליבשאַפט, צו וועלכער ער איז צוגענאָגלט ווי צום קרייץ: שאַפן „נײַע כּתבֿ־ידן“.
דאָ ווילט זיך מיר מאַכן אַ קליינע דרך־אַגבֿ הערה וועגן אָט דעם ענין: כ׳בין זיך נוהג, ווען איך קריג אַ נײַעם בוך פון אונדזער משורר, צו לאָזן אַפּרײַער מײַן אויג זיך אָב־

* פון אַלטע און יונגע כּתבֿ־ידן. לידער און פּראָזע 1935־1981. צייכענונגען: יאָסל בערגנער. פאַרלאַג ישׂראל־בוך, תּל־אָבֿיבֿ, 1982. 245 זז׳.

זעטיקן מיטן כּתר־השירה, איידער כ׳בליק אַרײַן אין די עמודים. שוין אין טיטל וויל איך, כּמו טעלעפּאַטיש, דערהערן און דערזען די אַלע געדאַנק־ און פֿאַרב־ניואַנסן, וואָס דרעמלען צווישן די טאָוולען. דאָס האָט תּמיד דעם אַרויסרופֿעריש עפֿעקט אויף מײַן שטימונג און שאַפֿט די געהעריקע אַטמאָספֿער פֿאַרן יחוד מיטן דיכטער און זײַן געזאַנג. אין אַנדערע ווערטער: ס׳איז דער סטימול צום לייען־ און אויפֿנעם־פּראָצעס פֿון די לידער און זייער באַהאַנדלונג. כ׳בין קיין רגע ניט מסופּק, אַז אַבֿרהם סוצקעווער טראַכט זיך גוט אַרײַן אין דער זאַך, איידער ער טוט אָן אַ טיטלקרוין אויף זײַנס אַ בוך, וואָס דאַרף אַרײַנשפּלען אין געדאַנק פֿון לייענער דעם סאַמע תּוך פֿון ספֿר. דאָס מיינט: צונויפֿפּרעסן ס׳פּאָעטישע איכות בראָש הספֿר. אין דעם בוך זוניקן זיך איבער קעגנאַנאַנדער, ווי אין זײַן "קרוין", די לידער פֿון אַלט און יונג: דאָס ליכט פֿון יונגשאַפֿט שטראַלט אַריבער צום ביאַלאָגיש קלוג־געוואָרענעם עלטער. ס׳איז די נאַטור, טראַנספֿאָרמירט אין גײַסטיקער איבערגעשטאַלטיקונג, ווו וואָרט איז דער לעבנס־יסוד פֿאַר ליבשאַפֿט, על־פּי סוצקעווער.

די דאָזיקע כּלות־הנפֿשדיקע ליבשאַפֿט צום וואָרט, איז אימאַזשינירט אין אַ געטלעך בילד, ווי אַ לייטמאָטיוו צום בוך, געשריבן אין 1978: "און ס׳וועט זײַן בײַם אויסלאָז פֿון די טעג", און "דער בן־אָדם וועט ניט מער" עסן זײַן געוויינטע שפּײַז, נאָר "פֿאַרזוכן וועט ער בלויז אַ וואָרט אָדער צוויי / און ווערן געזעטיקט". אין די הײַנטיקע טעג, און מיט אַ רעאַליסטישן חוש, איז אַוודאי גאָר שווער תּופֿס צו זײַן דעם פּאַראַפֿראַזירטן באַחרית־הימים פֿון ישעיה, פֿון וואָלף־שעפּס צו וואָרט־ליבשאַפֿט. אָבער דאָס וואָרטהאַפֿטיקע וואָרט פֿון פּאָעט סוצקעווער האָט שוין במילא אַ 2־3 דורות געזעטיקט. אין דעם בוך האָט אונדז סוצקעווער ווידער צוגעטראָגן אַ וואָרט, אויף צו זעטיקן אונדזער גײַסטיקע בענקעניש נאָך שיינקייט. ווײַל דאָס איז דאָך בעצם דער תּמצית פֿון זײַן פּאָעזיע: דאָס אויפֿשטײַגן צו די הייכן, צום רוח אלוה ממעל, ווו ס׳וועט מקוים ווערן דער חלום פֿון "בײַם אויסלאָז פֿון די טעג", ווען דאָס גײַסטיקע ברויט פֿון "בן־אָדם" וועט זײַן "בלויז אַ וואָרט אָדער צוויי". איז לאָמיר דערווײַלע, ביז מענטש וועט דערגייך, אָדער דערפֿליִען צום אויסגעחלומטן גן־עדן פֿון וואָרט, פּרוּוון דאָס וואָרט פֿון זעטיקייט, ווי עס זינגט זיך בײַ אַבֿרהם סוצקעווער אין 8טן צענדליק פֿון 20סטן יאָרהונדערט, ווען ער שטייט אויף דער שוועל פֿון זײַן נײַער יונגשאַפֿט: 70!

ב

ווען מיר אָנהייבן פֿון סאַמע יינגסטן ליד אין בוך, 1935, און אים פּרוּוון אין ליכט פֿון עלטסטן, איבער 45 יאָר שפּעטער, ס׳לעצטע ליד פֿון די לידער פֿון טאָגבוך, 1981, קאָנפֿראָנטירנדיק די ביידע לידער, בלײַבן מיר דערשטוינט פֿון גײַסטיק מהותדיקן מהלך, וואָס סוצקעווער האָט דורכגעלייגט מיט זײַן וואָרט און טעמאַטיק, און דער עיקר — די אינטעלעקטועל אימאַזשינירטע מחשבֿה, וואָס איז אַרײַנגעגנשמהט אין די סטראָפֿעס פֿון לעצטן ליד. דערפֿאַר איז אָבער ס׳ערשטע ליד פּלאַטעריק און טענצלדיק, ווי ס׳איז דער אינהאַלט פֿון אַ נײַ לעבן, וואָס היפּערט אויף יונגע פּיסלעך: "דאָס קינד איז בלאָנד, איז הימלבלאָ", — "אַ זונגעזאַנג פֿון וווּנדערלעכער בײַגעבורט". דאָ חזרט

זיך איבער, ווי אין די שפּעטערדיקע לידער סוצקעווערס, דער איך־מאָטיוו, ווו די התגלות, הגם איבערראַשיק פּאַר זיך אַליין, איז פּשוט און פאַרשטענדיק: "ניין, ס'איז ניט קיין אַנדערער, / ס'איז איך, מײַן גאָלד, מײַן עכאָ, / ס'איז איך אַליין, דער איי־גענער, / דער זעלבער". (דאָרטן, ז' 13).

אין 1981, נאָכט־לעך, איז שוין די געשטאַלט פון איך אַ געביטענע. זי דערהייבט זיך פון אַ סאָלידן געשטעל פון קרעפטיקע ווערטער, אַנגעלאָדן מיט בילדער פון קלור־גער רײַפקייט, מיט געדאַנק און ווײַטזעעוודיקייט, וואָס די יאָרן האָבן אַרײַנגעשפּונען אין נײַעם כּתבֿ־יד, ווי אין אַן אַלט־ווערטיקן גאָבעלען. די גרויסע צײַט פון דיכטער און זײַן דיכטונג האָט מיט זיך געבראַכט דאָס ליד פון זוכעניש, פון זיך רײַסן צו פּער־פעקציע, צום געביטעריש־יצירהדיקן יהי:

> פון אַלע ווערטער בין איך בלויז אַן איינציק וואָרט מקנא:
> דאָס וואָרט יהי, זאָל ווערן. וואָלט מיר שענקען דער באַשעפער
> אַ ניצוץ פונעם וואָרט, אַ מינדסטן סימן פון זײַן כּוח,
> יהי, וואָלט איך געזאָגט, זאָל ווערן ליד, און ס'איז געוואָרן.
> (דאָרטן, ז' 245)

אָבער מער נאָך ווי דער פײַן אויסגעפּינערישער יהי־געדאַנק, איז דאָ בולט די פאַר־שטראָמטע צײַט וואָס האָט סוצקעווערס ליד דערפירט ביז דער אויסגעשליפנסטער רײַפקייט. און אויב די נײַע כּתבֿ־ידן טוען נאָר דאָ און דאָרט אַ פינקל מיט סוצקע־ווערישע יוגנט־בליצן, פאַרלויפן אָבער זײַנע נײַסטע לידער צו פרישע האָריזאָנטן, וואָס באַשטראַלן זיי מיט צײַטיקער שיינקייט. סוצקעווער צעקײַט די שיינקייט מיט שכלדיקע ציינער. די ברייטע שורות זענען נאָכטראַכטעריש און איינצײַטיק צוטראַכ־טעריש, ווי דאָס וואָרט וואָלט זיך דאָ אַנגעזעטיקט מיט מחשבֿה־ברויט. מיר נוצן בבֿיוון די אימאַזשן פון אויבן ציטירטן מאָטאַליד, כּדי צו אַקצענטירן אַז "בײַם אויסלאָז פון די טעג", וואָס רונדיקן אָפּ די 70 יאָר פון דעם פּאָעט, פילן מיר אַז זײַן ליד איז זאַט מיט וואָרט — דער בעסטער מאכל וואָס ער סערווירט צום "הונגעריק(ן) מויל" פון "בן־אדם".

דער פּאָעט, און ס'וואָלט הייסן: יעדער פּאָעט, וואָס פאַרמעסט זיך מיט קינאה צום באַשעפערס אולטימאַטיוון וואָרט, וואָס באַשאַפט אַ יש מאַין, ווייס גאַנץ גוט דעם גבֿול פון סופּרימען געטלעכן כּוח, ווען ער פּרוּווט אים באַרירן. דאַרפן מיר עס זען אין פאַל סוצקעווער, ווי אַ פּסיכאָלאָגישן רעפלעקס אויף זײַן שעפערישער אַמביציע, וואָס זוכט צו באַשאַפן אַ פּערפעקציאָנירטן וואָרט, אַ לעבעדיקע שלמות. עס איז ניט פאַראַן אַ סופּערמענטש, וואָס האָט די קראַפט פון בורא צו באַשאַפן סובסטאַנצן, אָבער סוצ־קעווער האָט די ווערטער אַנגעלאָדן מיט אַ קאָסמישן זינען, ער האָט אַנגעצונדן אין דער מיסטעריע פון יצירה "אַ ניצוץ פונעם וואָרט", עלעהיי זײַן העלזעערישע אוטאָ־פּיע ווערט מקוים: ווען "דער בן־אדם / וועט ניט מער דערנענטערן צו זײַן הונגע־ריק מויל / ניט קיין ברויט, ניט קיין רינדפלייש, / ניט קיין פײַג, ניט קיין האָניק". (דאָרטן, ז' 6). פון דעם ברויט־ און האָניק־וואָרט האָט דער יהי־באַשעפער מיט אַ

ברייטער האַנט געשאָנקען זײַן איפּערזיכטיקן וואָרטקנעכט אַבֿרהם סוצקעווער. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער וואָס איז דער באַלעבאָס פֿון וואָרט, איז אומפֿאַרמײַדלעך אויך זײַן קנעכט, און ניט איין מאָל קומט עס דײַטלעך אַרויס אין זײַנע לידער. סוצקעווער האָט אַרויסגעזיפּט פֿון יצירה־פֿײַער אַלע אים באַשערטע פֿונקען פֿון יהי און זיי אָפּט פֿאַרוואַנדלט אין אַ געטלעכן פֿלאַם. דעם גאַנצן סוצקעווער־יהי, אײַנגעגלימערט אין שורות פֿון לידער, זענען מיר ניט קאַפּאַבל אַרומצונעמען. אָבער זעענדיק זייער שפּעדיקע גערעטעניש און זייער וואָריקן י ה י, האָט סוצקעווער אויף וואָס שטאָלץ צו זײַן — און סוצקעווער מעג סוצקעווערן מ ק נ א זײַן...

און ווײַל, ווי שוין געזאָגט, מיר זענען ניט בכּוח אַלע לידער צו אינטערפּרעטירן, וועלן מיר עס ווײַטער טאָן מיט אונדזער שוין אויסגעפּרוווטן מעטאָד: גיין מער־ווייניקער מיטן סדר פֿון בוך.

ג

דאָס ערשטע ליד פֿון בוך קלינגט־אויף מיט אומעטיקע טענער פֿון אַן "אָוונט־געוועב", אויסגעשפּילט פֿון "אַ שטים" און אַ "כאָר". ס'דאָמינירט די עלנט־שטימונג פֿון אַ בין־השמשות, אָבער אין דער יוגנטלעכער פּײַן איז ניטאָ קיין רעזיגנאַציע, להיפּוך גאָר, ס'פֿאַרמאָגט די פֿאַרבן פֿון לעבן און האָפֿן: "כ'האָב קיינעם ניט אויסער די צוויי שפּאַנען ערד אונטער מיר / און אויסער מײַן גוף אין אַ העמד פֿון דער נאַכטישער זון. / פֿון דעסטוועגן אָטעם איך אײַן אַלע בלומיקע ריחות / און בענטש מײַנע ערדישע רגעס ווי קינדערלעך קליינע". (דאָרטן, ז' 9). ס'איז דער אָטעם און די בענטשונג פֿון פּאָעט, אין דער ש ט י ם פֿון זײַן מיידל־מעדיום, וואָס דערקלערט: "כ'בין אַליין".

ס'איז אַזוי פֿרי ווי 1936 און סוצקעווער איז ערשט אַריבערגעשפּרונגען זײַן 2טן צענדליק. איז די־אָ יונגשאַפֿט טאַקע, אַנגאַזשירט די אומעטיקע מיידל־טענער מיט אַלע אַקסעסואַרן פֿון דער נאַטור, וואָס איז באַזומערט מיט בענקשאַפֿט (און סוצקעווערס איבערגעשוימטן עקסטאַז מיט דער נאַטור האָט דאָך די קריטיק דעמאָלט גלײַך באַמערקט). ענטפֿערט דעם דיכטערס "כאָר" אויף דעם "אַליין": "אין גאָרטן, אין גאָרטן / ווו ס'רוישן די פֿריילעכע בלעטער / דערציילט ער דעם ווינט פֿון דײַן שמייכל / און ליובט דײַנע פּיס. / סע זינגען דיביימער לולו, / די פֿייגעלעך בליִען אויף צווײַגן לולי / און ווילן ניט גלייבן". (דאָרטן, ז' 10). איז עס ניט אַ מאָל די פּאַנאָראַמע פֿון אינדיע מיט טאַגאָרעס אַ נאַטור־שילדערונג. און אפֿשר אַ פֿאַרגעסן בלעטל פֿון וואַלדיקס, פֿאַרשטילט און פֿאַרשפּילט אין דער מעטאַפֿאָריק פֿון דעם, וואָס "ליגט אין קייטן פֿון רו / און קאָן זיך ניט רירן", ווײַל "דאָרט ליגט ער געבונדן אין שטראַלן". (דאָרטן, ז' 9). אין אָט דער פֿײַנער אָרנאַמענטיק פֿון בלום און וואָרט, איז אַרײַנגעפֿלאָכטן אָפּערוויליקע ליבע, אַזוי צאַרט און דיסקרעט: "און אויב וועסט ניט קומען, / באַדאַרף איך שוין מער ניט מײַן חלום, / ווײַל דאָרט ביסטו דאָ און דו טראָגסט מיר אַנטקעגן אַ רויז". (דאָרטן, ז' 11). און זוכנדיק איז זי "דערשראָקן פֿון פֿריידיקער איינזאַמקייט, ווי מיר" (דאָרטן, ז' 12) — אויב אַזאַ זאַך ווי פֿרייד אין עלנט עקסיסטירט, טוט עס אַוודאי וויי.

איבערמישנדיק אַ בלעטל, דערזעען מיר די ״ערשטע ליבע״, געשריבן אין זעלבן יאָר — 1936. און ס׳איז, ווידער, אַ פּאַראַד פון צאַפּלדיקער יונגשאַפט, אין אויפבורויז פון קאָלירן:

אַ רעגן־בויגן עפנט אונדז אַ טויער
צו פאַרב און קלאַנג.
ס׳לויכטן דײַנע ווײַסע הענט
אַרום דעם האַלדז מײַנער
און זיגלען אײַן די שיינקייט
פונעם גאָלד־באַקרויזטן האַרבסט.
(דאָרטן, ז׳ 14)

די סוביעקטיוו־גופישע פּאָזע, ווי פון צוויי מאָדעלן, איז רעליעף אַרײַנגעבויט אין טויער פון רעגן־בויגן. און מע שפּירט דאָ חושימדיק דעם פיזישן באַריר: ״און ווען דײַן קאָפּ פאַרגראָבט זיך ווי אַ פויגל / אין מײַן פלאַטערדיקער שעוועליורע״, איז ער גרייט אויף אַ קרבן: ״דערטרינקען זיך אין דײַן באַגלייבטן שמייכל״. וואָס מער קאָן מען פאַרלאַנגען פון אַן ״ערשטע ליבע״?
אויף זײַט 85 געפינען מיר אַ ליד, ״לעצטע ליבע״, געשריבן אין 1978 — אַ מהלך יאָרן צווישן די צוויי. ס׳ליד איז, אַזוי צו זאָגן, פון אָביעקטיוו טעמאַטישן שטאָף: אַ דאַנק־שאַפט צו דער ״קראַנקן־שוועסטער״ פאַר איר צאַרטקייט: ״פאַרן חן־פינטלען מײַן חבֿר נאָכן האַרצאַטאַק, / פאַרן שפּילן אויף די האַרקלאַווישן פון זײַן באַק״. ווײַל דער ״חבֿר״ האָט איר גנאָד מיטגענומען מיט זיך: ״לעצטע ליבע מײַנע, לעצט געזאַנג, / וואַרטן וועל איך אויף דײַן צאַפּל אַ ניט־לעבן לאַנג״. דיביידע לידער זענען צוויי טיף־מענטשלעכע וועלטן פון דיכטערס זען און פילן, ווי צוויי זונען אין זריחה און שקיעה.
צו די אַנדערע לידער גייען מיר, מיטן סדר ווי זיי קומען אין בוך, כּדי זיך צו דער־קלײַבן צום יסוד פון די ייִנגסטע כּתבֿ־ידן, אין מאָדערניסטישן סטיל געשריבן און אָנגעהויכט מיט צײַט־אַטמאָספער. אָט טרעפן מיר צוויי יאָרדאַטעס — 1963,1936 — אונטערגעצייכנט אונטער אַ ליד: ״די רייד פון אָראַקל״, דער שטומער עדות וואָס האָט אין זײַן מיטאָלאָגישער וועלט געטראָגן דעם אָנזאָג פון ייִדישן חורבן. דער דיכטער האָט ״געצײַיגן בײַ נאַכט צום אָראַקל / זײַן וואָרזאָגן הערן, זײַן זעונג דערזען״. (דאָרטן, ז׳ 15). און ״די רייד פון אָראַקל: / ׳אַן אונטערגאַנג זע איך, און ס׳וועט ניט פאַרמײַדן / זײַן לאַווע דײַן פאָלק אויף דער פײַנלעכער ערד׳״. (דאָרטן, ז׳ 16). וואָלט זיך געוואָלט וויסן צו וועלכער פון די ביידע דאַטעס די שוידער־קלאָרע נבֿואה געהערט.

עס קלאַפּן די שלייפן: געזאַנג פון מײַן דור.
און ס׳וויקלען מיך אויס האָריזאָנטן: איך וואַקל
אַלץ נענטער צום קול פון מײַן גורל, אַלץ נענטער — —
(דאָרטן, ז׳ 15)

דער גורל פון דיכטער, זײַן דור און זײַן פאָלק, איז הײַנט שוין גוט באַקאַנט, נאָר ״די רייד פון אָראַקל״ קריצן זיך אײַן אין מוח און עגבערן נאָך אַלץ מיט פינצטערע פראַגעס.

ד

דעם אַראַקלס „וואָרזאָגן" האָט זיך טראַגיש באַשטעטיקט. סוצקעווער האָט געטיילט דעם גורל פון פֿאָלק. דאָס קול פון זײַן גורלדיקער שליחות האָט אָנגעהויבן אַרויס־קלינגען פון לידער. נזיריש־קנעכטיש איז ער געווען, אין געטאָ, צוגענאָגלט צום וואָרט. ער האָט געשריבן אין אַלע אומגעווײנלעכע און נסימדיקע באַדינגונגען. און אַז מיר טרעפן אַ ליד, „אָרום אָזערעס", געשריבן 1937, טוט ניט ווילנדיק אונדזער אַסאָציאַציע גלײַך אַ וואַנדער פאַרויס, עטלעכע יאָר שפּעטער, צו אַנדערע פּאַרזומפּיקטע אָזערעס, ווו ער האָט דורכגעלעבט אַפּאָקאַליפּטיש מוראדיקע דערפאַרונגען און זעונגען. אָט טראָגט ער אַ פאַרוואונדעטן חבֿר דורך די זומפּן, צי דער אומפאַרגעסיקער בילד פון אָקס, ווען ער האָט אָפּגעהאַקט דעם האָרן און ער ברומט און בלוטיקט אויס אין דער זומפּיקער שקיעה פון אַ צעחרובֿטער וועלט.

אָבער אין דער „אָרום אָזערעס" פילט זיך נאָך דער אידילישער באַריר פון די וואַלדיקס־מאָטיוון, מיט איכיקער אײַנגעגלייבטקייט: „צו מײַן אייגענעם גוף טו איך תּפילה / ווי צו פרעמדע פאַנטאַסטישע געטער", און פאַר דעם: „כ'וועל אויף ס'נײַ ווי אַ קינד־הייט באַשאַפן / אין דער קוואַרצענער געגנט דער בלאָסער". דער פּאָעט וואַנדלט, מיט מײַסטערישער באַלאַנסירטקייט, דורך די צוויי יסודותדיק פּאַרקערטע פּלאַנעטן: דער איינער — פון ליבשאַפט און נאַטור, דער צווייטער — פון מענערישער פאַרהאַרטעוועט־קייט, גבֿורה און נקמה. קריצט ער טאָקע אויס אין „אָרום אָזערעס", מיט ייִנגלשער פּאַרגאַפטקייט, זײַנע „באַרוועסע שפּורן אַרום אָזערעס פּאַספּאָר־באַשטראַלטע". (דאָרטן, ז' 18). די אַלע דעמאָלט יונגע כּתבֿ־ידן, פון מיטן אַזן סוף 30קער, פאַרמאָגן אַן אונטערטאָן פון מענטשלעכן אומעט, תּמימותדיק אמתדיקן גלויבן אין שיינקייט פון לעבן, ווי דער אינהאַלט פון געזאַנג: „יעדער ערד איז פאַר מיר אַ מזבח / ווו איך ברענג מײַן געזאַנג פאַר אַ קרבן". און ער פרעגט זיך אָן בײַם האַרצן: „אָ דו האַרץ מײַנס, צי האָסטו דערוואָרבן / שוין אַ היים, אָדער כ'ברענג דיך אַ קרבן / פאַר אַ רגע פון אייביקער שיינקייט?" (דאָרטן, ז' 19).

3־4 יאָר שפּעטער איז שוין די ע ר ד, וואָס סוצקעווער האָט אַזוי ברייטהאַרציק־נאַיוו זי געטרויט — „י ע ד ע ר", — געווען פאַרוואַנדלט אין אַ מזבח, ניט פאַר געזאַנג נאָר פאַר י ע ד ן ייִד. אין 1938 פלאַטערט נאָך רו און שטילקייט אין סוצקעווערס ליד. ער וויל פאַרזען דאָס שלעכטס. ער רעדט צו זיך: „זײַ רויִק האַרץ, / זאָל קיינער ניט פאַרנעמען דײַן געשריי":

זײַ גלייביק, האַרץ,
און פלאַטער דורך די גערטנער פון דער וועלט
אַזוי ווי ס'פלאַטערט איצט דער אָוונט־פויגל
מיט קאָסמישן געזאַנג —
דורך דיר.
(דאָרטן, ז' 23)

ס'איז ערד און מענטש און די לעבעדיק־קאָלירטע נאַטור, וואָס שמעקט מיטן אַראָמאַט פון וואַ ל ד י ק ס, פאַר וועמען סוצקעווער איז גרייט זיך מקריבֿ זײַן: "כ'בין דײַן גרינער בוים — דײַן גרינער אַש". און אין "אַ הויפן ערד" (דאָרטן, ז' 20), זוכט ער "צו געפינען פאַר מײַן איך אַ תּיקון".

אין 1940 איז נאָך סוצקעווער אײַנגעקלאַמערט מיט האַרץ און געמיט אין דער נאַטור. אין "ברילִיאַנטענע ריטמען" פון 8 צוויי־שורהדיקע סטראָפעס זעט ער: "דער וואַסער־פאַל פאַלט אין אַ תּהומיק פאַלד / און שפּיגלט אין מאַכטיקן האַרצקלאַפּ דעם וואַלד". (דאָרטן, ז' 25). און אַזוי שפּעט ווי אַפּריל פון זעלבן יאָר: "סע חלומט זיך מיר: כ'בין אַ זון, וואָס פאַרזינקט / אין אַ זומפּ צווישן ליליעס, דערלעבן — / העגנט אַ גאָרטן באַבלעטערט מיט צײַט, און סע זינגט / אַ ווייַנפויגל: ווו איז דײַן לעבן?" אָבער באַלד הייבט אָן די אומזיכערקייט עגבערן, צעטיילט זײַן לעבן אויף צוויי, "ווי אַן אַמעבע", און ער זוכט אַ ראַטונעק: "און כ'דערזע אין אַן עפּלשן רויט מײַן גע־שטאַלט, / כאַטש פון זומפּ שרײַט מײַן צווייטער איך: העלף מיר". און "בשעת כ'האָב אַנטוואַכט אין אַ גאָרטן — / האָט מיך טויִק באַלאַרבערט די זון". (דאָרטן, ז' 26).

פון דאָ, אַריבערשפּרינגענדיק אַלע זוניקע וואַסערפאַלן, וועלדער, זומפּן, קומען מיר צו "נאַראָטשער וואַלד", געשריבן 9טן אָקטאָבער 1943: "מיט ווילנע אין האַרץ, / ווי אַ קויל ניט צו רירן, / מיט געפּולווערטע לידער / געלאָדן אין ביקס, / ליג איך אין ראָוו / צו דערהאַרכן — — — (ווי עס) גייען, גייען / די שוואַרצע טריט". און דאָ קומען מיר אויף די שפּורן פון נײַעם אַבֿרהם סוצקעווער און זײַן אַנדערשדיק ליד, וואָס ווערט אידענטיש מיט דער נאַטור פון יענעם לעבן: "כ'בין אַ וואָלף און אַ דיכטער אין איינעם / און באַפרײַ פון דער ביקס / אַ ליד נאָך אַ ליד". (דאָרטן, ז' 27).

1944 שרײַבט ער שוין זײַן באַפרײַט ליד אין מאָסקווע. 1945 ווידער אין ווילנע, און שפּעטער קיין פּאַריז. דאָס איז דער פּיזישער מאַרשרוט. אָבער פּוסטריט מיט זײַן גאַנג איז אָנגעקומען־אויפגעקומען זײַן ליד צו נײַע צײַטן און באַנײַטע האָפענונגען. 1947 שווימט ער שוין צו זײַן באַגערטן חלום — ארץ־ישׂראל, ווו ער איז אַ תּושבֿ ביז הײַנט. מיט דעם פאַרענדיקן מיר די תּקופֿה פון די יינגערע כּתבֿ־ידן, אויב אַפילו אַריבערגעהיפּט אַ פּעקל לידער און דערציילונגען, און גייען איבער צו די עלטערע, פון די אָנהייב 70קער יאָרן.

ה

די 70קער יאָרן זענען דער באַראָמעטער, וואָס ווײַזט שאַרפער דעם שאַפערישן אויפ־שטײַג פון אַבֿרהם סוצקעווער. ניט זעלטן לייקנט אָפּ דער תּוך פון די לידער און זייער פרישקייט, די דאַטעס אונטער זיי. דער צײַט־אינדעקס פון סוצקעווער־לוח לייענט זיך נאָך אַלץ אין אַ פּאַרקערטער פּראָפּאָרציע: די טעמפּעראַטור — אָנגעוואַרעמט מיט לעבן, דער קלימאַט — זוניק, דער האָריזאָנט — רעגן־בויגיק און ציט זיך אַזש ביז אין קאָסמאָס אַרײַן. סוצקעווערס פאַרכישופט יוגנטבילד, ווי פון דאָריאַן גריי, איז זײַן יונג ליד. אין אָנהייב פון די 80קער פליסט עס נאָך, ווי אַן אויסגעקלאָרטער קוואַל אויף זײַן פּרוכטיקן פּאָעזיע־פעלד. דעם קוואַל, וואָס שפּיגלט אָפּ די פּאָעטישע סוצ־קעווער־געשטאַלט, וועלן מיר דאָ פּרוּוון דורכשווימען.

1971 הייבט זיך אָן מיט אַ קורץ ליד: "מאַסקע" — די מענטשלעכע מאַסקע־בײַטונגען. פון "העמדל פון בלעטער, דאָס העמדל פון אָדם", דורך אַלע תּקופות און זייערע פאַרוואַנדלונגען, וואָס מײַסטערן ס׳לעבן: "אויסטאָן / די מאַסקע און זאָגן: גוט־מאָרגן דיר, פּנים. / אָנטאָן / די מאַסקע: אַזאַ איז דאָס לעבן אַ פּנים". (דאָרטן, ז׳ 48). און דאָס לעבן האָט דעם דיכטער צוגעטיילט אַ גוואַלדיקן זאַפּאַס פון לידמאַסקעס, וואָס האָבן אַלע כאַראַקטעריסטיקס פון לעבן, מ׳דאַרף בלויז פילן ווען "אויסטאָן" און ווען "אָנטאָן". און אַ גליקלעכער פּאָעט ווי סוצקעווער, טוט עס על־פּי די גײַסטיקע טראַנסן און זייער מוזיק. גלײַך נאָך דעם, אין אַ ליד פון 1972, זעען מיר ווי דער "מאָדערנער כּישוף", "פאַרשטעלט און מאַסקעדיק", דרייט איבער קאַפּויער דער באָבעס יאָרן: די באָבע מיטן טשיפּיק איז געוואָרן יונג: אַ מיידעלע / פון זעכצן און אַ האַלב". נאָר ס׳איז ניט אַ שפּיל פון נאַרערײַ, ווײַל די באָבע וויל זײַן יונג — און זי "וועט פאַרבלײַבן שוין אַ רעטעניש פון זעכצן און אַ האַלב".
מיטן ליד "ייִדישע ווערטער" ענדיקט זיך דער אָפּטייל אויפן טיטל פון בוך: פון אַלטע און יונגע כּתבֿ־ידן. נאָך דער לאַמענטאַציע־שורה: "נאָר ס׳זענען פאַרזונקען אָן סימן די ייִדישע ווערטער", קומט אויף אַ שײַן פון האָפענונג אין דער לעצטער, דריטער סטראָפע:

> פאַראַן אַזאַ צײַט אָדער אומצײַט פון תּחית־המתים
> און דאָרטן דערזע איך: ווי קינדערלעך אונטער טליתים
> באַוועגן זיך ייִדישע ווערטער וואָס זענען פאַרזונקען
> און ליכטיק ווערט פלוצעם די זונשײַן פון זייערע פונקען.
> (דאָרטן, ז׳ 53)

דער אָפּטייל ראַנדעוווּ מיט אַ כוואַליע הייבט זיך אָן מיט אַ ליד "דערקענטעניש", געשריבן אין 1978. סוצקעווער, וואָס איז געווען געצוווּנגען יונגערהייט טראָגן די "מאַסקע" פון פּײַן, וויל געפינען אַ זינען פאַר דעם אוניווערסאַלן "שיכּורן ווייטיק", וואָס דער סימבאָלישער "סקאָרפּיאָן" גליט אַרײַן אין יקום מיט זײַן "שטאָך ביזן סאַמע יסוד". פאַר דעם טראַגט אים דער דיכטער אונטער זײַן "דאַנק" און "לויב", ווײַל לויט אַלע פּײַנען איז דאָך ער, דער געטלעכער סקאָרפּיאָן, דער "האַר איבער אַלע אַטאָמען". (דאָרטן, ז׳ 57). מע מעג שטאַרק מסופּק זײַן צי די סקאָרפּיאָן־אידעע איז לויט סוצקעווערס וועלט־באַנעם. אפשר איז עס אַ קאָמפּאָנענט אין דער פילאָסאָפיע פון חורבן, ווו "שטאָך" און "ווייטיק" זענען געווען אַ "יסוד" און אַ "סוד". מערער אָבער איז דער טעם פון ליבשאַפט, וואָס קומט אַזוי אָפט אין ליד. אָט, למשל, קומט די ליבע אַזוי בולט אַרויס אין "די איינציקע" — אַ ליד פון בלויז נײַן שורות, און געשריבן אויך אין 1978, אין אָפּטייל: אַ ראַנדעוווּ מיט אַ כוואַליע. "זי: די זעלביקע כוואַליע־געליבטע, וואָס דעמלט — "אין גאַנצענעם ים, זי די איינציקע ווערט ניט דערטרונקען". (דאָרטן, ז׳ 61). אפשר איז זי, די ליבע וואָס אַ גאַנצער ים קען זי ניט דערטרינקען, די אמתע דערקענטעניש פון סוצקעווערן. די ליבע צו מענטש, צו נאַטור, צו וואָלדיקס און זון, "זי פלעמלט" אין די לידער, ווי אין האַרץ פון פּאָעט.

אין די יאָרן 1978־1981 האָט סוצקעווער זיך געוואָלט טיפֿער דערגרונטן צום שורש פֿון זײַן אייגענעם געזאַנג, וואָס רעפֿלעקטירט אויף אַ לעבן אין אַזעלכע דימענסעס, ווי אמת, חכמה, איבערלעבונג, צי ריכטיקער: גורל. די דרײַ — באַזונדערדיק אָדער צוזאַמענדיק — טרעפֿן מיר אין זײַנע באַטראַכטערישע קאָנטעמפּלאַטיווע לידער. אָבער די מחשבֿה־לידער זענען ניט סתּם זיקנה־פֿילאָסאָפֿיע, וואָס באַפֿאַלט אַ מענטשן מיטן עלטער, נאָר אומגעקערט גאָר: דאָס ווילן אַנטלויפֿן פֿון עלטער דורך באַיאָען דאָס לעבן און באַקרעפֿטיקן דעם אייגענעם קיום מיטן ווײַטער ממשיך זײַן דעם אייגענעם געזאַנג. דאָס איז די קאָנצעפּציע ווי זי קומט צום אויסדרוק אין סוצקעווערס ייִנגסטע כּתבֿ־ידן: דאָס עלטערן זיך, ניט ווי אַ ייִאושדיקע עקסיסטענץ, נאָר ווי אַן אַנטיפּאָד צום טויט — זײַן אומקאָנסעקווענץ. אַט זאָגט ער עס, ווען עס קומט צום צונויפֿהעפֿט פֿון וואָרט טויט: "אַ פֿאַלשער קלאַנג. / אַ פֿויגל־ממזר. / טײַוולצונג און שקר אין קוואַדראַט". (דאָרטן, ז׳ 66). און אַנטקעגן טויט, "זײַן אינהאַלט און זײַן זינען" וויל ער מאַבֿיליזירן "אַלע זילבן / פֿונעם רעגן־בויגן לעבן / (וואָס) שפּילן אין זײַן יאָ־דער". איז ווי קען מען עס טאָן קעגן אַזאַ אומדעפֿינירטן פֿענאָמען ווי טויט? — פּשוט אים איגנאָרירן: "לאָמיר אים פֿאַרשווײַגן". (דאָרטן, ז׳ 66). אַזוי האָט סוצקעווער גע־ירשנט סוצקעווערן — דער אַלטער פֿירט דאָס ליד פֿון יונגן מיט די זעלבע רעגן־בויגן־פֿאַרבן פֿון לעבן — צום מאָרגן.

ו

אין 1978, פֿילנדיק אַז ער איז אַרײַנגעטרעטן אין אַ נײַער עפּאָכע, זוכט סוצקעווער אַ באַשטעטיקונג פֿאַר זײַן אידענטיטעט: "כ׳האָב שוין לאַנג זיך אַרויסגעקליבן פֿון מײַן אַלטער צײַט, / און די נײַע וואָס איך האַלט אין בויען / פֿון קלאַנגען־ציגל און פּאַפּיר־אַטאָמען, / פֿאַרמאָגט נאָך ניט קיין וואָרן אַדרעס". (דאָרטן, ז׳ 67). און אָט ווערן פֿאַרביטן, פֿאַר דעם "דרעמלער אויפֿן גראָז", די "קלאַנגען־ציגל" אויף "אין זון צעשיטע קלאַנגען־קערנער", מיט וועלכע דאָס "שנירל פֿייגל" קען דעם פּאָעט קאָרמען מיט "שטילקייט", ווי יאָרן פֿריִער האָט עס געטאָן זײַן טײַבעלע. דאָס איז דער אינהאַלט פֿון צוויי שורות, באַצייכנט מיט א׳, פֿון ליד "ווינטראַפּנס". די אַנדערע פֿיר שורות, באַצייכנט מיט ב, דערציילן וועגן — "ווינציקער ווערטער. / ווינציקער, ווינ־ציקער טראָפּנס: / באַלד און דער בעכער וועט אויסגיין / בײַנאַנד מיטן ווײַן". (דאָרטן, ז׳ 74). אָבער אין סוצקעווערס בעכער איז נאָך פֿאַראַן גענוג לידערווײַן.

אָט זעט סוצקעווער, אויפֿן "פּנים פֿון דער צײַט", די "שוועבל־גרינע קאַצן־טרערן" וואָס פֿאַרגיפֿטן די וועלט. ער זוכט אַ תּרופֿה, זי אויף ס׳נײַ פֿורעמען, געבן איר אַ מענטשלעך פּנים. אָבער די עפּאָכע, מיט אַ קין־צייכן אויף איר שטערן, שרײַט פֿון סוצקעווערס פֿאַרשׂרפֿעט געדעכעניש: "ווײ, האָסט אויך פֿאַרוואַנדלט מײַן זכרון אינעם שוועבל, / שוועבל איז מײַן לעפֿל האָניק און דאָס פֿרישע לעבל..." (דאָרטן, ז׳ 83). אָבער צווישן די לידער מיט סם גנבֿעט זיך אויך אַ מאָל אַרײַן אַ ליד מיט אַ געפֿינקל פֿון שטיפֿע־רישן שפּאַס, ווי די "געטלעכע קאָמעדיע": סוצקעווער זוכט אַן "אַנדער גילגול" פֿאַר זיך — אַ לעבן אויף צוריק — פֿון "אַ באַיאָרטן" צו "דער קינדהייט". ער וויל ניט

גײַסטיקע צי פיזישע פֿאַרקאַלכונג, נאָר דער צײַטאַוויסלאָז דאַרף זײַן פֿריידיק און קונדסיק: ״און אַז איך וועל דערלעבן ביז / דער קינדהייט, אוי וועט זײַן אַ סעודה: / מײַן קאַץ וועט וואַשן זיך די הענט / און טאַנצן וועט מײַן הונט אין בודע״. (דאַרטן, ז׳ 88). אַ סך אַזעלכע לוסטיק־פֿאָלקישע סטראָפֿעס ברעכן זיך אַרויס בײַ סוצקעווערן פֿונעם ערנסטן שווערמוטיקן נאַראַטיוו. דאָס זענען די קאַפּליעס דערפֿרישונג אין גלי פֿון די דערמאָנונגען פֿון יונגשאַפֿט און קינדשאַפֿט.

אין ייִדיש־פֿאָלקישן רעפּערטואַר זענען פֿאַראַן אַ סך לידער מיט פֿאַרבענקטע טענער, ווו ס׳פֿיגורירט דער באַקאַנטער הימיש־שטעטלשער אינוווענטאַר. לאָמיר זיך איצט דערמאָנען איינס פֿון זיי: ווער האָט ניט געהערט רייזעלעס פּיסעלעך קלאַפּן אויס אויף די ט ר ע פּ אירע האַרצצאַפּלעניש — אַ גאַנצער דור האָט דאָך מיטגעצאַפּלט מיט איר און זי געקענט און געקענט אירע טרעפּ, וואָס דער קדוש מרדכי געבירטיג האָט זיי פֿאַראייביקט. אַזאַ טעמע, ניט געמינערט אַ האָר, אָבער אין אַ ראַפֿינירט קלאַ־סישן פֿערז, האָבן מיר אין דעם בוך: ״הילצערנע טרעפּ״ — געווידמעט פֿריידקען. דאָ ווערן מיר גלײַך אַרײַנגעשלײַדערט אין דער ווילנע־אַטמאָספֿער פֿון איידער, פֿון אַמאָל, און יעדער אימאַזש און סימבאָל רעדט פֿאַר הונדערט. מיט אַ ציטעריקער בענקשאַפֿט איז זיך סוצקעווער מודה: ״כ׳געדענק ניט קיין פּנימער, אָפּגעמעקט ווערן אויך מענטשן. / כ׳געדענק בלויז דעם סקריפּ פֿון די הילצערנע טרעפּ, אָן פֿאַרענטשן״. (דאַרטן, ז׳ 91). דאָס איז דער לאַנג־פֿאַרשטילטער סקריפּ פֿון אַ וווּנדערלעכער בוידעם־ראָמאַנטיק, וואָס איז ״אַוועק אויף פּאַנאַר״ צוזאַמען מיט דער ״סאַלקע״ און די ״מענטשן״. און דער סקריפּ, אין מינאָר, חזרט זיך איבער אין ליד מערערע מאָל: ״אַהאַ, לייזער וואָלף, ניט אַזוי סקריפּעט אויס מײַן בת־מלכּה...״ און דער אומפֿאַרגעסלעכער ס ק ר י פּ בלײַבט פֿאַרקריצט אויף בײַם לייענער אין האַרץ און אויער.

איז עס גאָר נאַטירלעך און פּשוט, אַז נאָך די אַ טרעפּ זאָל זיך יאָווען אַן אַנדער אַטריי־בוט פֿון דעם מיך, וואָס איז אויסגעשפּרייט ווי אַ טרויעריקע געדענקשאַפֿט איבער דער געטאָ אין ווילנע: ״בײדעמער אין זונפֿאַרגאַנג״ (יולי 1944). ווי די טרעפּ, וואָס פֿירן צו סאַלקעס, איז אויך געווען אַ בוידעם־קאָמפּלעקס אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך. אַ בוידעם איז געווען דער אייבערשטער פֿאַרטונקלטער אויסשפּרייט אונטערן דאַך, וואָס איז אָפֿט געווען אַ קאַמער, צי אַ סאַלקע. ס׳איז, דאַכט מיר, גאָר ניט געווען אַזאַ ייִדישע שטוב, וואָס זאָל ניט פֿאַרמאָגן אַ בוידעם איבער זיך — ס׳וואָלט קיין שטוב ניט געווען... און אָט מאַכט דער פּאָעט אַן אֲבֵלוּת־עקסקורסיע איבער ״בײדעמער אין זונ־פֿאַרגאַנג״, ווען אין דער ייִדישער ווילנע איז שוין באַלד געווען נאָך זונפֿאַרגאַנג. זײַן בײדעמער־עפּאָפּעע דעקט זיך אויף אין גרויזיקע בילדער, ווו די ליידיקייט נעמט אַרום אויך דעם וואָס שרײַבט די פֿיר־שורהדיקע סטראָפֿעס פֿון דער גורל־כראָניק:

בנינים ליידיקע, אָן ליפּן. לויף איך איבער בײדעמער
און זוך אַ לעבעדיקן ייִד אַ בוידעם אויס און אײַן.
אומזיסט. ניטאָ קיין אייניקל אין זיי, ניטאָ קיין זיידע מער,
בלויז בײדעמער אין זונפֿאַרגאַנג, אַ בוידעם אויס און אײַן.
(דאַרטן, ז׳ 95)

דאַרף מען געדענקען, אַז אויף די ביידעמער האָבן זיך ייִדן אויסבאַהאַלטן בעת אַקציעס, און זעלטן מיט הצלחה. אין זײַן געלויף "דורך ביידעמער צעפּראַלטע", געפינט סוצקעווער קוים איין שארית־הפליטה "שאָטן" — "אַהינטער לעצטן בוידעם אין אַ תהום". איז עס אמתדיק און פילעוודיק, וואָס אַזאַ ווילנע־קינה איז דעדיקירט פאַר חיים גראַדע.

ז

דאָס ליד "נאָדלשײַן" (אויך דער טיטל פונעם אַפּטייל) בליצט אַרײַן מיטן ליכט פון דיכטערס דערלייזונג און רעפלעקטירט צוריק אויף די פאַרפינצטערטע ביידעמער, ווו ער איז "שפּעטער, / אַן אויסגעלייזטער שויך, / צוריק אַרײַן אין דער באַהעלטעניש / אַוו איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן / צווישן גאָט און טײַוול". (דאָרטן, ז' 97). און דאָ קומט אויף, אין ווייניקע שורות, דער שאַפערישער יהי פון לעבן, צו וועלכן ער איז מתפּלל אין לעצטן ליד פון בוך, ווי שוין אויבן דערמאָנט. דאָס איז געווען דער צוריקשײַן פון פײַן־אויסגעשליפענעם בילד, אין נאָדלשײַן־ליכט, וואָס דער פּאָעט האָט באַשאַפן מיט אַ פּראָזאַישן "טשוואָק", אין יענער בוידעם־מאַלינע, ווו עס "איז קאָסע נאָך געפאַלן דורכן דינעם בלעכגעוועלב /וואָס דורכגעבויערט האָב איך מיט אַ טשוואָק, / די זעלבע שײַן, / די זעלבע הימליש לויכטנדיקע נאָדל, / אין וועמעס גנאָד פאַרנאָדלט האָב איך אותיות / אויף זילבערלעכן פאַרמעט פון מײַן לײַב / לעולם ועד". (דאָרטן, ז' 97). אין דער אַ בוידעם־אָדיסעע איז די נאָדלשײַן דאָס קאָנקרעטע יצירה־ליכט, וואָס באַשײַנט אי זײַן שאַפערישן מהות און אי זײַן פיזישן וועזן. איז עס גאָר קיין וווּנדער ניט, אַז סוצקעווער דערזעט און דערפילט זיך אַליין אין בלענד פון אייגענעם איך. טאַקע אין זעלבן "שפּעטער", נאָכן אויסלייז, דערציילט ער: "אויפגעצאַפּלט האָט פון שטויב / אין זעלבער נאָדלשײַן / אַ קענטלעכע געשטאַלט. און איך וואָלט שווערן: / איך בין עס געווען. און בין. וועל בלײַבן, / אַנגעסיליעט אויף אַ שנירל שטויב / פון זעלבן נאָדל". (דאָרטן, ז' 97). אָט מיט אַזאַ נאָדל־און־פאָדעם־שײַן האָט סוצקעווער אויסגעשטעפּט ס'ליד, און לידער, לעולם ועד.

אין זעלבן אָפּטייל זענען נאָך פאַראַן צוויי פּראָזע־זאַכן: "דער גליקלעכסטער", געשריבן אין 1979 (זײַט 100), און "אַ שוואַרצער מלאך מיט אַ שפּילקע אין האַנט", געשריבן אין 1980 (זז' 101־110). ביידע דערציילונגען זענען אין באַקאַנטן סטיל און מאַניר פון סוצקעווערס פּריזערדיקע דערציילונגען: דער אָריגינעל מאָדערניסטישער נאַראַטיוו, אויסגעפלאָכטן מיט דער מיסטיק פון לעבן און טויט. זיי זענען נאָך אַ דינער שיכט אויף דעם סוצקעווער־פּראָזע־מאַסיוו, וואָס אָטעמט מיט זינגעוודיקער הײַנטצײַטיקייט, מיט צוגעהעריקייט צו דער סדרה: משיחס טאָגבוך.

דער לעצטער אָפּטייל, נאַכטגראַניט, באַשטייט פון נײַן לידער. דאָס ליד מיטן זעלבן טיטל האָט די ערשטע סטראָפע — פיר שורות — באַצייכנט מיט א, די צווייטע און דריטע — אַכט שורות — באַצייכנט מיט ב. דער פרימאָרגן ברעכט זיך אַרויס פון נאַכטגראַניט מיט אַדלערישער קראַפט: "אַ לעבעדיקער דימענט אינעם אויסזען פון אַן אַדלער / דערלאַנגט זיך פון אַ הימל־תהום אַ ריס־אַרויס און בייגט זיך / צום פעלדזן־תהום, און שנײַדט פונאַנדער נאַכטגראַניט בײַם פליִען. / עס רייכערט זיך דער

מאָרגן־שטערן אין זײַן רויטן שנאָבל". (דאָרטן, ז' 117). דער מאַכטיקער פּלי פון אָדלער פון הימל־תּהום צום פעלדזן־תּהום, צעשפּאַלט דער נאַכטגראַניט. איז עס ניט אַ פּראַכטיק ב'ילד פון דער נאַטור, ווען דער בלאַסער מאָרגן־שטערן בלײַבט שטעקן אין זײַן רויטן שנאָבל. ער בלײַבט מיט אַן "אָפּגעברענטן — — פליגל" און מיטן "פײַער" פון "דימענט" קומט ער אָן צום גראַוויטאַציע־צירקל פון דער ערד: "זאָלן אים ציִען די ערדענע קייטן".
נאָך מער פאַסצינירנדיק איז די "שטומע שפּראַך" פון שטילקייט, וואָס סוצקעווער פּרוווט אַרויסציִען פון די נאַטור־סובסטאַנצן און זיי פאַרוואַנדלען אין דימענטענע לידער. אָט, אַ זײַט פריִער, דערזעען מיר בולט "דאָס גרויסע שווײַגן":

אין מידבר סיני, אויף אַ ריזן־וואָלקן פון גראַניט,
אויסגעקנאָטן פון דער ערשטער בראשית־נאַכט אין מידבר,
אויסגעטעסעט פון אַ שוואַרצן פלאַם אַנטקעגן ים־סוף,
דאָרטן איז באַשערט מיר צו דערזען דאָס גרויסע שווײַגן.
(דאָרטן, ז' 116)

איז שוין נאַטירלעך, אַז "דער גאָט פון שטילקייט" איז דאָרטן אויך פאַראַן. זײַן אָרט איז דער מידבר, מעג עס זײַן "אין די אָדערן" פון גוף. ווײַל ווי אַנדערש קען איינער שטילן די שטילקייט, אויב ניט "בלויז צו טרינקען מידבר / פונעם קריגל פון דער נאַכט, / בלויז צו טרינקען זעונג / און דערזען אין זיך די זעונג". (דאָרטן, ז' 114).
ס'איז די דיכטערישע וויזיע וואָס סוצקעווער פאַנגט זי — אין זיך. דאָס איז די סובלימירטע נאַטור, ווי דער דיכטער זעט זי, האָט זי ליב און מאָלט זי. דערפאַר קען ער אַזוי מענטשלעך שרײַבן אַ "וויגליד צו אַ שטיין", ווי צו אַ קינד. אַזש פון דער בראשית־דיקער אָדם־צײַט, ווען "געשוועבט נאָך האָבן איבער אונדז די נעמען יום און לילה", ווײַל "צוזאַמען קאָנען מיר אַצינד אויף זעלבער ערד ניט וואָך זײַן". (דאָרטן, ז' 113). קען דאָך אַ שטיין אַזש פּלאַצן, ווען ער הערט אַזאַ וויגליד. אָבער מע מוז עס לייענען גאַנץ, ניט אין ציטאַטן.
אין אַלע סוצקעווערס צעטאַגיקטע צי צענאַכטיקטע לידער, צעפעלדזיקטע צי צעזאַמדיקטע בילדער, פאַרשטילטע גאָט־בלחשדיקע אימאַזשן, איז תּמיד פאַראַן אַ מיסטישער אָדלער צי דימענט פון דער שטומער שפּראַך פון סודות — דאָס איז ליד, דאָס דאַרף זײַן ליד — דאָס איז דאָס ליד פון אַבֿרהם סוצקעווער. ער זינגט צום שלאָפנדיקן שטיין מיט דעם באַוווסטזײַן, אַז דער גײַסט זינגט צום חומר וואָס קאָן זיך אויפכאַפּן צום לעבן מיטן געטלעך־קינסטלערישן יהי. מע מוז זײַן אַ וויזיאָנער, אַ פּאָעט פון חלום־לאַנד, כּדי צו גלייבן אין די מיסטעריעס פון וואָרט — סוצקעווער איז עס!
אין לעצטן ליד פון אָפּטייל, לזכר אריה שמרי, "בײַם שמאָלן קאַמער", פילן מיר באַשײַמפּערלעך ווי פון דער מאַטעריע וואַקסט אַרויס דער גײַסט און צו איר קערט ער זיך אום. ס'איז געבליבן "אַ שאָטן פון אַ בוים", אָבער זײַן גײַסט געדײַט אין נצח פון וואָרט: "און ס'קלינגען זיך צוזאַמען זײַנע רינגען פון די שטאַמען / מיט עפּלדיקע ווערטער און מיט ווײַנשלדיקע גראַמען". (דאָרטן, ז' 121).

# לידער פון טאָגבוך
## 1981־1980

**א**

לידער פון טאָגבוך, 1974־75־76, איז אַרויס אין אַ באַזונדער ביכל, אין 1977, און אין אַ פּריערדיקן קאַפּיטל (זז׳ 193־199) האָבן מיר עס, אין דעם בוך, באַהאַנדלט. זענען, צוזאַמען מיט די פון די ערשטע דריי יאָר, צוגעקומען די לידער פון זעלבן טיטל און קאַליבער, וואָס זענען באַצייכנט מיט אַ דאַטע פון 4־5 יאָר שפּעטער (1980־1981). נאָר די דימענסיע דאַרף אויפגענומען ווערן ניט אין זייער צייטדיסטאַנץ, נייערט אין זייערע אויסגעברייטערטע האָריזאָנטן און פאַרטיפטע זעונגען, מיט וואַרייִרטע נייערע אייגנקייטן. די 47 לידער זענען געשריבן אין דער זעלבער פאָרעם ווי די פריערדיקע: 4 פיר־שורהדיקע סטראָפעס אַ ליד, אין גלייכמאָסיקן ריטעם. און ווידער האָבן מיר דאָ אַן אוצר פון גייסטיקער קרעאַציע, אין געשליפענעם סטיל און וואָרטמוזיק. סוצקעווער שפּרייט דאָ אויס אַ לאַנדשאַפט פון אינטענסיווער פּאָעזיע, מיט פריילינגדיקע און האַרבסטיקע ריחות, מ׳דאַרף נאָר פאַרמאָגן די כּוחות ווי געהעריק עס איינצואָטעמען. וועלן מיר, ווי אונדזער דרך, נאָכגיין די לידער מיט אַ סדר.

אין ערשטן ליד האָט סוצקעווער אויסגעקריצט אַ געזאַנג־עפּיטאַף אויף דער מ צ בֿ ה פון זיין "רעטעריך יאַנאָווע", וואָס האָט "געראַטעוועט פון שייטער מיינע טרערן". אין קורצע לאַפּידאַרע זאַצן דערציילט ער איר איבער די געשיכטע, ווען "אין געדאַנק בין איך צו דיר שוין עולה־רגל". און „אין געדאַנק", — "דורך שוואַרצע שנייען וועל איך עולה־רגל־זיין צום צווינטער" און "בלחש וועל איך לייענען, בלחש וועט זי הערן". (דאָרטן, ז׳ 195). זענען טאַקע די שורות שטיל־תּפילהדיקע.

צוויי וויטערדיקע לידער זענען געווידמעט צוויי באַקאַנטע געשטאַלטן: פון דער ייִדיש־העברעיִשער פּאָעזיע — "דערמאָנונג וועגן אַהרן צייטלין", און פון ישׂראלדיקן טעאַטער — "ראָווינאַ צו נייַנציק יאָר". אין ערשטן ליד בליצט סוצקעווער אַרויס מיסטעריע־פונקען פון צייטלינס פּאָעטישער נשמה, ווען ער האָט געלייענט ביי סוצקעווערן "אין תּל־אָבֿיבֿער צימער" אַ ליד "וועגן ביימער אין אַ וועלדל / ווו יעדער בוים איז אָנגעטאָן אין טלית און אין תּפילין". פון דער דערמאָנונג קומט־אויף "אַ חלום", און צייטלין באַשטעטיקט דעם אילוזאָריש טעלעפּאַטישן חלום: "איך האָב דאָס ליד געשריבן אין דיין חלום פון דער וויטנס — —". (דאָרטן, ז׳ 196) דאָס צווייטע ליד איז שוין אַ לעבעדיקע כאַראַקטעריסטיק פון ראָווינאַס ראָלעס, ווען זי לעבט זיי עמאָציאָנעל דורך, און זי — "טעאַטער שפּילט ביי איר אין שטוב, אַ לעגשטול איז די בינע". (דאָרטן, ז׳ 197). די מינאָרע טענער קלינגען פּייערלעך, די ווערטער — בוקעטן טרויעריקע, ווי דער "מלאך (וואָס) האָט אַ מאָל געבלאָזן אין אַ האָרן".

די סימבאָלן אין די לידער זענען כּוללדיקע, ס׳איז די פילאָסאָפיע פון "צייטראָד" וואָס דרייט זיך אומקענטיק, אָבער דרייט־אַריין דעם אומעט אין האַרצן. אין פּאָעטיש

פֿאַראַלגעמיינערטע מעטאַפֿאָרן אָבסערווירט סוצקעווער די מענטשן, ווי אַ חלק פֿון דער אַלוועלט: ״מיר זענען אין אָרקעסטער בלויז די נאָטן, בלויז די נאָטן, / געשרייבענע מיט מענטשן־צייכנס דינערע פֿון שאָטן״. אָבער דער מענטשן־אָרקעסטער איז ניט בלויז שפּיל פֿון אַ צופֿעליקן נאַטור־קאַפּריז, ווײַל ״איבערן אָרקעסטער, איבער סטרונעס און קלאַווישן, / פֿאַראַן אַ דיריגענט און ס׳קען אונדז אויסוויינען בלויז יענער״. און ווי אַן איך טיילט זיך דער דיכטער ניט אויס פֿון כּלל־גורל, וואָס ווערט אונדזער:

אַרויסגעשפּילט פֿון אונדזער שטומקייט שפּילן ביימער, נעסטער<br>
פֿאַרוואַנדלטע אין ברויזנדיקע מוסקלען פֿון אָרקעסטער.<br>
אַרויסשפּילן פֿון אונדז דעם איך, איז קיינעם ניט געראָטן.<br>
מיר זענען בלויז די נאָטן, בלויז די נאָטן.<br>
(דאָרטן, ז׳ 198)

ער ווייס אַז אין דעם געשפּיל איז דער איך נישטיק און אומרעאַל.

אָבער אויך אין די פּאַרטיפּטע טראַכטענישן זוניקט פֿון צײַט צו צײַט אַרויס אַ שטיפּעריש שטראַלכל. אָט טוט אַ בליץ אַזאַ דווקא אין דער הייליק־באַזונגענער און סימבאָלן־באַהאַנגענער צפֿת: ״אַ הויקערדיקער שטראַל מיט ווײַסער באָרד, אין ווײַסע זאָקן, / פֿאַרשטעלט מײַן שטעג אין צפֿת. די שטאָט איז בלױז באַרעגנט. גלאַנציק. / מיט ווײפּל, מיינסטו, יאָר בין איך באַלאָדן? — צוקט דער זקן. / — איך מייך מיט הונדערט, קיין עין־הרע, ביזקל הונדערט צוואַנציק״. (דאָרטן, ז׳ 199). אָבער דער אויסגעפּאַנטאַזירטער שטראַל־זקן איז ״עלטער אויף צוריקוועגס״: ער רעקאָרדירט בעל־פּה די צײַט, זינט זײַן ״עלטער־זיידע איז געגאַנגען צו קינד מיט חוהן״ ביז ״דעם קיניג שלמה און אַ שד און טויזנט ווײַבער״. נאָר די איין צרה איז —: ״כ׳וואָלט זיי אַלעמען באַשריבן ווען כ׳וואָלט זײַן אַ שרײַבער״. אפֿשר אַ שמייכל־שטראַל.
און אָט פֿילאָסאָפֿירט דער פּאָעט וועגן משיח־מענטש חלום, ווען מענטש וועט ווערן ״אָנגעגורט מיט פֿליגל און איבערלאָזן תּהום אין תּהום״ — אַזאַ אידעאַליסטישער ״משיח איז צו קיין שום טויער ניט פֿאַרקאָוועט״. (דאָרטן, ז׳ 200). און ווידער, אַ ליד פֿון ״נאָדלען״, צאַרטע, ציטעריקע און חושימדיקע: ״כ׳וויל זאָגן פּשוט: כ׳האָב דיך ליב. נאָר ווי אַזוי איז מעגלעך / צו ליב האָבן אַזוינס וואָס איז געבוירן צו פֿאַרשווינדן״.
און ער ווענדט זיך צו דער ״לעגענדע״, וואָס שפּראָצט פֿון דער ליבע: ״ביסט איצטער איצטערדיק ווי איך, און ווי דו ביסט געווען דאָ. / צעשטעכן זאָל איך מײַנע פֿינגער בעת אין אומדערוואַרטקייט / נאָך טראָפּנס בלוט פֿאַרבענקען זיך די נאָדלען פֿון דײַן צאַרטקייט״. (דאָרטן, ז׳ 201).

ב

דורך אַלע לידער וויקלט זיך דער זײַדענער פֿאָדעם פֿון מחשבֿה, מיט בליציקע מעטאַפֿאָרן און המצאהדיקע סימבאָלן. מ׳קען אַזוי אָנציילן צענדלינגער ״געבענטשטע ווערטער״ און בילדער. דער דיכטער חלומט אויס אין זײַן זוּונג ״גאָר אַן אַנדער מין

פון רוחניות", מיט נײַקייט פון רייד און פרישקייט פון אימאַזשן. דאָס זענען אַלץ דיך־שפּיזלדיקע שורות, וואָס קומען אין "אומדערוואַרטקייט" און זיי שטעכן דורך צונג־און־מוח מיט שאַרפער נאָדלדיקייט. סוצקעווער טונקט זיך דאָ אונטער אין פּאָעזיע־ים און שלאָגט אַרויס כוואַליעס פון קאָנטעמפּלאַטיווער מוזיק. ער דרייט נאָך אַלץ דעם זעלבן לידערישן ראָד מיט פאַנטאַסטישע בילד־היעראָגליפן און אַבסטראַקטיזם, ווי אַ המשך פון יענע לידער־ציקלען אין די מיטן 70קער. ווי אין אַ דערמאָנונג־טראַנס הייבט ער אָן מיט אָן א ו ן און ווענדט זיך צום ד ו. "און דו, וואָס דיר צוליב האָב איך געטאָן אַ מאָל אַ נדר / צו מקריבֿ זײַן דעם טויט, ווו ביסטו?" און נאָך דעם, אין געפּרעסטע סימבאָלן:

> אַהינטער דער נשמה מײַנער לאָקער איך געבויגן,
> און ביז צום פּלאַצן אָנגעשפּאַנט: אַ מאַן אַ פײַל־און־בויגן.
> איך לאָקער אויפן שפּאַרבער־שאָטן איבער דײַנע גלידער,
> אַ שפּאַרבער אין דער הייך פּרוווט אויס דעם שאָטן אין דער נידער.
> (דאָרטן, ז' 202)

מיר קוקן דאָ אַרײַן אין דיכטערס עמאָציאָנעלן שפּיגל ביז זײַן סאַמע טיפקייט: די שפּירונג פון שפּאַרבער־שאָטן וואָס טיילט זיך פונאַנדער אין דער לעצטער שורה צו זײַנע באַזונדערע איגנשאַפטן: שפּאַרבער און שאָטן — דער ערשטער אין דער הייך, דער צווייטער — אין דער נידער. און גלײַך דערויף אַנטפּלעקט דער דיכטער: "פּאַראַן אַן אינדזל וואָס אַ קנעכט איז אים דער ים". מאָנט ער אַן ענטפער: "און ביסטו בלויז אַן אָפּשפּיגל, אויך יעמאָלט גיב אַ סימן, / דו ביסט ניט ווינציקער ווי דו, איך מוז אַהין דערשווימען". איז עס אָבער ניט די אומבאַהאָלפענע תּפילה פון אַ צעבראָכענעם "קנעכט", נאָר די קראַפט פון פאַרמעסט מיטן ד ו, וואָס דאַרף קאָמפּענסירן דעם, וואָס האָט אים "צוליב, צו מקריבֿ זײַן דעם טויט געטאָן אַ נדר", און דאָ קומט דער אַרויספאָדער: "אַנטפּלעק זיך אין מײַן לעצטער זעונג, איידער, איידער, איידער". (דאָרטן, ז' 202). די דרײַ עכאָס פון איידער איז דאָ אַוודאי דער אָפּקלאַנג פון לעבן, וואָס איז מקריבֿ דעם טויט.

און אָט ווערן מיר פּאַראינטריגירט פון אַזאַ בילד: "דער גנבֿ איז אַרײַן אויף שפּיצן־פינגער דורך די ווײַעס, / דער גנבֿ איז אַרײַן אויף שפּיצן־קלאַנגען דורך אַן אויער". ווי אַ דעטעקטיוו שפּירן מיר שוין נאָך דעם אויסטערלישן גנבֿ, וואָס האָט אײַנגעבראָכן אין דער זעונג און הערונג פון דיכטערס טרוימלאַנד. איז וואָס אַ שטייגער האָט ער דאָרטן געהאַט צו גנבֿענען, אין "חלום־סייף" — „ניט קיין שנירל פּערל, נאָר אַ שמייכל / אַרויפגעסיליעט אויף מײַן בליק אין זומער פון מײַן לעבן". אָבער דער גנבֿ־דזשענטלמען האָט "אָפּגעבראַכט דעם אוצר. / און יעמאָלט האָב איך אים דערקענט: ער איז געווען אַ טויטער". (דאָרטן, ז' 203). איז עס ניט אַ פּאַרקאַפּנדיקער פּאָעטישער קרימינאַל־ראָמאַן?.. די טויטע צײַט האָט אָבער פאַרבאַהאַלטן דעם שמייכל.

צו די חידושימדיקע נאָוואַטאָרישע לידער, איז תּמיד צוגעבונדן מיט אַ דין־אומזעעוודיק ק י י ט ע ל ע דער שליסל וואָס עפנט זייער תּוך און זעל, זייער "חלום־סייף", און

דער לייענער דאַרף ניט ריזיקירן מיט אַ ג נ ב ה. ס'איז דער יסוד פון סוצקעווערס פּאָעזיע, ווו אַלע געדאַנקלעכע און פּסיכאָלאָגישע שלעסער עפענען זיך אַליין, אויב מ'לייענט זי מיט האַרץ און קאָפּ. דאָ קומען אַרויס אַלע מענטשלעכע ראַנגלענישן מיט גאָט און מיט זיך, מיט סוד און מיט סבֿיבֿה — גײַסטיקע און פּיזישע עלעמענטן וואָס זענען איינס אין אַנדערן פֿאַרפלאָכטן. און מ'קען ווויל הנאה האָבן פון דער וווּנ־דערלעכער שיינקייט פון יעדער שורה, יעדן סעיף, יעדן וואָרט, אויב מ'טוט עס אַליין זיך מפרש־זײַן. אַפילו אין אונדזער בוך דאָ איז שווער צו אינטערפּרעטירן אַ ל ץ. אין די טאָגבוך־לידער, וואָס אַבֿרהם סוצקעווער האָט אויסגעמײַסטערט, זענען פֿאַראַן שפּאַלטן און שפּאַרונקעלעך מיט די שטריכן צום איכפּאָרטרעט פון דיכטער, ווי "ס'מאָלט די זון איר איכפּאָרטרעט אין וואַסער". פון די אַלע איך־רעפלעקסן, וואָס די לידער שטראַלן אַרויס, קען מען לײַכט אויסמאָלן דעם פּנים פון זייער שאַפער. ס'איז דאָס פּנים, וואָס ליכטיקט אין דער מוזיק פון די פּירקאַנטיקע אותיות — די מופתים פון סוצקעווער־געזאַנג. און אַז סוצקעווער דערציילט "די באַלאַדע פון מײַן לעבן", איז גוט וואָס ער מאַכט עס אַ קאַפּעטשקע שטיפעריש, הגם בײַ דער "סעודה" זענען פאַראַן זײַנע "אורחים אומגעזעענע" און ס'איז די צײַט "צו דערהערן / דעם ברומענדיקן בת־קול פון דער אייביקייט: מײַן קריטיקער". (דאָרטן, ז' 20). אָבער אַזוי ווי מיר האַלטן נאָך ווײַט פון "אַ טאָג בײַם אויסלאָז פון די טעג", ווען מ'וועט "פּרעפּלען משונהדיקע זילבן פאַר די מענטשן פון דער שווײַגעניש"; און אויך ווײַט פון דער סעודה, ווו מ'וועט עסן ווערטער אַנשטאָט ברויט, ווילן מיר פאַרענדיקן אויף אַ ז אַ סוצקעווריש פריילעכער נאָטע, ווען ס'האָט זײַן "יוגנטפרײַנד" — "אויף אַ פליימאַרק אַ פאַריזער — געקויפט אַ לאַכעדיקן שאַרבן". איז פאַר וואָס עפּעס לאַכט דער שאַרבן? ווײַל ער איז שוין איבערגעקומען, ער איז "דער גליקלעכער. אַ מענטש וואָס וועט ניט שטאַרבן". (דאָרטן, ז' 206). און ער טרינקט פאַר זיך, אין שפּיגל, אַ ל ח י ים. אַזוי "טרינקען אויך די גליקלעכע וואָס וועלן מער ניט שטאַרבן".

ג

לידער פון טאָגבוך 1981 באַשטייט פון 34 לידער, וואָס זענען פון זעלבן גײַסט און שטאָף ווי די 13 פון 1980, וועלכע מיר האָבן בהרחבֿה אינטערפּרעטירט. וועלן מיר אין דעם טייל זיך מצמצם זײַן ווי ווײַט מעגלעך: דערמאָנען בלויז די לידער, וואָס מיר האַלטן פאַר וויכטיק. 1981 הייבט זיך אָן מיט אַ ליד לזכר אורי־צבֿי גרינבערג: "ווען אַלע זענען זיך צעגאַנגען פונעם הר־הזיתים / און איינער איז אין אויסגעהאַקטן פעלדז אַליין פאַרבליבן". (דאָרטן, ז' 208). סוצקעווער זעט ווי אין אַ וויזיע, דעם "ליכטזײַל פון זײַן טויטן אָטעם", "און צוויי קול־דממה־דקהס און אין בײדע היכּע טרערן", די "לוויההדיקע טרערן פון זײַן מאַמע / און בליענדיקע טרערן פון די ביימער אין זײַן גאָרטן". און ירושלים האָט "דורכן פעלדז אַ קוש געטאָן איר פּיטן".

אין כּמעט דער גאַנצער סעריע 1981 וויברירט אַ נאָטע פון אומעט. אָט איז "אַ בריוו דערהאַלטן פון מײַן היימשטאָט אין דער ליטע / פון איינער", וואָס האָט "אַרײַנגעלייגט — אין אים — אַ גרעזל פון פּאָנאַר". (דאָרטן, ז' 209). ס'גרעזל, ווי די "זילבערנע

סטרונע פון בוטשאַנען / דערמאָנט, אַז כ'האָב געהאַט אַ מאָל אַ היימשטאָט אין דער ליטע". (דאָרטן, ז' 210). און דער פּאָעט ווערט צוריק פאַרטראָגן צו זײַן געוועזענער הײם, וועלכע ער זעט ווידער "פּאַרזונקען אין אַ זומפּ" — טראַגישע "רעאַליטעט אין גלײַענדיקע צוואַנגען". (דאָרטן, ז' 211). כּדאַי צו געבן נאָך אַ מוסטער פון אַ ביזאַר־שטיפערישן בילד, על־פּי שטייגער סוצקעווער: "מײַן שכן דיאַבאַליסימאָ", וואָס האַלט, אַז "געזאַלבטע זענען בלויז די מתים", עצהט דעם דיכטער: "— געפינען אַ דריטע עקסיסטענץ מחוץ די בײדע, נאַרעלע, / ווו שטאַרבן איז אַ לוקסוס און ווו לעבן — לינד און לינדער". (דאָרטן, ז' 214). איז עס שוין ניט קיין ווונדער, און במילא אַמוזירנדיק, אַז דער משונהדיקער שכן "טרייסלט אָפּ" — צום גראַם — "אויף מײַן פּאַפּיר דעם שטויב פון זײַן צילינדער". גלײַך נאָך דעם, ווי אַן עכאָ, קומט אַ ליד: "אַ דאַנק וואָס ביידע לעבן מיר מיט זעלבן טויט, ווי שכנים, / אַ סימן ער איז דאָ אין שטוב" — — "און ווייסן וויל: פון אַלע שכנים יענער איז דער נעענטסטער". (דאָרטן, ז' 215).

אויף זײַט 218 געפינען מיר אַן אויפטרייסלענדיקע דערמאָנונג פון די חורבן־יאָרן, און אין דער לעצטער טעקסט־שורה איז אַפילו אָנגעגעבן די דאַטע ווען דאָס האָט פּאַסירט: דער אינהאַלט: "די אָפּגעהאַקטע האַנט", וואָס דער דיכטער האָט "געפונען — — אין גאָרטן", איז זײַן "דריטע האַנט". און ווי ער איז זיך מודה: "איך שרײַב אָן איר קיין אות ניט". ווייסן מיר שוין ווער עס שרײַבט די קינות. אין דער סעריע 1981, און פון די יאָרן פריִער, איז פאַראַן די רעטראָספּעקטיווע זעונג פון נעכטן, די רעאַליטעט פון הײַנט און די וויזיע פון מאָרגן, ווי די גרונטיקע אידעע פון די לידער. צוגעבן דערצו דאַרף מען נאָך די נײַקייט, די פרישקייט פון לעבן און פון אָטעמדיקן קיום, וואָס איז אַרײַנגעהאַמערט אינעם חומר, אויך דעם ביאַלאָגישן. אָט אַ שטייגער רעדט סוצקעווער אין אַ ליד — צו און פאַר מײַן טאָכטער מרים — אַזוי צו זאָגן, סימבאָליש: "איך בין דײַן חומר, קינד מײַנס, דו — מײַן האַמערער. זײַ גליקלעך. / ס'געשטיין איז תמיד עלטער פון זײַן הייסבלוטיקן פורעמער". (דאָרטן, ז' 221). און אַלײן זײַענדיק דער "אָטעמדיקער חומר", פאַרענדיקט ער: "אַלץ שלמותדיקער ווער איך פון דײַן האַמערײַ און קנעטעניש", נאָר "אינעווייניק" דער "טרוימער", "בײדן ווערט ער בלײַבן ביז אין אייביקייט אַ רעטעניש". אַ ליד (ז' 230) לזכר יצחק צוקערמאַן (אַנטעק), און נאָך אַ ליד איז פאַר יאָסל בערגנער (ז' 232), דער קינסטלער וואָס האָט געמאַכט די צייכענונגען צום בוך.

די אַלע לידער פאַרמאָגן קינסטלערישע ערכים, וואָס מיר האָבן אַנאַליזירט, און צום טייל סעקציאָנירט, גאַנץ פּרטימדיק. אונדזער ציל איז געווען, וואָס בולטער אַרויסברענגען די נ ש מ ה פון די לידער: אַרײַנקוקן טיפער אין די גײַסטיקע אויגן פון זייער מײַסטער, וואָס האָט באַשאַפן און אויסגעפורעמט זײַן געזאַנג מיט קלאַנגען פון דער נײַער צײַט און אַרויסגעפירט עס אויף ברייטע וועלטישע שליאַכן. די צעזוניקטע וועלט פון סוצקעווערס פּאָעזיע פּרעטענדירט אויף ברייטע האָריזאָנטן, פאַרביקע רעגנבויגנס, ערד און הימל און קאָסמאָס. ער האָט אַרײַנגעגאָסן זײַן פּאָעזיע אין אוניווערסאַלע כּלים, ווי קיינער פאַר אים אין דער ייִדישער פּאָעזיע האָט עס ניט געטאָן. דערבײַ בלײַבט ער אַן אַלייניקער באַרגשפּיץ, וואָס רײַסט זיך נאָך אַלץ צו נײַע הייכן.

## *DAM — דאַם

- די מאָדערניסטישע באַזונדערקייטן און נײַע עלעמענטן, וואָס טיילן אויס סוצקעווערן ווי אַן אָריגינעל־פֿאַרזיכיקן אויפֿשפּראָץ פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע, — בעיקר אין די יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, און בולטער אין די לעצטע 70קער יאָרן, — באַהאַנדל איך אין דעם עסיי. דאָ מאַך איך אַ פּרוּוו — און נאָר אַ פּרוּוו ווײַל אַנדערש פֿאָדערט זיך אַ גרונטיקע פֿאָרשאַרבעט — צו זען געוויסע קאָמפּאָנענטן אין זײַן שאַפֿן בשײַכות מיטן איבערזעצן זײַנע לידער אין אַנדערע שפּראַכן. דער איבערגעזעצטער און מאָדערניסטישער אַבֿרהם סוצקעווער (ווי דער עסיי איז געווען באַטיטלט בײַם דרוקן) לאָזט זיך פֿאַרגלײַכן מיט די אינטערנאַציאָנאַלע נאָרמעס פֿון דער מאָדערנער פּרעמדשפּראַכיקער פּאָעזיע. מוסטערן פֿון אַנאַלאָגיעס, אויף ווי ווײַט ס׳האָט זיך געלאָזט אַרויסנעמען פֿון דער־אָ אינטערנאַציאָנאַלער דאָקומענט־זאַמלונג פֿון איבערגעזעצטער פּאָעזיע, ברענג איך אין דעם עסיי (מיט קליינע קיצורים און שינויים).

**א**

אַז מע פֿאַרטיפֿט זיך גרונטיק אין קאָמפּלעקס פֿון די אָריגינאַלן (דײַטש און ענגליש) און איבערזעצונגען פֿון מאָדערנער פּאָעזיע (אַפֿריקאַנס, דײַטש, רומעניש, אונגאַריש — אויך אַן עסיי, האָלענדיש און פֿראַנצייזיש) אויף ענגליש, העלפֿט עס אין מער קלאָרן ליכט צו דערזען דעם אינטערעסאַנטן פּרוּוו איבערצוזעצן אין אַנדערע שפּראַכן ייִדישע לידער. די הויפּטזאַך וואָס האָט צוגעצויגן מײַן אויפֿמערק: די לידער פֿון אַבֿרהם סוצקעווער. דער עקספּערימענט איז באַזונדערס אייגנאַרטיק און וויכטיק. דרײַ לידער פֿון פֿאַרשיידענער טעמאַטיק — "עקידת יצחק"; "נאָך דער נסיעה"; און "פֿאַרפֿרוירענע ייִדן" — זענען געדרוקט מיטן ייִדישן אַלף־בית, און אויף ייִדיש אויך אין לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע, — נאָך דעם קומען זייערע איבערזעצונגען אויף האָלענדיש, דײַטש, איטאַליעניש, רומעניש, ענגליש, מאַלאַיִש און יאַפּאַניש. און בײַ דעם טאַקע, אין אַנאַליז פֿון די איבערזעצונגען — דײַטש, ענגליש — האָט זיך פֿאַר מיר אויף ס׳נײַ אַנטפּלעקט די געשטאַלט פֿון פּאָעט סוצקעווער אין זײַן אויסנעמיקן מאָדערניזם. אין דער צײַטשריפֿט האָט מיך גלײַך פֿאַרכאַפּט דער ייִדישער מאָמענט, בעיקר אין קאָנטעקסט פֿון גאַנצן לידער־אַרסענאַל וואָס איז דאָ קאָמפּלעטירט.

לייענענדיק, זײַט בײַ זײַט, די אָריגינאַלן און איבערזעצונגען, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אויך דער ייִדישער טייל (וואָס איז אַ ספּעציעל־באַזונדערער אָפּטייל) לאָזט זיך בעסער פֿאַרשטיין אין דעם קאָמפּלעקס פֿון דער גאַנצער אַרבעט. מ׳קאָן אַזוי אַרום קלאָרער זען און פֿאַרגלײַכן געדאַנקען און בילדער, פֿאָרעם און וואָרט, טעמאַטיק און עקזאַקטקייט פֿון לשון — אין אונדזער און זייער פּאָעזיע.

*Poetry International Documents. Summer 1980. Vol. 1—No. 1. 112 pp.

פון די פֿאַרשיידן־שפּראַכיקע זעקס־זיבן פּאָעטן און זייערע לידער, לאָזט זיך מאַכן אַ מיקראָאַנאַלאָגישן פֿאַרגלײַך צו סוצקעווערס פּאָעזיע ווי אַ גאַנצע (ווײַל זי קענען מיר בעסער). פֿון דעם קוקווינקל דערזעט מען שטאַרקער די דיכטערישע קוואַליטעטן פון ס׳וצקעווערס לידער לגבי די אַנדערע, וואָס גילטן ווי מאָדערניסטישע, און אַפֿילו אולטראַ־מאָדערניסטישע.

כּדאַי אויך צו וויסן די טענדענץ פֿון בוך, זײַן כאַראַקטער און ציל. על־פּי דעם ״עדי־טאָריאַל״ פֿון די רעדאַקטאָרן (און פֿאַראַן גאַנצע דרײַ), האָט די אינסטיטוציע ״פּאָעטרי אינטערנאַציאָנאַל״, במשך פֿון איר 10־יאָריקער עקסיסטענץ (זינט 1970), פֿאַרבעטן צו אירע יערלעכע פּאָעזיע־פֿעסטיוואַלן, אין ראָטערדאַם, די סאַמע באַקאַנטסטע פּאָעטן, אין די פֿאַרשיידנסטע שפּראַכן. און די לידער וואָס די פּאָעטן האָבן געלייענט פֿאַר די אודיטאָריעס — סוצקעווער איז דאָרטן געווען צוויי מאָל, — האָט מען געמוזט איבער־זעצן אויף האָלענדיש, כּדי די צוהערערס זאָלן זיי פֿאַרשטיין. ווי אַ רעזולטאַט האָבן זיך אָנגעקליבן בענדער מיט ״טוויזנטער לידער אין האָלענדיש און אין די אָריגינעלע שפּראַכן״ און די פּאָעטן־געסט האָבן געהאַט די וווּנדערלעכע געלעגנהייט ״צו באַקענען דעם האָלענדישן פּובליקום מיט דאָס לעצטע וואָרט אין דער וועלט־פּאָעזיע״. און ווײַטער: ״פֿאַרחידושט אונדז טאַקע ניט וואָס זיי האָבן אונדז געבעטן מאַכן אַן ענלעכן אָנשטרענג, אַפֿילו אין אַ קלענערער מאָס, פֿאַר אַ גרעסערן עולם ווי דער וואָס פֿאַר־שטייט האָלענדיש״. פֿון דעם פֿאַרלאַנג איז אַרויסגעוואַקסן די אידעע פֿון ״פּאָעטרי־אינטערנאַציאָנאַל״, און דאָס איז עס דער ערשטער פּרווו אין דער־אָ ריכטונג. דאָס דערוויסן מיר זיך פֿון עדיטאָריאַל, בײַם אָנהייב פֿון בוך.

בײַם סוף פֿון בוך, זײַט 114, ווערט דערציילט א״ק ״פּאָעטרי אינטערנאַציאָנאַל אויסצײַ־כענונג 1979״, אַז ״צום 10טן יאָרטאָג איז דעם ראָטערדאַמער קונסטראַט דערמיגלעכט געוואָרן צו פֿאַרזיכערן אַן ערן־אויסצייכענונג פֿאַר אַ פּאָעט״. די אויסצייכענונג פֿון 10,000 האָלענדישע פֿלאָרין איז געגעבן געוואָרן דעם אַראַביש־פֿראַנצייזישן פּאָעט פֿון מאַראָקאָ, אַבדעללאַטיף לאַבי (געב׳ 1942). מיט זײַנע צוויי לידער, אין פֿראַנצייזיש און אין ענגלישער איבערזעצונג. שליסט זיך די צײַטשריפֿט. אינטערעסאַנט איז, אַז עס עפֿנט זיך מיט דרײַ לידער אין אַפֿריקאַנס (בוריש) פֿון ברייטען ברייטענבאַך, וואָס ״ווערט באַטראַכט ווי איינער פֿון די סאַמע וויכטיקסטע דרום־אַפֿריקאַנער פּאָעטן פֿון אונדזער צײַט״. (ער לעבט איצט אין פּאַריז, ווי אַ פֿראַנצייזישער בירגער).

ב

דאָ קומען מיר צוריק צום מיטלפּונקט פֿון אונדזער אינטערעס: אַבֿרהם סוצקעווער. איז בעט זיך קודם דערציילן, אַז פֿאַר יידיש איז געגעבן אין בוך אַ באַזונדערער פֿו־לער אָפּטייל, LANGUAGES (לשונות): גאַנצע 24 זײַטן, וואָס איז אַ פֿינפֿט־חלק פֿון דער זאַמלונג. ס׳עפֿנט זיך מיט אַן אַרײַנפֿיר־אַרטיקל א״ק ״איבערזעצונגען פֿון יידיש״, געשריבן מיט וואַרעמקייט און סימפּאַטיע. נאָך אַן אויפֿקלערונג וועגן די איבערזעצונג־פּראָיעקטן בכלל, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין 1972, ווערט אָנגעשטעלט דער פֿאָקוס אויף יידיש. ס׳ווערט אויסגעדריקט די האָפֿענונג, אַז די איבערזעצונגען

פון מיעוט־שפראַכן "וועלן נאָך דעם פאַרעפנטלעכט ווערן אין די הימלענדער פון די פּאָעטן". "דער איבערזעצונג־פּראָיעקט פון 1976 האָט געדעקט די ייִדיש־פּאָעזיע, אָדער ריכטיקער: אַ קליינע צאָל לידער פון דעם ישׂראל־פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער". דאָ קומט אַ קורצער און פולדיקער קווערשניט וועגן דער ייִדיש־ליטעראַטור, דער־מאָנענדיק מענדעלע מוכר־ספרים, שלום־עליכם און י.־ל. פּרץ, וואָס "האָבן אַרויס־געבראַכט דעם גרויסן ליטעראַרישן ווערט פון דעם לשון — ייִדיש איז פאַר יאָרהונ־דערטער געווען די אומגאַנגשפּראַך פון מיליאָנען ייִדן — ייִדיש איז געווען ווײַט אָנגענומען און געוואָרן דער אוצרדיקער מעדיום פאַר אַ גרויסער צאָל ייִדישע שרײַ־בערס". און ס'האָט זיך אָנגעהויבן "אַ פּעריאָד פון אומגעהײַערן אויפבלי, וואָס האָט זיך געצויגן 50 יאָר, און ביז הײַנט איז ניטאָ אַ פּאַראַלעל צו דעם אין אַנדערע נאַציאָ־נאַלע מינדערהייט־ליטעראַטורן". דאָ קומט די סיבה פון ירידה: דער חורבן. ס'ווערט ציטירט דאָס ענגלישע בוך פון טשאַרלס מעדיסאָן*, אַז "דאָס רובֿ ייִדן אין די תּפוצות פאַרוואַרפן פרײַוויליק, און באַוווסט, ייִדיש לטובֿת דער שפּראַך פון זייער אַדאָפּטירט לאַנד". און ווײַטער: "אויך אין ישׂראל איז ביז אַרום 1950 ייִדיש געוואָרן פאַרזען. נאָר הײַנט קומט עס פאָר ווי ייִדיש האָט אויפגעבליט מער ווי אומעטום אין ישׂראל, און עס שיקט זיך אַז די צוקונפט פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז באַהאַלטן דאָרטן".

ג

צום סוף פון לעקסיקאָגראַפישן אַרײַנפיר, ווערן אַרויסגעבראַכט די וויכטיקסטע אונדז באַקאַנטע פּרטים פון סוצקעווערס ביאָגראַפיע, ווו ס'ווערט רעזומירט: "ווי אַ פּאָעט פאַרנעמט אַבֿרהם סוצקעווער אַ פּראָמינענטע פּאָזיציע אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אי מחמת זײַן טאַלאַנט פון שרײַבן עפּישע פּאָעזיע און אי פאַר זײַן טאַלאַנט צו ברענגען צום אויסדרוק די טראַגישע קאַטאַסטראָפע פון זײַן צײַט אויף אַן אמתדיק פּאַטעטישן אופן". און וועגן ייִדיש אין ישׂראל ציטירן זיי אים: "אַבֿרהם סוצקעווער האָט איין מאָל וועגן דעם ענין אַזוי געזאָגט: איך בין אַלץ מער און מער זיכער, אַז אין אונדזער צײַט, נאָך דעם חורבן אין מיזרח־אייראָפּע, קאָן ייִדיש אין ערגעץ ניט זײַן אַזוי פרײַ ווי אין ישׂראל. דאָס דאָזיקע מיסטעריעזע לאַנד אַנטפּלעקט זיך צו דער ייִדיש־וועלט. ייִדיש אין ישׂראל שטראָמט ווי דער ירדן".

"דער ייִדיש־איבערזעצונג־פּראָיעקט איז דורכגעפירט געוואָרן פון יהודית הערצבערג און מיראַ ראַפּאַלאָוויטש אין 1976. לעאָ פוקס האָט בײַגעשטײַערט צו דער ווערטלע־כער איבערזעצונג". און גענויער: עקידת יצחק האָט איבערגעזעצט יהודית הערצבערג — אין האָלענדיש, סאַראַ קירש — אין דײַטש, אַנטאָניאָ פּאָרטאָ — אין איטאַליעניש און מאַרין סאָרעסקו — רומעניש. פאַרפרווירעגע ייִדן: רײַנער קונצע — דײַטש, פּיטער פּאָרטער — ענגליש, סאָפאַרדי דזשאָקאָ דאַמאָנאָ — מאַלאַיִש און מאַקאַטאָ אָאָקאַ — יאַפּאַניש.

צום סוף בוך, אין אַלגעמיינעם אָפּטייל, "די באַטייליקטע פּאָעטן", איז ווידער פאַראַן אַ ביסל מער כראָניקאַלע פאַרצייכענונגען וועגן סוצקעווערן.

*Charles Madison: Yiddish Literature. Its Scope and Major Writers (1974).

כאָפּנדיק אַ בליק אין סוצקעווערס לידער, אין פאַרגלײַך מיט די איבערזעצונגען, באַמערקן מיר: אַז מיר לייענען די טעקסטן אין יידיש, און די איבערזעצונגען — דײַטש און ענגליש, פילן מיר ווי עס טוט זיך אָפּ די יידיש־שכינה פון די לידער און די טעכניק נעמט די אייבערהאַנט. צוליב איין אָרעם וואָרט, וואָס דער איבערזעצער האָט צו מאָל ניט אויפגעכאַפּט, פאַרלירט דאָס ליד זײַן טיפערן מיין און אימאַזש, מעג די ריטמיק זײַן ווי גוט קלאַנגפול. אין עקספּערימענטאַלן "וואַרשטאַט", פון "פּאָעטרי אינטערנאַציאָנאַל", ווערט געאַרבעט מיט דער סיסטעם פון ווערטערלעכער איבערזעצונג. אַז דאָס ליד קומט צום פּאָעט־איבערזעצער, וואָס דאַרף עס, אַזוי צו זאָגן, אָנפילן מיט גײַסט, האָט ער פאַר זיך דעם אינהאַלט פון ווערטער, אָבער ניט תמיד, און ניט יעדער, איז ביכולת אויפצוכאַפּן זייער זינען און זייערע דינערע ניואַנסן. אויך די מעטאַפאָרן פון אַ יידיש ליד, וואָס איז געשאַפן אין אַ ספּעציעלן קלימאַט, קריגן אַן אַנדער באַטײַט, און די סימבאָלן — אַן אַנדער פּירוש. עס בלײַבט טאַקע דער פולער אינהאַלט, אַ דאַנק די ווערטער, אָבער עס פליט אַרויס די נשמה. מיר זאָגן עס אַלץ בלויז טעאָרעטיש, ווײַל לפי האמת פרעטענדירט ניט די רעדאַקציע אויף קינסטלערישע קריטעריעס, נאָר אויף עקספּערימענטאַלע איבערזעצונגען, און ווי אַזעלכע זענען זיי אַ דערגרייכונג. דאָס איז אַלץ געזאָגט וואָס נוגע סוצקעווערס לידער.

אייגנטלעך איז די אידעע פון די רעדאַקטאָרן צו ברענגען די לידער אין וואָס מער לענדער און צו וואָס מער מענטשן — און ענגליש קאָן מאַכן די וועלטמאַסיקע פּאָפּולאַריזאַציע. פאַר אונדזער יידיש ליד, איז דאָס איבערזעצן עס אין מערערע שפּראַכן אַ געווינס פון קאָלאָסאַלן באַטײַט, בפרט אַז אַזאַ צײַטשריפט דערגייט צו אַ סך ווײַטע לענדער און פרעמדע פעלקער. אין דעם זינען איז עס אַן אומדירעקטע אָבער געבענטשטע שליחות: אַנטדעקן יידיש, אירע גרויסע שעפערישע ווערטן און איר פּאָזיציע פאַר דער גאַרער וועלט. און ווער קען זײַן, אין דער הײַנטיקער צעקריגטער וועלט און צעטומלטע צײַטן, אַ בעסערער אַמבאַסאַדאָר פאַר יידיש ווי אַזאַ ווײַט־באַקאַנטער פּאָעט, ווי אַבֿרהם סוצקעווער. שרײַבן זיי טאַקע ("עדיטאָריעל"): "אַבֿרהם סוצקעווער רעפּרעזענטירט אין דעם דריטן אָפּטייל דעם נס־לשון יידיש".

ד

ווען מיר דאַ איצט געבן עטלעכע בײַשפּילן בשײַכות מיט אין פלוג אומבאַטײַטיקע ווערטער, וואָס דער איבערזעצער האָט ניט דערפילט זייער אָרגאַנישן אַרײַנוווקס אין דער געדאַנקלעך־בילדערישער ראַם פון די לידער און מיט זייער אומבײַט געטאָן אַ היזק דעם אויפנעם און זינען פון ליד. אין דער ערשטער סטראָפע פון סוצקעווערס ליד "נאָך דער נסיעה": "ס'ווערט ענגער צו וווינען אין שטײַג פון די ריפּן", ווערט דער דירעקטער אַזוי וווּנדערלעכער אימאַזש רעדוצירט צום פּראָזאַישן פּאַרטײַטש, אין דײַטש: "קעפיג אויס ריפּען" — Käfig aus Rippen — וואָס מיינט: אַ שטײַג געמאַכט פון ריפּן, בעת "שטײַג פון די ריפּן" איז דאָס צאַפּלדיקע לעבן אין לײַבשטײַג גופא. אין דער אַ איבערזעצונג ווערט עס בלויז אַן אילוסטראַציע צו אַ סימבאָל, ווען אין אָריגינאַל איז עס אַ קיום־באַגריף פאַר זיך, און דאָס שיינע בילד ווערט אַזוי אָרום

צעקאַליעטשעט. אין אַנדערע ווערטער: די שטײַג ווערט פון אַ מאַלערישן קונסט־אָביעקט פאַרוואַנדלט אין אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ זאָאָלאָגיש־געזעענע שטײַג, געמאַכט פון ריפן, און ס'בלײַבט אָן אויסגעליידיקטער סימבאָל, ווי אַ פוסטע שאָל.

אַ צווייטער משל: דער איבערזעצער האָט ניט געכאַפּט דעם מיין פון "טויבן באַהאַלטן אין גלעקער" און ער האָט עס געפּטרט מיט דעם אומבײַט "אונטער טאַובען פערבאָרגען צווישן גלאָקען" — ...unter Tauben verborgen zwischen Glocken — ווײַל "אין גלעקער", איז שוין דער גלאָק געוואָרן אַ פּראַקטיקער סימבאָל פון קלאַנג, געפיל און מיסטעריע, בעת "צווישן גלאָקן" איז אַ פּראָזאַיִש בילד וואָס אָסאָציִרט זיך, לאָמיר זאָגן, מיט אַ טורעם פון עפּעס אַ קאַטעדראַלע ווו טויבן האָבן זיך פאַרקליבן צווישן די גלעקער. אַוודאי, לפי־דעתי, האָט סוצקעווער געמיינט דעם גלעקער־סימבאָל, וואָס קאָן זײַן סענסיטיוו ווי אַ האַרץ ווו עס וואָרקען טויבן.

אַ דריטער משל: דאָס פאַרבײַטן, אין זעלבן ליד, "יענוועלטיק־לאַנגע מוזייען" אויף "אונענדליך ווײַטען מוזעען" — ...unendlich weiten Museen — איז בכלל ניט בהסכם מיטן מיין און בילד פון יענוועלטיק, ס'איז אַבסאָלוט עפּעס אַנדערש.

אזוי ווערן די וואָרט־בײַטעניש אַ פּלאָג, מיטן אויסליידיקן ווערטער פון זייער מהותדיקן תּוך. אָט אַ שטייגער: צוליב וואָס פאַרבײַטן דעם געדאַנקלעכן אימאַזש פון "זיסע אַטאָמישע ליבע" אויף דעם ניכטער־אַנדערשדיקן בילד פון "זיס צעשטע־רענדער ליבע" — ...süss zerstörender Liebe —, ווײַל נאָך אַלעמען איז דער אַטאָם־עלעמענט פאַר זיך ניט קיין דעסטרוקטיווער כּוח, ווען דער מענטש מאַכט עס ניט, און אַזוי קאָן אויך זײַן ליבע. און אפשר האָט טאַקע סוצקעווער דאָ געמיינט די צעשטערנדיקע — איז טאַקע דער סינאָנים אַטאָם לאָגישער און קינסטלעריש אַ בעסערער מיטשותּף צו ליבע.

אָבער מער איבערזעצונג־מיכשולים ווי אין דײַטש קומען אויף אין ענגליש. אין "פאַרפרוירענע ייִדן", למשל, ווערט פאַרלוירן די קורץ־ריטמישע שורה, מיט וועל־כער סוצקעווער האָט דירעקט און ספּאָנטאַן אויפגעכאַפּט די בליציקע וויזיע פונעם מאַקאַברישן בילד: "האָסטו געזען איבער פעלדער מיט שניי" אאַ"וו. דער ענגלי־שער פּאָעט־איבערזעצער הייבט אָן מיט אַ לאַנגע קאָמענטיר־שורה: Then have you seen what death's mad vision yields: ס'הייסט: האָסטו געזען וואָס דעם טויטס משוגענע וויזיע האָט אָנגעטראָגן — און דער אַרײַנפיר איז לחלוטין איבעריק.

צו ווײַט קאָן פירן דאָס אַנאַליזירן נאָך מער איבערזעצונגען. איין זאַך איז קלאָר: אין איבערזעצונג־וואַרשטאַט, ווי זיי רופן אָן די אינסטיטוציע, האָט מען אַ פּנים געטאָן ערלעך און מיט שוויס אַ סך אַרבעט, און דאָס איז דאָס בעסטע וואָס מ'האָט געקאָנט אַרויסקריגן. מוז מען נאָך צוגעבן, אַז דער ייִדיש־אָפּטייל איז געמאַכט מיט כּבוד און קולטור, און ווי די אַנדערע אָפּטיילן איז ער עסטעטיש און זאָרגפול צוזאַמענגעשטעלט. מ'באַמערקט גלײַך די אַ "טעכנישע פּאָעזיע" פון בוך, וואָס איז ליכטיק און ציכטיק. מיטן איבערזעצן און אַרײַננעמען סוצקעווערן, אַזוי בכּבֿודיק און בהרחבֿהדיק, אין דער דאָס־אויסגאַבע, קומט זײַן אָנערקענונג אויף פונעם דרויסן, ווי דער מאָדערניסטישער ייִדישער פּאָעט.

ה

דאָ קומען מיר צום עיקר פון דער אָ שטודיע: דער פאַרגלײַך פון די מאָדערניסטישע לידער מיט די לידער פון אַבֿרהם סוצקעווער. און מ׳טאָר דערבײַ ניט פאַרגעסן, אַז אַלע פּאָעטן זענען באַקאַנטע און אָנערקענטע, טייל אַפילו באַרימטע, אין און מחוץ זייערע לענדער. ס׳וואָלט געגומען צו לאַנג צו מאַכן אַ מער גרונטיקע עקסקורסיע דורך די עטלעכע און דרײַסיק לידער אין בוך. ווען מיר עס מוזן מאַכן אין מער כּוללדיקע אויספירן, ווי אַ פּרוּוו צו זען סוצקעווערן קעגנאיבער די פרעמדשפּראַכיקע מאָדערניסטן.

נאָכן איבערלייענען די אָריגינאַלן און איבערזעצונגען (ייִדיש, דײַטש, ענגליש), קומען אויף 2 שאלות: 1 — וואָס האָט די מאָדערנע פּאָעזיע, לויט די מוסטערן אין בוך, דער־גרייכט? און 2 — מיט וואָס זענען די לידער אַנדערש — בעסער צי ערגער — פון סוצקעווערס לידער? כּמעט אַלע לידער, וואָס זענען אין פרײַען פערז (חוץ די סאָנעטן און געציילטע אַנדערע), זענען ניוועלירט צו אַ פּראָזאַיִשן שטח און מחמת דעם איז פאַרפלאַכט דער באַטײַט פון ווערטער און באַגריפן. די טענער, צעשריגענע צי שטילע, זענען פאַרוואַנדלט אין אַ מין סטאַקאַטאָ, וואָס רופט ניט אַרויס קיין אָפּקלאַנג, קיין נשמה־ציטער. ס׳איז אַ מעכאַנישע, קלוג־ראַציאָנאַליסטישע און אימאַזשינירטע וואָרט־קאָנסטרוקציע, ווו דאָס שעפערישע בלוט, וואָס שטראָמט אין די שורות, איז קילבלעך־ניכטער און רעדט צום שׂכל מער ווי צום געמיט. אין דעם מעכאַנישן נוסח פעלט דער אָרגאַנישער פאָדעם פון הארץ צום וואָרט, וואָס זאָל אָנוואַרעמען די פּאָעטישע טעמפּעראַטור. די לידער זענען אײַנפּאַלעריש, בליציק, ראַפּינירט, און ווי אַזעלכע רעפלעקטירן זיי דאָס טאָג־טעגלעכע פון דער מאָדערנער ראַשיק־רוישיקער צײַט — די תּקופה פון טעכנאָלאָגישן פּראָגרעס וואָס האָט זיי אַרויסגערופן.

וואָלטן מיר באַזאַכט דורכזיפן דעם אוצר פון סוצקעווערס לידער, וואָלט גאָר ניט שווער זײַן אָפּקלײַבן אַ היפּשע צאָל מוסטערן, וואָס וואָלטן זיך געקאָנט פאַרמעסטן מיטן הײַנטיקן מאָדערניזם. ניט איין מאָל, לייענענדיק די אין בוך באַטייליקטע — 40־50־יאָריקע, — בין איך געקומען צו דער מסקנה, אַז סוצקעווער איז געווען דער מאָדער־נער פּאָעט נאָך אײדער די הײַנטיקע מאָדערניסטן האָבן זיך אויסגעפּיקט. עס וואָלט געווען נאַריש און פאַלש צו אידענטיפיצירן אומפאַרשטענדיקע לידער מיט מאָדער־ניזם, וואָס ניט ווייניק טוען עס, אָבער אויב די כּלומרשט אומפאַרשטענדיקע מעטאַפאָרן און סימבאָלן סיגנאַליזירן צו דײַן געמיט און דערמאָנען דיך אָן דער וועלט וואָס רינגלט אונדז אַרום, איז עס בפירוש אַ מאָדערן ליד. און סוצקעווערס לידער, איבער הויפּט זײַנע לידער און דערציילונגען פון די לעצטע יאָרן, זענען אין אָטעם און גאַנג פון אַ נײַעם נוסח און ברענגען בולט אַרויס די גײַסטיקע געפילוועלט פון אונדזער דור — מעג עס אַפילו זײַן דער חורבן פון דער ייִדישער וועלט. דער עיקר: דער צײַט־עלע־מענט איז עכט און די אַרטעריע פון שאַפערישער וויטאַליטעט שלאָגט מיט דער צײַטס דערקענ־סימנים. און סוצקעווער פאַרקריצט אין זײַנע לידער די צייכנס פון דער צײַט. די דינסטע עמאָציעס פון פערזענלעכע איבערלעבונגען שפּיגלען אָפּ די עפּאָכע. ס׳איז דער אויפבליץ און אויפציטער פון דער ליריק פון אַ פערזן־ווירטואָז, וואָס די מאַגנעטישע נאָדלען פון זײַנע ווערטער שפּרינגען אַריבער איבער דער צײַט. ער

קאָנסערוואַטיוו אין ליד דעם הײַנט און רעגיסטרירט, וויזיאָנעריש, דעם מאָרגן. דער מאָדערניזם, אין זײַנע בעסטע מוסטערן, וועט בלי־ספק בלײַבן דער שפּיגל פון אונדזער תּקופֿה, ווי דער ראָמאַנטיזם פון זײַנער: און סוצקעווער איז דער מערקווער־דיקער אַוואַנגאַרדיסט פון מאָדערנעם נוסח אין דער ייִדישער פּאָעזיע. הגם מ׳קאָן אָנ־ציילן אַ צאָל מאָדערניסטן אין דער ייִדישער פּאָעזיע, איז ער אָבער דער, וואָס האָט אויסגעבאָנט דעם ברייטן וועג און רעטראָספּעקטיוו קאָנען מיר אים בעסער זען און אָפּשאַצן. איז עס ניט קיין גוזמא הײַנט צו פֿאַרשטיין: סוצקעווער האָט פון די ערשט־לינג־לידער זײַנע זיך געריסן צו נײַקייט און די טענדענצן פון מאָדערניזם האָבן זיך בולט אַרויסגעקענטיקט אין פּראָצעס פון זײַן וואַקסן.

## ו

אַבֿרהם סוצקעווער איז, פֿיזיש, אַרײַנגעוואַקסן אין עלטער, אָבער פּאָעטיש געבליבן אַ קינד פון דער צײַט אין וועלכער ער לעבט און שאַפֿט. און ווי קוריאָז דאָס זאָל ניט קלינגען איז עס אָבער אמת, אַז אַפֿילו מיט לידער פון אַמאָל שווימט ער גאָר אָפּט אַריבער אין שטראָם פון דער לעבעדיקער הײַנטצײַט. על־כּן איז זײַן ליד ניט קאָנ־סערוואַטיוו, אײן נעכטן און פֿאַר דעם נעכטן, נײַערט איז תּמיד יונג־צעזונט. אַזוי האָט ער, דעטערמינירט און פּערמאַנענט זיך געראַנגלט פֿאַר נײַקייט און אַנדערשקייט, פון ערשטיקן שאַרף וווינטערדיק־פֿרילינגדיקן אָטעם, וואָס האָט אויף אונדז אַ בלאָז געטאָן פון זײַן פּאָעמע סיביר — און עד־היום איז עס געבליבן די יונגע לופֿט וואָס דערפֿרישט זײַן ליד. און טאַקע זײַן ייִדיש, דער מעדיום פון סוצקעווערס שאַפֿן, איז אויך געוואָרן אַ נײַע דימענסיע פון מאָדערניזם וואָס קוואַלט אַרויס פון זײַנע לידער־ציקלען און מאַכט זיי אוניווערסאַל. אין דעם זינען נוצן מיר דאָ הײַנטיקייט ניט ווי אַ באַגריף פון געמאָסטענער צײַט, נײַערט ווי די צײַטלאָזיקייט פון דעם לאַנגן הײַנט פון פּאָעט, וואָס מיינט — זײַן גאַנץ לעבן. אין דער שותּפֿות־דימענסיע פון שפּראַך־און־צײַט איז סוצקעווערס ליד אַ פענאָמען פון ייִדיש־מאָדערניזם.

איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, אַז דער פּרוּוו פון איבערזעצן מאָדערן־ייִדישע לידער האָט זיך אָנגעהויבן גראָד פון אים. ער איז דער בעסטער מוסטער, וואָס אַפֿילו גויִישע פּאָעטן האָבן אים באַמערקט. אפֿשר האָבן מיר אַליין ביז הײַנט עס ניט גענוג דערזען, און אויב יאָ — צו ווייניק אָפּגעשאַצט, ווײַל ווי אַ צווילינג איז אַבֿרהם סוצקעווער צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער ייִדישער צײַט, טיף און שטאַרק פֿאַרוואָרצלט אין די לעצטע צוויי דורות, מיט אומקום־ און ישׂראל־אויפֿקום־טעמאַטיק, וואָס מיט זייער אָריגינעלן מאָדערניזם לויפֿן זיי פֿאַרויס דער צײַט.

דעם דאָזיקן געדאַנק וואָס איך האָב לענגער שוין אַרויסגעזאָגט אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן זײַן פּראָזע, שליס איך איצט אײַן ווי די פֿאָרמול פֿאַר זײַן פּאָעזיע. געווייִנטלעך לאָזט זיך ניט, רייִן פֿאָרמאַליסטיש, אַרײַננעמען אונטערן זעלבן טלית זײַנע עפּישע פּאָעמעס און גענוג אַנדערע לידער, וואָס זענען ניט אין מאָדערניסטישן סטיל, אָבער זיי פֿאַרמאָגן אַלץ איינס נעאָלאָגיזמען, געדאַנקען און אימאַזשן, וואָס יאָגן אַריבער זייער צײַט. אויף די שליאַכן פון ייִדיש־אוניווערס פֿאַרקריצט ער זײַנע צייכנס, אָנ־

הייבנדיק פון די מיטן 30קער יאָרן. איצט, 50 יאָר שפּעטער, איז זײַן ליד דער המשך פון גרויסן פאַרמעסט מיט דער צײַט. אין צענטער איז אַרײַנגעהאַמערט די תּקופה פון חורבן, וואָס אירע שוואַרצע זײַלן הייבן זיך אַרויס מיט מאַיעסטעטישן טרויער — "געהיימשטאָט", די געטאָ-פעסטונג, ביז דעם ליד פון סיני ועד בכּלל.

די ביזאַרע "הילצערנע קליידער", פון וועלכע סוצקעווער האָט זיך אַרויסגעדראַפּעט, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין דער טאָגוע פון דעם פּאָעט, וואָס האָט זינט יענעם טראַגישן מאָמענט ניט אויפגעהערט לידערן מיט אַלץ נײַערע טענער. אין דעם שפּלן מצבֿ פון ייִדיש הײַנט, איז גוט צו באַגעגענען אויף די ברייטע וועלטישע וועגן — צוזאַמען מיט די מאָדערניסטן פון זײַנס גלײַכן — אונדזער טרויעריק ליכטיקן פּאָעט מיט זײַן ייִדיש ליד און מיט זײַן אויסדערוויילט-באַזונדערן גורל.

ז

אַזאַ איז דער גורל פון אַ ייִדיש-אויסדערוויילטן פּאָעט, פון וועלכן ער קאָן מער ניט אַנטלויפן. דער-אַ גורל האָט אויך באַשטימט זײַן שליחות: בלײַבן מיט ייִדן און ווערן זייער זינגער. וואָלט סוצקעווער געזונגען פאַר גויים, אויף אַ גויִיש לשון, וואָלט אים אוודאי צוגעפאַלן וועלט-אָנערקענונג, און אפשר אויך די נאָבעל-פּרעמיע. ווײַל אײן זאַך איז בלי-ספק: ניט ווייניק פון די לאַורעאַטן פון נאָבעלפּרײַז פאַר פּאָעזיע איז בײַגעשטאַנען דער זכות פון זייער גויִיש לשון און אַ געוויסע דאָזע פּאָליטיק.

ווען די אַלטע ייִדיש-דײַטשע פּאָעטעסע נעלי זאַקס האָט געקראָגן איר האַלבן חלק פון נאָבעלפּרײַז, מיט ש.-י. עגנון, אין 1966, האָב איך דעמאָלט צוו״אַ געשריבן: "נעלי זאַקס' ייִדישע סטרונע ציטערט אויף אַ פרעמדער לירע — עס איז דער שפּראַכמעדיום פון יענעם פאָלק, וואָס האָט מיט די זעלבע קלאַנגען אויסגעשפּילט די מאָרד-קאַמפּאַזי-ציעס איבערן ייִדישן פאָלק. מאָדנע אומפאַרשטענדיק איז די שפּראַך-שותּפות — עבֿרית-דײַטש! — — איצט די לאָגישע און ביטערע פראַגע פון אַ ריין שפּראַכלעכן קאָמ-פּלעקס: ווו איז געבליבן אין דעם גאַנצן געמאַך די ליטעראַטור אין ייִדיש לשון? צי וואָלט ניט געווען די העכסטע צײַט און דער הייליקסטער יושר אונטערצוטראָגן דער ייִדישער ליטעראַטור דעם פאַרדינטן כּבֿוד פון אַזאַ פּרעמיע — און טאַקע אויף דער ייִדישער טעמע — וועגן גרויסן חורבן. די שוועדישע קונסט-אַקאַדעמיע וועט זיך נאָך מוזן אַרומקוקן פאַר אַ קאַנדידאַט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. — — די ייִדישע ליטעראַטור וועט מוזן דערזען ווערן".

דער מוזן-פאַרויסזאַג, וואָס איז געשריבן און געדרוקט מער ווי אַ דעקאַדע איידער באַ-שעוויס האָט געקראָגן דעם נאָבעלפּרייז, איז לשם האמת געווען געמיינט וועגן ייִדישער פּאָעזיע אויף דער חורבן-טעמע. און קלאָר איז דאָ אויך, אַז די רייד גייען וועגן סוצ-קעווערן, הגם זײַן נאָמען איז, צוליב טאַקט, ניט דערמאָנט. הײַנט נאָך האָפן מיר, און וואַרטן, אַז די חורבן- און אויך אַנדערע לידער-מאָטיוון, ווי זיי קומען צום אויסדרוק אין דער מאָדערניסטישער פּאָעזיע און פּראָזע פון סוצקעווערן, וועלן אָנערקענט און באַלוינט ווערן אין דער מאָס פון זייער ווערט און פאַרנעם.

# די גאָלדענע קייט

• עס קען גאָר ניט געמאָלט זײַן, אַז אין אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אַבֿרהם סוצקעווער זאָל אויסגעלאָזט ווערן איינער פון די פונדאַמענטאַלסטע קאָמפּאָנענטן אין זײַן שעפֿערישן וועג: די גאָלדענע קייט. איבער 36 יאָר ווי ער באַקרייַנט זי ווי איר רעדאַקטאָר, און אויך ווי איינער פון אירע אידעיִשע און פּראַקטישע גרינדערס. וועגן דעם איינציקאַרטיקן און מערקווערדיקן אויפטו אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלן מיר דאָ ברענגען אַ מאמר, געדרוקט לכּבֿוד אירע ערשטע 13 יאָר (1962). און הגם מיר האַלטן שוין בײַ דרײַ מאָל דרײַצן איז דער אָביעקטיווער אמתדיקער אָפּשאַץ פון דער וווּנדערלעכער פּערטליאַר־שריפט גילטיק אויך פֿאַר אַלע שפּעטערדיקע יאָרן, ביז הײַנט און אויף ווײַטער, ווי איינער פון די ליכטיקסטע מײַלשטיינער אויפֿן לאַנגן וועג פון ייִדיש־שעפֿערישקייט.

## א

דער גרעסטענער מיזיניק פון דער ייִדישער פּעריאָדישער ליטעראַטור, די גאָלדענע קייט, ווערט 13 יאָר אַלט. איז כּדאַי אָפּצוצייכענען די דאָזיקע דאַטע, ווײַל די גאָלדענע קייט איז דער אויפשטײַג צו אַ באַרגשפּיץ, צו וועלכן די ייִדישע ליטעראַטור האָט אין משך פון די לעצטע 100 יאָר געקלעטערט, און די צײַטשריפט איז אַ הויכע ליטעראַריש קינסטלערישע דערגרייכונג.

די גאָלדענע קייט — אַ פּערטליאַר־שריפט, וואָס יעדער בוך באַזונדער איז אַ בלענדיקער קאַליידאָסקאָפּ פון פּאָעזיע, פּראָזע, עסייִסטיק, קריטיק, עסייען און קולטור־אַרטיקלען — איז אַן אוצר פון מאָדערנעם ייִדיש־שאַפֿערישן גײַסט. שוין די טעכניש־ליטעראַרישע שלמות פֿאַר זיך, פֿאַרשײַנט די בלעטער פון די גאָלדענע קייט און לאָזט איבער בײַם לייענער אַן עסטעטישע הנאה. דער גוט־צוגעקליבענער מאַטעריאַל, דער פּאַכמענישער צונויפגעשטעל פון אינהאַלט, דער פֿײַן פּאָלירטער סטיל, די ציכטיקע אָפּגעהיטנקייט פון אויסלייג, די אויפמערקיקע הגהה — דאָס אַלץ — צוזאַמען מיט אַ קלאָרע, ליכטיקע שריפט — מאַכט די גאָלדענע קייט פֿאַר איינעם פון די בעסטע זאַמלביכער אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור.

איז דעריבער גאָר קיין וווּנדער ניט, אַז די גאָלדענע קייט האָט אין משך פון איר 13־יאָריקן קיום זיך דערוואָרבן אַ גאָר בכּבֿודיקע פּאָזיציע אין דער ייִדישער ליטעראַטור. איז שטאַרק מפורסם בײַ איר לייענערשאַפֿט, אַ דאַנק דער כּשר־פֿאַרדינטער ליטעראַריש־קינסטלערישער האַרמאָניע פֿון דער רעדאַקציע. ניט אומזיסט איז די גאָלדענע קייט געוואָרן די ליטעראַרישע אַכסניה פון די בעסטע ייִדישע פֿען־מענטשן. די ייִדישע וואָרט־מײַסטערס האָט פֿאַרשמעקט דער זיסער ייִדיש־דופֿט אין די גאָלדענע קייט אַראַנזשעריע, און ווי בינען ציִען זיי אַהין, כּדי אין אירע קעמערלעך צו לאָזן זייער גאָלדענעם האָניק. די גאָלדענע קייט האָט פֿאַרנעם, פֿאַרמעסט, ברייטע האָריזאָנטן.

פון יעדן נומער ווערט פריילעך אויפן האַרצן, אַזש מען ווערט באַגלייבט אין עתיד פון ייִדיש לשון און שאַפן. אין אַנדזערע אומעטיקע, שווערע ייִדיש־טעג איז אַזאַ צײַט־שריפט אַ באַוואָרעניש און אַ קמיע קעגן גורל וואָס הויערט איבער דעם ייִדיש־קיום.
די גאָלדענע קייט איז ניט בלויז אַ מאָראַלישער אָנשפּאַר פאַר ייִדיש לשון, פאַר ייִדישער ליטעראַטור אין ישׂראל, נײַערט זי ברענגט אַרויס שעפעריש די אייביקייט און די בלײַביקייט פון ייִדש לשון און ייִדישער קולטור. אין די פײַנע עסייען און פּובליציסטישע אַרטיקלען ווערט פון צײַט צו צײַט, איבערצײַגנדיק און באַוווּסט געדעדט וועגן דער גרייסקייט, רײַכקייט און שיינקייט פון ייִדיש און פון אירע שעפערישע ווערטן.
אַזוי אַרום טראָגט די גאָלדענע קייט הויך די פאָן פון ייִדיש און האָט געשאַפן פאַר ייִדיש לשון אַ ווערטיקע פּאָזיציע אין מדינת־ישׂראל.
און טאַקע ווײַל די דאָזיקע הערלעכע פּערטליאַר־שריפט איז אומפאַרגלײַכיק, קען מען ניט פאַרקוקן און פאַרשווײַגן דאָס וויגעלע פון איר געבוירן: מדינת־ישׂראל. עפּעס האָט עס הײַנט אַ פריילעכן ווידערקלאַנג: צו ערשט דער קלימאַקס פון דער פאַרווירקלעכונג פון די ייִדישע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס — היים, תּיכּף נאָך דעם האָט אין דער קליינער היים געפונען אַ ווינקעלע־היים דאָס ייִדישע וואָרט בצורת די גאָלדענע קייט. ווילן מיר הײַנט ניט ספּעקולירן מיטן זען דעם מאָרגן פון ייִדיש אין ישׂראל, אָבער איינס זאָל געזאָגט ווערן: דווקא אין דער אַלט־באַנײַטער מדינה, וווּ מען האָט אין ייִדיש לשון — דאָס אַזוי גערופענע גלות־לשון — געזען אין פאַרשיידענע צײַטן אַן ערנצטן קאָנקורענט פאַר דער אַלט־באַנײַטער ע ב ר י ת — דווקא דאָרטן איז איצט ייִדיש־לשון אַזוי צוזאָגעריש אויפגעגאַנגען. און ניט סתּם אַבי ווער איז געוואָרן דער פאַרזאָרגער און פּראָטעקטאָר פון ייִדיש, נאָר די גרעסטע אָרגאַניזאַציע אין דער מדינה — די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן — ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישׂראל, און מער נאָך, — ניט דורך אַ הינטערטיר, ניט דורך אײַנגעבעטנקייט, נאָר אָפן און מיט שטאָלץ האָט די הסתדרות זיך אידענטיציפירט מיט דעם דאָזיקן אויפטו. און אויב אַפילו דורך דעם איז נאָך ייִדיש לשון אַלץ ניט אָנערקענט און האָט ניט קיין געזעצלעכן סטאַטוס, ווי איינע פון די נאַציאָנאַלע ייִדישע שפּראַכן, איז אָבער די אינסטיטוציע גאָלדענע קייט אַ לעבעדיקער עדות, ווי אַן אַטעסטאַט פאַר אַ בכּבֿודיקן, הגם נאָך אַ באַשרענקטן קיום אין מדינת־ישׂראל.

ב

דער עיקר אָבער איז דער אַרכיטעקט פון דער צײַטשריפט — דער מאַן, וואָס האָט געמײַסטערט און געפורעמט דאָס ווערק פון דעם ערשטן ביז אויף דעם הײַנטיקן טאָג — דער רעדאַקטאָר פון די גאָלדענע קייט, אַבֿרהם סוצקעווער.
די ביידע נעמען זענען שוין הײַנט איינס, אומצעטיילבאַר, סינאָנים. איז עס אפשר ניט בלויז אַ צופאַל, נײַערט דאָס שפּיל פון ייִדישן און ייִדיש גורל, נאָך דעם פינצטערן חורבן מיזרח־אייראָפּע, וואָס דער אין פײַער־געפּרוווטער לשון — דאָס לשון פון קדושי־ישׂראל — און דער אין פײַער־געפּרוווטער ייִד, דער דיכטער אַבֿרהם סוצקעווער, האָבן זיך אויף די הצלה־וועגן צו אייגענער היים אָפּגעפונען. און אין לעכצונג נאָך פּערזענ־

לעכער און פאָלקס־גאולה האָט סוצקעווער אָנגעצונדן מיט זײַן דיכטערישן רוח־החיים דאָס ייִדיש־פּלעמעלע אין לאַנד פון זײַן עליה. דורך זײַן מעשׂה איז ער אַליין נתעלה געוואָרן און אויך געגעבן אַ קינסטלערישן תּיקון ייִדיש לשון אין לאַנד פון תּנך. פון אײן זײַט האָט ער אויפגעשאַרט פון חורבן־אַש די בלישטשענדיקע פונקען פון לײַדן און גבֿורה, און פון דער צווייטער — האָט ער דערפילט דעם הייסן אָטעם פון בנין־הארץ. צו ערשט האָט ער אויסגעזונגען די ווייען פון ייִדישן אומקום, נאָך דעם — אויפכאַפּנדיק דעם שעפערישן פּאַטאָס פון פאָלק — האָט ער מיט אייגנאַרטיק סוצקעווערישן קלאַנג און ריטעם אויפגעשירה׳ט דאָס גרויסע געזאַנג פון אויפבוי. ער האָט זיך מיט זײַן ייִדיש קינסטלערישן וואָרט נאַטירלעך אַרײַנגעפלאָכטן אין פּראָצעס פון אויפבויוועריק און אויף אים איז מקוים געוואָרן דער פּסוק לבֿנות ולהבנות בה. צו אונדזער אַלעמענס שטאָלץ און פרייד האָט ער אויפגעשטעלט די פּערטלאַר־שריפט די גאָלדענע קייט, אָבער אויך ער איז אויפגעבויט געוואָרן דורך איר. די האָריזאָנטן פון זײַן ישׂראל־טעמאַטיק האָט זיך אויסגעליכטיקט, ער האָט מיט פּאָעטישן שווונג זיך דערהייבן צו די חלום־הימלען פון לאַנד ישׂראל.

איז עס אפשר ניט נאָר געווען די השגחה־פּרטית פון סוצקעווערן, וואָס האָט אים באַשיי־רעמט און באַשיצט און געבראַכט צו די ברעגעס פון ישׂראל, ס׳איז אויך צו גלײַכער צײַט די השגחה פון ייִדיש, וואָס אין אירע שווערסטע יאָרן איז זי פאַרזאָרגט געוואָרן מיט אַן אייגן ווינקעלע בתוך עמי: די גאָלדענע קייט איז געוואָרן אַן אַדרעס מיט לויכטנדיקע אותיות, אַ מקדש־ייִדיש צו וועלכן עס זענען עולה מיט זייערע יצירות ייִדישע קינסט־לער פון דער גאָרער וועלט. זײַן איכות וועגט אַראָפּ דאָס כּמות פון דער גרויסער פּרעסע פון רײַכע און פילצאָליקע ייִדישע קיבוצים. אפשר איז דאָ חל דער זכות פון ארץ־ישׂראל אויך פאַר אונדזער טויזנט־יאָריקן מאַמע לשון, כּדי פאַר אַלע ייִדן, אויך די ייִדיש־שפּראַכיקע, זאָל מקוים ווערן דער זאָג: כּי מציון תּצא תּורה — און מיליאָנען ייִדן האָבן דאָך געלערנט תּורה אויף ייִדיש!

אַבֿרהם סוצקעווער איז די קאָלירפולע קינסטלערישע פּערזענלעכקייט, וואָס דאָס ליכט פון זײַן ייִדיש וואָרט קומט צו אונדז פון ציון, ווו ער שמידט דעם עכטן, לויטערן קולטור־אויפטו: די גאָלדענע קייט, וואָס וועט בלײַבן אַן אייביקער ייִדיש־ציגל אין אויפבוי פון ייִדיש אין דער ייִדישער מדינת־ישׂראל.

- ווען די שורות גייען צום דרוק (אָנהייב מײַ 1985) איז שוין אַרויס די גאָלדענע קייט 115, דאָס הייסט: נאָך 70 ביכער־זאַמלונגען זענען צוגעטראָגן געוואָרן צום פּעריאָ־דיק־אוצר פון דער ייִדישער ליטעראַטור, זינט דער אויבן געגעבענער מאמר איז געשריבן געוואָרן. די דאָזיקע מאַסיווע ווערטיקע זאַמלונגען פון דער צײַטשריפט פאָדערן אַ ספּעציעלע פאַרשאַרבעט, וואָס וועט אויך אַרויסליכטיקן דערבײַ די ראָלע פון איר רעדאַקטאָר אַבֿרהם סוצקעווער.

ווען מיר קומען אָפּשליסן דעם ציפּערדיקן פּרק פון פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער — 70 און אַ פּאָר יאָר — זעען מיר, אַז דער פּאָעטיקאַ־קוואַל איז נאָך אַלץ דער שעפערישער סובסטאַנץ, וואָס האַלט זיך כסדר און ווידער אין אָפּפרישן און קען דעריבער ניט אַרײַן אין דער אָפּשלוס־סטאַדיע פון אַ דאַטע־פאַרסך־הכלונג. איז ד׳ער אָ פּרק נאָר אַ פּרווו אַרויסצושפּיגלען דעם יונגשאַפט־קאָמפּאָנענט אין די 70קער פון אַ פּאָעט, וואָס האָט אַלע שעפערישע יאָרן געלעבט מ י ט און א י ן זײַנע לידער. אַוודאַי וואָלט זײַן פאַלש צו זאָגן, אַז די אַלע יאָרן האָט סוצקעווער געלעבט אין אַ פּאָעטישן גן־עדן. פון די פריִערדיקע פּרקים ווייסן מיר, אַז אַ היפּשע צאָל טעג און נעכט, און געטאָ־יאָרן, פון זײַן שעפערישער צײַט, האָט ער געקעמפט אויף זײַן אייגן פּאָעטישן שלאַכטפעלד — און טאָקע דאָרטן האָט ער געוווּנען זײַן לידערוועלט. און אויב אַזאַ נצחון דאַרף אַק־צעפּטירט ווערן דורך קריטיק און לייענערשאַפט, האָט זיי סוצקעווער ביידן — די גוטע קריטיקערס און גוטע לייענערס — געהאַט אויף זײַן זײַט. ביידע האָבן אים באַלוינט מיט אָנערקענונג

דיכטער, אין דער בחינה פון אַ סוצקעווער, ווערן געבוירן מיט דער פּאַטענץ פון זייער פּאָרטיקן טאַלאַנט. די־אָ טאַלאַנט־סימנים האָט סוצקעווער פאַרמאָגט ווי נאָר ער האָט זיך פלוצלינג באַוויזן, אַן אויסגעסטראָיעטער אין לידער. קריטיקערס און לייענערס האָבן אים גלײַך באַמערקט, דערזען זײַן ליד, און עס האָט זיי גענומען. ער, סוצקעווער, האָט אַנגאַזשירט די ליכטיקע נאַטור, די בלאָנדע בלענדיקע פאַרבן און די וואַלדיקס־ריחות פאַר זײַן ליד און דאָס איז געוואָרן און געבליבן אַ שפּיל פון יוגנטלעכן געמיט. מיט סיבֿיר איז עס נאָך מער אומגעוויינלעך געוואָרן, כּישופדיק און פאַרכאַפּנדיק, און זײַנע פּאָעטישע קרעדענציאַלן זענען גלײַך באַוויליקט געוואָרן פון דער מלכּה שירה. זי האָט אַרויפגעטאָן דעם דיכטערקרוין אויפן קאָפּ פון דעם יונגן אַבֿרהם סוצקעווער, וואָס איז געבוירן געוואָרן בחסד של שירה — אַ ליד־פאַרשפּילטער און צעשפּילטער זינגער.

קיינער קען ניט אָפּלייקענען די ריינע וואָר פון סוצקעווערס שפּיל מיט וואָרט און ליד. אויב די געטער שפּילן זיך מיט זייער ו י ה י פון באַשאַפן שיינקייט — האָט זיך סוצקעווער אַ לעבן לאַנג געשפּילט מיטן באַשאַפן פון דער שיינקייט לידער. דער ו י ה י פון ליד איז געוואָרן זײַן ליכטיקער אמת, ווי ס׳איז דער אוניווערס און דאָס לעבן, דער מענטש און די נאַטור, די ערד און די שטערן. אַלץ וואָס איז דער געט־לעכער שפּיל פון באַשאַף איז בײַ סוצקעווערן איבערגעשפּילט געוואָרן אין מוזיק און קאָלירן פון וואָרט. ס׳איז געווען אַ שפּיל פון יונגשאַפט — די נאַטור איז געווען יונג, און יונג איז געווען די־פרייד און דער טרויער וואָס ער האָט אַרויסגעזונגען פון זיך. דאָס לעבן איז געווען יונג, ווי די יאָרן, און ער האָט די בילדער פון לעבן פאַרזיגלט אין לידער.

□

אַז מיר לייענען הײַנט יענע צעוואַלדיקטע און צעקאַרשנטע לידער, קענען מיר בפּועל־ממש דערפילן די הינטערווײַלעכדיקע גאָלדענע זומערטעג און צעבלויטע חלום־נעכט, די האַרבסטיק־ווינטערדיקע הימלען און די קילע רחבֿותן פון ווײַסן שניי. דאָס אַ ל ץ איז געווען די וועלט וואָס האָט אַרומגערינגלט אַ יונגן לעבן — און די וועלט איז אַרײַן אין לידער און געוואָרן דער ו י ה י פון סוצקעווערס בראשית. און דער בראשית האָט זיך שוין דעמאָלט אָפּגעצייכנט אין סוצקעווערס ליד מיט ערשטיקע דינע סימנים פון קאָסמישן וועלטבאַנעם פון איין גאַנצקייט — און אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט זײַן יצירה. ער האָט שוין אין יענע יונגע טעג געפילט, אַז יעדע יצירה, בפרט די גײַסטיקע, וואָס איז ניט שלמותדיק, איז מלכתחילה פאַרמישפּט צו דעקאַדענץ, צו צעפאַל.

דאָס וואָרט, וואָס איז אַ שפּליטער, צי ריכטיקער, אַ ניצוץ פון מאַכטיקן ו י ה י , מוז גאַרן און זיך ציִען צו דער אייביק געטלעכער שלמות — און אַזאַ מוז זײַן דאָס ליד. זעען מיר טאַקע דעם ווונדער פון זײַן ליד, צי עס איז וועגן אַ רעגן־בויגן, צי אַ מוראַשקע אין מידבר, צי דער לבֿנהדיקער העלפאַנדביין פון ערשטן שוואַרצן מענטש, צי אָדם און חוה, צי אַ שטערנדל וואָס איז געפאַלן צו דער ערד, צי אַ גראָזיק פּנימל אין גרינעם אַקוואַריום פון אָרגאַניש־אַרויסוואַקסנדיקן טויט — דאָס אַלץ איז אַ ויהי־ליד "פאַר לעבעדיקע און פאַר די וואָס מענטשן רופן טויטע" — אַזעלכע לידער מוזן זײַן ג אַ נ ץ. אַלע זײַנע לידער זענען, ווײַזט אויס, פון געבוירן אָן געווען אַרײַנגעבויט אין גײַסטיקן ויהי־גענעראַטאָר פון זײַן וועלט. אין אַנדערע ווערטער: אין גײַסטיקן מעכאַניזם פון גוף־און־נשמה פון דיכטער. ער האָט געוווּסט, אַז נאָר דעמאָלט איז ער דער מײַסטער פון זײַנע ווערק, ווען פאָרעם און פורעם זענען אָן פּגימות, און רעאַליטעט מיט וויזיע זענען צוזאַמענגעליכטיקט. די־אָ פּאָעטישע לײַדנשאַפטן האָבן קיין מאָל ניט פריַי געלאָזן סוצקעווערן. די האַרמאָניע פון אַ קלאַנגען־ און קאָלירן־וועלט איז שוין פאַראַן אין זײַנע יונגע לידער־קרעאַציעס, און ביז אויף הײַנטיקן טאָג זענען זיי געבליבן דער אימפּעראַטיוו פון זײַן שאַפן. ס'איז דאָס שוין דערמאָנטע שפּילן און פאַרשפּילן זיך מיט אייגענער באַנײַטקייט און צעיונגשאַפט. הײַנט איז עס איבערשפּיל פון קול, ליניע, פאַרב, ווו אַלץ איז נײַ און אָריגינעל ווי דער פרישער אויפגייענדיקער טאָג. דאָס איז די סוצקעווער־געשטאַלט, וואָס ער אַליין האָט זי געשטאַלטיקט ווי אַ מאָנומענט. ס'איז דער צלם־סוצקעווער ווו די יונגשאַפט איז איבערגעפלאַנצט מיט אַלטשאַפט־עסענצן פון חכמה־יאָרן, און בײדע, יונג־און־אַלט עלעמענטן, זענען אינטעגרירט אין אַבסאָלוטער שעפערישער האַרמאָניע.

# דער מאָדערניסטישער פּרק

אין דער קאָנגלאָמעראַציע פון אַבֿרהם סוצקעווערס שעפערישן אוצר, פאַר אַ יובֿל יאָרן, איז בולט ניט בלויז די אַנדערשקייט און אָריגינעלקייט פון זײַנע פּאָעזיע־ און פּראָזע־ווערק, נאָר מער נאָך דער גאָלדענער פאָדעם וואָס לויפט דורך זייער געוועב — די מאָדערניסטישע ליניע. ס'וואָלט צו פיל גענומען אַלע די נײַקייטן פּרטימדיק צו אַנאַליזירן, אָבער מיר האָבן שוין אין פריִערדיקע קאַפּיטלען געפּרוּווט דורכזיפן די אַלע אומגעוויינלעכע מאָדערניסטישע באַזונדערקייטן, וואָס מאַניפעסטירן זיך אין זײַן שאַפן. דאָס שטעלט אים אַוועק אויף אַן אייַנציקאַרטיקער פּאָזיציע אין דער ייִדישער ליטעראַטור. מאַכנדיק אַ פאַרגלײַך מיט אינטערנאַציאָנאַלע נאָרמעס פון מאָדערנער פּאָעזיע, ווי מיר האָבן עס געטאָן אין אַ פריִערדיקן פּרק, קומט ער אויך אַרויס בכּבֿוד, אין אַ פאָדערשטער ריי.

אַוודאי איז סוצקעווערס אָנהייב וועג אין סטיל פון דער טראַדיציאָנעלער פּאָעטישער דיסציפּלין, אָבער שוין אין די פריִע שאַפונג־פּעריאָדן האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין אויג זײַן אומרויִקע זוכעניש פון נײַקייט — אין וואָרט, בילד, געדאַנק און אימאַזש. דאָס האָט אים גלײַך אויסגעטיילט ווי איינעם וואָס רײַסט זיך אַוועקצושווימען פון געירשנטן נוסח און אַרײַנשווימען אין מאָדערניסטישן שטראָם. סוצקעווער האָט הנאה געהאָט פון עקספּערימענטירן מיטן וואָרט, זיך ראַנגלען מיט אים און פאַר אים, כּדי אַרויסצוקריגן זײַן עכטן קלאַנג. ער האָט נאָך ליב, הײַנט, אונטערצוטונקען זיך אין ווערטער־ים, כּדי אַרויפצוברענגען זײַנע אייגן־געפונענע פּערל — נעאָלאָגיזמען, אַסאָנאַנסן און סתּם וואָרט־חידושים. זײַן מײַסטערן דאָס וואָרט האָט זיך אַנטוויקלט פּאַראַלעל מיט דער מאָדערניסטישער טענדענץ אין דער פּאָעזיע, וואָס איז אַלץ ווײַטער געגאַנגען מיט אַ ברייטערן שליאַך און מיט אַ שטאַרקערן טעמפּאָ.

סוצקעווער איז טאַקע אַלע יאָרן געגאַנגען אין ריטעם מיט דער צײַט, אָבער אין די לעצטע 15־20 יאָר איז זײַן מאָדערניזם געוואָרן אַלץ מער אָנזעיִקער, מיט אַלץ מער סימפּטאָמען פון דער נײַער צײַט. ער איז אויך מער מצמצם דעם שטח — אויף ווי ווײַט ס'לאָזט זיך בײַ אַזאַ אינטענסיווער שפע — און דרינגט אַרײַן אין די טיפערע פּלאַסטן פון געדאַנק, פון אינטראָספּעקטיוון אַרײַנבליק. דערפאַר קומט מער אַרויס צום פאָרגרונט דער אינטעלעקט, דער טראַכטער, און במילא דאָס ייִדישע לעבן, פון חורבן און פון ישׂראל־אויפקום, מיט מער נײַקייט. ס'איז בעצם אַ נײַקייט, באַזוניקט מיט דער שײַן פון די יונגע טעג: אַזוי האָט מיט פרייד געוויײַסט דער ליכטיקער שני פון סיביר, און אַזוי האָט געגרינט די פרישקייט פון וואַלדיקס. דער וועג האָט געפירט צו אַ צעזוניקטער וועלט, וואָס האָט געוואָלט זײַן נײַ, ווײַל סוצקעווער האָט זיך דערוועגט צו פּ ר ע ט ע נ ד י ר ן אויף אוניווערס, קאָסמאָס, הימל און שטערן, אַלצדינג וואָס געהערט אַלע מענטשן. אויך ייִדישע עצבֿות און שאָטנס האָט סוצקעווער געמאָלן מיט ליכטיקערע פאַרבן. אַזוי אַרום האָט ער די נאַטור פּ אַ ר אַ ל ע ל וו ע ל ט י ק ט און דעם ייִד

פּאַראַלמענטשט. ער האָט אַרײַנגעגאָסן דעם ווײַן פֿון ייִדישער פּאָעזיע אין אוניווערסאַלע כּלים. קיינער אין דער ייִדישער פּאָעזיע האָט עס ניט געטאָן פֿאַר סוצקעווערן אין אַזאַ פֿאַרנעם. דאָס האָט אים געזאַלבט פֿאַר דעם אַוואַנגאַרדיסט פֿון מאָדערניסטישן געזאַנג אויף ייִדיש. אויב אין זײַן ערשטן אויפֿטריט אויף דער ייִדיש פּאָעזיע־בינע איז עס געווען אַ וואַלדיק־שמעקעדיקע יונגשאַפֿט, איז עס הײַנט אַ געדיכט־צעוואַלדיקטע פּאָעזיע־לאַנדשאַפֿט וואָס שמעקט מיט שאַרפֿע מאָדערניסטישע ריחות, באַווירצט מיט דער חכמה פֿון יאָרן.

□

וואָלט איך דאָ געדאַרפֿט אויסטאָרטירן און אינטערפּרעטירן אַלע סוקצעווערס מאָדערניסטישע לידער, וואָלט עס געוואָרן אַ קאָלאָסאַלע פֿאַרשאַרבעט, וואָס וואָלט פֿאַרנומען נאָך איין פֿולן טייל פֿון בוך. ווײַל חוץ די עקסקלוזיוו מאָדערניסטישע לידער, זענען נאָך פֿאַראַן בײַ סוצקעווערן ניט ווייניק לידער מיט קענטיקע אַקצענטן פֿון בײַקייטן, צי סטראָפֿעס, מעטאַפֿאָרן און סימבאָלן וואָס בליצן אין מאָדערניסטישן נוסח. טוען מיר בלויז אַ טראַכט וויפֿיל אַזעלכע מאָדערניסטישע קלאַנגען און נאָכקלאַנגען זענען פֿאַראַן, נאָר לשם דוגמא, אין לידער פֿון טאָגבוך, איז שוין גענוג צו פֿאַרשטיין וואָס פֿאַר אַ ריזיקע אַרבעט דאָס פֿאָדערט. אָט, למשל, די טעמעס אַליין, נאָר צו דערמאָנען איינע: די שטילקייט — אַ טעמע אין גאָר אַ סך לידער — איז איידער מען קומט נאָך צו דער עצם אַנאַליטיש־פֿאָרשערישער אַרבעט, דאַרף מען אויססדרן און קאָמפּעלירן אַ גוואַלדיקע לידער־מאַסע — און דאָס איז בלויז די טעכנישע זײַט פֿון אַזאַ אַרבעט. און דעמאָלט ערשט קומען די שטילקייט־מאָטיוון אין צענדלינגער וואַריאַציעס און מוזיקאַלישע טאָנאַציעס.

און וווּ איז די איכיקע ליריק, וואָס איז אַ באַזונדערש וויכטיקער פֿליגל אין סוצקעווערס לידער־געבײַ. אַ גאַנצער שטאָק קען דאָך אויפֿגעשטעלט ווערן נאָר פֿון אַ פֿאָרשבלאַט אויף איין ליד. אָט, טאַקע למשל, אַזאַ קורץ ליד (לידער פֿון טאָגבוך, ז׳ 75), ווו דער ״באָרוועסער וואַנדערלינג״ פֿאַרשרײַבט ״מיט אַ ריטל״ אויף ״די גלאַטע געזאַלצענע פּײַכטקייט״ זײַן ״צוואה: אַזוי און אַזוי און אַזוי״ כּדי אַ כוואַליע זאָל זי ״ברענגען צום קײַקלער פֿון כוואַליעס / און ער וועט נעמען זי לייענען״. אין דער אַ נאַטור־שטימונג איז פֿאַרפֿיקסירט דער עיקר די ״דערטרונקענע שטילקייט״, וואָס ״דער ים וואַרפֿט אַרויס אויפֿן ברעג״. דאָס איז דער אומענדיקער ברעג ווו די נאַטור שרײַבט טאָג און נאַכט איר אייביקע צוואה. דאָס איז אויך סוצקעווערס שטילקייט־צוואה, ווו די דינאַמיק פֿון קאָסמישן זײַן שטעלט זיך קיין מאָל ניט אָפּ. דאָס איז אויך זײַן מאָדערניסטיש געזאַנג, וואָס טראָגט דאָס שליחות צו זײַן וויזיע־געבוירענעם פּאָעט פֿון מאָרגן.

# װעלט־פּאָעזיע אויף ייִדיש

• דער דאָזיקער פּרק, װאָס שליסט די מאָנאָגראַפֿיע, איז בעצם די רעזומירונג פֿון גאַנצן סוצקעווער־קאָמפּלעקס. מיט דעם װערט פֿאַרסך־הכּלט 70 יאָר, מיט ספּעציעלע אַקצענטן אויף זײַן שאַפֿן פֿאַר אַ האַלבן יאָרהונדערט.

## א

אין באַזונדערן טישקעסטל פֿון מײַן שרײַבטיש פֿאַר דעם "ענין סוצקעווער", האָב איך, איבערמישנדיק נאָטיצן, פֿאַרצייכנטע אויף בלעטלעך פּאַפּיר, זיך פּלוצעם פֿאַרהאַלטן אויף דער שורה, װאָס קומט דאָ אויבן װי דער טיטל. אונטער דעם זענען געװען, מיט האַסטיקן שריפֿט, אָנגעװאָרפֿן אַ גאַנצע ריי טעזיסן, גענומען פֿון סוצקעווערס לידער, ביכער און נומערן פֿון זײַטן. הײַנט, פֿאַרטראַכטנדיק זיך איבערן געפֿינס, האָב איך זיך דערמאָנט: די שורה האָב איך אויפֿגעשריבן איבער אַ מאמר צו אַבֿרהם סוצקעווערס 60סטן געבוירן־טאָג און — דער ספּעציעלער אַרטיקל איז פֿאַרביטן געוואָרן מיט אַן אָפּהאַנדלונג װעגן זײַנס אַ בוך װאָס איז גראָד דערמאָלט אַרויס.

איצט, צען יאָר שפּעטער, נאָך דעם װי כ'האָב פֿאַרשריבן צענדליגער שרײַבמאַשין־בויגנס װעגן סוצקעווערס פּאָעזיע און פּראָזע, בין איך געזעסן איבערן "פֿאַרעלטערטן" טיטל און געוואָלט דערגיין צום מקור פֿון דער אמתדיקייט פֿון עקסטראָרדינערן א ִ ב ע ר ש ר י פ ט, װאָס איך האָב דערמאָלט ספּאָנטאַן, אפֿשר מער אינטויִטיוו װי אימפּולסיוו, אויפֿגעשריבן. האָב איך איצט װידער דעם זעלבן טיטל אויפֿגעשריבן איבערן לעצטן קאַפּיטל פֿון בוך, און דאָס נאָר — װײַל סוצקעווערס פּאָעזיע האָט מיר געזשומעט אין אויער און מיט איין קול באַשטעטיקט איר װעלט־מעטריקע. איצט האָב איך זיך געפֿרעגט: װאָס איז דאָס אַזוינס װעלט־פּאָעזיע? און כ'האָב זיך געענטפֿערט מיט דער פּשוטער קורצער פֿאָרמולירונג: ס'איז אַלמענטשלעכע מוזיק, אין עמאָציעס און בילדער, װאָס זייערע קלאַנגיקע קאָלירן זענען פֿאַראוצרט אין דער נשמה פֿון װאָרט — אַ װאָרט װאָס רעדט מיט אַן אוניווערסאַל לשון פֿון גײַסטיקער שותּפֿות פֿון אַלע מענטשן. אַזאַ פּאָעזיע איז װעלט־פּאָעזיע — און אויף ייִדיש האָט עס געטאָן אַבֿרהם סוצקעווער. ער האָט זײַן געזאַנג ניט פֿאַרשמעלערט צו בלויז טעמעס, נאָר ער האָט עס אויסגעשפּרייט צו און איבער האָריזאָנטאַלע און װערטיקאַלע דימענסיעס, װאָס זאָלן דערגרייכן צו, און דערהייבן, יעדן מענטש, אין יעדן אומעטום. אַזוי אַרום צעשפּאַרט זײַן ייִדיש ליד די גרענעצן, װאָס אין זיי װירקט ייִדיש, װי אַ לשון, און ס'װערט פֿאַרוואַנדלט אין פּאָעזיע פֿון דער װעלט. מיט זײַן ליד איז ער דערפֿלויגן צו די אַ ר ו י פֿ ן און װ ײַ ט ן פֿון אַלמענטשלעכע זעונגען און פֿילונגען. זײַן נאָװאַטאָריש ליד — צעליכטיקט און צעציכטיקט און צעפּישופּט — איז די אַנטפּלעקונג פֿון װאָרט, אין ריינקייט און שיינקייט און אמת. די אָ דרײַ פֿונדאַמענטאַלע זײַלן, אויף װעלכע סוצקעווערס ליד שפּאַרט זיך אָן, רעדט צום האַרצן פֿון יעדן מענטש. אויב סוצקעווער האָט זײַן ייִדיש ליד דערהייבן ביז די שטערן, איז עס אָבער די ביטערע

איראָניע פון דער שפּראַך וואָס אַ וועלט קוקט מיט בלינדע אויגן אין אירע היעראָ־גליפן. הײַנט איז דאָס בלויז דער זכות פון די ווייניק יידיש־לייענערס, וואָס זיי קענען הנאה האָבן פון חזיונות און חלומות וואָס זענען פון וועלט־פּאָעזיע־קאַליבער.

די וועלט פון אַן עכטן פּאָעט שטעלט מיט זיך פאָר אַן אָפּגעשלאָסענע און פאַרשלאָסענע אײ כ י ק י י ט. ער וויל ניט און קען ניט אַבסאָרבירן פרעמדע עלעמענטן. ס׳איז אין הסכּם מיטן ביאָלאָגישן געזעץ פון ירושה. וואָס ווי יעדער געזונטער אינדיווידום וואַקסט ער אַרײַן פון קינדהייט אין יוגנט, און פון יוגנט אין עלטער. אַז מיר לייענען מיט אַ סדר סוצקעווערס לידער, בפרט די אַזוי גערופענע אויטאָביאָגראַפישע, פילן מיר און מערקן די גײַסטיקע עטאַפּן פון זײַן שאַפערישער אַנטוויקלונג. די ירושה־סימנים זענען פאַרקריצט אין לידער, ווי אַ שטייגער, די פּאָעמע וועגן זיידן וואָס האָט געשריבן אַ ספר (זלמן שזר האָט עס אין אַ מאמר, אין בוך צום 50 יעריקן יובֿל פון סוצקעווערן, ברייט אַרומגערעדט). דאָס איז די אָרגאַנישע קראַפט, וואָס איז בולט אין זײַן יצירה און איז מיט אים צוזאַמען געוואַקסן. דער ערשטער קלאַנג איז געקומען פון סיביר און וואַלדיקס, הגם ערד־געבונדענע טעמעס, האָבן זיי שוין געהאַט אַלע צייכנס פון דער קאָסמישער אידעע פון סוצקעווערס שפּעטערדיקע לידער. די סענ־סאַציע לעבן מיר איבער אין אַ צאָל לידער, ווען ער דערפירט דאָס דערפילן די נאַטור־פענאָמענען צו דער דינקייט פון אַ נערוו. ער האָט ניט מאַניפולירט מיט באַגריפן און סימבאָלן פון אונדזערע אַלטע ספרים, ווי למשל דער זוהר, נאָר ער האָט אַלייניק און אויף זײַן וועג געזוכט אַרײַנצודרינגען אין די פלאי־פלאים פון דער אַלוועלט. דאָס האָט מיט אַ מין אַלכעמיש־כּישופדיקן כּוח צוזאַמענגעבראַכט אין אַ כּמו־חבֿרשאַפט דעם שאַפער מיט די סודות פון קאָסמאָס. סוצקעווער האָט די מיליאָנען ליכטיאָר־ווײַטקייטן און שטילקייטן פון אוניווערס אײַנגעוויקלט אין ליריק און מענטשלעכער מחשבֿה, און דאָס האָט באַשאַפן ליכטיקן געזאַנג. ס׳איז בבֿחינת ו י ה י  א ו ר, און אין דעם ליכט איז פאַרבאָרגן דער אינעווייניקסטער גלאַנץ פון די לידער, ווײַל עס איז אַ סך מער ווי די פיזישע אייגנשאַפט עס צו דערזען און דערפאַרשן, עס איז דאָס דערפילן מיט דעם סוצקעווערישן א ו י ג  פ ו ן  ד ע ר  נ ש מ ה.

ב

אַ גלײַכע ליניע ציט זיך פון די 30קער יאָרן ביז אָנהייב די 80קער, צו דעם אַפּאָגיי פון סוצקעווערס אויפשטײַג. דאָס איז אַ לאַנגע קייט פון לידער־רינגען, וואָס איז כּולו סוצקעווריזם — אין פאָרעם און מײַסטערשאַפט. דער קערנדיקער תּוך פון אַלע זײַנע געזאַנגען אָטעמט מיט נײַקייט פון קינסטלערישן פאַרמעסט. ער דערפירט זײַן ליד צום וויטאַלן זין און זײַן פון זייערע שײַכותן. דורך דעם אַבסטראַקט דערפילן מיר שטאַרקער דעם אמת און די שיינקייט פון זאַכן, וואָס מ׳דאַרף האָבן דעם הונדערטסטן חוש, אפשר, זיי צו דערזען און דערשפּירן.

שוין אין זײַנע פריִיקע לידער, מערער נאָך אין די לעצטע יאָרן, טרעפן מיר דאָס זו־כעניש פון שטילקייטן און רו, אַזאַ מין נירוואַנאַ־פּאָעזיע וואָס איז דורכגעפילטרירט דורכן פּאָעטס געמיט. מיר פילן די שטילקייט ניט בלויז אין אויער־און־האַרץ פון

ליד. נאָר אויך אין אויסטאָן זיך פון לעבן, ווײַל "ניט מיין אַז טויט איז טאַקע טויט". די קאַנטשאַפּט מיטן סימבאָלישן טויט, כ'וואָלט זאָגן, שטילקײט־טויט איז אפשר וויזיאָנעריש, דער דיכטערישער חלום סובלימירט אין לעכצונגען צום אײביק־אומפאַרגײיִקן סופלאָזן לעבן. מיט דעם האָט ער זיך דערקליבן צו דער נשמה פון זאַכן, דערזען זײער אינעווייניקסטן חלום און אמת און מיט דעם געוואָרן זײער פּאָעטישער פּותר־חלום. אַזוי נאָך דערזעען מיר אין צענדליגער לידער, וואָס זענען אפשר ווײַט אײנס פון אַנדערן כּרחוק מיזרח ממערבֿ, אַ געזעצמעסיקע אַחדות, אַזאַ שלמות, וואָס איז לויטן דיכטערס אײגענער פאָרמל "אַ פאַרקלענערטע גאַנצקײט". און די "פאַרקלענערטע גאַנצקײט" זוכט אַ העכערן גראַד צו שלמות: פון סאַמע אָנהײב, ווען די יונגפרויִישע ווײַסקײט פון סיבירער שניי האָט באַקרוינט זײַן קאָפּ, ביז צום יהי פון לעצטן פון די טאָגבוך־לידער. סוצקעווערס פּאָעזיע איז אַ נעץ פון ליריק, וואָס איז אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן מיט דער נאַטור, ווי די פעלדזן אויף דער ערד און די שטערן אין קאָסמאָס. שווער צו געפינען בײַ אונדז אַ פּאַראַלעל צו זײַן שאַפערישער פערזענלעכקײט. ער איז אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין גורלדיקסטן פּעריאָד פון ייִדישן פאָלק, ווען דער וואַלד פון ייִדישער פּאָעזיע איז געשטאַנען אין פלאַמען. ער איז דאָס קינד פון גראַנדיעזע חושך־ און ליכט־עפּאָכעס אין דער ייִדישער געשיכטע — און זײ האָט ער אײַנגעקאַרבט אין קדושה־און־גבֿורה־לידער. דער ספּעקטער פון דער סוצקעווער־יצירה שײַנט אין פאַרביקער קאָליריקײט און רעפלעקטירט די אינטענסיווע קראַפט פון זײַן וואָרט, זײַנע שאַפערישע לײַדנשאַפטן און ליבשאַפט. גאָר אָפט קומט אונדז צום אויג, בײַם לײענען די לידער, זײַן הקרבֿה פאַרן וואָרט, אָבער מער נאָך הערפילן מיר עס, מיטן האַרצן, אין דער פערזנ־מוזיק, ווו דער סוצקעווער־חותם איז אַרויפגעשטעמפּלט. זײַן וועלטבילד איז זײַן ליד, ניט צו פאַרבײַטן. דאָס וועלטבילד איז אָבער, חוץ נאַטור, פאַרב און קלאַנג, אויך באַנשמה'ט מיט דער אינטעלעקטועלער און ספּיריטועלער פילאָסאָפיע פון לעבן. מיט זעלטענער בריהשקײט סינטעזירט סוצקעווער די צווײיִקײט: באַצויבערנדיקע קאָלירן מיט פונקיקער מחשבֿה. איבער הויפּט ווערט מען פאַרכאַפּט פון די פאַרביקע וואָרט־אילומינאַציעס, וואָס זײער שײנקײט שפּריצט אַפילו פון אַ חורבן־עפּאָפּעע, ווי געהײמשטאָט, למשל.

אַז מ'וויל איז אַבֿרהם סוצקעווער דער גרעסטער פּאַראַדאָקס אין דער ייִדישוועלט: מיר שטײען פאַרגאַפט פון זײַן אַדלערישן פלי און פרישקײט פון זײַן געזאַנג, בעת ער שטײט אויף דער שוועל פון זײַן שאַפונג־מעדיום, אין אָנהײב פון זיבעטן יאָרצענדליג. ס'קוקט אויס ווי אין דער סוצקעווער געזאַנג־אימפּעריע פאַרגײט ניט די זון! ער איז נאָך אַלץ פאַרנומען מיט שאַפן און זוכן נײַקײטן, וואָרט־חידושים און לשון־דערפינדערישקײטן.

בײַ דעם אַלעם איז גוט צו וויסן אַז ס'איז פאַראַן אַ צענטער, — ישׂראל, — ווו דער־אַ משורר איז פאַרנומען מיט זײַן געזאַנג־אויפגאַנג בלשון ייִדיש. דאָ לאָזט זיך טאַקע ניט פאַרגעסן, אַז דאָס ייִדישע בלוט זינגט בײַ סוצקעווערן אין די אָדערן: עס האָט געזונגען אין געטאָ אין אַן אָרון, אין "קאַלכגרוב", אין וואַלד, און אומעטום, מיטן זעלבן ייִדיש־ניגון. ווען די קאַנאָנען האָבן געברומט, האָט אויך דעמאָלט זײַן מוזע ניט

געשוויגן. זעט אויס אַז זײַן דינאַמאָ איז אָנגעלאָדן מיט יצירה־ענערגיע וואָס באַנײַט זיך יעדע שעה און יעדן טאָג.

זײַן שעפערישע אַקטיוויטעט אויף אַזאַ לאַנגן וועג מיט שטרויכלונגען, איז אַוודאי צו פאַרדאַנקען זײַן מאַגישן וואָרט, וואָס האָט אים אַריבערגעטראָגן איבער אַלע טראַגישע נסיונות. ניט מפסיק זײַענדיק זײַן עבֿודה, האָט ער אויפגעשטעלט לידער־מאָנומענטן אויס לענג זײַן פון גאַנצן וועג. זײַענדיק פאַרקלעמט אין קערן פון שטורעם, האָט ער אַרויסגעשיילט פון דעם אומזין די שטילקייט פון אַ טיפערן זינען. די צוזאַמענדיקייט פון די צוויי עלעמענטן — גײַסטיקער און פיזישער — מוז געזען ווערן ווי איינער פון די סאַמע פענאָמענאַלסטע דערשײַנונגען אין סוצקעווערס לעבן. און הגם ער האָט זײַנע געדאַנקען און שטימונגען געזויגן פון פאַרשיידענע עמאָציאָנעלע ספערעס, גיסן זיך די לידער צוזאַמען אין איין קינסטלערישן שטראָם, און מיר האָבן פאַר זיך אַן אומגעשפּאָלטענע שעפערישע פערזענלעכקייט. זײַנע זינגעוודיקע בילדער זענען אַקומולירט פון דרײַ עלעמענטן, וואָס זענען צוזאַמענגעוואַקסן ווי עפעס אַ מיסטעריעזער דרײַלינג: זינגער, מוזיקער און מאָלער, צי סקולפּטאָר אין איין פערזאָן.

ג

אַ געבענטשטער סוד, צי צופאַל, האָט זיך געמיט פאַר סוצקעווערס קינסטלערישער האַרמאָניע, ווי פריִער שוין דערמאָנט, און דעם לייבן־חלק האָט גענומען פּאָעזיע. איינצײַטיק איז אָבער דער מוזיקער און מאָלער אין אים, פאַרשיכּורט מיט וואָרט. אין סוצקעווערס ליד מיניען זיך אַלע קאָלירן פון וואָרט. ער איז אַ מאָלער, וואָס מיטן כּוח פון וואָרט, מ אָ ל ט ע ר ל י ד ע ר — און דאָס זענען אוניווערסאַלע לידער. אַ גרויס ליד פאַרמאָגט אַ נשמה, וואָס זינגט, דאַרף קומען אַ קינסטלער וואָס קאָן זי באַוועגן. אין אַנדערע ווערטער: סוצקעווער האָט די נשמה פון יִידישן ליד געמאַכט וועלטלעך, און פון לשון געמאַכט אַ פּאָעטישע וועלטשפּראַך. נאָך אַלעמען איז די קאָנווענציאָנעלע טעכניק פון שרײַבן לידער ניט געווען גענוג פאַר אים, אויף צו שרײַבן זײַנע עכטע פּאָעזיע־ווערק האָט ער געמוזט פאַרמאָגן דעם געטלעכן געשאַנק פון יהי. אַ פּאָעט דאַרף ניט און קען ניט שאַפן אַ נײַ לשון, אָבער ווען ער באַנײַט דעם אַלט־צעניגונטן לשון איז ער שוין סײַ ווי מחדש מעשׂה־בראשית — און סוצקעווער טוט עס אַלע יאָרן, ווי זײַן גערשנטע פאַרחכמהטע מוזיק פון אַ צוריק יונג געוואָרענעם לשון.

בײַ סוצקעווערן איז לשון, ווי דער פעדאַל פון עכטקייט, אויף וועלכן ער דריקט, כּדי אויסצושפּילן אַ נײַ וואָרט. ס'איז די מײַסטערשאַפט פון נײַע נאָטן און ריטמען, וואָס ער אָרקעסטרירט אין זײַנע פערזן. מען פילט דעם באַזונדערן פלאַטער און פלי פון סוצקעווערס שורות. אין די לידער פון מידבר, למשל, דערמאָנט עס תּמיד, אַז דער מידבר האָט דעם פאָלק געפירט צו דערלייזונג. ס'איז די קוריאָזע דערשײַנונג פון מידבר און מופתים פון פירקאַנטיקע אותיות, וואָס ברענגען אַ שפּאַן נענטער צום יִידיש־אָאַזיס, כּדי אײַנצוּאָטעמען די גבֿורה פון דורות. דאָס זעט אויס ווי דער נס פון דעם מאַנדלשטעקן, אויף וועלכן עס וואַקסט און גרינט סוצקעווערס פּאָעזיע.

סוצקעווערס פאַרבן־פּאַליטרע — מיט די צייכנס פון סיביר, אָאַזיס, מידבר, גרינער

אַקוואַריום — מאַכן דעם טרויער פֿײַערלעך, און יום־טובֿדיק די פֿרייד. זײַן לעגיטימע פּאָעזיע־לאַנדשאַפֿט איז אפשר מער הימל, מיט אַ רעגן־בויגן פֿון האָריזאָנט אַראָפּ צו דער ערד. ס'איז ווײַל סוצקעווער, דער פֿאַרליבטער אין נאַטור, האָט ליב צו שפּאַצירן אין קאָסמישע אַלעעס און שטערן־וועלטן. אויב הײַנט איז סוצקעווערס קול מער פֿאַרטיפֿט, פֿאַרביק־קלאַנגיקער און שטיל־רויִקער, וועלן אָבער אַ שורה פֿון נעכטן און אַ פּערז פֿון הײַנט זיך ניט ווידעראַנאַנדן, ווײַל זײַן קול פֿון הײַנט טראָגט זיך איבער ווי דער עכאָ פֿון נעכטן. יעדער עקספּערימענט איבער זײַנע לידער איבער־ראַשט אונדז ווי ווײַט אמת דאָס איז. סוצקעווער האָט קיין מאָל ניט פֿאַרראַטן זײַנע פֿאַרבן־חלומות, ער האָט ליב זיך צו מישן צווישן זיי, מיט א י ך, צי גאָר פֿאַרקליידט אין זעלבן געביין פֿון אַ סקעלעט, צי אַ מוזיקער, וואָס הויערט אין זײַן הויט, און זיי, דער ווי יענער, זוכן אַנטרינונג אין דער סובלימאַציע פֿון וואָרט — און דער דיכטער מוז פֿאַר יעדן פֿון זײַנע "פּערסאָנאַזשן" גלײַך פּראָדוצירן דעם פּאַסיקן "פּאַספּאָרט". אָט די ירושה־טאַלאַנטן מעסט סוצקעווער אָן אויף זיך, סימולירט זיי, כּדי צו פֿילן ווי ווײַט זיי זענען אמתדיק און גאַנץ. דער סוצקעווער־יסוד איז פֿאַרלייגט פֿון סיבּיר ביז די לידער פֿון טאָגבוך ועד בכּלל — פֿאַר דעם גאַנצן יובֿל שאַפֿערישע יאָרן. פֿון דעם פּרוכטיק־אָנגעוואַקסענעם לידער־אוצר ווילט זיך אויסטיילן, אין באַזונדערקייט, די לידער פֿון שווײַגן און רו, ווען אַלע באַוועגלעכע בילדער און אויפֿגערודערטע שטימונגען פֿאַרזינקען אין אַן אייביקע און הייליקע שלווה. עס דאַכט זיך, ווי ער וואָלט אין זיך און אַרום זיך אויסגעסדרט דעם וועלטכאַאָס און געבראַכט מיט זײַן שירה די אַבסאָלוטע אוניווערסאַלע קול דממה דקה. אין די לידער דערפֿילט דער זוכערישער גײַסט פֿון סוצקעווערן די נשמה־טענער פֿון האַרמאָניע, פֿון וועלכע גרויסע קינסטלער וועבן אויס זייערע אידיליעס פֿון נצח.

בײַ סוצקעווערן דאָמינירט אַזאַ קאָסמישע רו פֿון פֿילונגען, וואָס ער שטראַלט אַרויס אין וואָרט. און אויב מיר נוצן דעם באַגריף וועלט־פּאָעזיע, דאַרף עס, בילדעריש, געזען ווערן ווי דער גן־עדן פֿון ליד, אין וועלכן די קונסט קאָנסערווירט אירע אייביקע גרויסע שאַפֿונגען פֿאַר די קומענדיקע דורות. דאָס איז די מאַכטיקע רו פֿון וואָרט, אין קאָסמישער שײַכות, וואָס האָט פֿאַרהיט און וועט פֿאַרהיטן פֿאַר דער מענטשהייט, פֿאַר אַלע ציוויליזאַציעס די אוצרות פֿון גײַסט אין אַלע פֿאָרמען, פֿון טונקעלן ווײַטן נעכטן ביז צום ליכטיקן הײַנט און ביז דעם קומענדיקן פֿאַרשלייערטן מאָרגן. און אין דעם זוניקן קוואַל פֿון אַלמענטשלעכער יצירה, וועט אויך אַרויסשטראַלן די ייִדישע מאָדערנע פּאָעזיע פֿון אַבֿרהם סוצקעווער.

# פּאָעטישע עקזיסטענץ

אַבֿרהם סוצקעווער האָט ניט נאָר געשריבן — און שרײַבט — לידער, נאָר ער האָט אויך אין זײַנע לידער געלעבט — און לעבט — מיטן וואַרעמען אָטעם זייערן. עס איז אַ לעבן אין פּאָעזיע, וואָס ציט נאָך זײַן ליכטיקן פֿאָדעם פֿון יענעם זוניק־שנייִיקן טאָג, ווען ס׳האָט בײַם קינד אַבֿרהם פֿריידיק אויפֿגעשײַנט די דערקענטעניש פֿון אַ נײַע וועלט. זי האָט דעמאָלט אין קינדס האַרץ־און־מוח פֿאַרקריצט מיט אומזעיִקן כּתבֿ — אפֿשר סוצקעווערס ערשטער ״כּתבֿ־יד״ וואָס איז פֿאַרבליבן בײַ זײַן מלאך... — דעם בראשית פֿון שירה. און פֿאַר אַ גאַנץ לעבן — פֿון די דעמאָלטיקע פֿיר ביז אין די הײַנטיקע זיבעציקער — איז עס געוואָרן זײַן פּאָעטישע עקזיסטענץ. סוצקעווער האָט מער ניט געקאָנט זײַן אָן ליד, ווי דאָס ליד אָן אים, און אין אַלע צײַט־בײַטענישן איז עס פֿאַרבליבן דער יסוד, אויף וועלכן סוצקעווער האָט אויפֿגעבויט זײַן ל י ד ע ר וו ע ל ט.

איז טאַקע בכן, קאָן מען ניט און מ׳טאָר ניט שרײַבן אַ חתימה־וואָרט צו אַן אומפֿאַר־סופֿטע וועלט, זײַן וועלט, וואָס פֿירט מיט לידער־שטאַפּלען צום אַרויפֿיקן אויסשפּרייט פֿון אַן אינטענסיוו געזאַנגיקן לעבן — אַ לעבן ווי טעג און נעכט און יאָרן האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין מ ד ר ג ו ת, אין טיפֿסטן זינען זייערן. און ווילן מיר פֿאַרשטיין דאָס שטײַגן, דאַרפֿן מיר פֿונאַנדערוויקלען די מאַפּע פֿון זײַן לידערישער וועלט, וואָרעם זי איז דער בעסטער וועגווײַזער צום מענטש און פּאָעט אַבֿרהם סוצקעווער. אין די צייכנס פֿון די אַלטע פּירקאַנטיקע אותיות און מופֿתים פֿון זײַן לידער־כּתבֿ, וועט אונדז לײַכטער זײַן צו דערזען און דערקענען דעם פּאָעט און זײַן פּאָעזיע. אויף די־אָ פֿאַר־באָרגענע סטעזשקעלעך האָבן מיר געפּרוווט גיין אין אונדזער מאָנאָגראַפֿיע, אָבער ס׳איז כּדאַי אַז די לייענערס אַליין זאָלן אויף ס׳נײַ אַרײַנקוקן אין סוצקעווערס כּתבֿים, ווו עס זענען נאָך באַהאַלטן גענוג פּאָעטישע סודות. ווײַל אַבֿרהם סוצקעווער איז דער פֿאַרהוי־לענער קוואַל, וואָס גייט אונדז נאָך פֿון ליד צו ליד, ווי מרימס ברונעם די ייִדן אין מידבר. דעם־אָ קוואַל האָט ער פֿאַרזונקען אין זײַן ים־השירה.

□

אַוודאי האָב איך ניט געדאַרפֿט געפֿינען סוצקעווערס שטערן, — ער בליצט שוין אַ סך יאָרן אויפֿן פּאָעטישן ייִדיש־הימל, — נאָר כ׳האָב יע געדאַרפֿט אַקערן אַ ווײַט־שטחדיקן און טיף־פּלאַסטיקן פּאָעזיע־פֿעלד. דאָך איז פֿאַראַן אַ שׂכר פֿאַר מײַן טאָן, וואָס איז געקומען פֿון קעגנזײַטיקן צוטרוי און נאָענטשאַפֿט פֿוןביידן — דעם באַ־האַנדלטן משורר און דעם מחבר פֿון דעם בוך. סוצקעווערס אויפֿריכטיקע חבֿרישע דערמוטיקונג האָט מיטגעהאָלפֿן צום גמר המאָנאָגראַפֿיע. ווילט זיך דאָ פֿאַרענדיקן מיטן דיכטערס דעדיקאַציע אויפֿן ראַנד פֿון זײַן בוך, פֿון אַלטע און יונגע כּתבֿ־ידן: וואָלפֿען, / — — — / אים אַליין און זײַן קרישטאָל־פֿען, / פֿאַרן אַקערן און געפֿינען מײַן שטערן — / ער זאָל ביידן געהערן... אַבֿרהם סוצקעווער, יוני 1982.

## ● פּרס ישׂראל התשמ״ה—1985
## פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור —
## פֿאַר אַבֿרהם סוצקעווער

אונדז איז צוגעפֿאַלן דער זכות צו פֿאַרענדיקן דאָס בוך אויף אַ יובלדיקער נאָטע. בעת דער לעצטער פּרק פֿון דער מאָנאָגראַפֿיע איז געפֿורעמט געוואָרן אין דרוק, איז צו אונדז דערפֿלויגן די פֿריידיקע ידיעה אַז אַבֿרהם סוצקעווער האָט באַקומען דעם פּרס ישׂראל. איז עס געווען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט צו רעקאָרדירן, צום סיום־הספֿר, דעם פֿאַקט, אַז די העכסטע אויסצייכענונג וואָס מדינת־ישׂראל גיט צו אירע שעפֿערישע און אויסדערוויילטע פּערזענלעכקייטן, אויף אַלע פֿעלדער פֿון ליטעראַטור, וויסנשאַפֿט און קונסט, איז אין 1985, צום ערשטן מאָל, צוגעטיילט געוואָרן דעם פּאָעט אויף ייִדיש — און במילא ייִדישער ליטעראַטור — אַבֿרהם סוצקעווער.

אַבֿרהם סוצקעווער האָט אין משך פֿון אַ פֿולן יובֿל יצירה־יאָרן געקראָגן אַ גאַר היפּשע צאָל ליטעראַרישע פּרעמיעס און כּבֿוד־טיטלען, וואָס זענען אים צוגעטיילט געוואָרן פֿון כּלערליי קולטור־אינסטיטוציעס און שרײַבער־פֿאַראיינען אין פֿאַרשיידענע לענדער איבער דער גאָרער וועלט. איז אים באַשערט געווען, אַז די קריינונג פֿון די אַלע פּרעמיעס זאָל ווערן דער פּרס ישׂראל. די קרוין פּאַסט ״צום קאָפּ פֿון אַבֿרהם סוצקעווער, וווּנדערלעכער און באַזונדערלעכער פּאָעט פֿון ייִדישן ליד פֿון דעם דור און דורות״, ווי עס קלאָסיפֿיצירט אים אין אירע מאָטיוון די שופֿטים־זשורי (פּראָפֿ׳ דבֿ סדן, פּראָפֿ׳ שמואל ווערסעס און פּראָפֿ׳ חנא שמערוק).

ווילן מיר דאָ פֿאַרענדיקן מיט דעם טראַדיציאָנעלן **חזק!**